STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01027

KHSUVIM

Lamed Shapiro

Permanent preservation of this book was made possible
by Florence Melton
in honor of
Herbert & Betty Schiff's 60th anniversary

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. שאַפּיראָ

כתבים

ל. שאַפּיראָ כתבים קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
1949

POSTHUMOUS WRITINGS

OF

L. SHAPIRO

Copyright by
N. & S. Nachbush
1949

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 Harlem Pl., Los Angeles 12, Calif.

ל. שאַפּירא

אינהאַלט

ביאָגראַפישע נאָטיצן 7
וועגן די כתבים 19
לידער .... 35—62

דערציילונגען:

איציקל ממזר 65
טיגער 71
ביינאַכט 82
קינדער 85
אַ גאַסט 89
אויף דער וואַך 94
חנא חייִצים 105
פארן שטורם 111
דער מאַלער 120
די פאַמיליע גערער 126
שוואַרצל 190
פון מיין נאָטיץ־ביכל 194
ווהאָט טו העלל 198
דער אַמעריקאַנער שד (ראָמאַן) 203
דער שמעלץ־אויוון און די ארכידייע 318
רחל מבכה על בניה 320

קיצורים:

וואָרט — קלאַנג 327
יידן — יידיש 366
מענטש — וועלט 375



ל. שאַפּיראָ׳ס כתב־יד

ביאָגראַפּישע נאָטיצן

ל. (לוי יהושע) שאַפּירא איז געבוירן געוואָרן דעם צענטן מערץ 1878 אין רזשישטשעוו, קיעווער גובערניע. ביי דער מאַמע, חיה בליומע, איז ער געווען אַ בן יחיד, דער פאָטער, אריה לייב, האָט פון דער ערשטער ווייב געהאַט נאָך צוויי זין.

צו דריי יאָר האָט מען אים אַריינגעגעבן אין חדר. דרדקי מלמד, חומש מיט רש״י, גמרא מלמד, נאָכדעם געלערנט פאַר זיך אין בית־מדרש, געווען פרום, ביז . . . קירפּיטשניקאָוו איז געקומען — ער האָט אָנגעהויבן לערנען רוסיש, אַנדערע לימודים, אַרויס „לתרבות רעה״. ער האָט געלערנט אַליין, געגעבן „אוראָקן״ און אין דער שטיל געשריבן לידער אין רוסיש, העברעאיש און יידיש. געשריבן און צע־ריסן, אַזוי ביז 18 יאָר, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן „איינגעמען וואַרשע״.

צוויי יאָר — 1898־1896 — איז ער געווען אין וואַרשע, און האָט זי נ י ט איינגענומען. אַפילו קיין איין דערציילונג אָדער ליד ניט אָפּגעדרוקט, דערפאַר האָט ער אָבער אַ היפּש ביסל אונטערגעהונגערט. ער האָט געפּרואווט פאַרדינען עפּעס ביי מאַכן שפּילקעס פאַר ווייבער־שע היטעלעך. שפּילקעס מאַכן האָט ער זיך ניט אויסגעלערנט, יענע צייט האָט זיך אים אָבער אַריינגעשטאָכן אין זכרון. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער ניט איין מאָל געלאָזט פאַלן אַ שטעכיקע באַמערקונג אויף דעם אייגנטימער פון דער ביזשוטעריע פאַבריק, אַ פרומער ייד און אַ ציוניסטישער עסקן.

זיך „פאַרשטאָכן״ ביי שפּילקעס, איז אים איינגעפאַלן זיך אויס־לערנען אַ מלאכה, וואָס האָט עפּעס אַ שטיקל שייכות מיט שרייבן, דהיינו — ווערן אַ זעצער אין אַ צייטונג. דאַרף מען דאָך אָבער קענען די מלאכה! גייענדיק אין גאַס, האָט ער דערזען אין אַ קעלער אַ יידישע דרוקעריי. איז ער אַריינגעגאַנגען און פאַרגעלייגט דעם דרוקער ער זאָל אים צונעמען צו דער אַרבעט. די מלאכה קען ער ניט, ער וועט אָבער גיך כאַפּן דעם שניט.

— ווערן אַ בעל־מלאכה נעמט צייט, — האָט דער ייד אים דער־קלערט. — דאָס ערשטע יאָר וועט איר אַרבעטן „אומזאָנסט", אויפן צווייטן . . .

— אומזאָנסט, רב ייד, קענט איר אַרבעטן ביי מיר. איך האָב ניט קיין דרוקעריי, אָבער איר קענט מיר אָפּפּוצן די שיך, אָט דאָ אָ!

דער ייד האָט ניט אָפּגעפּוצט די שיך, ל. שאַפּירא איז ניט גע־וואָרן קיין זעצער. ער איז אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים.

דאָרט האָט ער געלעבט פון לערעריי. איין זמן איז ער געווען אַ לערער אין קיעוו ביי זייצעוון פון ציגל זאַוואָד. — גראָדע דאַן האָט מען זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם,— האָט ער שפּעטער דערציילט וועגן יענער צייט. — מענטשן האָבן גענומען אַנטלויפן, מיר האָט מען אויך געראָטן איך זאָל אַוועקפאָרן, איך בין דאָך ניט קיין קיעווער, מעג איך דאָך אודאי אַוועקפאָרן. איך בין געבליבן. קענטיק אָבער, אַז מיר, דעם „צוקונפטיקן פּאָגראָמשטשיק", איז ניט באַשערט געווען איבערצולעבן קיין פּאָגראָם. אָפּגעקומען מיט שרעק.

אין די פינף יאָר — 1898־1903 — האָט ער באַוויזן זיך פאַרליבן אַזוי שטאַרק אין אַ מיידל, אַז ער האָט אַזש געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אויסטרינקענדיק אַ ביסל יאָד. ווער די „שיינע דאַמע אָן רחמנות" איז געווען איז מיר ניט באַקאַנט. ער האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו אין טאַראשטשע און איז באַפרייט געוואָרן מיט אַ בלויען בילעט. (דער בילעט געפינט זיך אין „ייוואָ".) ער האָט אויך באַוויזן צופאָרן קיין אדעס, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשטע זאַך אַ . . . וויץ, אין רוסיש.

לויט זיינע רייד האָט עס פּאַסירט אַזוי:

— איך בין געווען אין אדעס און האָב געפּוכעט אויפן פּיסק, פּשוט ניט געהאַט וואָס צו עסן. דערווייל האָט אַ צייטונג (צי אַ זשור־נאַל) „בודילניק" (דער וועקער) אַנאָנסירט אַ קאָנקורס אויף וויצן. האָב איך אָנגעשריבן אַ וויץ און אַוועקגעשיקט. איך בין ניט געווען זיכער צי וועט עס אָנקומען אין רעדאַקציע, ווייל איך האָב געשיקט אָן אַ מאַרקע: ניט געהאַט די פּאָר קאָפּיקעס, נאָר גאָרניט, שלח לחמך על פני המים. ערשט דער לחם איז אָנגעקומען און צוריקגעקומען. זיי האָבן אָפּגעדרוקט דעם וויץ און מיר צוגעשיקט אַ גאַנצן רובל.

דער גרעסטער האָנאָראַר פֿער שורה וואָס איך האָב ווען עס איז געקראָגן.

— זייט איר גאָר אַ פֿאַרלוירענער הומאָריסט, — האָב איך געשפּאָסט, — ווער ווייסט, אפשר ווען איר האַלט עס אָן וואָלט איר נאָך געוואָרן אַ וויצע (וויצן) קעניג.

מער אין ערנסט ווי אין שפּאַס האָט ער געענטפֿערט:

— ווערן אַ וויצע (ווייס) קעניג איז ניט געווען מיין השגה.

זיין השגה איז געווען — ווערן אַ . . . קעניג! אַ שרייבערישער, פֿאַרשטייט זיך.

געקומען ווידער קיין וואַרשע אין 1903 האָט ער אין מאַנפֿרידס „יום־טוב בלעטער" אָפּגעדרוקט זיין ערשטע דערציילונג „פֿליגל", שפּעטער, אין 1904, אָפּגעדרוקט אין א. רייזענס יאָר־בוך „פּראָגרעס" — „איציקל ממזר", אין י. ל. פּרצ'ס „יודישע ביבליאָטעק" — „בום־בום־בום", נאָך דערציילונגען אין אַנדערע צייטשריפֿטן (זע זלמן רייזענס לעקסיקאָן), זיך באַקענט מיט די שרייבער דאַן אין וואַרשע, איז אַריין אין דער ליטעראַטור.

פֿון די שרייבער האָט ער אַמבעסטן זיך איינגעלעבט מיט ה. ד. נאָמבערגן.

— נאָמבערג האָט מיט מיר איינגעטענהט: בייט אייער נאָמען! וואָס פֿאַר אַ נאָמען איז שאַפּירא פֿאַר אַ שרייבער? אַ שרייבער דאַרף האָבן אַ נאָמען, וואָס זאָל זיך אַריינשניידן דעם לעזער אין קאָפּ, ניט שאַפּירא. דאָ הונדערטער שאַפּיראָס. האָב איך אים געענטפֿערט: ס'איז איינס פֿון דיביידע — אָדער ל. שאַפּירא וועט ווערן אַ נאָמען, אָדער עס וועט פֿון אים גאָרניט ווערן.

און ל. שאַפּירא איז געוואָרן אַ נאָמען. גלייך פֿון אָנהויב האָבן זיינע דערציילונגען געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונם לייענער, קריטיקער, ניט אַזוי מיט זייער אינהאַלט, ווי מיט זייער אייגנאַרטיקן סטיל.

די שרייבערישע מערכה איז געווען נישט שלעכט. ער האָט געשריבן, געדרוקט, האָט אויך איבערזעצט פֿון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש פֿאַרן פֿאַרלאַג „קולטור". די מאַטעריעלע לאַגע איז, קענטיק, געווען ניט אַזוי גוט. סוף 1905 פֿאַרלאָזט ער וואַרשע און לאָזט זיך, אין דער באַגלייטונג פֿון זיין מאַמע, אויפֿן וועג קיין אַמעריקע, מיט לאָנדאָן ווי אַ סטאַנציע.

אין לאָנדאָן האָט ער זיך באַקענט און באַפריינדעט מיט יוסף חיים ברענער, וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין דער „פרייע אַר־בייטער וועלט". דאָרטן האָט ער אָפּגעדרוקט דאָס ליד „זעלבסטשוץ", אַ דערציילונג „פאַרן שטורם" און אויך אַ פעליעטאָן „ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן ענגלישמאַן", אונטערגעשריבן „אַ גרינער". י. ח. ברענער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר די לייענער ווי „איינער פון די פיל צו־זאָגנדיקע יונגע שרייבער, וואָס וועט נאָך זאָגן עפּעס וויכטיקעס".

י. ח. ברענערס נבואה איז מקוים געוואָרן. אין 1906 איז ל. שאַפּירא געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אָפּגעדרוקט אין „צו־קונפט" 1907 די דערציילונגען „דער קינסטלער" און די „פאַמיליע גערער", שפּעטער־צו די פיר פּאָגראָם דערציילונגען „אין דער טויטער שטאָט", „שפוך חמתך", „דער קוש" און „דער צלם". די לעצטע דער־ציילונג, געדרוקט אין 1909, אין דר. ח. זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן" האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע דיסקוסיע, און ל. שאַפּירא איז, ווי מ'רופט עס, באַרימט געוואָרן. (אגב, דער פּראָטאָטיפּ פון „צלם" וואוינט איצט אין סאַן פראַנציסקאָ, איז שוין אַ ייד אַ פינף און זיבעציקער.)

באַרימט איז ער געוואָרן, אָבער לעבן פון דער פען, ניט ער האָט געקאָנט, ניט ער האָט געוואָלט. טאַקע דעם באַרימטן „צלם" האָט ער אָנגעשריבן אין שיקאַגאָ, ווען ער איז דאָרט געווען אַ . . . רעסטאָראַטאָר.

אַ קורץ שטיקל צייט איז ער געווען אַן אינעוויינקסטער מיטאַר־בעטער אין „פאָרווערטס". ער האָט אָבער ניט געקענט הויזן מיטן רע־דאַקטאר, אב. קאהאן.

— דאָ עלטערע פּרויען, וואָס האָבן הנאה פון פאַרפירן יונגע ייִנגלעך. אב. קאהאן האָט הנאה געהאַט פון „פאַרפירן" יונגע שרייבער. ער האָט אַריינגענומען יונגע שרייבער און געוואָלט זיי „איינברעכן", זיי זאָלן שרייבן ווי ער האָט געוואָלט. האָט ער מיך אויך גענומען אין דער אַרבעט, איך זאָל שרייבן מיט זיין לשון די דאָזיקע מעשות, די פּיפּיקע . . . האָב איך אָנגעשריבן איין מעשה, אָבער אַזאַ הילצערנע, אַ דעמבענע! האָט געשלאָגן צו דער גאַל. קאהאן האָט זי איבערגע־לייענט האָט ער שיִר ניט געפּלאַצט, אַ מענטש זאָל אַזוי ניט קאָנען שרייבן! דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער שרייבער סטרייק

דאָרטן, דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, בין איך אַרויס פון „פאָרווערטס“ און מער איז שוין מיין פוס אַהין ניט אַריינגעקומען.

אין זעלבן יאָר, 1909, האָט ער פאַרלאָזט אַמעריקע, איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין וואַרשע, און אין 1910 געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער אין „פריינד“. דער רעדאַקטאָר, ש. ראָזענפעלד, האָט אים ניט געוואָלט „איינברעכן“, אדרבא, רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער האָבן זיך באַצויגן זייער פריינטלעך, ער האָט דאָרט געשריבן נייס „אויפן אַרשין“, אויף לאַנגע פאַסן פאַפּיר, און די אַרבעט איז אים ניט געפאַלן צו שווער. אין דעם קנאַפּן יאָר וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין וואַרשע האָט ער אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „פּראָגרעס“ דעם „קוש“ און „שפוך חמתך“ 1909, אין 1910 האָט ער אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדער בראָשור פון 48 זייטן „אויפן ים“ און דאָס בוך „נאָוועלן“ מיט ניין דערציילונגען. ער האָט אויך איבערזעצט פאַרן פאַרלאַג ב. שימין וויקטאָר הוגאָס ראָמאַן „דער גבור אין קייטן“, דערשינען אין 1911.

מיט אַ קאָרעספּאָנדענט קאַרטע פון „פריינד“ (געפינט זיך אין „ייוואָ“) האָט ער אין 1910 פאַרלאָזט וואַרשע, איז געקומען אין דער שווייץ, ציריך, און דאָרט געעפנט אַ . . . קאָלאָניאַל געשעפט.

פונם קאָלאָניאַל געשעפט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, און אין 1911 איז ער צוריקגעקומען קיין ניו יאָרק און געעפנט אַ רעסטאָראַן.

די אויסרעכענונג איז געווען אַ קלאָרע. „שלומ׳ס“ האָט געמאַכט גוטע געשעפטן, באשר בכן, די שרייבער זענען געקומען אַהין עסן, צו שאַפּיראָן, אַ קאָלעגע, וועלן זיי דאָך אודאי קומען.

און די קאָלעגן זענען געקומען. אייניקע האָבן זיך געקרימט: דאָס עסן איז ניט אַזוי באַטעמט, די ריינקייט איז אויך ניט גאָט ווייסט ווי, אָבער אַ קאָלעגע . . . סיידן, מ׳זאָל אים געבן צושטייער ער זאָל . . . פאַרמאַכן דעם רעסטאָראַן, פונקט ווי מ׳האָט פריער געגעבן צושטייער אויף עפענען. אַנדערע קאָלעגן זענען געקומען, ווייל ביי שאַפּיראָן אין רעסטאָראַן האָט מען געקאָנט אָפּעסן און ניט בענטשן במזומן . . . דאָך אַ קאָלעגע, אַ שרייבער, זאָל ער פאַרשרייבן . . .

האָט ער אַזוי לאַנג פאַרשריבן, ביז די חובות צוזאַמען מיטן רעסטאָראַן זענען אָפּגעמעקט, אָפּגעווישט געוואָרן . . .

האָט ער פאַרלאָזט ניו יאָרק און אין 1912 געקומען קיין לאָס

אַנגעלעס, אפשר דאָרט אין דער „ווייטער וועסט“ וועט ער קאָנען מאַכן עפּעס אַ געשעפט, אָדער גאָר קריגן אַ שטעלע, וואָס זאָל אים געבן די געלעגנהייט צו זיצן און שרייבן.

דאָס קליינע הויפּעלע יידישע אינטעליגענטן אין לאָס אַנגעלעס דאַן האָט, ווייזט אויס, ניט געקאָנט באַשטאַטן ל. שאַפּיראָן אויף אַ שטעלע. ווער וויל עס אָנשטעלן אַ יידישן שרייבער? דאָך אַ בטלן! קיין געלט אויף אַ געשעפט איז אויך ניט געווען אַזוי גרינג צו שאַפן, האָט מען באַשלאָסן — מאַכן אַ באַנקעט. ביים באַנקעט, אפשר . . . האָט מען געמאַכט אַ באַנקעט, נאָר ל. שאַפּירא איז צום באַנקעט נ י ט געקומען.

— איך וויל עפּעס אַ שטיקל פּרנסה, איך זאָל קענען זיצן און שרייבן, און זיי מאַכן מיר באַנקעטן, מאַכן זיי. מוחל.

אַ פאַרביטערטער האָט ער פאַרלאָזט לאָס אַנגעלעס, אַוועקגע־פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק, וואו ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט אַלטע ביכער. פריער איז דאָס געשעפט געווען אויף הענרי סטריט, נאָכדעם האָט ער געדונגען אַן „אָפיס דאון טאון“, מעשה סוחר, אינ־גיכן איז דאָס געשעפט אַריבערגעפירט געוואָרן אויף פּראָספּעקט עוועניו אין ברוקלין, וואו ער האָט שוין געוואוינט, און פון דאָרט האָט ער אָנגעפירט די געשעפטן, דאָס הייסט, ער איז געליגן אין בעט מיט אַ צעבראָכענער פוס און פריידל, זיין ווייב, האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט פּעק ביכער, ביז פונם געשעפט מיט אַלטע ביכער איז געבליבן אַ ניי בלעטל חובות . . .

דאָס איז געווען זיין לעצט געשעפט. נאָך אַ פּאַרזוך צו מאַכן אַ רעסטאָראַן אין קליוולאנד, אָהייאָ, האָט זיך ניט איינגעגעבן צוליב דעם וואָס איינער, אַ ייד אַ כלל־טוער, וואָס האָט געליען געלט שאַ־פּיראָן פאַרן ניו יאָרקער רעסטאָראַן, האָט באַצייטנס געלאָזט וויסן יהושע ראקערן, דעם רעדאַקטאר פון דער „אידישער וועלט“, „מ׳זאָל זיך היטן פאַר דעם יידן ל. שאַפּירא, ווייל ער איז אַ ייד אַן אַנזעצער“.

ל. שאַפּירא האָט קענטיק איינגעזען אַז אויפן געוויינלעכן שטייגער וועט ער זיך צו גאָרניט דערשלאָגן, איז ווי וואָלט געווען ער זאָל אַ שפּרונג טון, ווערן אַ גביר „איבער נאַכט“?

מעגלעך אַז דאָס איז געווען איינער פון די מאָטיוון וואָס האָט אים באַוועגט זיך נעמען אַרבעטן אויף דער דערפינדונג — פאָטאָגראַ־

פיע אין קאַלירן. נאָך בעת דער ערשטער וועלט מלחמה האָט ער שוין גענומען אַרבעטן אויף דעם, ער האָט אָבער ניט אינגאַנצן פאַרנאַכלע־סיקט דאָס שרייבן. אין 1916 האָט ער אָנגעשריבן איינע פון זיינע בעסטע דערציילונגען „רויך", און, ווען נאָך דער מלחמה זענען גע־קומען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט ער אָנגעשריבן די צוויי פּאָגראָם דערציילונגען „די יודישע מלוכה" און „ווייסע חלה".

גרשון דער שוחט פון דער „יודישע מלוכה", איז ניט אינגאַנצן „אויסגעטראַכט". דר. יעקב און יאָסל גרינפעלדס פּאָטער, גרשון דער שוחט, איז אומגעקומען אין 1919 אין אַ פּאָגראָם אין באַיערקע, קיע־ווער גובערניע. יאָסל גרינפעלד איז געווען שאַפּיראס אַ נאָענטער פריינט און האָט אים אָפט דערציילט וועגן זיין פּאָטער דעם שוחט. „ווייסע חלה" איז „אַרויסגעוואקסן" פון דער „יודישע מלוכה".

— וואָסיל איז אָריגינעל געווען אַ פיגור אין דער „מלוכה", ביי דער אַרבעט איז ער מיר אויסגעוואקסן אונטער די הענט, געוואָרן אַ „גאַנצער מענטש", און ער האָט מיר גענומען דערגיין די יאָר — ער האָט מיר צעשטערט די פּראָפּאָרציע! איר פאַרשטייט? ס'איז פּונקט ווי איינער וואָרט געבוירן מיט אַ האַנט פון זעקס פינגער. דער פינגער קען אפשר צונויץ קומען, אָבער פינף איז גענוג. דעם „שאסטאַק" דאַרף מען אָפּשניידן. האָב איך אים אָפּגעשניטן. ניט אַרויסגעוואָרפן. אין אַ גוטער באַלעבאַטישקייט קומט אַלץ צונויץ. און ער איז צונויץ גע־קומען, עס איז אַרויסגעקומען די „ווייסע חלה".

אין זעלבן יאָר, 1919, האָט י. ל. כהן פון פאַרלאַג „ניי־צייט" אַרויסגעגעבן די זאַמלונג דערציילונגען „די יודישע מלוכה", אין וועלכער עס זענען אַריין אויך די דערציילונגען, וואָס זענען פריער געדרוקט געוואָרן אין בוך „נאָוועלן".

אין 1920, ווען עס איז אַרויס דער קאָמוניסטישער זשורנאַל „פונקען", איז ל. שאַפּירא געווען דער ממונה איבער דער ליטעראַ־רישער אָפּטיילונג דאָרט, שרייבנדיק אונטערן נאָמען י. זאַלאָט.

אין 1921 איז ל. שאַפּירא, מיט דער ווייב פריידל און דער מאַמע, ווידער געקומען קיין לאָס אַנגעלעס. די גרעסערע יידישע לאָס אַנגעלעס האָט אַרויסגעוויזן אַ ביסל מער אינטערעס צו אים ווי מיט ניין יאָר צוריק, כאָטש ער איז געקומען גאָר ווי אַ „דערפינדער", ניט ווי דער יידישער שרייבער. פריינט, באַקאַנטע, נאָענטע און אַפילו ווייטע האָבן

פון אָנהויב אַרויסגעהאָלפן, און ניט דוקא מיט קליין־געלט. ערשט ווען די אַרבעט האָט זיך פאַרצויגן, די דערפינדונג איז געוואָרן אַ לעכער־דיקער זאַק, האָבן די ווייטע און אַפילו אייניקע נאָענטע זיך איינגאַנצן דערווייטערט. ער איז געבליבן אָנגעוויזן אויף געציילטע עטלעכע מענטשן און דער עיקר אויף פריידלען, דער ווייב.

ער האָט געאַרבעט אויף דער דערפינדונג. דאָס הייסט, ווען ער האָט זיך געפילט בכוח, איז ער געזעסן און האָט אויסגעקלאַפּט דינע, גאָר דינע בלעטעלעך. טויזנט בלעטעלעך דאַרפן פאַרנעמען ניט מער ווי איין צאָל די דיק. און די אַרבעט פון אויסדינען דעם קופער האָט ער דורכ־געפירט מיט זיינע „סאַמאָראָדנע״ מיטלען. ער איז געזעסן על העבודה און פריידל האָט זיך יעדן טאָג אַרויסגעלאָזט „אויף יאַגד״, כאַפּן אַ פינפערל, אַ דרייערל, איבערצולעבן דעם טאָג.

האָט ער גופא געגלויבט אין זיין דערפינדערישקייט? איז ער ניט אַנטלאָפן אין דער „קאַלירטער״, אויסגעטראַכטער וועלט, כדי נים צו זען די גרויקייט פון דער וועלט אַרום אים? איך מיין די גרויקייט פון נישט שרייבן.

שווער צו זאָגן. סיי־ווי, ער האָט זייער ווינציק געשריבן. אין די זיבן יאָר, 1921־1928, האָט ער אָנגעשריבן צוויי גאַנצע דערציילונגען, אַ דריטע האָט ער ניט פאַרענדיקט, און פאַר אַ פערטער, „די נסיעה דורכן מילך־וועג״, אָנגעוואָרפן נאָטיצן ווען פריידל איז שוין געליגן אויפן טויטן־בעט. אין אויגוסט 1927, ווען פריידל איז געשטאָרבן, האָט ער ליקווידירט די דערפינדונגס אַרבעט און פרילינג 1928 אַוועק־געפאָרן קיין ניו יאָרק, וואו ער האָט זיך ווידער גענומען צום שרייבן, צוגרייטן זיין בוך „נויאָרקיש״, וואָס איז אַרויס אין 1931.

אין 1929 האָט איטשע ליבמאַן פון פאַרלאַג „אידיש לעבן״ אַרויסגעגעבן אַ נייע אויפלאַגע פון דער „יודישע מלוכה״.

אינם זעלבן יאָר, נאָך די פּאָגראָמען אין ארץ ישראל, ווען עס האָט זיך געגרינדעט „די וואָך״, איז ער צוגעשטאַנען צו דער וואָכנשריפט, געוואָרן איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן: מ. באריישא, ה. לייוויק און ל. שאַפּירא. ער האָט דאָרטן אָפּגעדרוקט איין וויכטיקן אַרטיקל, טאַקע וועגן די „פּאַלעסטינער געשעענישן״ מיטן נאָמען „אונטערן געקלאַנג פון גלעקער״, חוץ דעם געשריבן קלענערע נאָטיצן, אונטער־געצייכנט ל. ש. אָדער י. ז. (זאלאט). מיט דער „וואָך״ איז ער גע־

שטאַנען ביז דעם נומער 22, ווען ער איז, נאָך אַ סכסוך מיט די אַנ־דערע רעדאַקטאָרן, געוואָרן איינציקער רעדאַקטאר און האָט אויך מער ניט מיטגעאַרבעט.

אין 1933 האָט ער גענומען אַרבעטן אויף אַרויסצוגעבן אַ פערטל־יאָרלעכן זשורנאַל „סטודיאָ". ער האָט געמאַכט אַ רייזע איבערן לאַנד, געקליבן אַבאָנענטן, געלט, און האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער וועט שאַפן אַ זשורנאַל, וואָס איז „נאָך ניט געזען געוואָרן ביי יידן", און פון וועלכן ער וועט ווי עס איז ציען חיונה.

פון שפעט 1933 ביז פרילינג 1935 זענען אינגאַנצן אַרויס דריי נומערן. די „סטודיאָ" האָט זיך פאַרמאַכט.

צו יענער צייט — אין די דרייסיקער — איז ער געווען לינק גע־שטימט, און ער האָט אַפילו געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט מאָסקווע, דאָס הייסט ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט משה טייטש, וועגן פאָרן אַהין, דאָרטן בלייבן. (די בריוו געפינען זיך אין „ייוואָ") פון די פאַר־האַנדלונגען האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט, ווייל, ווי דר. מוקדוני האָט אים טרעפלעך אַריינגעקיבעצט, „שאַפירא וויל קאָמוניזם ספּעציעל געקאָכט פאַר אים אין אַ קליין טעפעלע". שאַפירא האָט געוואָלט זיין זיכער אַז ער וועט קריגן אין מאָסקווע אַ צימער פאַר זיך, דאָס עסן וואָס ער דאַרף, אַז ער וועט קענען שרייבן וואָס ער וויל, און נאָך אַזעלכע בורזשואַזע קלייניקייטן. ער האָט זיך אָבער געהאַלטן נאָענט צו דער לינקער באַוועגונג, געדרוקט זאַכן אין „סיגנאַל", „ביי לעבן", ער האָט אויך געלאָזט דרוקן אַ טייל פונם ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד" אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אונטערן נאָמען „סוזי". שפּעטער האָט זיין לינקיזם זיך אַ היפש ביסל אויסגעוועפט.

אין די יאָרן 1937־1938 האָט ער געאַרבעט ביי דער וו.פּ.א. אויפן פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט.

אין מאי 1939 איז ער צום דריטן און לעצטן מאָל געקומען קיין לאָס אַנגעלעס.

די ניין יאָר, 1939־1948, זענען געווען איין לאַנגער געראַנגל צווישן גרויער ניכטערקייט און ראַזעווען שכרות נעפל.

מ׳קאָן ניט, און מ׳דאַרף ניט, אויסלאָזן אָט דעם ענין פון ל. שאַפיראס ביאָגראַפיע. קנאַפע צוואַנציק יאָר, פון די ערשטע דרייסי־קער ביזן טויט האָט ל. שאַפירא „געטרונקען".

מיר יידן זענען ניט געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן. האָבן טאַקע יידן געשטוינט: אַ יידישער שרייבער זאָל שכורן? און ל. שאַפּירא! אַזאַ קלוגער ייד! היתכן?

די ביאָגראַפישע נאָטיצן זענען ניט מער ווי נאָטיצן. איך קאָן זיך ניט אַריינלאָזן אין חקירות צו פאַרענטפערן אַט די פראַגע, ווער שמועסט נאָך אַז איך גופא גלויב ניט אין דעם ענטפער, קען ניט אָנווייזן אויף דער אורזאַך, און האַלט ניט פון דעם אמת. איך קאָן בלויז זאָגן — דער יידישער שרייבער ל. שאַפּירא איז געווען אַ . . . מענטש, דאָס מיינט אַ פאַרפלאָנטערטער קנויל מיט אַ סך לויזע עקן. וועלכן עק מ׳זאָל ניט אָנגעמען קען מען, מיט אַ סך געדולד, אַמאָל אפשר אויספלאָנטערן דעם קנויל, און אַמאָל אים נאָך מער פאַרפלאָנטערן. ל. שאַפּירא איז זיכער געווען אַ פאַרפלאָנטערטער מענטש. אַ מייסטער פון וואָרט, האָט ער ניט געוואָלט מאַכן פון דער פען קיין האַק, אויסהאַקן מיט איר זיין שטיקל חיונה, און האָט דאָך כל ימיו געלעבט אין זכות פון אָט דער פען; אַ קלוגער ייד אַ חכם, איז ער דאָך באַגאַנגען אַ היפש ביסל נאַרישקייטן — זיינע אַלע געשעפטן . . . די דערפינדונג און דאָס טרינקען — זיין גרעסטע נאַרישקייט. ווי אַזוי גראַמט זיך דאָס?

איך נעם אויף בלויז צוויי עקן פון אָט דעם פאַרפלאָנטערטן קנויל, ניט מיט דער דעה אים אויסצופלאָנטערן, נאָר אָנווייזן — פון דאַנען קען מען אפשר אָנהויבן. געטריבן צום טרינקען האָט אים פריידלס טויט און די לאַסט פון „צלם“.

ווען פריידל איז געשטאָרבן איז פאַר אים אָפּגעשטאָרבן ניט נאָר אַ געליבטע, אַ ווייב, אַן עזר כנגדו, נאָר אויך אַ מאַמע, ביי וועמען ער איז אויך געווען אַ בן יחיד . . . און ער איז צום צווייטן מאָל געבליבן אַ יתום. ניט איין מאָל, זיצנדיק אויפן בעט, האָט ער, מיט פאַרנעפּלטע אויגן, געקוקט אויפן בילד פון פריידלען מיט אירע צוויי קינדער פון איר ערשטן מאַן, וועמען זי האָט פאַרלאָזט טאַקע צוליב שאַפּיראָן, האָט די קינדער קיינמאָל מער ניט געזען, און מיט טרויער אַרויסגעזאָגט, אַרויסגעזונגען: פריידל! פריידל! למה עזבתני? און דאָס איז געווען ניט בלויז אַן אויסדרוק פון טרויער, בייןקעניש און פאַרלאָזנקייט, צו דעם האָט זיך אויך צוגעמישט אַ געפיל פון שולד. ער האָט זיך געפילט שולדיק לגבי איר.

אָט דעם שולד געפיל האָט ער געפּרואווט איינשטילן. אין 1941 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכעלע לידער „פון קרבן מנחה", וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ מצבה אויף איר קבר און אויך „אַ ביסל רו פאַר זיין האַרץ".

„ווען די טעג זענען גרוי און די נעכט זענען שוואַרץ
אַ ביסל רו פאַר מיין האַרץ."

(דער פאַרשייטער קאוואַליר)

ער האָט אָבער קיין רו ניט געפונען. און אין די „גרויע טעג און שוואַרצע נעכט" איז אים געווען לייכטער צו קוקן אויף דער וועלט „דורך די רויכן פון ניקאָטין און אַלקאָהאָל" ווי מיט די ניכטערע בורשטינענע אויגן.

ניכטערערהייד האָט ער אויך ניט געקאָנט פאַרטראָגן די לאַסט פון „צלם". צו פרי האָט זיין זייגער אויסגעקלונגען צוועלף. איין און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען ווען ער האָט אָנגעשריבן אָט די דער־ציילונג און שיר ניט פערציק יאָר נאָכדעם „געלעבט אין זכות פון זיין אַמאָליקן „צלם", וואָס איז פון אַלע מאָל געווען אַ פאַלשע באַמבאַסטי־שע זאַך, געשריבן אויף אַ ביי־קול. אויף דעם סמך קוקט ער איצט אויף אַלעמען מיט גדלותדיקער ענווות, וואָס דאַרף אונדז געבן צו פאַרשטיין אַז אין תוך איז ער שיר ניט דאָס געוויסן פון דער יידישער ליטעראַ־טור, נאָר מיר, טפּשים, ווייסן ניט דערפון."

אַזוי האָט ער געשריבן אין דער דערציילונג „דאק", אין בוך „נו־יאָרקיש", זייט 179. געשריבן מיט איראָניע, מיט שטעכווערטלעך אויפן אייגענעם חשבון, אויפן חשבון פון „צלם". אָנגענומען, אַז ווען מ'קניפּט זיך אליין טוט ניט אַזוי וויי, און אַז דאָס האָט ער געשטאָכן זיך כדי צו קענען שטעכן אויך אַנדערע, איז דאָך אין אָט די שטעכיקע רייד דאָ אַ היפּש ביסל אמת. ער האָט געלעבט אין זכות פון אָט דעם „צלם", די אַנדערע פּאָגראָם דערציילונגען, און וויפל ער האָט ניט איראָניזירט וועגן „צלם", אַרונטערוואַרפן אים פון די פּלייצעס, ניט ער האָט גע־קאָנט, ניט ער האָט געוואָלט . . . ער האָט געוואָלט דער זייגער זאָל אויסקלינגען נאָך אַמאָל צוועלף. דאָס האָט ניט פּאַסירט. די קלאַנגען איינס, צוויי, דריי — אַ קורצע, פיינע דערציילונג — האָבן אים ניט צופרידנגעשטעלט, און ביז צוועלף איז אַזאַ ווייטער מהלך, ניט פאַר

זיינע כוחות מער. ער האָט עס געוואוסט, אָבער ניט געוואָלט וויסן, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן גלעזל — דאָס העלפט פאַרגעסן.

האָט ער פאַרגעסן?

ניט אינגאַנצן. ווען „אונטערן גלעזל״ האָט ליטעראַטור אַזוי גוט ווי ניט עקזיסטירט פאַר אים, אָבער אַ שעה, צוויי, ווען דער טשאַד פונם ביסל אַלקאָהאָל האָט זיך אויסגעוועפּט, איז ער ווידער געווען דער ניכטערער, קלוגער ל. שאַפּירא, און ער האָט ווידער געלעבט מיט... דער יידישער ליטעראַטור.

„מיין גאָט, איך בעט נישט פיל פון דיר.
אַלע באַגערן זענען פאַרלאָשן.
די איינע זאַך וואָס לעבט אין מיר
איז — יידיש לשון.״

ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער, אין דער וועלט ליטעראַטור, האָט גערן גערעדט און שאַרף און קלוג קאָמענטירט וועגן דעם. אָבער דער וואָרעם האָט גע־טאָטשעט, און דער ביטערער טראָפּן האָט געדאַרפט פאַרזיסן דאָס לעבן.

ניין יאָר איז אַ לאַנגער בין השמשות. אין אָט דער „צווישנצייט״ האָט ער נאָך אַריינגעכאַפּט, און אין 1945 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג עסייען וועגן ליטעראַטור, שרייבער אונטערן נאָמען „דער שרייבער גייט אין חדר״, אַ קליין ביכל פון 128 זייטן. ער האָט אויך פאַרצייכנט קיצורים — רעיונות, מחשבות. די לעצטע צייט האָט ער שוין כמעט ווי ניט געזען וואָס ער שרייבט.

אין אַ מיטוואָך אינדערפרי, כ׳ אב, דעם 25טן אויגוסט, 1948, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

וועגן די כתבים

פונקט דריי פון ל. שאַפּיראָס צוואה לייענט זיך:

„מאַנוסקריפּטן, פראַגמענטן עטצ. . . . גייען צו שין מיללער, פאַר רעדאַקציאָנעלע צוועקן, אויב ער וויל זיך מיט זיי פאַרנעמען.“

אָט די „רעדאַקציאָנעלע צוועקן“ בעטן זיך מ׳זאָל זיי אויסטייטשן.

אויב אַ רעדאַקטאָר רופט ביי עמעצן אַרויס אַ בילד פון אַ מענטשן מיט אַ רויטער אָדער בלויער בלייפען, וואָס זיצט און מעקט, בעסערט אויס, קורץ, רעדאַקטירט, איז דאָס פונקט דער היפּוך פון דעם וואָס ל. שאַפּירא האָט געהאַט בדעה מיט זיינע „רעדאַקציאָנעלע צוועקן“.

עס דערמאָנט זיך מיר. מיר האָבן געשמועסט פון י. ל. פרץ.

— אַ צייט בין איך געווען אָנגעשטויסן אויף אים.

? ? ?

— אַזוי די מעשה. איך האָב אים געגעבן אַ דערציילונג. האָט ער זי אָנגענומען, נאָר ער האָט זי אַזוי „צ ע פ ר צ ט“, אַז איך האָב זי ניט דערקענט. האָב איך אים אָנגעשריבן אַ שאַרפן בריוו . . .

איז אויב ל. שאַפּירא האָט מיט פינף און פערציק יאָר צוריק געקאָנט אָנגעשטויסן ווערן אויף פרצן פאַר „צעפּרצן“ זיינע אַ דער־ציילונג, וואָס וואָלט ער שוין געטון וועגן ש. מיללער זאָל אין 1949 פּרוּוון „צעמאָלן“ זיינע זאַכן? קיין שאַרף בריוול וואָלט ער מיר שוין ניט אָנגעשריבן, וואַרגן מיך ביינאַכט וואָלט ער אויך ניט געקומען, זיכער איז אָבער אַז פון מיין צד וואָלט עס געווען אַ „מיסברויך פון צוטרוי“. איבערגעבנדיק אַ קאָפּיע פון דער צוואה צו זיין פריינט וו. קעסנער, האָט ער אויסדריקלעך געזאָגט: „די כתבים לאָז איך איבער מיללערן, ווייל איך ווייס אַז ער האָט ניט קיינע פערזענלעכע אָדער פּאָ־ליטישע פּניות מיך „רעדאַגירן“. אגב, אין אַ פריערדיקער, ענגלישער צוואה דאַטירט יוני 1945, (ער איז ניט געווען פויל אויף שרייבן צוואות) פעלט דער אויסדרוק „רעדאַקציאָנעלע צוועקן“, און אין אַ בריוו צו מיר, דאַטירט יאַנואַר 23, 1944, האָט ער געשריבן:

„. . . היינט געוואָלט גיין צו אייך, אפשר פאַרן לעצטן מאָל,

אָבער איך קאָן ניט. עס זעט אויס, מיינע פיזישע כוחות גייען אויס אינגאַנצן. איז אָט: אויב איך וועל די טעג אַוועקגיין וועלן מיינע כתבים, מייסטנס פראַגמענטן, גיין צו אייך, ד.ה. אויב איר ווילט זיך מיט זיי פאַרנעמען. אויב איר ווילט ניט, זענט איר נישט מחויב.״

קיין זכר פון רעדאַקציע.

פאַר מיר איז עס קלאָר אַז מיט „רעדאַקציאָנעלע צוועקן״ האָט ער פשוט געמיינט ברייננגען די כתבים אין אָרדנונג און, דער עיקר, זיי אַרויסגעבן.

דאָס איז קלאָר. מיר איז אָבער ניט געווען אינגאַנצן קלאָר וואָס זאָל איך אַרויסגעבן? עס זענען געבליבן לידער, דערציילונגען, איין ראָמאַן ניט פאַרענדיקט, פון אַ צווייטן ראָמאַן נאָר אַן אָנהויב, נאָטיצן און „שטיקלעך און ברעקלעך״, אַ געדאַנק, אַ פראַזע, אַן איינצל וואָרט, פאַרצייכנט. דאָס אַלץ אַרויסגעבן ווי לקט שכחה און פיאה פון ל. שאַפּיראָ? די מערסטע דערציילונגען שטאַמען פון זיינע פריסטע שרייבער־יאָרן, 1904-07, פאַרוואָס האָט ער אַליין זיי ניט אַרויסגעגעבן, זיי ניט אַריינגענומען אין זיינע פריערדיקע ביכער? מסתמא האָט ער זיי געהאַלטן פאַר ניט וויכטיק, ניט גוט גענוג, וועט עס ניט זיין אַ בערישע טובה, אַדער גאָר אַ חילול שם שאַפּיראָ, אויב מ׳זאָל זיי איצט אַרויסגעבן? צוריק גערעדט, אויב ער האָט ניט געהאַלטן פון די זאַכן, נאָך וואָס האָט ער זיי געהאַלטן אַזוי פיל יאָרן, זיי אַרומגעפירט און זיי אָפּגעהיט, אויף זיין שטייגער . . ? פאַרוואָס האָט ער מיר ניט אָנגעזאָגט וואָס אַרויסגעבן און וואָס ניט?

מיר איז ניט געווען קלאָר דער ענין, איך האָב ניט געוואָלט שטעלן אינגאַנצן אויף זיך, האָב איך זיך געווענדט צו ש. ניגער — למדני!

ש. ניגער האָט מיר געענטפערט:

„. . . לויט מיין מיינונג, וואָלט מען אַלץ געדאַרפט אַרויסגעבן. אויך דאָס וואָס ער האָט פאַרבראַקירט, און אַפילו די זאַכן, וואָס זיינען באמת שוואַך אָדער ניט פאַרענדיקט. מען דאַרף עס אַרויסגעבן, כדי צו האָבן אַ בילד פונם גאַנצן שאַפּיראָ — פון זיינע ירידות אָדער נידעריקע מדרגות אויך.״

איך האָב אָנגענומען ש. ניגערס עצה. ווען איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט האָב איך איינגעזען אַז . . . „ביי זייטיקע מענטשן פרעג און זוך אַליין אַ וועג״, אַלץ אַרויסגעבן איז אוממעגלעך. קודם —

טעכנישע אורזאַכן. איך דאַרף מעסטן דעם ווינטער לויט די קליידער, און די קליידער . . . זענען וואָרעם גענוג בלויז פאַר אַ ווינטער פון 25 גראַד, דאָס הייסט, מער ווי איין בוך פון 25 בויגן, 400 זייטן, קען מען ניט אַרויסגעבן, מוז מען שוין אויסקלייבן, וואָס יאָ און וואָס ניט אַריינגעבן.

האָב איך ניט אַריינגענומען קיינע פון זיינע אַרבעטן פאַר דער וו.פ.א., אַפילו ניט די, וואָס האָבן כלומרשט צו טון מיט דער יידישער ליטעראַטור אָדער שפּראַך, ווי „יידישע בעלעטריסטיק און בעלעטריסטן אין ניו יאָרק", „יידיש ווי אַ שפּראַך", און אַנדערע אַרטיקלען. אפשר איז אַפילו אין די זאַכן אויך דאָ עפּעס שאַפּיראַ'שעס, איז אויב עמעצער וועט וועלן מאַכן אַ שטודיע פון ל. שאַפּיראָ, וועט ווען איבערקוקן אויך די זאַכן, וועט ער מוזן זיך ווענדן אין „ייוואָ", וואוהין איך האָב די זאַכן אָוועקגעשיקט. אין בוך האָבן זיי ניט געקענט און, לויט מיין מיינונג, ניט געדאַרפט אַריין. בין איך שוין, הייסט עס, יאָ געוואָרן אַ רעדאַקטאָר, איך האָב אַ ביסל רעדוצירט . . .

אין זיינע פּובליציסטישע, פּאָלעמישע אַרטיקלען איז שוין זיכער דאָ ספּעציפיש שאַפּיראַ'שעס, אויב איך האָב זיי אויך ניט אַריינגענומען אין דעם בוך איז עס, ערשטנס, צוליב דער צייט . . . זי האָט געהאַט אַ שטאַרקע שליטה אויף די אַרטיקלען. אינם יאָרבוך „פּראָגרעס", רעדאַקטירט פון א. רייזען, 1904, איז געווען געדרוקט איינע פון זיינע ערשטע דערציילונגען „איציקל ממזר" און זיין ערשטער אַרטיקל „צו דער פראַגע וועגן העברעאיש און יודיש". די דערציילונג האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד דער צייט ווי דער אַרטיקל. אַזוי אויך אַלע אַנדערע אַרטיקלען. צווייטנס, די לידער, דערציילונגען, איינצלנע שורות, ווערטער אַפילו, האָט ער געקליבן, אָפּגעהיט, די אַרטיקלען האָט ער ניט געהאַט. אייניקע האָב איך אויפגעזוכט, אייניקע איז מיר געווען כמעט ווי אוממעגלעך צו קריגן. האָב איך זיך סומך געווען אויף זיינע אייגענע רייד. אין זיין „שרייבער גייט אין חדר", זייט 13, זאָגט ער: „מיר איז אויסגעקומען צו שרייבן אויך פּובליציסטיק און קריטיק, און איך האָב געזינדיקט אַפילו מיט עטלעכע לידער, נאָר פאַר מיין אייגנט־לעכן זשאַנר האָב איך אַלע מאָל געהאַלטן די סטאַטישע שילדערונג און די דינאַמישע דערציילונג." האָב איך אויסגעלאָזט די פּובליציסטישע אַרטיקלען, די קריטיק, און אַפילו די ליטעראַרישע נאָטיצן, וואָס זענען

געווען געדרוקט אין די דריי נומערן פון זיין זשורנאַל „סטודיאָ“, און אַריינגעגעבן אין דער אָפּטיילונג „קיצורים“ בלויז די נאָטיצן און ליטעראַרישע פראַגמענטן, וואָס זענען ניט געווען געדרוקט. בלויז איין נאָטיץ — וועגן בערגעלסאָנען — האָב איך גענומען פון דער „וואָך“; אַ פּאָר נאָטיצן פון „יידישער קעמפער“ און אַ פּאָר פון „יידישע קולטור“. אַלע אַנדערע זאַכן אין די „קיצורים“ זענען גענומען פון כתב־יד.

איבעריק צו זאָגן, אַז די אַלע זאַכן וואָס זענען אַריין אין בוך זענען געגעבן געוואָרן ווי ל. שאַפּיראָ האָט זיי געשריבן, ניט געמינערט און ניט געמערט, און ניט . . . „אויסגעבעסערט“. די אָרטאָגראַפיע האָב איך יאָ געענדערט. געמוזט עס טון. די מערסטע דערציילונגען זענען געשריבן געוואָרן מיט 45 - 40 יאָר צוריק, האָב איך זיך באַמיט צו געבן אַן איינהייטלעכן אויסלייג (דער זעצער האָט אויך אַ האַנט אין דעם...). זיין סינטאַקס האָב איך, ווי ווייט מעגלעך, אָפּגעהיט. „זיין“ סינטאַקס?

נו יאָ. אין אַ בריוו צו מאַרק מראַטשני, רעדאַקטאָר פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע“, 1939, האָט ער געשריבן:

„גיט איבער מיין דאַנק דעם בחור הזעצער. מיינע פּונקטן און קאָמאַס זענען אַרויסגעקומען כאשר אהבתי — ווי די מאַמע האָט זיי געהאָט . . .“

ער האָט פאַרגעסן צוגעבן — מיינע פּאַסיקלעך. י. ל. פּרצס פּינטעלעך זענען געווען אַ שם דבר, ל. שאַפּיראָ האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פּאַסיקלעך. י. ל. פּרצס פּינטעלעך האָבן אפשר אָנגעדייט: איך קאָן שרייבן נאָך, אָבער ניט נויטיק, שטויס זיך אָן אַליין, ל. שאַפּיראָס אַ פּאַסיקל, דער עיקר ביים סוף פון זאַץ, וואו לויטן סינטאַקס האָט מען אים ניט געדאַרפט איז ווי אַ האַנט אויסגעשטרעקט — גענוג! מער דאַרף מען ניט.

איך האָב געגעבן די פּינטעלעך און פּאַסיקלעך ווי „די מאַמע האָט זיי געהאַט“ און אַפּשיטא זיינע ווערטער. אין דעם בוך, דער עיקר אין זיינע „קיצורים“, זענען דאָ מיינונגען מיט וועלכע איך שטים ניט איין, באַמערקונגען, וואָס זענען מיר ניט צום האַרצן. אויב זיי וועלן נאָך עמעצן ניט געפעלן ווערן, זאָל ער ניט טראָגן קיין שווער האַרץ אויף מיר, איך בין בלויז אַ שליח, און אַפילו ניט אויפן מחבר. דאָס גאַנצע בוך, „קיצורים“ אַריינגענומען, איז, אין אַ געוויסן זין, אַ וועגווייזער

צו באַנעמען, פאַרשטיין ל. שאַפּירא, דעם שרייבער און דעם מענטש, און פאַרשטיין מיינט אויך פאַרגעבן.

דער אינהאַלט פון בוך.

די לידער זענען אַלע געגעבן געוואָרן, ווי ווייט מעגלעך, כראָנאָ־לאָגיש. די באַוואָרעניש „ווי ווייט מעגלעך" מוז איך מאַכן, ווייל ניט אויף יעדן ליד איז אָנגעגעבן געוואָרן דער דאַטום, און . . . שאַפּירא האָט געהאַט אַ שוואַכקייט — איבערדרוקן. אַזוי, למשל, איז דאָס ליד „מאָמענט מוזיקאַל" געווען געדרוקט אין „יידישער קעמפּער", אָקט. דעם 1טן 1943, דאָסזעלבע ליד, אָן אַ נאָמען, איז געווען געדרוקט מיט יאָרן פריער אין דער „יודישע צוקונפט". האָב איך עס אַריינגעשטעלט צווישן די פריערדיקע לידער, גלייך פאַר „סמבטיון". ווען ער האָט גע־שריבן „סמבטיון" ווייס איך ניט, דער כתב־יד איז ניט דאַטירט, לויטן אינהאַלט און לויטן . . . פאַפּיר בין איך זיך משער אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן אומגעפער אין דער זעלבער צייט ווי זיין סעריע בילדער „אויפן ים", און דאָס איז געשריבן געוואָרן אין בערן, שווייץ, אין 1909.

די דערציילונגען זענען אויך געגעבן געוואָרן כראָנאָלאָגיש, און אויך „ווי ווייט מעגלעך". וואו איך האָב געפונען אָדער אויסגעפונען אַ דאַטום האָב איך אים אָנגעגעבן, וואו קיין דאַטום איז ניט געווען, האָב איך אַריינגעגעבן די דערציילונג לויטן „אינערלעכן" סדר. אויך דערציילונגען האָט ער איבערגעדרוקט. אַזוי, למשל, איז די דערציילונג „קינדער" געדרוקט געווען פריער אין אַ ניו יאָרקער צייטונג (נאָמען, דאַטום ווייס איך ניט), שפּעטער איז זי איבערגעדרוקט געוואָרן אין ביאַליסטאָקער „היינטיגע צייט" פון יאַנ. 6טן 1909. איך האָב געהאַט פאַר זיךביידע וואַריאַנטן, איינער עטוואָס אַנדערש פונם צווייטן. אַריינגעגעבן האָב איך דעם ערשטן, דעם ניו יאָרקער. פון „ביינאַכט" האָב איך געהאַט דעם געדרוקטן טעקסט פון י. ל. פּרצס אַפּריל נומער „יודישע ביבליאָטעק", 1904. דאָרט איז זי געווען געדרוקט אונטערן נאָמען „בום־בום־בום" און אַ היפּש ביסל „צעפּרצט". אויף דעם גע־דרוקטן טעקסט זענען געווען אַרויפגעקלעפּט שאַפּיראָס האַנט־געשרי־בענע אויסבעסערונגען. איך האָב אָפּגעקלעפּט איין טעקסט פון צווייטן, פאַרגליכן און געגעבן ווי ל. שאַפּירא האָט געשריבן.

„חנא חייציס" איז אויך געווען געדרוקט צוויי מאָל, געהאַט האָב איך פאַר זיך דעם טעקסט פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע", 21טן יולי

1939, איך ווייס אָבער אַז זי איז געווען געדרוקט שיר ניט מיט 35 יאָר פריער, אומגעפּער אין דער זעלבער צייט ווי די דערציילונג „אויף דער וואַך" (וואַכט), ביידע דערציילונגען — אַ מין פּרעליוד צו זיינע שפּעטערדיקע פּאָגראָם דערציילונגען. צו דעם טעקסט פון דער „פריע אַרבעטער שטימע" איז געווען צוגעקלעפּט אַ האַנט־געשריבענער צוגאָב, האָב איך, פאַרשטייט זיך, אים אַריינגעגעבן.

„די פאַמיליע גערער" האָב איך אַריינגעגעבן לויטן נוסח ווי זי איז געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט" פון 1907, מיט אַ קליינעם צוגאָב. דער צוגאָב איז, פאַרשטייט זיך, ניט מיינער. צווישן די כתבים איז געווען אַ דערציילונג „פרילינג", באַצייכנט (אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסע־רער זאַך). לייענענדיק „די פאַמיליע גערער", האָב איך זיך געכאַפּט אַז אַ געוויסער פּאַסאַזש איז מיר זייער באַקאַנט. איך האָב אַ זוך געטון און געפונען, אַז ער האָט גענומען אַ גאַנצע זייט פון „פרילינג" און זי „אינקאָרפּאָרירט" אין דער „פאַמיליע גערער". פּשוט, אַנטליען ביי זיך אַליין. האָט זיך מיר געשטעלט די פראַגע: זאָל איך אַרויסנעמען די אַנטליענע זייט, זי אַריינגעבן צוריק אין „פרילינג" און אָפּדרוקן דאָס לעצטע ווי אַ באַזונדער דערציילונג, אָדער פאַרקערט, אַריינגעבן גאַנץ „פרילינג" אין דער „פאַמיליע גערער"? האָט ער דאָך עס באַצייכנט ווי אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער זאַך. איך האָב טאַקע אַזוי געטון — אַריינגעגעבן אינגאַנצן. עס איז אַרויסגעקומען אַ ביסל צופיל נאַטור־באַשרייבונג, אַ ירושה פון די רוסישע שרייבער, עס איז אָבער כאַראַק־טעריסטיש פאַרן יונגן שרייבער ל. שאַפּירא, און אינטערעסאַנט צו באַמערקן ווי שפּעטער צו האָט ער כמעט ווי אינגאַנצן „זיך אויסגעטון פון דער נאַטור".

— אויב איר קענט נישט באַשרייבן די נאַטור אין צוויי־דריי שורות, אָבער גוטע שורות, לאָזט זי אויס אינגאַנצן. — דאָס איז געווען זיין כלל שפּעטער. „די פאַמיליע גערער" איז אָבער געשריבן געוואָרן אין דער יוגנט. זי איז אויך אין אַ סך פּרטים אַן אויטאָביאָ־גראַפישע דערציילונג. דער „העלד" לייבעלע איז רב לוי יהושע שאַ־פּירא, די מאַמע גאָלדע, איז די מאַמע חיה בליומע, וועמעס מיידלשער פאַמיליען־נאָמען איז געווען זאלאטאוו (שפּעטער האָט ער געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים זאלאט); דאָ זעט מען ל. שאַפּירא, דער מאַמעס קינד, ניט דעם טאַטנס זון, אַ שטריך וואָס גייט דורך זיין גאַנצן

לעבן, אויך אין זיין שרייבן. כאַראַקטעריסטיש, אין די „קיצורים" איז דאָ אַ שטעלע: ער קומט אויף יענער וועלט און דער מלאך הדומה פרעגט אים מה שמך, ענטפערט ער ניט לוי יהושע בן אריה לייב, נאָר לוויק (לייוויק) חיה בליומעס. דאָרטן זענען דאָ די תפילות וואָס ער האָט, אין זיין פרומקייט, אַליין פאַרפאַסט (זע „שרייבער גייט אין חדר", זייט 7); דאָרטן איז דאָ דער ענין „רויך", רויכערן אום שבת (זע „ממה נפשך", זייט 55־54); דאָרטן איז אויך דאָ אַן אָנדייטונג אויף דאָסטאָ־יעווסקין, וואָס פאַר אַ ווירקונג ער האָט געהאַט אויף אים. דאָס שטעטל טאָרטילאָוו איז אַן אָנדייטונג אויף טאַראַשטשע, פון וואַנען שאַפּיראָ שטאַמט, הגם געבוירן אין רזשישטשעוו.

מיט דער „פאַמיליע גערער" ענדיקט זיך דער פעריאָד פון זיין ערשטן שאַפן. די דערציילונג „שוואַרצל" (ניט פאַרענדיקט) איז גע־שריבן געוואָרן אין לאָס אַנגעלעס אין 1926. דאָס איז די איינציקע דער־ציילונג פון דעם פעריאָד, ווען ער האָט געאַרבעט אויף זיין „דערפינ־דונג" אין לאָס אַנגעלעס. אין יענע זיבן יאָר, 28־1921, האָט ער אָנגע־שריבן נאָך צוויי דערציילונגען „ממה נפשך" און „געגעסענע טעג" (27־1926). ער האָט אויך אָנגעוואָרפן די נאָטיצן פאַר זיין „נסיעה דורכן מילך־וועג". די אַלע דריי דערציילונגען זענען אַריין אין בוך „נויאָרקיש", נויאָרק 1931. „פון מיין נאָטיץ־ביכל" און „וואַט טו העלל" שטאַמען פון זיין „לינקן" פעריאָד, אין די דרייסיקער.

וועגן דעם ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד", אָדער ראָמאַנען: ער האָט געשריבן צוויי ראָמאַנען אין איין צייט.

אין איין בריוו האָט ער מיר געשריבן:

„. . . יאָ, איך שרייב. האָב דעם זומער אַ ביסל געשריבן, נאָר איצט בין איך דערוויל געבליבן שטיין, טאַקע צוליב דאגת פרנסה. איך שרייב גלייכצייטיק צוויי ביכער, איינס פון אַ מ אָ ל און פון ד אָ ר ט ן, און איינס פון איצט און פון אונדזער אַמעריקע. — איך אַרבעט מער אויפן צווייטן. איך וואָלט נויטיק באַדאַרפט מיין מינימום חיונה איבערן ווינטער, וואָלט איך פאַרטיק געמאַכט ביז פרילינג לכל הפחות איינס פון די ביכער, אויב ניט ביידע."

אין אַ צווייטן בריוו האָט ער געשריבן:

„. . . צווישן אַנדערע ענינים בין איך שטאַרק טרוד מיט זוכן אַ פאַסיקע פאָרם פאַר מיין שרייבן. ווי איר ווייסט, בין איך ניט צופרידן

מיט דער פאָרם (גיכער — פּאַרמלאָזיקייט) פונם ראָמאַן, אָבער דער „הונדערט עמודימדיקער" איז געגוג בלויז פאַר אַ דריי־פיר פאַרשוין. אַ גרעסער פעלד קאָן אין הונדערט עמודים ניט באַארבעט ווערן. איך וועל מסתמא אַרויסוויקלען אַ מין „קייט" פון נאָוועלן, וואָס זאָלן זיך שליסן איינע אין דער צווייטער. פון דעם „איצט" בוך האָב איך אָנגעשריבן אַ הונדערט זייטן, וואָס דאָס איז אַן ערך אַ פערטל פון דער גאַנצער אַרבעט און גלייכצייטיק אַ זאַך פאַר זיך אַליין. — "

אין אַ דריטן בריוו פון אויג. 1937 האָט ער געשריבן:

„. . . וועגן שרייבן. איך שרייב — ווייניק. האָב צוויי אַרבעטן אויף מיינע הענט: דעם „ניינטן אויגוסט" און דעם היגן ראָמאַן, וואָס זיין ערשטן טייל האָט איר געזען אין „סטודיאָ" נומער דריי. (אגב, איך הער אַז איר האַלט ניט פון אים — און איר מאַכט זייער אַ גרויסן ט ע ו ת.) אַחוץ דעם, אַרבעט איך פאַר דער וו.פּ.א.".

צי איך האַלט, אָדער האָב געהאַלטן, פונם ראָמאַן איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז — „סטודיאָ" נומער דריי איז אַרויס אין פרילינג 1935. אין אויגוסט 1937 האָט ער נאָך אַלץ „געאַרבעט" אויף דעם ראָמאַן, אָדער ראָמאַנען.

וועגן דעם „ניינטן אויגוסט", דעם ראָמאַן פון „דאָרטן", איז גענוג צו זאָגן אַז לויט דער סכעמע האָבן באַדאַרפט אַריינגיין אַהין אומגעפער אַ פופציק מענטשן, חוץ זייטיקע פאַרשוינען. אַמאָל האָט ער געהאַט טענות צו די שרייבער. — זיי שרייבן צופיל, צו לאַנג. אַ ראָמאַן דאַרף מען קאָנען אָנשרייבן אויף הונדערט זייטן. — ווען ער גופא האָט גענומען שרייבן אַ ראָמאַן האָט ער געזען אַז הונדערט זייטן איז גענוג פאַר אַ דריי־פיר מענטשן. דער „ניינטער אויגוסט", מיט אַ פופציק מענטשן, וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען היפשע עטלעכע הונדערט זייטן, אָנגעשריבן האָט ער אַ צוואָנציק־פינף און צוואָנציק זייטן, אַ מין ראשי פּרקים, אַזוי אַז איך האָב ניט געזען קיין געווינס פון אַריינגעבן אַזאַ קורצן אָנהויב פון אַזאַ גרויסער זאַך. דער „היגער" ראָמאַן איז, לויט זיינע רייד גופא, אַ פערטל פון דעם וואָס ער האָט געדאַרפט זיין. וואָס האָט ער געדאַרפט זיין?

אין אָנהויב פון דעם ראָמאַן גיב איך דעם „פלאַן", אָדער די „פּלענער", ווי איך האָב זיי געפונען. חוץ די צוויי פּלענער איז דאָ נאָך אַ דריטער פּלאַן אין . . . ענגליש.

ווען ער האָט געאַרבעט פאַר דער וו.פּ.א. האָט ער צוגעשטעלט צוויי קאַפּיטלעך פונם ראָמאַן אין אַן ענגלישער איבערזעצונג (איבער־זעצט האָבן אַנדערע, ניט ער), אַ מין מוסטער, און געוואָלט די רעגירונג זאָל אַרויסגעבן דאָס בוך אין ענגליש. די רעגירונג האָט עס צוריקגע־וויזן. אַ בריוו פון ל. שאַפּיראָ צו מר. דאָנאַלד טהאָמפּסאָן לייענט זיך אַזוי:

„. . . אויפן פאַרלאַנג פון וואַשינגטאָנער אָפיס פון דעם פעדע־ראַלן שרייבער פּראָיעקט גיב איך אייך דאָ דעם ערשטן טייל פון מיין פּראָיעקטירטן ראָמאַן „דער אַמעריקאַנער שד". אייניקע קריטיקער דאָרטן דיינקען אַפּנים, נאָכן איבערלייענען איין קאַפּיטל, אַז אינם ראָמאַן איז ניטאָ קיין „מעשה". אויב מיט דעם מיינען זיי דעם סאָרט ראָמאַנען וואָס ווערן פּראָדוצירט ביי די ל י י ד י ס דאָ אין אַמעריקע, זענען זיי גערעכט. דאָ פאַרשיידענע וועגן ווי צו שרייבן ראָמאַנען. איך האָב מיר מיין דרך. טאָקע דאָ פאַרשיידענע טיילן, פאַרשיידענע מענטשן . . . אָבער איין פאָדים ציט זיך דורך זיי אַלע, דאָס איז איין „כאַראַקטער" (דזשייק בערעזא), די הויפּט־זאַך איז אָבער די אַמערי־קאַנער סצענע אין משך פון פופצן יאָר, ביזן קריזיס.

„דער ערשטער טייל האָט צו טון מיט אַ באַנק־קראַך, אַ שפּייז־קראָם אין די בראָנקס, מיט דער פאַמיליע קאַץ; דער צווייטער טייל האָט צו טון מיט דער פאַמיליע פיש, דער דריטער — מיט דער יידישער ליטעראַרישער וועלט און מיט דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער יידי־שער קולטור געזעלשאַפט; דער פערטער טייל — מיט די פּאָגראָמען אין פאַלעסטינע אין 1929, און ווי די אַמעריקאַנער יידן רעאַגירן דאַרויף; דער פינפטער טייל וועט פאַרענדיקן די „מעשה", פאַרקניפּן די גורלות פון די פאַרשיידענע מענטשן דאָרט."

פון אָט דעם בריוו, מער ווי פון דעם אָריגינאַלן פּלאַן, איז צו זען וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו שרייבן, און אַז ער האָט אָנגעשריבן בלויז צוויי פינפטל, געבליבן שטיין ביים קאַפּיטל וועגן דער יידישער ליטעראַטור.

פאַרוואָס האָט ער ניט פאַרענדיקט דעם ראָמאַן?

ניט דערפאַר ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין חיונה, ווי ער גיט אָן אין ערשטן בריוו, אויך ניט צוליב אַנדערע מאַטעריעלע שוועריקייטן. לויט מיין השערה האָט ער ניט געענדיקט דעם ראָמאַן, ווייל דער ראָמאַן

איז געווען ניט זיין זשאַנר. די דערציילונג, די נאָוועלע, דאָס איז געווען צוגעפּאַסט פּאַר אים.

ווען איך האָב „געמאַנט" ביי אים למאי ער פאַרענדיקט ניט דעם ראָמאַן איז ער מער ווי איין מאָל אָפּגעקומען מיט אַ חכמה — ער איז געווען אַ בריה אויף דעם — איין מאָל האָט ער אָבער אויפריכטיק געענטפערט:

— איך קאָן נישט. איר פאַרשטייט, דעם „צלם"—נו יאָ, דעם באַרימטן „צלם"—האָב איך אָנגעשריבן אין דריי טעג. געוואוינט דאַן אין שיקאַגאָ, געהאַט דעם רעסטאָראַן, האָב איך זיך פאַרשפּאַרט אַליין אין הויז, ניט אַרויסגעגאַנגען דריי מעת־לעת, און אים אָנגעשריבן. פאַרשטייט זיך, איך האָב אים פריער געהאַט אין קאָפּ, אָבער, איר ווייסט דאָך, אין קאָפּ קאָן מען אויך האָבן ... לייז, מ׳דאַרף עס האָבן אויפן פּ אַ פּ י ר! דאָ, מיט דעם ראָמאַן, ווער קאָן עס האַלטן אויפן קאָפּ אַזוי פיל מענטשן, און, דער עיקר, וואו נעמט מען די ניט אונטערבראָכענע שטימונג, עס זאָל אָנהאַלטן די ג אַ נ צ ע צייט? איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?

— שרויפט מען זיך אָן ...

— טאָקע אָט דאָס אַ קאָן איך נישט. איך קאָן ניט. געפּרואווט. אַ פּאָר מאָל געפּרואווט, עס קומט גאָרניט אַרויס. עס קומט אַרויס, נאָר קלאָטשע. און ווער וויל עס שרייבן קלאָטשע?

ער האָט ניט געקאָנט אָנהאַלטן די ראָמאַן שטימונג אַ לענגערע צייט, דערפאַר זענען די קאַפּיטלעך פונם ראָמאַן אַרויסגעקומען אַ מין „קייט פון נאָוועלן", אָדער, ווי ער האָט זיך אַן אַנדערש מאָל אויסגעדריקט, אַ מין בראַסלעטן, באַזונדערע בראַסלעטן, נאָר פאַראייניקט מיט איין פאָדים.

די צרה מיט די „בראַסלעטן" איז געווען, וואָס יעדער בראַסלעט האָט מען געקענט אָנטון פריער אָדער שפּעטער. ער האָט עס טאָקע געטון אויך. אין ערשטן נומער „סטודיאָ" האָט ער געדרוקט אַ קאַפּיטל פונם ראָמאַן אונטערן נאָמען „דער שטול". ווען ש. ניגער האָט קאָמענטירט וועגן דעם ווי וועגן אַן אָנהויב פון אַן אינטערעסאַנטן ראָמאַן, האָט שאַפּיראָ זיך געפילט געצוואונגען צו לאָזן וויסן („סטודיאָ" נומ. 3) אַז דאָס איז נ י ט דער אָנהויב, נאָר אַ קאַפּיטל פונם ו י י ט ע ר ־ ד י ק ן טייל פונם ראָמאַן. ער האָט אויך געלאָזט וויסן („סטודיאָ"

נומ. 3) אַז „דאָס קאַפּיטל איז אַ ביסל איבערגעלאָדן געוואָרן מיט כאַ־ראַקטעריסטיק גענומען פון אַנדערע קאַפּיטלעך. דאָס שטערט, נאַטיר־לעך, דער סטרוקטור פון דער זאַך.״

אויף דעם סמך האָב איך טאַקע „אויסגעלאָדן״ אַ ביסל דאָס קאַ־פּיטל „דער שטול״, אַרויסגענומען פון דאָרטן עטלעכע פּאַרשוינען און זיי אַריינגעשטעלט צוריק אין דעם קאַפּיטל, וואו זיי האָבן, לויטן אָרי־גינעלן כתב־יד, באַלאַנגט לכתחילה, אינם קאַפּיטל „די יידישע נשמה זשיפּעט״. ממילא האָט געמוזט געמאַכט ווערן אַן ענדערונג אין דעם קאַפּיטל „דער שטול״. איך האָב אויך געפונען פאַר נויטיק צו ענדערן דעם סדר פון די לעצטע קאַפּיטלעך, געבן פריער דאָס קאַפּיטל „דער אַלטער בוים״, נאָכדעם „אין עולם התוהו״. דאָס „קעפּל״ איבערן לעצטן קאַפּיטל, „מאחורי הפרגוד״, איז מיינס. צי איז עס טאַקע דער פּאַסיק־סטער נאָמען ווייס איך ניט.

נאָכן ניט פאַרענדיקטן ראָמאַן קומט די קורצע דערציילונג „די ארכידייע״. ווען זי איז געשריבן געוואָרן ווייס איך ניט, האָב זי אַריינ־געגעבן נאָך 1937 אויף טראַף . . .

דער פראַגמענט „רחל מבכה על בניה״, טאַקע ניט מער ווי אַ פראַגמענט, האָט אָבער אַ וויכטיקע באַדייטונג.

מיט דער טעמע האָט ער זיך אַרומגעטראָגן יאָרן. (זע „שרייבער גייט אין חדר״, זייט 36־37) „איך ראַנגל זיך איצט מיט דער טעמע. אייניקע פון די הויפּט פּאַרשוינען האָב איך אין מיין יוגנט געקאָנט פערזענלעך. איך באַמי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער בלוטיקער בלאָטע כאָטש אַן איינציקע יידישע נשמה, נפש אחת מישראל, און זאָל דער גאָט פון קונסט זאָגן וואָס ער וויל.״

די טעמע: אַ פּאָגראָם פון די „ווייסע״ אין 1919־20, און אַ ייד, יואליק באָרעץ, איז איינער פון די פּאָגראָמשטשיקעס. די באָלשעוויקעס כאַפּן אים, מע באַגראָבט אים לעבעדיקערהייד, און די מאַמע, רחל, איז מצדיק הדין.

לכתחילה האָט יואליק באַדאַרפט זיין די הויפּט פיגור, און די דערציילונג האָט געזאָלט הייסן „די בארעצעס״, נאָכדעם האָט ער גע־ביטן דעם פּלאַן, די הויפּט פיגור האָט געדאַרפט ווערן די מאַמע, ממילא האָט ער געביטן דעם נאָמען אויף „רחל מבכה על בניה״.

יאָרן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דער טעמע. די דערציילונג

האָט, לויט זיינע אייגענע רייד, געדאַרפט זיין „דאָס שוואַנען־ליד". ווייזט אויס אַז די אַלע רייד וועגן „אָפּזאָגן זיך" פון די פּאַגראַם דער־ציילונגען, פון דער „טעמע מיט אַ קוויטש", זענען געווען ניט מער ווי רייד, וואָס האָבן געדאַרפט מער באַהאַלטן ווי אויסזאָגן.

אין אַ בריוו פון סעפּט. 30טן 1930 האָט ער מיר געשריבן:

„. . . פאַרענדיקט מיין דאָקטאַרל. (די מעשה הייסט טאַקע אַזוי — דאָק.) דאָס איז אַ דערנעענטערונג צום הונדערט עמודימדיקן ראָמאַן. די זאַך איז אַזוי גרויס ווי די „יידישע מלוכה", אָדער אַ ביסל גרעסער, צווישן פופציק און זעכציק זייטן. דאָס דערמאָנען פון דער „יידישע מלוכה" זאָל אייך ניט דערמאָנען אָן יענעם שרייבער, ווייל ל. שאַפּיראָ איז גאָר אַ נייער שרייבער, וואָס פּאַנגט איצט אָן זיין ליטעראַרישע קאַריערע."

האָט ער טאַקע געדיינקט אַז דער שרייבער פון „נויאָרקיש" האָט איבערגעשטיגן דעם שרייבער פון דער „יידישע מלוכה"? געדיינקט האָט ער אפשר יאָ. דער שכל האָט געזאָגט שמד־שטיק און, אויב מיר ווילן נאָר, וועט ער צושטעלן גענוג שכלדיקע אַרגומענטן פאַר מסקנות וואָס לייגן זיך גאָרניט אויפן שכל. מ'דאַרף נאָר ווען. און ער האָט עס שטאַרק געוואָלט. אים איז געגאַנגען אין לעבן באַווייזן — אַנדערע און, דער עיקר, זיך אַליין — אַז ל. שאַפּיראָ קאָן אָנשרייבן, אויב ניט אַ שטאַרקערע, איז אַ שענערע „יידישע מלוכה". געוואָלט האָט ער, געפילט האָט ער אָבער אַז זיין ליטעראַרישער טראָן איז פאַר־פעסטיקט דוקא אין דער „יידישער מלוכה", אַ וואַקל טון דעם טראָן — דאָס האָט ער זיך געקענט פאַרגינען, האָט ער גערעדט וועגן „צלם" ווי וועגן אַ ממזר (זע „ליטעראַרישע בלעטער", 1938), אָבער אַראָפּנידערן פון טראָן האָט ער ניט געהאַט קיין חשק. דער איינציקער אויסוועג איז, דאַריבער, געווען — ניט שרייבן אינגאַנצן. אַט דער קריג — שאַפּיראָ ווערזוס שאַפּיראָ, — אַט די חולאת — ניט שרייבן, איז געווען זיין הויפּט מחלה, זי האָט עס געפירט צו אַ סך אַנדערע חולאתן, וועלכע האָבן, ווידער, געמאַכט דאָס שרייבן כמעט ווי אוממעגלעך. „רחל מבכה על בניה" — אַ „קוויטשיקע" טעמע, נאָך אַ מין קוויטש! אַ ייד אַ פּאָגראָמשטשיק — איז דאָס געווען אַ מין „הושיעני נא אך הפעם", אַ לעצטער פאַרזוך זיך אומקערן צו ל. שאַפּיראָ פון דער „יידישע מלוכה".

אַ פאַרפלאָנטערטער ענין, און היות מיין שׂכל האָט אויך געזוג שמד־שטיק, קאָן איך ניט קאווירן אַז מיין השערה איז אינגאַנצן ריכ־טיק. איך קאָן בלויז זאָגן, אַז מיין השערה איז געבויט ניט נאָר אויף מיינע אייגענע נאָכטראַכטענישן וועגן דעם פאַרפלאָנטערטן מענטשן ל. שאַפּירא, נאָר טאַקע אויף זיינע אייגענע רייד. אָט איז אַ געשפּרעך, אויב ניט ווערטערלעך, איז ער זינלעך ריכטיק איבערגעגעבן.

איך האָב צום וויפילטן מאָל ביי אים געמאָנט די דערציילונג.

— ער׳ז שוין דאָ! ער מאָנט שוין ביי מיר! איך קום אייך עפּעס?

— מיר קומט איר גאָרניט, אָבער . . .

— נו נו, זאָגט שוין דעם גאַנצן פּסוק: דער יידישער ליטעראַטור, דעם יידישן פאָלק . . . אַז איר׳ט זי באַגעגענען, די מאַדאַם, די יידישע ליטעראַטור, אָדער דעם זשענטלמאַן, דאָס יידישע פאָלק, זאָגט זיי אַז מר. לאַמעד שאַפּירא האָט באַנקראָטירט, אַנגעזעצט! גוט?

— ניט אַזוי גוט.

— קאָן אים ניט צופרידנשטעלן. וואָס ווילט איר פון מיינע יונגע יאָר? האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר. איך קאָן ניט! איך זאָג דאָך אייך אַז איך קאָן ניט! אין קאָפּ האָב איך עס. פונם אָנהויב ביזן סוף, אָבער וואָס טויג דער קאָפּ, אַז קיין הינטן איז ניטאָ? — ווייזנדיק אויפן אויסגעדאַרטן קערפּער — ניטאָ קיין גוף, און לא המתים יהללו יה, גייסטער שרייבן ניט קיין מעשות. איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ גייסט אין הויזן? ניט געזען? טאָ וואָס ווילט איר?

— מ׳נעמט זיך אָן מיט כּוח און מ׳שרייבט עס אָן. די דער־ציילונג דאַרפט איר אָנשרייבן.

— ער זאָגט מיר איך דאַרף זי אָנשרייבן. אודאי דאַרף איך. געדיינקט איר ביי פּושקינען, זיין מאָנאָך, ווי ער זאָגט דאָרט: „יעשטשאָ אָדנאָ פּאָסליעדניעיע סקאַזאַניע אי ליעטאָפּיס אָקאָנטשענאַ מאָיאָ״? *
מיט דער דערציילונג וואָלט איך געוואָלט פאַרענדיקן מיין „ליעטאָ־פּיס״. די באַרעצעס, דער עיקר די מאַמע, ליגט מיר אין די ביינער, אין די ביינער ליגט זי מיר, אָבער גיי צו דעם קליאַק פון די ביינער.

— איר האָט דאָך נאָטיצן.

— אודאי האָב איך. דאָ אָ, — האָט ער אָנגעוויזן אויפן טיש, וואו

---

*) נאָך איין לעצטע זאָגע און מיין צייט־פאַרשרייב איז צו ענד.

צוזאַמען מיט קעסטעלעך, שרייפּלעך, האַמער, שרויפן־ציער און נאָך שמאַכטעס, זענען געליגן פּאַפּירן, פּאַפּירעלעך, שטיקלעך קאַרדאָן, אויף זיי פאַרצייכנט אַ שורה, אַ וואָרט, און קיינער האָט זיך ניט געטאָרט צורירן צו דעם. — דאָ אָ, ליגן אַ סך פאַרצייכענונגען, אַ שורה, אַמאָל נאָר איין וואָרט, אָבער איך ווייס וואוהין דאָס באַלאַנגט, איך דאַרף עס האָבן, דאַרף דערפון עפּעס מאַכן, אָבער גיי מאַך . . .

— ווי וואָלט געווען איר זאָלט ווי עס איז „פאַרסטריגעווען", איך זאָל עס „אָפּשטעפּן".

— ניט שלעכט, — האָט ער געשמייכלט, — אָבער אויף פאַר־סטריגעווען דאַרף מען דאָך אויך האָבן כוח, א ו י ג ן כאָטש, און איך האָב שוין גאָר קיין אויגן, אַפילו אייך דאָ זע איך מער מיטן זכרון ווי מיט די אויגן, און איר רעדט פון פאַרסטריגעווען.

— וואָס מכוח דיקטירן?

— דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט. ניט פון די „גרויסע" שרייבער. איך דאַרף אַ ל י י ן שרייבן, און דאָס קאָן איך ניט. מיללער! איך קאָן ניט!

ער האָט שוין טאַקע ניט געקאָנט. אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט איז פאַרצייכענען, אָנדראַקען אַ שורה, אַ פּאָר ווערטער. פון דאַנען שטאַמען עס די מערסטע זאַכן אין די „קיצורים".

געבן די קיצורים אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר איז געווען אוממעגלעך. דאָס איז ניט געשריבן געוואָרן ווי אַ טאָג־בוך, אַ זשורנאַל, אין אַ העפט, נאָר אָנגעוואָרפן אָן אַ סדר אין משך פון יאָרן. אורטיילנדיק לויט די פּאַפּירלעך, פון ניו יאָרקער האָטעלן, לאָס אַנגעלעסער, האָט עס געמוזט זיין אַ יאָר פופצן. די שטיקלעך פּאַפּיר זענען געווען פון פאַרשיידענע קאָלירן און גרויס, גאַנץ אָפט די גרויס ניט מער ווי איין צאָל! ער האָט געשריבן אויף שטיקלעך קאַרדאָן. אויף . . . לעש־פּאַפּיר, מיט טינט, מיט אַ טעמפּער בלייפען, אויף ביידע זייטן פּאַפּיר, אויף איין פיצל פּאַפּיר פינף פאַרשיידענע פאַרצייכענונגען. די לעצטע צייט האָט ער געשריבן מיט אַ האַנטשריפט, וואָס מ'האָט קוים געקענט דורכקריכן, זיך אָנשטויסן וואָס ער האָט געמיינט. איך האָב דאַריבער קלאַסיפיצירט די אַלע פאַרצייכענונגען לויט דעם אינהאַלט און זיי איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: וועגן ליטעראַטור און שרייבער; וועגן יידן און יידיש; און וועגן מענטש און וועלט.

די קלאַסיפיקאַציע איז אפשר ניט אַלע מאָל געלונגען. קען זיין, אַ לייענער וועט איינזען אַז די און די מימרא פּאַסט זיך בעסער אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, אָדער אין דערזעלבער אָפּטיילונג, נאָר אַ ביסל פריער, צי שפּעטער. אויב דאָס זאָל פּאַסירן, מעג דער לייענער פריי אַריבערגיין פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער, אַריבערפירן די „סחורה" און, אסור מיר, אויב איך וועל פאַרלאַנגען אַ פּאַספּאָרט אָדער אַ וויזא. איך האָב צוזאַמענגעשטעלט לויט מיין בעסטן פאַרשטאַנד און ווילן.

לויט מיין מיינונג זענען אַט די קיצורים זייער אַ וויכטיקער טייל פון דעם בוך. אַפּילו דאָרט וואו ל. שאַפּיראָ מאַטערט זיך געפינען אַ ריכטיק יידיש וואָרט, איין און איינציק יידיש וואָרט, נאָר דאָס ריכטי־קע, דאָס סאַמע ריכטיקסטע, קאָן מען זייער אַ סך לערנען דערפון.

מיר קענען ל. שאַפּיראָס גאַנג פון די מיטעלע יאָרן זיין „יידישע מלוכה" „נויאָרקיש", דאָס איז אָבער ניט דער גאַנצער ל. שאַפּיראָ. אין די „כתבים" דאָ זעען מיר זיינע ערשטע טריט און אויך זיינע לעצטע שריט. די כתבים זענען אַ דערגאַנצונג, דורך זיי וועלן מיר בעסער דערקענען ל. שאַפּיראָ דעם שרייבער און דעם מענטשן. צוליב דעם טאַקע ווערט דאָס בוך אַרויסגעגעבן.

צום סוף.

איך האָב זיך פאַרנומען מיט דער רעדאַקציאָנעלער און אויך מיט דער טעכנישער זייט פון בוך. איך וואָלט אים אָבער ניט געקאָנט אַרויס־ברענגען אָן דער הילף פון אַ צוויי מנינים יידן דאָ אין שטאָט, און גע־ציילטע מענטשן איבערן לאַנד. זיי האָבן געהאָלפן שאַפּיראָן ביי זיין לעבן, און אויך באַהילפיק געווען אין אַרויסגעבן דאָס בוך. זאָל דאָס בוך דאָ זיין דער דאַנק צו זיי.

ש. מילער.

לאָס אַנגעלעס, 1949.

⚜ ⚜ ⚜

לידער

היים—ווײ

נאָענט, נאָענט! עס ענדיקט זיך באַלד
דער ווייכער קאַפּריז פון רוישנדע בלעטער . . .
שטיל פאַרשווינדן די גייסטער און געטער
פון דעם אַלטן פאַרחלומטן וואַלד . . .

נאָענט, נאָענט! עס טונקלט דער טאָל
און סטרונעס רויך פון אים שטייגן צום הימל . . .
ס׳טייכל פינקלט . . . די מיל שטייט אין דרימל . . .
אַלעס, אַלעס ווי דאַן, ווי אַמאָל . . .

זייט געגריסט, מיין ליבהאַרציקער טייך.
די אַלטע מיל אויפן וואַסער דעם שטילן!
ווייסט איר, וועלכע עס קאָכן געפילן
אין מיין האַרצן ביים קוקן אויף אייך? . .

זיי געבענטשט, מיין געבורטס־אָרט, מיין וויג,
וואו כ׳האָב צום ערשטן געעפנט די אויגן!
זעסטו, אַז כ׳קום איצט אַן שווערד און אַן בויגן
פון דעם גרויסן, דעם אייביקן קריג? . .

פריד און זעגן, מיין קינדהייט! הלואי
וואָלט ווידער יעצט אין דיין שויס איך געליגן:
כ׳וואָלט נאָך פּרוּאוון זיך פאָלן און זיגן,
כ׳וואָלט נאָך וועלן צו שפילן אויף ס׳נייי!

ווארשע, דעם 1טן יאנואר, 1904.

אין וואַלד

איך גיי דורכן וואַלד. אין זיין קאַלטלעכן שויס
ווי גרויס איז די שטילקייט. ווי טיף איז דאָס שווייגן!
נאָר גייסטער דאָרט סודען זיך צווישן די צווייגן
און קוקן מיר נאָך, און פאַרלויפן פאַראויס.

איך גיי דורכן וואַלד. און טל זאָגן שטום
דער דעמב און די סאָסנע, די גראָזן און בלומען.
מיר דוכט — איך וועל קיינמאָל אין ערגעץ נישט קומען,
און אייביק וועט ציען דער וואַלד זיך אַרום . . .

אַ שטראַל האָט פאַרקוקט — און געשווינד זיך פאַרשטעלט;
עס בלויט נאָר פרידלעך אַ שטיקעלע הימל.
דאָרט אין אַ זייט האָט, דערשראָקן אין דרימל,
אַ פייגעלע אַ פּיפּס געטון — פריד צו דיר, וועלט!

פאלעניצע־יוזעפאוו, 15טן יולי, 1904.

דער נביא

מיך פֿאַר אַ קרבן האָט גאָט, דער באַשאַפֿער,
געבריינגט פֿאַר אייך אַלע,
מ י ך פֿאַר אַ קרבן . . .
— — — — — — —
ס׳בלוט אין די אָדערן האָט ער פֿאַרגיפֿטעט,
מיין שמחה פֿאַרלאָשן,
מיין האָפֿענונג פֿאַרדאָרבן;
העליש אַ פֿייער אין קאָפּ אָנגעצונדן,
אַנטפֿלעקט מיינע נערוון,
פֿאַרשאַרפֿט די געפֿילן;
אָנגעפֿילט האָט ער דאָס שטורמישע האַרץ מיינס
מיט ברענענדן צאָרן,
מיט טרויער מיט שטילן;
ברייט אויפֿגעעשניטן מיין מויל און פֿאַרפֿילט עס
מיט פּעך און מיט שוועבל,
מיט גליענדע קוילן;
נאַקעט און בלויז אונטער דונער און שטורם
האָט גאָט מיך געטריבן
און האָט מיר באַפֿוילן —

צו שענדן און פֿלוכן! . .

שענדן אייך אַלע:

געבויגענע רוקנס;
פאַרלאָשענע אויגן
און ליפּן פאַרבלייכטע;
שענדן און פלוכן צעבראָכענע הערצער,
און נערוון צעשרויפטע,
צעווייקטע, צעווייכטע;
שענדן און פלוכן פאַרטרוקנטע העלזער,
און הוסטנדע ברוסטן,
און קייכנדע לונגען;
שרייען און שרייען צו אויערן טויבע.
שטעכן און פּיקן
פאַרהילצערטע צונגען;
שענדלעך צו פּאַטשן אויף שמאַלציקע בייכער.
צעקראָכענע, בלאַסע
און בלוט־אָרעמע קאַרקן;
בייסן אייך גיפטיק, און שמערצלעך, און פיינלעך
אייך, פעטע און שוואַכע,
כדי אייך צו שטאַרקן.

— — — — — —

מיך, פאַר אייך אַלע, האָט גאָט, דער בעל רחמים,
געבריינגט גאַר אָן רחמים
מיך פאַר אַן עולה . . .

ווארשע, 11טן מערץ, 1905.

זעלבסטשוץ

אַ שוואַרצע נאַכט. אַ תהום אַ הימל.
עס שלאָפט קיין מענטש פון עק צו עק.
קיין איינציק אויג פאַרמאַכט דער דרימל
אין אָט דער נאַכט פון שאַנד און שרעק.
אַ שוואַרצע נאַכט. מיט טויזנט אויגן
פאַרקוקט דער טויט צו אונדז אַהער.
ער האָט זיין שווערד פון שייד געצויגן
און ציט אים שוין צוריק ניט מער.
גיט אַכט, גיט אַכט, איר טרייע וועכטער!
איר הערט? . . דורך נאַכט פון צייט צו צייט
דערגרייכט צו אונדז אַ ווילד געלעכטער,
אַ בייז געשפעט פון שונא'ס זייט.

— — — — — —

דיין בליק איז ווילד. דיין שטערן, ווידער,
איז בלאַס און פייכט פון קאַלטן שווייס.
דו ציטערסט, פרייַנט, מיט אַלע גלידער —
עס איז דיר קאַלט? . . עס איז דיר הייס? . .

— — — — — —

איך קאָן ניט מער! . . מיין יעדער אבר,
דאָס גאַנצע בלוט מיינס, אויפן קאָפ די האָר —
דאָס אַלעס שפירט דעם הויך פון קבר!
ווייסט וואָס איז אַלט זיין צוואַנציק יאָר?!
איך קאָן ניט מער . . . די אַנגסט מיט צוואַנגען

פאַרקוועטשט מיין האַרץ אין טויטער קלעם.
האָט ווער מיין ווילן דען געפאַנגען?
איך שטאַרב. — נאָך וואָס? פאַר וואָס? פאַר וועם?
עס ברענט אין בלוט אַ העליש פייער.
מיין קאָפּ איז שווער ווי בליי, ווי שטיין.
איז עמיץ מער מיר ליב און טייער
פון מיר אַליין? פ ו ן מ י ר אַ ל י י ן ? !
ניין! אונטער דר׳ערד, אין שטיינער־שפּאַלטן
פאַרקריכן וועל איך, ליגן שטום —
און וועל פון טויט זיך א ו י ס ב אַ ה אַ ל ט ן !
און אַלע איר — קומט אום! קומט אום!

— — — — — —

עס הערט דעם קרעכץ און ווערט פאַרציטערט
די נאַכט אַליין אויף איין מינוט.
ווי שרעקלעך שווער עס איז די גסיסה
פון שטאַרקן גוף, פון יונגן בלוט!
אין האַרטן שטאָל פאַרוואַנדלען אייזן —
ווי הויך און שטאַרק מוז זיין די היץ!
ווי שווער דער שטויס איז צווישן וואָלקנס
וואָס רייסט אַרויס אַ העלן בליץ!
אָה, גאָט! מיר בעטן קיין נצחון!
וויש אָפּ פון פאָלק זיין גרויסע שאַנד.
דערלויב אונדז זען דעם שונאס פּנים
און שטאַרבן מיטן שווערד אין האַנט.
דערלויב אונדז פאַלן וואו מיר שטייען,
דעם פּחד טרייב פון אונדז אַוועק,
און שטאַרק דאָס האַרץ און שענק אונדז צאָרן
אין אָט דער נאַכט פון ווילדן שרעק. —

— — — — — —

דו שפּירסט? עס פאָכן קאַלטע פליגל . . .
דאָס זוכט דער טויט פאַר זיך קרבנות.

ער קלייבט דאָס יינגסטע אָן רחמנות
און לייגט דערויף זיין שוואַרצן זיגל.
איך הער דעם שונאס פריילעך שאַלן,
איך זע ווי שטייף ער ציט זיין בויגן,
עס איז אַ פייל פאַרבייגעפלויגן,
עס איז אַ פריינט דאָרט שווער געפאַלן.
אַ שטילער קרעכץ — אַ זיפץ — געשטאָרבן.
נאָר — שאַ! דאָ איז קיין פּלאַץ פאַר וויינער!
און נאָך . . . און נאָך . . . אַ האָגל שטיינער.
גרייט אָן דיין בלוט, דו כהן — קרבן!

— — — — — —

און פילסטו שרעק — פאַרבייס די ליפּ,
פאַרקריץ די ציין — און שווייג. און שטום!
און רינט דיין בלוט, און פּלאַצט דיין האַרץ,
און שטאַרבסטו — שטאַרב,
און שווייג. און שטום!
און שטרעקסטו דיין האַנט
און צילסטו — טרעף!
און שלאָגסטו — טויט!
און שטום . . . און שטום.

(געשריבן צום זכרון פון זשיטאָמירער פּאָגראָם, פּסח, 1905, אונ־טערן איינדרוק פון דער שילדערונג פון א. ש. זעצער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אינם זעלבסטשוץ.

געדרוקט אין לאָנדאָנער „פרייע אַרבייטער וועלט", יאַנ. 5, 1906.)

צו מיין פאָלק

אַך, מיין פאָלק, ווי גרויס דו ביסט!
זע, מיין פאָלק, ווי דו ביסט גרויס!
וואו אַ ישוב, וואו אַ מדבר,
וואו אַ וואַסער ביסטו אויס.

קום איך זינגען דיר אַ לויב:
דו באַצווינגסט די גאַנצע וועלט,
און אין לאַנד פון מילך און האָניק
לעבסטו פון חלוקה געלט.

אַך, מיין פאָלק, ווי דו ביסט רייך!
דיינע שיפן גייען אום
איבער אַלע שבעה ימים;
דיינע קינדער — אומעטום.

גייט אַ שיף אין וויטן ים,
פירט זי האַנדל מיט דער וועלט;
און געפּאַקט איז זי מיט לוחות,
מיט לולבים אויסגעשטעלט.

אַך, מיין פאָלק, ווי הויך דיין שטאַנד!
ביסט ביי לייטן אַ פּאַרנעם;
דיינע פיש און דיינע טעכטער —
אויף דער וועלט דעם גרעסטן שם.

גייט אַ שיף אינמיטן ים,
גייט זי גלייך און אויף אַ זייט,

מיטן ווינט און מיט די וועלן
פירט זי האָפּערדיק אַ שטרייט.

פליען שדים זיך צונויף,
ס'האָבן זיך דערפון דערוואוסט,
זיך אַ ביסל לוסטיק מאַכן
האָט זיך גריילעך זיי פאַרגלוסט.

ווערט אַ הילכיק פייפעריי,
שפילן זיי זיך מיט דער שיף,
פליט דאָס שפילעכל פון גרויס חדוה
אין דער הויך און אין דער טיף.

כאַ־כאַ־כאַ! הוראַ! הוראַ!
אַריין! אַראָפּ! אַרויף! אַרויס!
אויס־געֿ־צייכנט! האָפּאַ! האָפּאַ!

— — — — — —

אַך, מיין פאָלק, ביסט געטלעך גרויס!

לאָנדאָן, 20טען מערץ, 1906.

סערענאַדע

ווען די היץ הויבט אָן צו פאַלן,
ווען עס שטאַרבט דער טאָג אין שטראַלן,
אין הערלעך שטרייגנער רו —
צום פענצטער קום דאַן צו.

ווען פאַרשעמט — פאַרשייט צוזאַמען
גליט דער אונטערגאַנג אין פלאַמען
און שאָטנס שוועבן שטום —
אַ בליק דאַן וואַרף אַרום.

ווען דער טוי באַשפריצט די גראָזן,
ווען קוים־קוים הויבט אָן צו בלאָזן
אַ לייכטער אָוונט־ווינט —
מאַך אויף דיין טיר געשווינד.

ווען דיר דוכט דו הערסט מיך זינגען,
ווען דיין האַרץ הויבט אָן צו שפּרינגען —
אַרויס דאַן שפּרינג פון טיר —
צו מיר — צו מיר — צו מיר.

(אונטערגעחתמעט — ליש)

.1906

MOMENT MUSICALE

אין האַלבער נאַכט . . . אין האַלבער נאַכט . . .
עס שלאָפֿט דער גייסט, דער בייזער גייסט
וואָס רופֿט זיך טאָג.
עס רוט און וואַכט
מיין האַרץ אַליין
אין האַלבער נאַכט.

עס וויגט דאָס אויג דעם חושך איין.
קיין פֿאָרם קלאָר; קיין שטאַלט; קיין פֿלעק;
קיין שאַרפֿער שטריך,
קיין העלע שיין.
עס פֿאַלט קיין שטראַל
אין אויג אַריין.

דאָס אויער רוט פֿון קלאַנגען־דראַנג.
די שטילקייט ז׳טיף ווי ס׳איז דער ים
און רעדט, ווי ער,
מיט וויַיטן קלאַנג —
פֿילייכט אַ פֿלוך;
פֿילייכט געזאַנג.

באַשאַפֿן ווערט אין האַלבער נאַכט
אַלץ — וואָס לעבט אין חולה־נופֿל־טאָג
און שטאַרבט אין אים.

דאָס האַרץ דערוואַכט,
און רוט, און שאַפֿט —
אין האַלבער נאַכט.

(אונטערגעשריבן ל. י. ש.) שיקאַגאָ, 1908

סמבטיון

א.

די שיף איז אָפּ

די שיף איז אָפּ. עס וויגט זיך ווייך און לאַנגזאַם
דער פּלאַכער ברעג און מאַכט אַ טראָט צוריק,
און ס'ווענדט נישט אָפּ קיין איינער פון אונדז ביידן —
נישט איך פון אים, נישט ער פון מיר — דעם בליק.

די שיף איז נאָר וואָס אָפּ. צונויפגיסן זיך האָבן
די קערנער זאַמד נאָך נישט געהאַט קיין צייט,
און וואָס מיין אויג זעט דייטלעך נאָך און נאָענט —
איז שוין אַוועק — איז איצטער וועלטן־ווייט.

דער געלער זאַמד — דער זאַמד ווי גאָלד און קאָרן —
מיט גאָלד־געבליץ און זאַטן קאָרן־דופט! —
דער געלער זאַמד — די קאלינע ביים פענצטער!
דער געלער זאַמד — און מילדע היימאַטס־לופט!

דער געלער זאַמד — און אַלט באַקאַנטע שטערן
אין הימל־בלוי צעוואָרפן אומגעציילט!
דער געלער זאַמד — און אַלץ וואָס וויי און טייער,
וואָס איך זאָג אויס — און וואָס דאָס האַרץ פאַרהוילט!

מיין געלער היימאַט־זאַמד! נישט מיין איך האָב פאַרגעסן —
כ'געדיינק און ווייס. נאָר — וויי! — דאָס אַלץ פון דיר,
וואָס סטרונעס רירט דאָרט טיף ביי מיר אין הארצן
און טענער ציט — דאָס אַלץ איז נישט פאַר מיר.

ניִשט זאָג: „ס'איז שוואַרץ", ניִשט רוף מיך כפוי טובה:
ס'געוועזענע, דאָס אַלעס וואָס פון פריער —
איך נעם דערפון דעם אָנדיינק מיט אין האַרצן —
נאָר ס'איז ניִשט מער, עס איז ניִשט מער פאַר מיר.

הער אויס:
אַ נאַכט אַ בלויע האָט געקעניגט —
און פלוצים איז אַ שטערן פון זיין זיץ
אַרויס: אַ פייער־שלאַנג — אַ שאָס אין ראַנד פון הימל —
און איז אַוועק, פאַרלאָשן ווי אַ בליץ.

אין יענער נאַכט האָט עפּעס מיך געטראָפן —
איך ווייס ניִשט זעלבסט, אַן אומגליק צי אַ גליק?
איך ווייס נאָר איינס און ווייס ניִשט ווי איך ווייס עס:
ניִשטאָ פאַר מיר, ניִשטאָ קיין וועג צוריק!

צי האָב איך זיך — פאַרגעסן ביים געבוירן
פון מלאכ'ס ריר — די אויבערוועלט דערמאָנט?
צי האָט מיין אויג, פון שטערנס לויף געצויגן,
דערזען, וואָס עס זען האָט ניִשט געקאָנט?

עס ליגט אַ לאַנד אויף יענער זייט סמבטיון —
צי ווייס איך עס פון חלום ביי דער נאַכט?
צי האָט דערפון אַ פויגל מיר געזונגען?
צי האָב איך עס אַליין מיר אויסגעטראַכט?

עס ליגט אַ לאַנד — און ליגט ניִשט זאָל עס ליגן! —
עס ליגט אַ לאַנד נאָך ווייטער פון עק וועלט,
וואו ס'גייען אויף לבנה, זון און שטערן
ניִשט אין אַ צייט ס'פאַר זיי איז פעסטגעשטעלט.

נאָר היינט אַזוי, און מאָרגן — פריער, שפּעטער,
אין מזרח איצט, און נעכטן — דאָ און דאָרט . . .

עס שלאָגט דער ים אַריבער זיינע ברעגן
און ווייסט קיין גבול, קיין מאָס פאַר צייט און אָרט.

פאַראַן אַ לאַנד — און איז נישט, זאָל עס ווערן! —
אַ לאַנד, וואו טייכן שטראָמען באַרג אַרויף,
וואו ס׳האָט דער טויט זיין שליטה גאַנץ פאַרלוירן,
וואו קומען קומט דער אַנהויב נאָכן סוף.

וואו ס׳ליגט אין שטויב דער שטריינגער סדר עולם,
וואו קיין פאַרלאַנג באַגעגנט נישט קיין שטער,
וואו „אוממעגלעך" איז אוממעגלעך געוואָרן,
און איינציק הערשט דער פרייער האַרץ באַגער!

— — — — — — — —

לעב וואויל! לעב וואויל, מיין ברעג פון רו און פרידן,
מיין ליבער ברעג פון אַלעם מיטלער גרויס —
וואו אומגליק שאַלט זיין האַרן איינס אַ שמיטה,
און יום־טוב פאַלט אַ מאָל אין יובל אויס . . .

לעב וואויל! ס׳איז גוט, ס׳איז גוט ביי דיר און היימלעך —
נאָר ס׳רייסט מיך וועק אַ ריזיק שטאַרקע האַנט
און צייגט — אַהין! דער ברעג שווימט אָפּ אַלץ ווייטער.
איך גיי אַוועק . . . פאַראַן, פאַראַן אַ לאַנד!

איך גיי אַוועק . . . צי וועל איך ערגעץ לאַנדן?
איז נישט באַשערט מיר זינקן מיטן שיף?
צי שטרעקן נישט די אָרעמס וואַסער־פלאַנצן
צו מיר פון דאָרט, פון שוואַרצער, קאַלטער טיף?

ס׳איז אפשר פעסט — ווער ווייסט — מיר אָנגעשריבן
צו טרייבן זיך אָן אויפהער הער און הין
אויף גרויען ים און אונטער גרויען הימל —
אין זעלבן גרוי, פון וועלכן איך אַנטרין?

געדיינק, מיין ברעג, אין נעכט, ווען אַלע הימלען
זיך שפּאַלטן אויף אין קראַך און גרינעם פלאַם;
ווען פון דער ערד איז דער יסוד ערשיטערט;
ווען ביזן גרונט איז שוים און זאַד דער ים.

ווען ס׳זענען לויז חיילות פון נישט־גוטע
און רייטן אויף די פליגלען פונם ווינט —
אין יענע נעכט דערמאָן זיך אָן דעם וואָגלער,
אין יענע נעכט דערמאָן זיך אָן דיין קינד!

און אויב דו זעסט אין שווערן, שוואַרצן חלום:
אַ שיף, געיאָגט פון שדים פון דער העל,
פליט ערגעץ ווייט, געשליידערט ווי אַ שפּענדל,
אַ לייכטעס שפּיל פון ווילד פאַרשייטער וועל.

און אויפן דעק אַ שטומער, שוואַרצער שאָטן
שטייט פעסט, און קאַלט, און רואיק, און אַליין —
נישט גלויב דעם האַרטן בליק פון זיינע אויגן,
נישט גלויב דער שטאַרער קאַלטקייט פון דעם שטיין!

נישט גלויב, נישט גלויב אים! גוט — אה גוט! — אים זענען
באַקאַנט די ציין, די שאַרפע ציין פון באַנג,
און ווי אַ בלאַט זיין האַרץ ווערט אויפגעציטערט
ביים בלויזן וואָרט, ביים בלויזן „מאַמע״־קלאַנג!

נאָר שווייג! אומזיסט, אומזיסט די מי צו לעשן
ווען טיף אין שיף ברעכט אויס אַ פייערבראַנד . . .
ווער ס׳האָט געזען, וואָס זען האָט נישט געקאָנט ער,
דער ק אָ ן נישט זען, וואָס זען איז ער אימשטאַנד!

נאָר שווייג! פאַרבייס ביז בלוט די דינע ליפּן,
פאַרדריק די ציין, דעם קינדער שלוכץ פאַרשטיק,

און גיי אַהין, וואוהין דיין שטערן רופט דיך —
דען ס׳איז נישטאָ, נישטאָ קיין וועג צוריק!..

— — — — — — — —

די שיף איז אָפּ. אַ שאַרפער זאַלץ ווינט הייבט זיך
און מאַכט זיך גרייט צום פרייען, ווילדן רייט.
אַ לעצטער גלאַנץ פון זאַמד ווי גאָלד און קאָרן —
ער איז מיר נאָענט — און וועלטן — וועלטן ווייט.

ב.

קאַיאַר האָט אַן אָטעם געצויגן,
אַ מלאכ׳שער פליגל געווייט,
און איינס נאָכן צווייטן געלאָשן
די מחנות פון ליכטיקע אויגן
אין פערל־גרוי הימל צעשפרייט.

אין מערב ראַנד פון לבנה
האָט כלה־בלאַס שווייגנד געקוקט
אין מרחק פון וואַסער און הימל,
די שטילקייט געהערט מיט כונה
און שטיל זיך אַהינטער גערוקט.

דערנאָך איז אַ רגע געקומען —
און שטיין איז געבליבן די צייט.
עס ווערן אין שווינדל פון שאָטנס
געשטאַלטן און פאָרמען צעשוואומען,
צעמישט זענען נאָענט און ווייט.

דערנאָך איז אַ רגע געקומען —
איך האָב מיינע אויגן פאַרמאַכט,
און, צווישן הימל און וואַסער,

מיין אויער האָט אומקלאָר פאַרנומען
דעם גאַנג פונם טאָג און דער נאַכט.

און מעכטיק פון ים ביז די שטערן
אַ ה ו י ך האָט דעם חלל גערעגט . . .
„ביסט דו דאָס, אָה גאָט דער באַשעפער,
דער גאָט פונם בלינדן באַגערן?"
מיין האַרץ האָט אָן ווערטער געפרעגט.

פאַרביי איז די רגע . . . עס וויגן
זיך שטאָל־גרויע פעלדער אַרום;
פאַרגאַנגען דער ראַנד פון לבנה,
און דין איז אַ שירה געשטיגן
פון ים, ווי דער ריח פון בלום.

און באַלד האָט אַ ראָזיקער שמייכל
פון מזרח די בשורה געבראַכט:
די מלכה מיט גאָלדענע לאָקן
פאַרלאָזט שוין איר בעט און איר היכל
און קומט אין איר שטראַלנדער מאַכט.

— — — — — — —

(ניט פאַרענדיקט)

צום פּאָעט

פּאָעט!
אויב דו ווילסט זיין עכט —
ניט זינג פון שלאַכט און פון געפעכט;
ניט זינג פון אומרעכט און פון רעכט;
ניט זינג פון „גוט” און פון „שלעכט”;
זינג פון ברויט און פון געשלעכט.

דער נביא זאָגט:

כ׳פאַרלאַנג פון אייך
איר זאָלט מיין ווי באַגרייפן —
באַצאָלן פאַר מיין פולמאַן בעט.
און פאַר מיין פלייסיק שלייפן
אַיעדעס וואָרט פון פען און מויל,
און פאַר מיין טאָן דעם שטייפן,
און אויף מיין שטרייגגער מינע
זאָלט איר ניט וואָגן פייפן!

ניו יאָרק פון מיין פענצטער

(פּאַנעל)

פרימאָרגן. פריי־יאָר.
דעכער איבער דעכער.
דיך־געשפּינטע בריקן, טורעמס,
און העכער.

ווייכע כוואַליעס פון ווייסער וואַטע
שווימען איבער וואַסער־בלוי פון הימל,
און פון אַ טויב דער ווייסער פליגל
קרייזלט קרייזלעך איבערן געווימל

פון מענטשן — דעכער — הייזער — גאַסן.

שמע קולנו

אל — אלוה — אלוהים — צי יהוה:
מיר דאַנקען דיר ביטער פאַר דער גיפטיקער טובה
וואָס האָסט אונדז צעוואָרפן איבער די אומות.
מיר האָבן צו דיר חלילה קיין תרעומות.

נאָר איצטער — כי באו מים עד נפש —
דערמאָן זיך אַ ווײַלע, אָה זאָרגפולער פאַסטעך,
אָן דײַן פאַרלוירענער סטאַדע,
וואָס ווי שאָף אין אַ שריפה אין ווילדן געלאָף!
דערמאָן זיך אָן יענע
וואָס בלאָנקען אין זאַמדיקן מדבר צעבערענטן,
וואָס נידערן ימים אין שיפן, אָקרענטן —
אנשים ונשים וטף.
דערמאָן זיך דײַן שבועה, אָה פּאַסטעך געטרײַער,
דעם קשת בענן, דײַן צײַכן אין פײַער,
אַז דו וועסט מער ניט מבול'ען —
און מבול'סט, און מבול'סט, און מבול'סט!

מיר געדענקען דיר גוט די גנאָד פון דײַן יוגנט,
ווען האָסט זיך באַרימט מיט דײַן מענערשער טוגנט:
דער מאַן פון מלחמה! דער האַר פון חיילות!
אל קנוא — אל קובה, אַן עושר אין קללות!
צעאוס — צבאות! — אַנטליענע טיטלען
פון רײַכערע שכנים־פעלקער, פון געטער מיט מיטלען,

און איצט?

צי שמעקט דיר כאָטש גוט, אין דיין זקנ׳ישן דרימל
אויף די תכלת־געהאַפּטענע קישנס פון הימל,
ס׳געוויין פון די קינדער? ס׳געהייל פון די ווייבער?
דער ריח דער טערפּקער פון געפּייניקטע לייבער —
דער ריח ניחוח פון דער עולה תמימה?

פאַרנעם אונדזער קול, אָה גאָט פון ישראל,
אונדזער וואָרט וואָס איז האַרט און האַרב:
מיר זענען נאָך ניט קיין פאַרטריקנטע ביינער!
מיר וועלן אויפסניי, נאָך פון העלצער און שטיינער,
זיך ייִנגערע געטער אויפשטעלן —
מיר וועלן! מיר וועלן!
— — — — — — —
אה, לעסטער גאָט און שטאַרב!

לאָס אַנגעלעס, נאָוו. 8, 1940.

דער מבול

(קדיש נאָך די צוויי און נײַנציק ייִדישע טעכטער, וואָס זענען
אומגעקומען אויף קידוש השם)

אויף יענער זייט ים איז אַ פּאַווע געפּלויגן
און געקומען צוריק מיט אַ בלוטיקן שנאָבל.
אויף יענער זייט ים, אין אַ לאַנד נישט־געפּלויגן־נישט־געשטויגן,
איז טראַבל, איז גרױילעכער טראַבל!

די שאַטנס פון המן, כמעלניצקי און גאנטא קומען צוריק,
און מיט אַלץ אויף וואָס זיי זענען געווען קאַפּאַבל.
און אויף יענער זייט ים עס נידערט פון הימל
אַ מבול, אַ בלוטיקער מבול.

און ווען קומט שוין די טויב
מיטן בלאַט דעם גרינעם אין פּיסקל,
ווייל עס קאָן זיין צו שפּעט
ביזקל . . . ביזקל . . . ביזקל . . .

— — — — — — — —

כמורנע וואָרקעט די טויב ביי מיין פענצטער צווישן די צווייגן.
און איך קאָן ניט ריידן, און איך קאָן ניט שווייגן.

אַ תפילה

מיין גאָט, איך בעט נישט פיל פון דיר.
אַלע באַגערן זענען פאַרלאָשן.
די איינע זאַך וואָס לעבט אין מיר
איז — יידיש לשון.

איך בעט:

מיין וואָרט זאָל זיין ווי אַ בלאַנקער שווערד
וואָס בלינצלט פאַר מענטשנס אויגן.
מיין וואָרט זאָל זיין ווי אַ שלאַנקע פייל
וואָס איילט פון זיך פון בויגן.

מיין וואָרט זאָל זיין ווי דער כליפּ פון קינד
אויף קליינע רויטע ליפּלעך.
מיין וואָרט זאָל זיין ווי דער לעצטער זיפץ
אויף די לעפצן פונם גוסס.
מיין וואָרט זאָל זיין ווי אַ ווייט געזאַנג
פונם וואַנדערער אין דער זאַהאַראַ.
ווי אַ מענטש וואָס זינגט צו זיך אַליין
אין טומאה און אין טהרה.

ל. א., 1942.

מיינע פאַרטאָגן

עס זענען מיר געקומען צו חלום
דער זשענטעלמאַן פון נעאַנדערטאַל
און דער גאַלאַנט פון קראָ־מאַניאָן.
זיי האָבן געשטשירעט די ציין און געלאַכט:
זע וואָס דו האָסט פון אונדז געמאַכט!

אַוודאי האָבן מיר איינער מ׳צווייטן געפרעסן;
געגריזשעט די ביינער פון קאָפּ און הינטער־חלק;
אָבער דאָס איז דאָך פּ ר נ ס ה —
וואָס איז אויך ביי ד י ר אַזוי הייליק.
נאָר האָט זיך אונדז ווען געחלומט
צו שפּילן זיך מיט מייז,
צו לייגן זיי אויף פייער און אויף אייז,
בלויז לשם הנאה?

— — — — — — —

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין שווייס.
ווי שפּעט איז עס? ס׳איז מיר הייס.
ס׳איז האַלב נאָך פיר אין מאָרגן.
עס שטיקט מיך. קאָן עס זיין, אַז כ׳וועל דערוואָרגן?
אָדער עפּעס אַ צערודערונג אין מאָגן?
באַשיץ מיך, גאָט, פון די בייזע חלומות
פון מיינע פאַרטאָגן.

— — — — — — —

און אפשר איז ער גאָר געווען גערעכט,
דער דאָזיקער שווערפּיסיקער דייטשער דענקלער —
ווי הייסט ער דאָרט — דער אָסוואַלד שפּענגלער,
אַז אונדזער ציקל, דער מערבֿ־ציקל, איז געשלאָסן,
און אַז עס גייט אַ נייע כוואַליע פֿון אַלטן אָריענט.
נאָר אויב אַזוי — וואָס איז אונדזער אייגענע ראָליע?
מיר זע׳מיר דאָך, מיר זע׳מיר דאָך ביידע זייטן —
אָריענט און אָקסידענט!
איז וואוהין געהערן מיר — צו דער אָנקומענדיקער
אָדער דער אַוועקגייענדיקער כוואַליע? . . .
— — — — — — — —
ס׳איז שווער, ס׳איז זיכער אַ צערודערונג אין מאָגן.
אָדער איז עס ווידער דיינער דאָרט אַזאַ קאַטאָוועס?
באַשיץ מיך, גאָט, פֿון די בייזע מחשבֿות
אין מיינע פֿאַרטאָגן.

ל. א., 1943.

* * *

איך בין צווישן אייך—
און מיילן הונדערטער אַוועק פֿון אייך.
איך זע אייך דורכן נעפּל פֿון פֿאַרנאַכטן און פֿאַרטאָגן,
ווייל אַנדערש וואָלט פֿאַר מיר געווען נישט מעגלעך אייך פֿאַרטראָגן.

איך בין צווישן אייך,
און זע אייך דורך די רויכן פֿון אַלקאָהאָל און ניקאָטין.

* * *

שבת אינדערפרי
איז די זון אַרויסגעגאַנגען
מיט אַ פֿאַרפֿלאַמטן פּנים,
אַ צנועה פֿון דער מקוה אַרויס.
גאָט האָט מיט הנאה
באַטראַכט זײַן באַשאַף,
האָט געשריבן תּנאים,
און די וועלט איז אַ כּלה געוואָרן.

שבת פֿאַרנאַכט.
די זון איז פֿאַרגאַנגען
מיט אַ פֿאַרבלוטיקטער נאָז —
אַ שיכּור פֿון שײַנק אַרויס.
און גאָט האָט מיט צער
געקוקט אויף זײַן באַשאַף,
האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן,
זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ.

פֿאָלקס-ליד.

אויפֿן הימל ברענט אַ שטערנדל,
און פֿון קוימען גייט אַ רויך.

דערציילונגען

איציקל ממזר

ברוך אליה דער שמש שטייט אין מיטן דער גרויסער שול און קלערט שוין גיין אַהיים.

— נו, אַ זאַווערוכע, — מורמלט ער ברוגז, אַריינקוקנדיק אין פענצטער. — כ׳וואָלט שוין גאָר אַהיים ניט געגאַנגען, נאָר ס׳ציט מיר זייער דאָס האַרץ . . .

ער טראַכט אַ ביסל, נאָכדעם עפנט ער אויף דעם שופלאָד פון עמוד. צווישן שמות, שטיקלעך פּאַפּיר און שטיקלעך סטעאַרינאָווע ליכט וואַל־גערט זיך אַרום אַן אַלטער, פאַרזשאַווערטער שלאָס. ברוך אליה נעמט דעם שלאָס אין האַנט, קריכט אַרויף אויף אַ באַנק און לעשט אויס דעם לאָמפּ, וואָס הייגנט אַנטקעגן דער הרובע. אין שול ווערט פינצטער, נאָר אויפן הרובע ברענט אַ שטיקל ליכט אין אַ גלאָז מיט בוימל — דאָס איז אַ יאָרצייט־ליכט. ברוך אליה איז אַזוי פויל צו גיין אַהיים, אַז ער בלייבט אַ ביסל שטיין אין דער הויך אויף דער באַנק, מיטן שלאָס אין האַנט און מיט אַ גראָבן, אַליין געמאַכטן פּאַפּיראָס אין דער צווייטער האַנט. מאָדנע זעט אויס זיין גאַנץ געשטאַלט אונטער דער טונקעלער באַלויכטונג פון יאָרצייט־ליכט. לסוף באַקלערט ער זיך אַז דאָ איז קיין אָרט ניט אויף נעכטיקן, גייט ער אַראָפּ און עפנט די טיר. אינאיינעם מיטן ווינט רייסט זיך אַריין אין שול איציקל ממזר.

— וואוהין פליסטו, וואוהין? — בייזערט זיך ברוך אליה. — ער איז שוין דאָ! . .

— וואו דען? — ענטפערט איציקל, אויך מיט אַ בייזער. — אין דרויסן זאָל איך נעכטיקן, וואָס?

— בקיצור, נו, — ברומט ברוך אליה, — נאַדיר דעם שלאָס, באַהאַלט אים אין עמוד, פאַרשליס די טיר פון אינעווייניק, נאָר זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו ברענגען קיין האַלץ אין הרובע, הערסט? ממזרוק!

איציקל טוט אַ פינקל מיט די אויגן, נאָר ער ענטפערט גאָרניט און פאַרשליסט נאָכן שמש די טיר.

גוט געדיינקענדיק ברוך אליהס ווערטער, אַז ער זאָל זיך ניט דער־

וועגן צו ברענען קיין האָלץ, גייט טאַקע איציקל באַלד הינטער דער הרובע וואו אונטער אַ באַנק איז געווען אָנגעגרייט האָלץ אויף איבערפרי, נעמט עטלעכע שייטלעך, לייגט זיי אַריין אין הרובע און צעלייגט אַ פייער. דער פלאַם הויבט באַלד אָן פריילעך צו קנאַקן, דאָס טרוקענע האָלץ ברענט ווי שטרוי. איציקל נעמט אַרויס פון קעשענע עטלעכע קאַרטאָפליעס, וועלכע ער האָט היינט מיט מסירת נפש גע־גנבעט ביי זעלדע שלומס אין קלייטל, און לייגט זיי בראָטן.

— — — — — — — —

וועך איז איציקל?

געפונען האָט מען אים הינטער אַ פלויט. פון דעמלט אָן איז זיין מזל געוואָרן ווי דאָס מזל פון אַלע אַזעלכע פאַרוואָגלטע קינדער. אויס־געניאַנטשעט האָט אים דער ווינט מיטן שניי אום ווינטער און די ברע־נענדיקע זון — זומער. איציקל האָט פאַרזוכט פון אַלע גוטע מאכלים, וואָס אָרעמע יידישע קינדער פאַרזוכן: דעם הקדש, די תלמוד תורה, שלח מנות טראָגן, הושענות פאַרקויפן און גלאָט בעטל־ברויט. „איציקל" איז געווען נאָר אַ ביי־נאָמען, דער אמתער שטענדיקער נאָמען זיינער איז געווען ממזר. פון ווייסע חברה האָט ער געליטן שרעקלעך: זיי פלעגן אים נאָכשרייען ממזר און אָנרופן מיט שענדלעכע נעמען זיין מוטער, וועלכע קיינער האָט ניט געקענט. זיי האָבן זיך אָבער פון אים אויך ניט געגאַרט. כאָטש ער איז געוואקסן אונטערן פרייען הימל, און אפשר טאַקע דערפאַר, איז ער געווען אַ יונג מיט ביינער, געזונט אייזן, און חברה פלעגן פון אים לייזן אַ סך מער ווי זיי האָבן עס אַליין פאַרלאַנגט.

עלטערע מענטשן האָבן זיך אויך צוגעוואוינט צו דעם שיינעם נאָמען און פלעגן אים אַנדערש ניט רופן ווי „ממזרוק", און אָפט ניט זשאַלעווען אים קיין פאַטש. אַ מאָל טאַקע איז ער ווערט געווען, און אַ מאָל האָט מען אים געשיינקט גלאָט אַזוי, פון פריילעכקייט וועגן.

ער איז נאָך געווען אַ שלימ־מזל אויך אַ גרויסער. ס'האָט זיך צו אים געקלעפּט: אין ד ע ר שטוב האָט ער ניט ווילנדיק צעבראָכן אַ טעפּל, אין י ע נ ע ר — אומגערן אויסגעקערט די פאַמעניצע, דאָרטן, וואַרפנדיק אַ שטיין, האָט ער אויסגעזעצט אַ שויב. בכלל האָט זיך אים געלעבט זייער פריילעך און מיט פאַרגעניגן.

די אַלע רדיפות האָבן אַלץ מער און מער זיין כאַראַקטער פאַר־

דאַרבן. ער איז געווען בייז, שלעכט, האַרטהערציק, אומריין און זייער ווילד, פֿאַרגרעבט. ער איז אַפּילו געווען אַ שיינער יונג, נאָר דאָס האָט מען ניט אַרויסגעזען פֿון אונטער זיינע טראַנטעס און זיין גאַנצן קווי־טיקן אויסזען. צו אַלע מעלות, איז ער נאָך געווען פֿויל. ביי אים איז כדאי געווען ניט עסן דריי טעג, אַבי ניט טון עפּעס אַן אַרבעט.

פֿריער מיט אַ יאָר צוויי־דריי, ווען איציקל איז אַלט געווען אַ יאָר צען־צוועלף, פֿלעגט ער נאָך אַמאָל קריגן דאָ אַ וואַרמעס, דאָרט אַ ווע־טשערע, אין אַ דריט אָרט אַ נאַכטלעגער. מ׳האָט אויף אים רחמנות געהאַט: פֿאָרט אַ יתום, כאָטש ס׳קאָן אַפּילו זיין אַ לעבעדיקער יתום, נאָר דאָך אַ יתום. אָבער זייט מ׳האָט אים דאָס לעצטע מאָל אָפּגעגעבן צו אַ באַלעבאָס אַ בעקער און ער איז פֿון אים אויך אַנטלאָפֿן, האָבן אַלע אָנגעהויבן זאָגן אַז פֿון אים וועט שוין קיין גוטס ניט אויסוואַקסן, אויף אים איז אסור לרחם, אַז ער שניידט זיך נאָך אויף אַ גנב אויך, צו אַלע שוואַרצע יאָר. ס׳איז אויך קיין ליגן ניט געווען. איציקל האָט ליב גע־האַט מיטנעמען מיט זיך אַלץ וואָס אַ מענטש קאָן נאָר דערטראָגן, דער־פֿאַר האָט מען אים נאָך מער פֿיינט געקראָגן ווי פֿריער, און פֿאַר איציקלען האָבן זיך אָנגעהויבן ביטערע טעג. דער הונגער מאַטערט אים כסדר, זעלטן מאַכט זיך ער זאָל זיין זאַט. נעכטיקן לאָזט מען אים שוין אויך אין ערגעץ ניט אַריין, מ׳האָט מורא — וואַלגערט ער זיך אין שול אויף דער באַנק, און אַ מאָל מאַכט זיך אַז ער נעכטיקט אונטערן פֿרייען הימל.

* * *

שטייענדיק ביים פֿייער און שטופּנדיק די קאַרטאָפּליעס אַלץ וויי־טער, זיי זאָלן גיך פֿאַרטיק ווערן, האָט איציקל געפֿילט אַז די וואַרעמ־קייט צעגייט זיך אין די ביינער און איז אים ממש מחיה. אין בויך, אַפּילו, האָט אים נאָך געגראַבלט און אונטערן לעפֿעלע האָט געצויגן, נאָר דער ריח פֿון די קאַרטאָפּליעס, וועלכע האָבן זיך שוין אַ ביסל צוגעבראָטן, האָט אים באַרואיקט און צוגעזאָגט אַ סך . . . ער האָט פֿאַרגניגט געשאַרט מיט אַ שטעקעלע די קוילן און געקלערט וועגן חייקען, יאַנקל דעם שיינקערס שטוב־מיידל, און האָט אויף זיין שטיי־גער געביינקט נאָך איר . . .

טריט האָבן זיינע זיסע געדאַנקען צעשטערט. ער האָט דערהערט

ווי עמעצער גייט אויף די טרעפּ פונם שול־גאַנג, און באַלד האָט מען אַ קלאַפּ געטון אין טיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער בייז אַ פרעג געטון. ער איז ברוגז וואָס מ׳האָט אים איבערגעשלאָגן די אנגענעמע געדאַנקען.

— עפן נאָר אויף, איציקל, איך בין שטאַרק דערפרוירן.

ער האָט דערקענט זיין ערגסטן שונאס קול. אהרל דער יתום פלעגט אים דאקוטשען מער ווי אַלע יינגלעך, אויף אים שרייען „ממזר״, און, וועלכעס האָט נאָך מער דערלאַנגט איצלען, זידלען מיט אַלערליי שענד־לעכע נעמען זיין מאַמען. דער גאַנצער יחוס מיט אהרלען איז געווען דאָס, וואָס ז י י נ ע עלטערן האָט מען יאָ געקענט: דער פאָטער איז געווען אַ באַלעגאָלע, אַ שלעכטער מענטש און אַ גרויסער עם הארץ, און די מוטער האָט געהאַט אַ טבע נעמען אונטער איר שוץ אַלץ וואָס מ׳האָט גאָר אַפילו בדעה ניט געהאַט איר אַוועקגעבן מיטן גוטן ווילן. זיי זענען שויןביידע גאַנץ לאַנג אויף דער אמתער וועלט.

אָט דערמיט רעכנט זיך אהרל מער מיוחס פון איציקלען און דער־גייט אים אין לעבער. איצל שלאָגט אים אַפילו אומדערבאַרעמלעך, און אהרל זאָגט יעדעס מאָל צו אַז ער וועט שוין מער ניט, נאָר קוים רייסט ער זיך אַרויס פון יענעמס האַנט, טוט ער דאָס זייניקע.

איציקל האָט דאָ אַ געלעגנהייט זיך נוקם זיין אין זיין בלוטיקן פיינט און ער לאָזט זי ניט דורך.

— ליג דאָרטן, ליג! — שרייט ער מיט בייז־פרייד. — ווער דאָרט ווי אַ האָלץ פון קעלט, וועסטו ווייטער וויסן! . .

— זע, איצל, לאָז מיך אַריין, מיר זענען אין די פינגער שפּאַרעס פאַרגאַנגען, — וויינט אהרל.

— וועסט שעלטן אין טאַטן אַריין און שרייען „ממזר״, האַ?

— ניין, ווי איך בין אַ ייד, מער ניט!

— מער ניט! איצטער שרייסטו „מער ניט״, און נאָכדעם וועסטו ווידער שרייען „ממזר״. ניין, דו׳סט ביי מיר געדיינקען! . .

אהרל צעוויינט זיך שטאַרקער. איצל זאָגט אים, אַז אין אַ פערטל שעה אַרום וועט ער אים אַריינלאָזן, וויל ער — זאָל ער וואַרטן, וויל ער ניט — האָט ער די ברירה צו גיין וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן . . . אהרל האָט קיין ברירה ניט און מוז וואַרטן. דאָס פערטל שעה גייט איבער, אהרל בעט זיך: „עפן שוין נו״, און איציקל צעלאַכט

זיך און זאָגט אַז ער האָט נאָר געוואָלט אהרל זאָל אַ ביסל קוויטשען ווי אַ הונט הינטער דער טיר און ער קלערט גאָרניט אים אַריינלאָזן.

פון דעסטוועגן, אַז אהרל לאָזט זיך מיט אַ כליפעריי אַוועקגיין, לויפט איצל צום טיר, עפנט זי אויף און שרייט מיט כעס:

— גיי שוין אַריין, גיי! . . נאָר איך וועל דיר שוין ווייזן ווי צו שרייען „ממזר״ . . .

אהרל לויפט מיט פאַרווייַנטע אויגן גלייך צו דער הרובע, טוליעט זיך צום פייער און זיין פּנים פאַרקרומט זיך אַזש פון פאַרגעניגן.

איבער דער צייט האָט איצל גאָר פאַרגעסן אין די קאַרטאָפּליעס. איצט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון: זיי זענען שוין רעכט צוגעברענט געוואָרן, נאָר ס׳מאַכט ניט אויס, איצל האָט ליב די פאַרברענטע שאָלעכץ מער פון די קאַרטאָפּליעס אַליין . . .

אין אהרלס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ ווילד פייערל, קוקנדיק אויף די קאַרטאָפּליעס, ווי ביי אַ הונגעריקן וואָלף, נאָר בעטן האָט ער מורא. איציקלען אָבער דאַקוטשעט אהרלס הונגעריקער קוק. ער קוקט ניט אין יענעמס זייט, נעמט אַרויס די קאַרטאָפּליעס, אַחוץ איינער שוין אינגאַנצן אַ פאַרברענטער, צעלייגט זיי אויף דער באַנק, נעמט אַרויס פון קליין אויוועלע זאַלץ אין אַ פאַרזשאַווערטער בלעכענער קוואַרט, וועלכע איז דאָרט שטענדיק געשטאַנען, און הויבט אָן עסן.

דער ריח פון די געבראָטענע קאַרטאָפּליעס קריכט אַריין אהרלען אין נאָז און ער פילט אַז אים רייסט שרעקלעך אין די קישקעס און די סלינע גייט אים איבער. ער קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן.

— גיב מיר אויך, — שטעקט ער אויס די האַנט, און זיינע אויגן פינקלען מיט אַן אומהיימלעך פייער.

איציקלען איז נאָר ניט אָנגעשטאַנען דער ערשטער זיך ווענדן צו אהרלען; אים איז שוין לאַנג דאָס עסן ניט איינגעגאַנגען, און ער איז, ווי צופרידן געווען, וואָס ער קאָן אים איצט געבן.

— נאַ, וואַרג זיך! אין די אויגן קוקט ער . . . חזיר!

אהרל כאַפּט די צוויי קאַרטאָפּליעס וואָס איצל גיט אים, ברעכט אָפּ אַ שטיקל און רוקט אין מויל אַריין. ער בריט זיך אָפּ, וואַרפט אַרום מיטן צונג דאָס שטיקל קאַרטאָפּליע אין מויל פון איין אָרט אויפן צווייטן, מאַכנדיק: „האם־האם־האם״.

דאָס יאָרצייט־לעמפּל באַלייכט טונקל די צוויי יינגלעך, פאַרטראַ־

גענע אין דער אכילה, איבערן שול פאַרשפּרייט זיך אַ געשמאַקער ריח.

אין אַ שעה אַרום האָט זיך געהערט איבערן שול אַ שטאַרקער כראָפּען פון די צוויי פאַרוואָגלטע נשמות.

דרויסן האָט דער פראָסט געקנאַקט . . .

יאהר־בוך „פראָגרעס“.
וואַרשאַ, 1904.

טיגער

איך בין אַלט געווען דאָס פערצנטע יאָר ווען איך האָב זיך באַקענט מיט „טיגערן".

אין אַ חדר בין איך געגאַנגען, נאָר געלערנט האָב איך זייער שוואַך, דערפאַר אָבער בין איך געווען אַ גרויסער שטיפער; דאָס הייסט, אין דער אמתן האָב איך קיינמאָל נישט געשטיפט, האָב זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט גוטע כוונות, געוואָלט צופרידנשטעלן די גאַנצע וועלט, נאָר עפּעס אַזוינס האָט פון מיר אַליין געשטיפט, גאַנץ אָפט קעגן מיין ווילן, און פון מיר איז קיינער צופרידן געווען, און איך אַליין אויך ניט.

קיין לערער אויף ניט־יידישע לימודים האָט מען מיר נישט גע־דונגען, נאָר איך האָב זיך צוביסלעך אַליין אויסגעלערנט לייענען און שרייבן רוסיש, און דערין האָבן מיר געהאָלפן אייניקע פון מיינע חברים. פאַר קיין גרויסן מתמיד אָבער האָב איך זיך דאָ אויך ניט אַרויסגעװיזן און האָב אינגיכן דאָס לערנען געוואָרפן. דערפאַר אָבער בין איך מיט גרויס חשק אַרויפגעפאַלן אויף אַלערליי מעשה־ביכלעך אין דער רוסי־שער שפּראַך און האָב זיי געשלונגען, נאָך מיין מאַמעס רייד, ווי הייסע לאָקשן. אין יענער צייט, פון וועלכער איך שרייב דאָ, האָב איך שוין געלייענט גרויסע, „העכסט־אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען, רייזע־באַשריי־בונגען א.ד.ג. מיר האָבן זיך שטענדיק געחלומט שטאַרקע העלדן, גע־שיקטע יעגער, ווילדע חיות, רויבער, פרעמדע לענדער און געדיכטע, געהיימניספולע וועלדער. איך האָב דארום אין מיין באַקאַנטשאַפט מיט טיגערן אַריינגעטראָגן עפּעס ראָמאַנטישעס און העלדישעס, כאָטש די גאַנצע געשיכטע איז געווען אייגפאַך, וואָס איינפאַכער קאָן ניט זיין.

אין אַ זומערדיקן שבת נאָכמיטיק, ווען דער עולם ביי אונדז אין שטוב האָט אין די בעטן פאַרדייעט דעם טשאָלענט, האָב איך שפּאַצירט אויף אונדזער טראָטואַר מיט די הענט אין די קעשענעס, ניט וויסנדיק וואָס מיט זיך צו טון; קיין בוך האָב איך דאָס מאָל ניט געהאַט און גיין איז ניט געווען וואוהין. די זון פון הימל האָט געברענט ווי זי קאָן

ברענען טאָקע נאָר שבת בייטאָג; זעלטן האָט מען געקאָנט זען ווי אַ גויע טראָגט אַ פּאָר עמער וואַסער; ערטערווייז האָבן ייִנגלעך גע־ריטן אויף אַ ציג אָדער זיך געיאָגט נאָך אַ האָן, וועלכער איז געלאָפן איבער דער גאַס מיט אַ געשווינדקייט אויף געהרגעט ווערן. אויסער דעם איז קיין באַוועגונג נישט געווען צו באַמערקן, און אויפן שטעטל איז געלעגן אַ שווערע, שטיקנדע רו.

שפּאַנענדיק הין און צוריק פאַרן הויז און זוכנדיק מיט די אויגן עפּעס אַזוינס וואָס קאָן מיך פאַראינטערעסירן, האָב איך באַמערקט לעבן הויף אַ הונט, און האָב צו אים אַ פּייף געטון. געמיינט האָב איך דערמיט גאָרניט, איך האָב עס געטון גלאַט אַזוי, פון גדלות וועגן, נאָר דער הונט איז הפּנים געווען אַ הונט אָן חכמות און האָט עס פאַר־שטאַנען אַלס אַ צורוף. ער האָט זיך געלאָזט צו מיר, זיך אַ פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט, געשלאָגן זיך, ווייזט אויס, מיט דער דעה, און מיך חושד געווען אַז איך מיין עפּעס שלעכטס, נאָך סוף כל סוף איז ער פאַרט צוגעלאָפן צו מיר. צווישן אונדז ריידנדיק, האָב איך קיין הינט קיינמאָל נישט ליב געהאַט און האָב גאָר מורא געהאַט פאַר זיי, נאָר לויט מיינע אויסגעלעזענע באַגריפן האָט מיין האַרץ באַדאַרפט זיין שטאַרק ווי דאָס האַרץ פון אַ לייב, און איך האָב זיך געפּרואווט דעם הונט גלעטן איבערן קאָפּ, כאָטש אינעווייניק האָב איך דערביי אַ ציטער געטון.

ווי איך פאַרשטיי איצט, איז דער הונט ביז דעמלט צו אַזאַ מילדער באַנעמונג ניט געוואוינט געוואָרן, און זיין הינטיש האַרץ האָט אָנגע־הויבן צאַפּלען. ער האָט זיך געדרייט אונטער מיין האַנט און זיך גע־פלייסט זי אַ לעק צו טון, דערביי האָט ער אַרויסגעשטעקט די צונג און שטאַרק געסאָפּעט. מיין צוטרוי צו אים איז געווען ניט זייער גרויס און, כאָטש איך האָב אים געלאָזט לעקן די האַנט, האָט דאָס האַרץ אין מיר שטאַרק געציטערט. ביסלעכווייז איז דאָס אומאנגענעמע געפיל אין מיר געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער. אויסערדעם, האָב איך גע־פונען אַז איך האָב שוין גענוג באַוויזן פאַר זיך און פאַרן הונט מיין אומדערשראָקנקייט, האָב איך צו אים, כלומרשט גלייכגילטיק און גוט־מוטיק, אַ זאָג געטון: נו, פּאַשאָל! . .

ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אָדער ניט געוואָלט פאַרשטיין, און גע־נומען אויף מיר שפּרינגען, זוכנדיק מיין האַנט. דאָס האָט מיר שוין

פאַרדעכטיק אויסגעוויזן און איך האָב אויסגעשריען העכער: פּאַשאָל וואָן!

דער הונט איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט און האָט זיך ווידער גע־וואָרפן אויף מיר, סאָפּענדיק זייער שווער. מיין שרעק איז מיט אַמאָל אויסגעוואקסן און האָט זיך אַרויסגעוויזן אָפן: איך האָב מיך ניט גע־קענט איינהאַלטן און האָב געשריגן אין אַנגסטן: פּאַשאָל! פּאַשאָל וואָן! און דערצו געמאַכט מיטן פוס, אום אָפּצוטרייבן דעם הונט . . . ער איז געבליבן שטיין ווי פאַרוואונדערט, דערנאָך האָט ער כמורנע אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ און זיך אַוועקגעשטעלט ווייטער.

ערשט איצט ווען דער שרעק האָט מיך אָפּגעלאָזן, האָב איך באַ־מערקט זיין אומגליקלעך, פאַרוואָגלט אויסזען. ער איז געווען מאָגער, קויטיק, זיין קאָליר — ווי זאַלץ מיט פעפער אויסגעמישט. די אויערן אַראָפּגעלאָזן, און צו דעם אַלעמען האָט ער נאָך אונטערגעהינקען אויף איין פוס. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון רחמנות און חרטה און איך האָב צו אים ווידער אַ פייף געטון. ווען ער האָט צו מיר זיין קאָפּ געקערט, האָב איך אים גענומען רופן מיט דער האַנט, גייענדיק צו דער שטוב. איך האָב אַרויסגעטראָגן עטלעכע שטיקלעך חלה און אים גע־געבן.

אָט אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן אונדזער באַקאַנטשאַפט. דער הונט איז שוין פון מיר ניט אָפּגעטראָטן און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אונדז אין הויף.

געוואוינט האָבן מיר דעמלט אין שכנות ביי משה פּיניע־לייבס, וועלכער האָט פאַרמאָגט דעם גרעסטן הויף אין שטעטל. יאָרן לאַנג האָט זיך משה געקליבן עפּעס בויען אויפן הויף. אַלע נאָך פּסח האָט ער גע־מאָסטן דעם הויף. די אַרבעט פלעגט ער דורכפירן מיט גרויס פאַראַד: זיינע דריי זין — אין שטאָט האָט מען זיי גערופן „די בנים" — מיט שטריק און מיט פלעקלעך אין די הענט, פלעגט ער פאַנאַנדערשטעלן אין פאַרשיידענע פּונקטן ביים פּלויט, נאָכדעם זיי איבעריאָגן אויף אַנדערע ערטער, נאָכדעם זיי שטעלן ווידער צוריק; אַליין איז ער גע־לאָפן אין אַלע זייטן, אָן אַ קאַפּאָטע, מיט די ווייסע אַרבעל, שטאַרק פאַרמוטשעט און פאַרשוויצט, ווי אַן אינזשיניר און אַן אַרכיטעקט צו־זאַמען. לעבן שטוב האָבן ווינטער און זומער געפוילט זעקס ברעטער און צוויי קלעצער — משהס „געהילץ" — נאָר געוואָרן איז פון דעם

אַלעם גאַרנישט, און דער הויף האָט זיך געצויגן הינטערן הויז ווי אַ סטעפּ, באַוואַקסן מיט גראָז, דורך וועלכן עס האָבן זיך געשלייגלט אַ צוויי־דריי וועגלעך צו פאַרשיידענע נויטיקע ערטער. אַהער האָט אַרויסגעקוקט דער הינטערשטער גאַנעק פון צווייטן שטאָק — דאָס הויז איז געווען צוויי־שטאָקיק — און אונטערן גאַנעק האָט זיך מיין הונט געמאַכט זיין רעזידענץ.

מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די מעשה וואָס איך האָב אַן אייגענעם הונט. עפּעס אַ העלד פון אַ ראָמאַן האָט געהאַט אַ הונט מיטן נאָמען „טיגער", האָב איך מיינעם דעם זעלבן נאָמען געגעבן. מיך האָט ניט געקימערט וואָס ער איז זייער ווייניק ענלעך געווען צו אַ טיגער, וועלכן איך האָב נאָך דערצו געקאָנט נאָר פון די לייען־ביכלעך פאַר קינדער. איך האָב אים גיך אויסגעלערנט זיך אָפּרופן אויף דעם דאָזיקן נאָמען און האָב פון אים געקליבן נחת. איך בין צו אים געוואוינט געוואָרן און ער האָט מיר איצט ניט אויסגעוויזן אַזוי העסלעך ווי פריער. פאַרקערט, איך האָב באַמערקט אַז ביי אים זענען געווען גאַנץ קלוגע, לעבעדיקע אויגן, אַ ביסל אַ כמורנער פּיסק, און בכלל האָט ער אויסגעזען ווי אַן אַלטער פילאָזאָף.

(2)

ווי לאַנג איך האָב געקאָנט האָט איך פאַרבאָרגן פון אַלעמען מיין פריינטשאַפט מיט טיגערן. מען האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט, און אויף אים האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות, און פאַר מיר — בזיונות.

— אַ הונט גאָר! — האָט די מאַמע געשריגן. —וואָס נאָך ווערסטו אויסקלערן? אַ „בורגיי" פון פופצן יאָר זאָל זיך גאָר שפּילן מיט אַ הונט!

— איך פרעג דיך, וואָס טראַכסטו זיך? — האָט דער טאַטע געטענהט. — ס'פעלט דיר טאַקע מער גאָרניט ווי אַ הונט? קראַנק ביסטו בעסער אַריינקוקן אין אַ ספר, ניט זיך פאַרנעמען מיט דער רוח ווייסט וואָס? אדרבא, זאָג דו מיר, וואָס איז דער שכל פון פאַרנעמען זיך גאָר מיט הינט?

איך האָב ניט געענטפערט: איך האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. איך אַליין בין אויך ניט געווען זיכער אַז מיין אויפפירונג איז פּאַסיק פאַר אַ „יונג פון פופצן יאָר". איך וואָלט אפשר חרטה געקראָגן אויפן גאַנצן עסק און ניט געוואָלט ליידן קיין בזיונות, ווען טיגער וואָלט

אַליין פון מיר אָפּטרעטן. ער האָט עס אָבער ניט געוואָלט. און די גאַנצע שטוב, די גאַנצע גאַס האָבן גענומען אים רודפן. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך תחילת מיט היץ גענומען אים פאַרטרייבן פון הויף. נאָר די מאַמע איז געווען אַ מאַרק־מענטש, דער טאַטע איז שטענדיק געווען פאַרטראָגן מיט „געשעפט", שטענדיק ערגעץ געגאַנגען, עפּעס געטון, כאָטש איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט באַשטימט זיך דערוויסן און ווייס עד היום ניט מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט. חוץ דעם האָט ער זייער געשעצט דעם שלום בית, האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן קיינע געשרייען און האָט זיך נישט געמישט אין שטוב־זאַכן פון דאַנען אַהין. איבער דעם אַלעם זענען מיינע עלטערן אינגיכן אָפּגעשטאַנען און האָבן עס געלאָזן גיין ווי עס גייט.

נאָכדעם האָט זיך אין טיגערן אָנגעטשעפּעט משהס צווייטער שכן, שלום דער קרומער, מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל שלום האָט געוואוינט אין אונטערשטן שטאָק און טיגער האָט ביי אים אַ שויב אויסגעבראָכן, רייבנדיק זיך אָן פענצטער; צווייטנס, ווייל די גאַסן־יינגלעך האָבן גערופן שלומען „טיגער", דערפאַר וואָס ביידע זענען געווען קרום. איך בין חושד אַז דאָס לעצטע איז געווען די הויפּט אור־זאַך פון דער שנאה צו טיגערן, וואָס האָט געברענט אין שלומס האַרצן ווי אַ העליש פייער. ווען דער צווייטער שכן איז נאָר געווען אין דער־היים, האָט ער זיך אַרומגעיאָגט איבערן הויף מיט אַ שטעקן נאָכן הונט, וועלכן ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט כאַפּן. טיגער האָט געהינקען פאָראויס, שלום — נאָך אים, און יינגלעך פון דער גאַנצער גאַס זענען געהאנגען אויפן פּלויט פון אונדזער הויף, פון יענער זייט, און האָבן געשריגן: טיגער! שלום! טיגער! קס־קס! הוראַ!

די יינגלעך אַליין האָבן אויך טיגערן ניט געלאָזט צורו, באַזונ־דערס האָט אים פאַרפאָלגט נאָטע דעם באַלעגאָלעס זונדל, מאָטל, אַ געפּאַקט יינגל פון אַ יאָר צוועלף, מיט אַ צעהאַקטער ליפּ. פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין טאַטן, וועלכער איז געווען באַוואוסט פאַר אַ שלעגער און אַ שייגעץ, וואָס יידן באַלעבאַטים האָבן ביי אים קיין ווערט ניט, האָט מיך מאָטל שטאַרק געערגערט: ער האָט מיט גרויס עזות פאַר מיר אין די אויגן געשלאָגן דעם הונט, און איין מאָל האָט ער אים געגעבן אַזאַ קלאַפּ מיטן פוס אין בויך, אַז דער אָרעמער טיגער איז מיט אַ האַרצ־רייסנדער קוויטשעריי געקומען צולויפן צו מיר. דאָס מאָל האָב איך זיך

ניט איינגעהאַלטן און האָב מאָטלען גוט אָנגעפּאַטשט. אין אָוונט האָט נאָטע דער באַלעגאָלע געמאַכט ביי אונדז אין שטוב אַ גאַנצן סקאַנדאַל, געזידלט דעם טאַטן, געזוכט מיך און זיך געשוואָרן מיר צעברעכן די ביינער. נאָכדעם האָט ער גענומען שלאָגן טיגערן, אַז יענער האָט זיך קוים לעבעדיק אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און איז אַנטלאָפן געוואָרן. דאָס אַלעס האָב איך געהערט ליגנדיק באַהאַלטן אויפן בוידעם. דאָס האַרץ האָט אין מיר שיר געפּלאַצט, בעת צו מיר האָבן דערגרייכט מיין הונטס געשרייען, און איך האָב געמוזט ליגן און שווייגן. אַלע העלדן זענען ביי מיר פון זינען אַרויס. דער מוט, וועלכן איך האָב אין זיך אַזוי דייטלעך געפילט, ווען איך האָב אין דער פאַנטאַזיע זיך געשלאָגן מיט פּיראַטן אָדער ווילדע אינדיאַנער, האָט מיך אינגאַנצן פאַרלאָזן, און איך בין געליגן אויפן בוידעם און איינגעהאַלטן אין זיך דעם אָטעם.

— מ'יאָגט אונדז, טיגער, מ'מאַטערט אונדז, האַ? נישקשה, זאָרג ניט, טיגער, איך וועל ניט לאָזן דיך פאַרטרייבן פון דאַנען! — האָב איך איין מאָל גערעדט צו מיין הונט, ווען מיר זענען געווען אַליין אין הויף. אַ מערקווירדיקע זאַך! ווען קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט האָב איך זיך געפילט מוטיק ווי דער מוטיקסטער פון די העלדן אין די ראָמאַנען, און בין ערנסט און פון גאַנצן האַרצן גרייט געווען באַשיצן טיגערן פון אַלע זיינע שונאים, דאָס הייסט, פון דער גאַנצער וועלט . . . דער אָרעמער, דערשלאָגענער הונט האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע קלוגע אויגן, און איך וואָלט געמעגט שווערן אַז זיי זענען פייכט געווען פון טרערן. די רדיפות האָבן אונדז נאָך מער צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, און איך האָב פעסט באַשלאָסן אויף קיין פאַל זיך מיט טיגערן ניט צעשיידן.

(3)

ענדלעך איז דעם עולם נמאס געוואָרן מיט אונדז צו האָבן אַן עסק. אַז גאָט האָט מיך מיטן הונט „צורו געלאָזן פון אונדזערע פיינד" האָב איך זיך גענומען צו טיגערס בילדונג. פריער פאַר אַלעמען האָט מען באַדאַרפט אים אויסלערנען שפּרינגען איבער אַ שטעקן, וועלכן איך האָב געהאַלטן אין די הענט. צו מיין גרויסן וואונדער האָט טיגער ניט אַרויסגעוויזן קיינע פייאיקייטן, ער איז געבליבן שטיין אויף דעם „אלף", און די הינטישע חכמה איז אים געבליבן אינגאַנצן פרעמד.

וויפל איך האָב מיט אים ניט איינגעטענהט, האָט ער ניט פאַרשטאַנען וואָס איך וויל פון אים. אַז איך האָב אים אַ פּאָר מאָל געוויזן אַ ביישפּיל און בין אַליין אַריבערגעשפּרונגען איבערן שטעקן, וועלכן איך האָב גע־לייגט אויף דער ערד, האָט ער מיר אַפילו יאָ נאָכגעטון און איז עפּעס קרום און לעכערלעך אויך אַריבערגעשפּרונגען איבער אים, נאָר קוים האָב איך גענומען דעם שטעקן אין האַנט איז ער געבליבן שטיין, ניט וויסנדיק וואָס צו טון. אויפן שטעקן האָט ער גלאָט געקוקט מיט פאַר־דאַכט און האָט, ווייזט אויס, צו אַזאַ שפּיל קיין צוטרוי ניט געהאַט. איך האָב אויך געפּרוּווט אים אויסלערנען מיר עפּעס נאָכצוטראָגן אין מויל. נאָר דאָ איז עס בעסער ניט צוגעגאַנגען: האָב איך אים גערוקט אין מויל עפּעס אַ זאַך, וואָס מען האָט פאַר קיין פאַל עסן ניט געקאָנט, האָט ער זי געשמעקט און פאַרדעכטלעך דעם פּיסק אָן אַ זייט געקערט, ווי איינער רעדט: ווייס איך וואָס! וואָס גיט ער מיר דאָ? האָב איך מיינע פּראָבן געמאַכט מיט זאַכן וואָס האָבן יאָ פּאַר אַ שפּייז געקאָנט דינען, האָט ער מיינע לער־מיטל אויפגעגעסן קאַלט און רואיק, פּונקט ווי עס דאַרף אַזוי צו זיין . . .

— וואָס וועט זיין פון דיר, טיגער? — האָב איך אים ניט איין מאָל געמוסרט. — וועסט בלייבן אַ גראָבער יונג, ווי דיין טאַטע איז געוועזן. די יסורים וואָס דו פאַרשאַפסט מיר זענען אין לשער. באַרעכן זיך נאָר — איך האָב דיך גענומען צו זיך, גיב דיר עסן און טרינקען און אַן אָרט אונטערן גאַנעק; איך נעם זיך פאַר דיר אָן און שטיי אויס איבער דיר אַזוי פיל בזיונות — וואָס איז? איך וויל פון דיר מאַכן אַ לייט, און דו . . . עך, טיגער! האָבן זיך אַזוי אויפגעפירט דיינע ברידער, וועגן וועלכע איך האָב אַזוי פיל געלייענט?

דער פילאָזאָף האָט געקוקט מיר אין פּנים אַריין און האָט, ווייזט אויס, זיך געוואונדערט וואָס איך מאַך מיטן מויל: ער וואָלט בעסער פאַרשטאַנען ווען ער וואָלט דאַרטן אַ שטיקל בולקע אָדער פלייש גע־זען . . . איך האָב נאָך דעמלט ניט געוואוסט אַז פילאָזאָפן טויגן ניט צום פּראַקטישן לעבן, אַז וועגן אַלץ קלערן זיי, נאָר קיין זאַך קאָנען זיי נישט טון, און אַז וועגן דער איינציקער זאַך וואָס זיי טוען יאָ — וועגן עסן — קלערן זיי כלל ניט. איך האָב דארום זיך שטאַרק געערגערט און מיט טיגערן קיין עצה זיך ניט געקאָנט געבן. געהערט האָב איך אַז אַ הונט דאַרף מען שלאָגן, אויב מען וויל אים לערנען, אויף טיגערן

האָבן זיך אָבער ביי מיר די הענט ניט געהויבן, און איך האָב זיך געמוזט מאַגניגן דערמיט וואָס אויף מיין אויפרוף „טיגער"! פלעגט ער באַלד צולויפן, לעקן מיר די הענט און שפרינגען אין פנים. אָפּטרייבן אים איז מיר שוין אָנגעקומען פיל שווערער.

פון געגנבעטען ברויט איז טיגער צו זיך געקומען און איז אַפילו פעט געוואָרן. שפּעטער האָט אים די איינפאַכע שפּייז דערעסן, און ער האָט געגומען פאַנטאַזירן פון אַ שטיקל פלייש. איך נעם עס דערפון, וואָס אין הויף האָט מען אָנגעהויבן זיך קלאָגן אַז עס ווערן פאַרפאַלן שטיקער פלייש און אַפילו גאַנצע „חלקים", און מען האָט געטייט מיט די פינגער אויף טיגערן. אויסערדעם, האָט ער צו דער זעלבער צייט אָנגעהויבן זיך אויפפירן זייער לייכטזיניק: צו אים האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען געסט, מסתמא קרובים און גלאַט גוטע פריינט. די געסט האָבן זיך אינגיכן דערפילט פאַר באַלעבאַטים, און דער הויף איז געוואָרן פול מיט הינט. טיגערן איז געווען ניט צו דערקענען: ער איז געוואָרן לעבעדיק, מונטער, ווי יונגער אויף עטלעכע יאָר. אויף מיר האָט ער איצט ווייניק אַכט געגעבן. מיך האָט עס אַ ביסל פאַרדראָסן און איך האָב ווידער געפּרוּווט אים זאָגן אַ ביסל מוסר, אים ווייזן דעם דרך הישר — ווער, וואָס! ער האָט מיך איצט אַפילו ניט אויסגעהערט, האָט אומגעדולדיק געהינקען אַרום מיר און מייסטנס מיך פאַרלאָזן אינמיטן מיין רעדע צוליב דער פריילעכער געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער האָט איצט זיין לעבן פאַרבראַכט. און געלעבט האָט מען אַ גוטן טאָג! ביי־טאָג איז מען אַרומגעלאָפן צו געסט איינער צום צווייטן, געמאַכט „פּיקניקן", זיך געקריגט און איבערגעבעטן, ביינאַכט האָט מען ביי אונדז אין הויף געשפּילט קאָנצערטן, און אין די שיינע לבנה נעכט געבילט ביז טאָג.

דערפון זענען אַנטשטאַנען גרויסע רדיפות, נאָך גרעסערע ווי פריער, און געענדיקט האָבן זיי זיך דאָס מאָל אומערוואַרטעט פאַר טיגערן, ווי אויך פאַר מיר אַליין.

(4)

די נייע גזרות האָבן איצט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון אונדזער באַלעבאָסטע, צירל דער גראָבער, משה פיניע־לייבס ווייב, וועלכע מען האָט גערופן אין שטאָט „דאָס שוואַרצע פּיסקל".

— אויף וואָס דאַרף איך הינט? — האָט זי זיך איין מאָל צו־

שריגן. — ער האָט פאַרפירט אַהער אַ צויג און זי שלעפּט נאָך זיך הינט. מ׳קאָן שוין באַלד איבער זיי דעם הויף ניט דורכגיין! נאָדיר גאָר הינט אויף מיין קאָפּ! נו־נו! אַריינגעלאָזט שכנים מיט הינט!

צירל די גראָבע האָט זיך מיט רייד ניט באַגניגט: זי האָט זיך גענומען צו די הינט אויפן גרויסן אופן. זי האָט די איבעריקע הינט גיך פאַריאָגט, און דערפון בין איך אַליין אויך צופרידן געווען. טיגער האָט אָבער אַלע טאָג געבראַכט נייע, און די גזרה איז איבערגעגאַנגען אויף אים — די באַלעבאָסטע האָט אים געיאָגט מיט שטעקנס, געבריט מיט הייס וואַסער, צוגעקוועטשט מיטן טויער א.אַז.וו. מיך האָט עס פאַרדראָסן, און איך האָב זיך מיט איר געקריגט.

— אַ שיינער בחור! — האָט צירל געשריגן אויפן קול, די גאַנצע גאַס זאָל הערן מיין שאַנד. — שפּילט זיך מיט הינט! פּיין!

— ס׳איז ניט אייער עסק! — האָב איך מיט כעס אָפּגעענטפערט.

— וויל איך — שפּיל איך זיך! איר קאָנט מיר זאָגן אַ דעה?

— שטיל, דו שייגעץ איינער! — האָט זיך מיין מאַמע אַריינגעמישט. — אַן עלטערן מענטשן ענטפערט מען אַזוי?

— וואָס דען? זאָל זי זיך ניט מישן!

— אָבער אַז איך וויל נישט קיין הינט ביי מיר אין שטוב! — האָט זיך צירל צעשריגן גאָר אויף אַ הויכן טאָן. — איך פאַרשטיי ניט, ווער איז די באַלעבאָסטע, איך, צי אָט דער שנעק, דער עזות פּנים? און נאָך אַזאַ פאַרשיווער, אַזאַ מיאוסער הונט!

די לעצטע ווערטער האָבן מיך אַרויסגעבראַכט פון דער הויט, און איך האָב מיט עזות געענטפערט: שענער פון אייך!

דאָס האָט שוין צירל ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, און האָט זיך צעליאַרעמט אַז „איין מאָל פאַר אַלע מאָל״, מיר זאָלן זיך אַרויסציען היינטיקן טאָג, זי וויל אונדז מער אין דער דירה ניט האַלטן. דענערוווירט דורך אירע געשרייען איז מיין טאַטע אויך אויף מיר אָנגעפאַלן.

— גזלן, וואָס האָסטו צו מיר? ווילסט די וועלט זאָל מיט מיר האָבן צו טון? איך קאָן דאָך שוין איבער דיר אין קיין דירה ניט איינזיצן! און טראָגט אים נאָך אַ בולקע! דוכט זיך גענוג אַז איך האָדעווע אַזאַ גוי ווי דו . . .

— דינגט אַן קעסט פונם הונטס וועגן, — האָט צירל גיפטיק אַן עצה געגעבן.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן, ווי געוויינלעך, מיט זיין נוסח: — איך פאַרשטיי ניט, וואָס טראַכסטו זיך?! — און האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַרויס פון שטוב.

און אַזוי טאָג אויף טאָג. אין שלום דעם קרומען, ווי אויך אין מאָטל נאָטעס האָט די אַלטע שנאה דערוואַכט, און זיי האָבן אויפסניי זיך גענומען צו טיגערן. דער אָרעמער הונט איז שטאַרק אָפּגעקומען. ער איז געוואָרן נערוועז, זיינע אויגן האָבן געקוקט אומרואיק און בייז. זיין ליבע צו מיר האָט ער איצט אַרויסגעוויזן עפּעס פיבערהאַפּט און זיך געוואָרפן אויף מיר האַסטיק און מיט שווערן אָטעם, אַזוי אַז צייטנווייז האָב איך זיך פאַר אים אַ ביסל געשראָקן. אָוועקטרייבן אים פון הויף האָב איך זיך בשום אופן ניט געקאָנט דערלויבן. „זיי וועלן אים סוף כל סוף פּטרן . . .״ האָב איך געקלערט, און געזוכט אַן עצה.

טיף ביי מיר אין מוח האָט זיך געמאַכט אַ נעסט אַ מאָדנער געדאַנק. ביי מיר האָט עס געהייסן דער בעסטער און ערלעכסטער אויסוועג פון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע און ענדלעך איז ביי מיר פעסט געבליבן — דערהרגענען טיגערן! . .

איך וועל אייך ניט שווערן אַז אין מיין באַשלוס בין איך געווען אינגאַנצן פריי פונם איינפלוס פון מיינע ראָמאַנען! מעגלעך אַז איך האָב נאָכגעטון, אַליין ניט געדיינקענדיק וועמען און וואָס. אַ פאַקט איז, אַז איך האָב זיך באַשלאָסן דאָס אויסצופירן, כאָטש דאָס האַרץ אין מיר האָט געוויינט אויף פריער.

ווי אַזוי אָבער מאַכט מען עס? דאָס בעסטע וואָלט געווען אים דערשיסן. נאָר דערצו דאַרף מען האָבן אַ ביקס. הייענגען? דערטרינקען? עס וועט ניט גיין. אַלזאָ — שטעכן! . .

איין מאָל פאַרנאַכט האָב איך מיטגענומען אַ שטיק בולקע, אַריינגעלייגט אין טאַש אַ קיך־מעסער, אַרויסגעגאַנגען אין הויף און אַ פייף געטון. טיגער איז אויסגעוואַקסן ווי פון הינטער דער ערד, גענומען שפּרינגען אויף מיר, לעקן מיר די הענט און בכלל אַרויסווייזן מיר זיין ליבע. מיין בעסטער ווילן איז מיט אַמאָל אָפּגעשוואַכט געוואָרן . . . איך האָב אים אַרומגענומען, געגלעט און ניט געוואוסט וואָס צו טון מיט אים. דער הונט איז פון שמחה שיר ניט משוגע געוואָרן און האָט מיך ממש פון די פיס געוואַלגערט מיט זיינע לאַפּעס. פונדעסטוועגן האָט זיך צו מיר ביסלעכווייז אומגעקערט דער געדאַנק אַז די איינציקע

עצה באַפּרייען טיגערן פון די רדיפות איז — אים דערהרגענען. געפילט האָב איך, אַז אויב איך וועל עס איצט ניט טון, וועל איך קיינמאָל אימשטאַנד נישט זיין דאָס אויסצופירן, און ביי מיר איז געבליבן באַלד ענדיקן. איך האָב אַרויסגענומען די בולקע און זי געוואָרפן דעם הונט. זאָל ער זיך, האָב איך געקלערט, דאָס לעצטע מאָל אָנעסן . . . אגב, האָב איך געוואָלט אים שטעכן פלוצים, בעת ער וועט זיין פאַרנומען מיטן עסן. דאָס מעסער האָב איך געהאַלטן די גאַנצע צייט אין טאַש: מיר האָט זיך געדוכט, אַז אויב טיגער זאָל דאָס דערזען, וואָלט ער באַלד פאַרשטאַנען וואָס איך וויל טון.

ענדלעך איז געקומען די מינוט: דער הונט האָט געגעסן מיט גרויסן אַפּעטיט, שטייענדיק צו מיר מיט אַ זייט. דאָס האַרץ ביי מיר אין דער ברוסט האָט שרעקלעך געקלאַפּט, דער אָטעם האָט זיך אָפּגעהאַקט . . . איך האָב שטיל אַרויסגענומען דאָס מעסער, נאָר מיין האַנט האָט גע־ציטערט און איך האָב קיין קראַפט נישט געהאַט זי אויפצוהייבן . . . טיגער האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן. „שוין! די מינוט! אויב ניט — איז פאַרפאַלן!" איז ביי מיר אין קאָפּ דורכגעפלויגן. מיט די לעצטע קרעפטן האָב איך אַ זעץ געטון מיטן מעסער דעם הונט אין זייט . . .

קיינמאָל וועל איך די מינוט ניט פאַרגעסן. מיט אַ קוויטש איז טיגער אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט און האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע אויגן . . . דאָס איז געווען אַ קוק פון אַ פילנדער און פאַרשטענדיקער באַשעפעניש, אין אים איז געווען ערשטוינען, שרעק, ווייטיק, און פאַר־צווייפלונג, שרעקלעכע פאַרצווייפלונג! באַלד דערנאָך איז ער מיט אַ קלאָגנדיקער קוויטשעריי אַנטלאָפן פון מיר און איז אַרויס פון הויף . . .

— טיגער! טיגער! אַהער, טיגער! . . ס'איז ניט איך! . . איך בין ניט שולדיק! . . — האָב איך אין פאַרצווייפלונג געשריגן און אין דער לופטן די הענט אויסגעשפּרייט . . . נאָך געבנדיק דעם קלאַפּ, האָב איך דערפילט אַז ניט מיינע כוחות וועלן קלעקן, ניט דאָס מעסער טויג צו דעם, וואָס איך האָב זיך פירגענומען: עס איז אַפילו אָן אַ שפּיץ גע־ווען! . . . טיגער האָט נאָר באַקומען אַ קלאַפּ פון מיר! דאָס ערשטע מאָל! און די פאַרצווייפלונג און עלנט וואָס האָבן זיך אין אומגליקלעכן הונטס בליק אויסגעדריקט, האָבן מיך צוריק ווי מעסער געשטאָכן . . .

— — — — — — — — —

טיגער איז ווי אין וואַסער אַריין.

ביינאַכט

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל. דער הימל האָט זיך לאַנגזאַם פאַרצויגן מיט אַ גרויסן וואָלקן, דאָך פינצטער איז נישט: דורכן וואָלקן דרינגט דער אָפּשיין פון דער לבנה, שוואַך, ווייך, וואַסעריק. שווערלעכע פלאַטן ווייכער, וואַרעמער שניי פאַלן אַראָפּ אָן געררויש און לייגן זיך איבער דער ערד, אויף די דעכער, אויף די שי־טערע דורכזיכטיקע ביימער. צייטנווייז באַווייזט זיך נאָך ערגעץ וואו אַ מענטשלעכע פיגור. קיין טריט אויפן ווייסן, פייכטן קאָבריץ הערט מען נישט, די פיגור גליטשט זיך פאַרביי ווי אַ שאָטן, שניידט דורך דעם מאַרק אין מיטן שטעטל און פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ טיר אָדער אַ זייטיק געסל. אין אַ צוויי־דריי פענצטער בלאַנקען נאָך פייערלעך.

די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ טיפער. דאָס מאָטע ליכט ווערט גרויער, טויטער. קיין קלאַנג, קיין שאָרך, קיין באַוועגונג אין דער לופט. דער שניי האָט אויך אויפגעהערט צו פאַלן. ביסלעכווייז לעשן זיך אין די לעצטע פענצטער די פייערלעך אויס. איינס פון זיי צאַנקט נאָך און שטאַרבט לאַנגזאַם. ענדלעך פאַרשווינדט עס אויך, און נאָר די נאַכט אַליין הערשט פולמעכטיק איבעראַל.

שטונדן גייען פאַרביי, און צואַזמען מיט זיי, און אַזוי שטיל ווי זיי, שווימען איבערן שטעטל שאָטנס, לייכטע, פאַנטאַסטישע, און ענ־דערן דאָס געזיכט פון דער נאַכט ווי געדאַנקען — אַ מענטשלעך געזיכט. די הייזלעך, פאַרוויקלט אין ווייסע תכריכים, מיט פאַרלאָשענע אויגן, זעען אויס גלייך זיי שטייען דאָ מששת ימי בראשית און וועלן דאָ שטיין עד סוף כל הדורות. די שניי־דעק הילט איין די וועלט געוויס פון אייביק אָן, אנשטאט הימל איז שטענדיק געהאנגען אַ טונקל בלאָסער שלייער, און די טויטע שטילקייט איז קיינמאָל געשטערט נישט געוואָרן. און קיין אויג זעט נישט די נאַכט־פינצטערניש, קיין אויער נישט די שטילקייט.

די שטונדן שווימען.

אין איין זייט, נידעריק ביים האָריזאָנט, האָט דער הימל עטוואָס

זיין פאַרב געענדערט. אין אָנהויב איז דאָס געווען אַזוי אומבאַשטימט, אַזוי נישט קלאָר — ווי אַ טרוים, ווי אַ פאַרגעסענער חלום . . . אויסגעזען האָט עס, גלייך עמעצער האָט פון יענער זייט אָנגערירט מיט אַ פינגער דעם שלייער, און פון דער באַוועגונג האָבן זיך ליכט און שאָטן מיט די ערטער געטוישט. נאָכדעם איז עס פאַרשוואונדן געוואָרן. אין אַ סעקונדע אַרום האָט די גרויע דעק ווידער אַ ציטער געטון, נאָר שוין דייטלעכער, שטאַרקער. באַלד דערנאָך האָט אַ שפּריץ געטון אַרויף אַ רויטע שיין און זי האָט אָנגעהויבן רעגלמעסיק צו וואַקסן.

דער הימל האָט אויפגעלעבט. וועלן העל רויט ליכט זענען געגאַנגען איבער אים און האָבן געקלעטערט אַרויף, גלייך אַרויף צום זעניט. אַ דיקע שנור פון שוואַרצן רויך, ערטערווייז דורכגעשפּריצט מיט היפּשע, העלע פונקען, האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן אין דער הויך, האָט זיך אויסגעבויגן, אויסגעדרייט ווי אַ שלאַנג, און זיך אויסגעצויגן איבערן שטעטל. די שאָטנס אויף דער ערד זענען געדיכטער געוואָרן, דער שניי האָט באַקומען דעם קאָליר פון אַש.

דאָרט, אין דער ווייט, האָט זיך דער רויך מיט אַמאָל צעריסן און דורך אים האָט אַרויסגעשאָסן צום הימל אַ פייערדיקע צונג. אין איין מאָמענט האָט דאָס שטעטל באַקומען אַ זאָנדערבאַר פאַנטאַסטיש אויסזען. די פענצטער אין די הייזער האָבן אָנגעהויבן צו פינטלען ווי מיט דערשראָקענע, פאַרבלענדטע אויגן, נאָר וואָס פון שלאָף. איינצלנע שנייעלעך האָבן ווי דימענטן געבראַכן די שטראַלן און מיט זיי געשאָסן אין אַלע זייטן. פאַרשטעלטע ווינקלען האָבן אויסגעזען ווי שוואַרצע טינט־פלעקן אויף אַ גאָלדענעם פאָן. באַלויכטענע דעכער און שטיקער ווענט האָבן פילפאַרביק און העל שעמערירט. דער קליינער ווייסער זייגער־טורעם, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, האָט זיך שאַרף אָפּגעצייכנט אויפן שוואַרצן הימל און האָט פריילעך און ווייס געבלאַנקט.

דאָס אַלעס איז געשען אין דער שטיל. קיין קלאַנג, קיין שאָרך. קיין אויער האָט גאָרנישט געהערט און קיין אויג האָט דאָס נאַכט־בילד נישט באַוואונדערט.

פּלוצים . . . אין אָפענעם פענצטער פון זייגער־טורעם, ביים גלאָק, האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצער, צעשויבערטער קאָפּ. זיך באַוויזן, און איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן.

— בום — בום — בום!

געדאַכט האָט זיך אַז די גאַנצע נאַטור האָט אַ ציטער געטון. דריי קלאַנגען, שטאַרקע, רופנדיקע, באַפעלנדיקע, זיינען אַרויסגעפלויגן פון פענצטערל, האָבן געיאָגט און געזונקען איינער אין צווייטן און מעכטיק געטרייסלט די לופט. די ערשטע דריי האָבן נאָך קיין צייט געהאַט פאַרשטאַרבן צו ווערן, נאָך האָט זייער נאָכברומען זיך געוויגט אין דער הויך, און עס גייט אַ צווייטע רייע, נאָך שטורמישער, נאָך זיכערער און באַפעלנדער, און זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן אין שויס פון דער נאַכט און האָבן זי דערשיטערט ביזן גרונט, ווי אַלץ נייע און פרישע חיילות, וואָס דער הויפט קאָמאַנדיר שליידערט אין דער שלאַכט. זענען זיי מיט אימפעט געשפרונגען פון הויכן טורעם, האָבן פאַרביילויפנדיק הילכיק געקלאַפט אין די פענצטער און טירן פון די הייזלעך אין גאַס, וואָרנענ־דיק פון געפאַר, און האָבן זיך אומדערשראָקן געוואָרפן ווייטער, אין רעכטן פייער, גלייך אַהין, וואו דער הימל האָט אַזוי העליש געברענט, פון וואַנען אַהער האָט געגרייכט אַ גערויש אַזוי טויב און אומבאַשטימט, אַזוי בייז און מוראדיק . . .

— בום — בום — בום־מ־ם!

ביים ערשטן קלאַנג איז די שיינקייט פון דער נאַכט פּלוצים ווי פאַרוועלקט געוואָרן . . . ביים ערשטן קלאַנג האָט דאָס פייער אַ צאַפּל געטון און האָט זיין צויבער פאַרלאָרן, ווי אַ בלוטדורשטיקע חיה, וואָס האָט איר שרעקלעכן קעגנער דערשפּירט, איז עס ווי אָפּגעשפּרונגען אַרונטער, צערייצט און צוזאַמען דערשראָקן, און האָט געשטשירעט די ציין, און געקאָכט, און געשוימט, און די העלישע, מיט בלוט פאַר־גאָסענע אויגן האָבן פונקען געשאָסן . . .

איין און איינציקער מענטש איז שוין נישט געשלאָפן!

— בום — בום — בום־מ־ם!

(געדרוקט אונטערן נאָמען „בום־בום־בום“ אין י. ל. פּרץ'ס „די יודישע ביבליאָטעק“.)

אַפּריל, 1904, וואַרשע.

קינדער

(אַ בילד)

ווער עס איז קליין ווי אַ קינד,
דער איז דער גרעסטער אין מלכות השמים.
(מתתיהו, 18)

אַ זומערדיקער פרימאָרגן אין גאָרטן. זונענשטראַלן, בלומען און — קינדער.

שעמערירן די שטראַלן מיט אַלערליי פאַרבן, טראָגן זיך די קינדער איבער די אַלייען ווי שמעטערלינגען. שיקן די בלומען זייערע צאַרטע ריחות, קלינגט דאָס באַהאַרצטע קינדערש לאַכן. קינדער און בלומען, בלומען און קינדער. און איבער זיי אַלע שפּינט די זון איר גאָלדן געשפּין.

קוק איך פון דער זייט.

מען לעבט שפּילנדיק, און מען שפּילט לעבנדיק.

וויכטיק איז צו וואָרפן דעם באַל ווי געהעריק, נישט חלילה אין אַ זייט; נאָך וויכטיקער — נישט דורכלאָזן אים, כאַפּן אים באַצייטנס. און טרעפט ער עמיצן פון זיי אין פּנים אַריין, האָט גדולה קיין עק נישט, נישט אויסשליסנדיק אויך דעם, וועמען ער האָט געטראָפן. נישט שלעכט איז אויך אַ רייף. און וואָס מער עס גיט זיך איין צו האַלטן זי אין גאַנג, וואָס לייַנגער זי לאָזט זיך יאָגן מיטן שטעקל, איז אודאי בעסער. די בעקלעך בליִען, די אויגלעך פינקלען, די מיילעכלעך עפענען זיך, און די קליינע לונגען אַרבעטן מיט אַלע קרעפטן. די מחנה טראָגט זיך איבערן גאָרטן ווי אַ שטורם. טרעפן זיי אָן מיך, טרעט איך זיי אָפּ דעם וועג מיט גרויס דרך־ארץ.

אין אַן אַנדער ווינקל האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ רעדל מיידעלעך. פאַרשיידענע מיידעלעך: אין ווייסע אָדער קאָלירטע קליידעלעך, מיט שאַרפע אָדער פלאַכע נעזעלעך, מיט צעפּלעך און אָן צעפּלעך.

איינע שטייט אין דער מיט און אַנטוויקלט, קענטיק, עפּעס אַן אידייע. זי מאַכט מיט די הענטלעך, ווייזט, דערקלערט, און דער עולם באַגיטיקט מיט אַ פריילעך געוויש. איך פאַרשטיי אַז דאָ האַנדלט זיך אום אַ נייעם פּלאַן: דאָס אַלטע האָט דערעסן, — און ווער זייער טשיקאַווע.

שליסט מען זיך פאַר די הענטלעך אין אַ לאַנגער שערענגע און מען רירט פון אָרט. אַנטקעגן קומט אַן אַ פראַנט מיט גלעזל שיך, אין אַ העלן קאָסטיום, אין אַ שטרויענעם הוט, מיט אַ לייכט שטעקעלע אין האַנט. די אַרמיי גייט גלייך אויף אים. ער וויל אָפּקערן אין אַ זייט, אָבער אין איין מאָמענט שליסט זיך אַרום אים אַ ראָד און דרייט זיך מיט אַ קוויטשעריי און געלעכטער. דער יונגערמאַן ווערט פאַרבליפט... ער שמייכלט פאַרלעגן און וויל אַרויסגיין — עס הויבט זיך נישט אָן! ער פאַלט אויף אַ שכל: אַרויסגענומען דאָס בייטעלע און וויל זיך אויס־קויפן. דאָס רעדל דרייט זיך, קיינער קוקט זיך אַפילו נישט אום. איינע האָט רחמנות. — נעמט אַראָפּ דאָס היטל, — גיט זי אים אַן עצה.

ער פאָלגט.

די קינדער זיינען צופרידן פון דער קאָנטריבוציע, און דאָס ראָד שליסט זיך אויף. ער גייט אַוועק צעטומלט: ער ווייסט נישט — לאַכן זאָל ער, אָדער זיך בייזערן?

פאַלט אַריין אַ דאַמע צו זיי אין דער נעץ, הייסט מען איר זאָגן: גוט מאָרגן.

דעם דריטן האָט עס אָנגעטראָגן אַ מענטשן פון אַ יאָר פערציק. און נישט סתם אַ מענטש — טאַקע מיט אַ בייכל, טאַקע מיט אַ גאָל־דענער קייט, און טאַקע אין אַ רעקל פון שוואַרצן זייד און מיט אַן אָפענעם שירם אין האַנט.

געוועזן וואָס צו זען, ווען דער שונא האָט אים אַרומגערינגלט. די אויגן זענען געוואָרן גרויס און קיילעכיק ווי צוויי קופּערנע צענערלעך, די האַרטע בלאָנדע וואָנסן האָבן זיך אָנגעבלאָזן, און דאָס בייכל איז אַזש אַ ביסל איינגעפאַלן. דאָס פּנים — שטומפּיק ווי אַ גאַנצער שווייצער־קעז. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, לחלוטין גאָרנישט פאַר־שטאַנען!

עס האָט אויך געלוינט צו זען זיין פּנים, ווען ער האָט יאָ אָנגעו־

הויבן צו פאַרשטיין. אויף מיין לעבן האָב איך אַזאַ אומזיניקן, בההמשך כעס נישט געזען. אודאי איז ער געווען גערעכט: וואָס איז ער, זייערס אַ גלייכן? אַ פאַרנומענער מענטש — און אַזעלכע נאַרישקייטן! אַן אַנ־געזעענער באַלעבאָס — און אין אַזאַ יינגלשער לאַגע!

ער האָט מיט כעס דורכגעריסן דאָס ראָד און איז אַוועק — פאַר־דינען געלט.

נאָך אַזאַ מפּלה זענען מיינע מיידעלעך ביי זיך שטאַרק אַראָפּגע־פאַלן. אַ פּאָר מאָל האָבן זיי אומזיכער געפּרואווט אונטערגיין צו עפּעס אַ שפּאַצירנדן — און האָבן זיך צוריקגעצויגן. דאָס רעדל האָט געהאַלטןביים צעפאַלן ווערן.

שפּרייזט דורך דעם גאָרטן אַ מיידל. שיינע, שוואַרצע האָר אונטער אַן אַלטינקן הוט, אַן אָפּגעצערט פּנים, פון וועלכן די „פּראָווינץ" איז נאָך נישט אַראָפּ, אַן אָפּגעריבן קלייד, אַנגעטון אויף גאָטס באַראָט. דער איינציקער עלעמענט פון שיינקייט — אַ בלוי בלימל אין דער האַנט, אַ באַשיידענע „פאַרגעס־מיך־ניט". אויפן פּנים — די גאַנצע געשיכטע: לערן איך זיך, הונגער איך, ווער איך פאַרוועלקט . . .

האָבן די קינדערלעך גלייך אויפגעלעבט . . . לויפנדיק, שטויסנדיק איינס דאָס אַנדערע, האָבן זיי זיכער און פריילעך זי אַרומגעשלאָסן. מעגלעך, דאָס בלימל אין איר האַנט האָט זי אויסגעגעבן.

זי איז געבליבן שטיין מיט האַלב אָפענע, שמייכלענדע ליפּן און מיט ברייט געעפנטע בלויע אויגן.

— וואָס ווילט איר, קינדער?

קיינער ענטפערט נישט. מען טאַנצט און מען לאַכט מיט אַ ניגון: אַריינגעכאַפּט! אַריינגעכאַפּט!

פאַרוויטלט, מבויש, וואַרפט זי בליקן אין אַלע זייטן. פלוצים בויגט זי זיך אָן, כאַפּט דאָס ערשטע קינד וואָס קומט איר צו דער האַנט און — קושט עס גלייך אין די ליפּעלעך . . .

דער ליאַרם און געפילדער, וואָס דאָ איז געוואָרן, דאָס קלינגענדע לאַכן און דאָס פּאַטשן מיט די הענטלעך האָבן דייטלעך באַוויזן, אַז זי טאַקע האָבן זיי געדאַרפט. איך האָב זיך צוגערוקט נעענטער און, ווען דאָס מיידל האָט זיך אויסגעגלייכט, האָב איך באַמערקט צוויי

טרערן אין אירע אויגן און אַ פולשטענדיק גליקלעכן, עכט קינדערשן שמייכל אויף אירע ליפּן . . .

— — — — — — — —

„זייט אַזוי ווי קינדער".
דער וואָס האָט עס געזאָגט, האָט פיל געליטן פון „גרויסע".

„היינטיגע צייט", ביאַליסטאָק.
יאַנ. 6, 1909.

(פריער געדרוקט אין א ניו־יאָרקער צייטונג. נאָמען, דאַטע מיר ניט באַקאַנט.)

אַ גאַסט

אונטערגעהויבן די צעריסענע קליידער, מיט ברייטע טריט און מיט אַ פלאַמענד געזיכט, האָט שרה חנה געשפּאַנט איבער דער בלאָטע, פון איר קרעמל צו זיך אַהיים. די גרויע האָר האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטער איר קאָפּ־טיכל, פונם פוילן ווינט האָבן אירע אויגן געטרערט; גאַנצע שטראָמען וואַסער מיט בלאָטע האָבן זיך געריסן פון אונטער אירע צעריסענע שיך, אין וועלכע עס האָט „געשריען", און האָבן איר פאַרשפּריצט די קליידער — און זי האָט דאָס אַלעס נישט געהערט און נישט געפילט, און האָט זיך געצויגן אַלץ ווייטער און ווייטער, לעכער־לעך פונאַנדערשטעלנדיק די פיס און פאַרבויגנדיק דעם קאָפּ אַן אַ זייט...

— שרה־חנה, שרה־חנה! — האָט געשריען אַ קרעמערין מיט אַ פייערטאָפּ אין די הענט.

— וואוהין לויפט איר אַזוי?

— מיין זון איז געקומען! — האָט שרה־חנה געענטפערט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל און איז ווייטער געלאָפן.

— שרה־חנה, איר זאָלט מיר געזונט זיין! — האָט איר אַ ביסל ווייטער אַנטקעגנגעשריען ברכה די קצבטע. — וואָס איז מיט אייך דער מער, וואָס איילט איר זיך אַזוי?

— איך האָב אַ גאַסט . . . — האָט שרה־חנה שוין שטאָלץ גע־זאָגט, לויפנדיק פאַרביי. — מיין זון . . .

— שרה־חנהס זון איז געקומען! דער דאָקטאר! דער „געקאַנ־טשעטער" . . . — האָט איין יידענע איבערגעגעבן דער צווייטער, און די בשורה האָט זיך געשווינד פאַרשפּרייט איבער דער גאַס און האָט איבערגעיאָגט שרה־חנהן אַליין.

— שרה־חנה! אייער זון איז געקומען! — איז צוגעשפּרונגען עפּעס אַ מיידל מיט אַ נייס . . .

— ליב אייך מיט אייער גאַסט! . . וועו איז ער געקומען? נאָר וואָס פון דער באַן? — האָט חיים דעם שדכנס ווייב געפּרוואווט זי אָפּשטעלן.

שרה־חנה האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף לינקס און רעכטס. איצט האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן. איבער איר פּנים

האָט זיך צעגאָסן אַ ברייטער שמייכל. די טריט זענען געוואָרן אַלץ היפּשער און עפּטער, און דאָס האַרץ האָט אין איר ברוסט משונה גע־טאַנצט. אַריינלויפנדיק אין הויז, וואו זי האָט געוואוינט אין שכנות, האָט זי געפּרואווט פאַרמאַכן די טיר, נאָר יענע איז שלעכט צוגעשטאַ־נען. שרה־חנה האָט פאַרלאָרן די געדולד און האָט זי געלאָזט אָפן. אירע באַלעבאָטים האָבן זי באַגעגנט מיט אַ שמייכל.

— וואו איז מיין משהל? — האָט זי אַ פרעג געטון און, נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, איז זי געלאָפן ווייטער צו איר צימער. אין דער טיר איז געשטאַנען איר משהל, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, מיט פינסנע אויף דער נאָז און אַן אַ היטל. שרה־חנה איז מיט אַמאָל ביי זיך אַראָפּגעפאַלן.

— נו, וואָס מאַכסטו? — האָט זי געפרעגט מיטן פריערדיקן פאַרבאָרגענעם שמייכל און אָפּגעווישט די נאָז מיטן קליידל.

— וואָס זאָל מען מאַכן, וואָס מאַכסטו? — האָט דער זון צוריק־געשמייכלט.

שרה־חנה האָט צוריק באַקומען איר שטאַרקייט און האָט גענומען טאַנצן אַרום דעם זון.

— זיץ, משה, וואָס שטייסטו? ביסט אודאי הונגעריק. אפשר וואָלט איך דיר געמאַכט אַ ציבעלע מיט שמאַלץ? — זי האָט זיך פאַר־שעמט און נאָך גיכער גענומען רעדן: — שטיי, אָט וועל איך שטעלן דעם סאַמאָוואַר . . . ווי זשע פילסטו זיך אין געזונט?

דער זון האָט געקוקט אויף זיין מאַמען, וועלכע איז פון דחקות און האָרעוואַניע געוואָרן עפּעס קלענער, אויף איר איינגעפאַלענער ברוסט און בלאַטיקע, צעריסענע קליידער; זיין בליק האָט געשוועבט איבער דעם, מ׳שטיינס געזאָגט, מעבל, איבער דער קויטיקער פּאַדלאָגע, איבער דער גאַנצער שטוב. ער האָט נאָך געשמייכלט, נאָר זיין שמייכל איז געווען אַ הילצערנער און איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַן עקלהאַפטער מינע . . . זיין האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט, און ער וואָלט גערן שוין טאַקע אַנטלאָפן פון דאַנען. באַזונדערס האָבן אים עפּעס גערייצט די מעשענע לייכטער אויפן קאַמאָד: אין זיי האָט זיך ווי אויסגעדריקט די גאַנצע אָרעמקייט, אומריינקייט און וואַכעדיקייט פונם פינצטערן לעבן אינם פינצטערן שטיבל . . .

ביי דער טיי האָט ער דער מוטער דערציילט אַז ער שטעלט זיך דאָ

אָפּ בלויז אויף איין טאָג און מאָרגן פאָרט ער אָפּ אין אַ נאָענטן שטעטל, וואו ער האָפט צו קריגן „פּראַקטיק".

— נעם, מיין זון, אַ ביסל איינגעמאַכטס, — האָט אים שרה־חנה מכבד געווען. — די מאַלינעס זענען ביי מיר היינטיקס מאָל זייער געראָטן . . .

ער האָט זיך צום כיבוד קוים צוגערירט, און זי האָט נישט געוואָגט אים מער צו בעטן. טאַנצנדיק אַרום אים, איז זי עטלעכע מאָל אַרויס־געלאָפן אין קיך און זיך געהאַלטן אין עצה מיט דער באַלעבאָסטע,ביילע רב שלומס, וועגן דעם מיטיק.

— וואָס זאָל איך אים געבן עסן? זאָל מיך אַזוי וויסן בייז, ווי איך ווייס . . .

— נעמט אַ שטיקל פלייש און האַקט איין אַ קאָטלעט, — האָט ביילע געראָטן. — וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? קיין קאַשע מיט באָרשטש וועט ער נישט עסן . . .

— וואו וועל איך נעמען פלייש? די יאַטקעס זענען שוין פאַרמאַכט. אפשר מאַכן מילכיקע קרעפּלעך? מיר געפעלט אָבער נישט דער קעז ביי גיסיע לאהן, ער איז זויער און טרוקן ווי אַ האָלץ.

זי איז פּלוצלונג געפאַלן אויף אַ מיטל.

— ווייסט איר, וואָס איך וועל גאָר טון? איך האָב געזען אין מאַרק פרישע פיש, דערצו וועל איך נאָך אָפּקאָכן אַ טעפּל רייז מיט מילך . . . יאָ, אויף מיינע נאמנות, ס'איז גאַנץ גוט! משה, וואוהין גייסטו עס? — האָט זי זיך געווענדט צום זון, זעענדיק ווי יענער האָט אָנגעטון דעם פּאַלטאָ און האָט געעפנט די טיר.

— צום היגן דאָקטאר, — האָט ער געענטפערט.

שרה־חנה האָט זיך דערשראָקן.

— וואָס עפּעס צום דאָקטאר? ביסט, חלילה, עפּעס נישט געזונט?

דער זון האָט זיך צעלאַכט.

— ניין, גלאַט אַזוי, מיט אַ וויזיט . . .

די מוטער האָט זיך פאַרשעמט.

— פאַרגעס נישט, מיין זון, קומען צום עסן, — האָט זי אים נאָכגעשריען.

זי איז אַוועקגעלאָפן אין מאַרק און האָט געבראַכט אַ פּישל. גרייטנ־

דיק דעם מיטיק, האָט זי נישט אויפגעהערט צו ריידן מיט דער באַלע־באַסטע, דערפילנדיק זיך נאָך דעם זונס אַוועקגאַנג עפּעס פרייער, און האָט אָפן אַרויסגעוויזן איר פרייד.

— איר זעט דעם שלייען, ביילע? ממש ער לעבט. די זשאַברעס זענען ביי אים רויט ווי פייער . . . ס׳האָט מיך אַפילו געקאָסט צוועלף קאָפּיקעס, נאָר ס׳איז ווערט דאָס געלט . . . וואָס איר זאָגט אַנטקעגן קינדער . . . — איז זי איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טעמע, — וואָס מ׳ליידט זיך אָן פון זיי צרות איידער מען דערציט זיי . . . פּאָקן און מאָזלען, און „קינדערשע זאַכן״, און וואָס אויפן הימל איז נישט אויס־גערופן געוואָרן! און אַז עס ווערט עלטער, הויבן זיך אָן גרעסערע יסורים.

— דערפאַר איז ער איצט אָבער אַ מענטש, — האָט זי ביילע געטרייסט אויף די אַמאָליקע צרות.

— יאָ, אודאי, מע טאָר נישט זינדיקן, למאי זאָל איך זאָגן? . . ער איז געגאַנגען צום דאָקטאָר מיט אַ „וויזיט״, — האָט שרה־חנה כלומרשט געלאָסן געזאָגט, און האָט זיך מיט אַמאָל צעלאַכט, און כדי צו פאַרבאַהאַלטן איר פאַרגעניגן, האָט זי צוגעגעבן: — אודאי וואָלט איך געוואָלט ער זאָל זיין אַ ביסל אַנדערש. ווארום פאַרוואָס. מיין אַלטער עליו השלום זאָל לעבן . . .

— אַי, וואָס ווילט איר האָבן? — האָט ביילע מיט אַ פאַרשטענ־דיקער מינע געענטפערט. — היינטיקע קינדער זענען אַנדערש . . . ס׳איז היינט גאָר אַן אַנדער וועלט; טאָמער איז ער דאָרט נישט אַזוי פרום, האָט ער אַנדערע מעלות. גלויבט מיר, איר וועט נאָך אין אים גרויס נחת האָבן, ער וועט טון אַ שיינעם שידוך און וועט נעמען אַ סך נדן . . .

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן, — האָט שרה־חנה גע־שמייכלט. — זעט נאָר, איר זאָלט מיר געזונט זיין, דוכט זיך, מ׳דאַרף צוגיסן אַ ביסל וואַסער צו די פיש . . .

ביסלעכווייז איז דער מיטיק פאַרטיק געוואָרן. די פיש האָבן זיך צוגעברוינט און געשמעקט אַ מחיה, אויפן טעפּל רייז מיט מילך האָט זיך איבערגעצויגן אַ דיקע ברוינע הויט. שרה־חנה האָט אַנגעקוואָלן.

— ער זאָל שוין כאָטש קומען, וואָלט ער הנאה געהאַט, ביז ס׳איז נאָך פריש . . .

זי איז יעדעס מאָל געלאָפן צום פענצטער, זען צי גייט ער נישט. „דער דאָקטאר וויל זיך אודאי מיט אים אַ ביסל דורכשמועסן . . . און ס'איז דאָ מיט וועמען. דער קאָפּ האָט אים נישט אויסגעדאַרט„ . . . האָט זי געקלערט מיט גדלות. זי האָט דערווייל געגרייט צום טיש און זיך געזעצט וואַרטן. ס'איז אַוועק אַ שעה, צוויי . . . אין קרעמל גיין האָט זי נישט געקאָנט, טאָמער קומט ער אָן. די מילך האָט באַקומען דעם קאָליר פון שוואַכן שאָקאָלאַד, נאָר דאָס איז ביי שרה־חנהן געוואָרן פאַרעכנט פאַר אַ מעלה. דערפאַר אָבער די פיש זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. אַ שאָד, אַזאַ זיסע, געשמאַקע יויך! מ'קאָן זיי אַפילו דערגיסן. נאָר אפשר וועט ער באַלד אַריינקומען וועט ער מוזן וואַרטן . . . ניין, ס'טויג נישט. ער וועט, מסתמא, באַלד אָנקומען, האָט זי זיך געטרייסט. נאָר די צייט איז געגאַנגען, און אים האָט מען נישט געזען. ביי שרה־חנהן איז דאָס פּנים פינצטערער געוואָרן . . . זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך פאַררוקט צו זיך אין צימער — זי האָט נישט געקאָנט קוקן די שטוב־מענטשן אין די אויגן . . .

עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל אין דרויסן. שרה־חנה איז געזעסן ביים יום־טובדיק געגרייטן טיש מיטן מילכיקן געפּעס און האָט געטראַכט. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטון, דערהערנדיק אַ קלאַפּ מיט דער טיר. דערזעענדיק דעם זון, איז זי לעבעדיקער געוואָרן און האָט אים באַלד אין האַרצן מוחל געווען וואָס ער האָט זי געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט, מיין זון? — האָט זי געזאָגט מיט אַ ווייכן פאַרוואורף. — דער וואַרמעס איז פאַרקילט גע־וואָרן. אַ שאָד, אַזאַ פרישער שלייען! נו, קום עסן . . . — זי האָט ניט געוואָגט אים זאָגן: גיי וואַש זיך . . .

— עסן? — האָט דער זון זיך פאַרוואונדערט. — איך האָב שוין געגעסן. ער איז געווען פאַרנומען מיט אויסטון און אויפהיינגען זיין פאַלטאָ אויף דער וואַנט און האָט נישט געזען ווי שרה־חנהס געזיכט האָט זיך אויסגעצויגן און אירע אויגן זענען פאַרלאָשן געוואָרן . . .

— וואָס הייסט דו האָסט געגעסן? וואו האָסטו געגעסן?

ער האָט פאַרטראַכט און גלייכגילטיק געענטפערט:

— וואו איך האָב געגעסן? ביים דאָקטאר . . .

„אילוסטרירטע יו"ט בלעטער".
ווארשע, 1904.

אויף דער וואַך (וואַכט)

דורכן שלאָף האָב איך דערהערט ווי די טיר פון מיין צימער האָט זיך אויפגעעפנט און ווידער זיך צוגעמאַכט. באַלד דערנאָך האָב איך דערפילט אַז עמיצער טרייסלט מיך פאַר אַן אַקסל. איך האָב געעפנט די אויגן און האָב דערזען פאַר זיך אַ יונג, רויטלעך פּנים, מיט בלויע אויגן און העלע, יונג־שפּראָצנדע וואָנסעלעך. איך האָב נישט באַלד זיך דערמאָנט ווער דאָס איז.

— אין קלייזל וואַרט מען שוין אויף אייך, — האָט דאָס פּנים מיט אַ שמייכל גערעדט. — דער מאַרק איז זיך שוין באַלד אינגאַנצן צונויפגעפאָרן.

איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפן בעט.

— וואָסער קלייזל? וועלכער מאַרק? — האָב איך נישט פאַר־שטאַנען, און באַלד טאַקע האָב איך זיך פּלוצים דערמאָנט: אַן אַסיפה... היינט איז פרייטיק . . . אַ מאַרק־טאָג . . . אין קלייזל . . .

איך בין געשווינד אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

— אַהאַ, יאַ־יאַ! ווי האַלט דער זייגער, שטיינער?

— שוין באַלד זעקס, — האָט שטיינער געענטפערט. — טוט זיך אָן גיכער, איר עצל!

— גוטמאַן איז שוין דאָרט? — האָב איך געפרעגט, אַרויפציענ־דיק אין איילעניש אַ שוך.

— אהא, שוין פון אַ שעה אנדערהאלבן! דאָס האָט ער מיך גע־בעטן, כ׳זאָל גיין אייך אויפוועקן.

רעדנדיק, האָט ער אַרומגעטאַנצט איבער מיין צימער, געבלעטערט מיינע ביכער, געטאַפּט די קלייניקייטן אויפן שרייב־טיש, אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּיראָס פון מיין פּאָרטסיגאַר און האָט פאַררויכערט. ער האָט אויסגעזען אַלט צו זיין אַ יאָר צוואַנציק. געווען איז ער אַ העברעאישער לערער, אַ געוועזענער ישיבה־בחור.

איך האָב זיך אויף גיך אײנגעוואַשן, געכאַפּט מיין דיקן דעמבע־נעם שטעקן, און מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס.

— עפּעס אַ סך מענטשן האָבן זיך שוין צונויפגעקליבן? — האָב איך אויפן וועג געפרעגט ביי מיין באַגלייטער.

— נ״ניין, דערווייַלע נאָך נישט זייער פיל . . . מ׳וועט זיך נאָך צונויפגיין . . . — האָט ער מיך פאַרזיכערט.

דער פרימאָרגן איז געווען פריש ווי . . . אַ זומערדיקער פרימאָרגן. די זון איז געשטאַנען נישט הויך איבער דער ערד, דאָך איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען באַגאָסן מיט אַ גאָלדענער שיין. די לופט איז געווען קיל, די ברוסט האָט געאָטעמט פריי, און די פיס האָבן זיך מונטער געהויבן. די גרעסטע העלפט פון דער הויפּט גאַס, איבער וועלכער מיר האָבן איצט געשפּאַנט, איז געווען באַדעקט מיט פורן, מיט פערד, קי, קעלבלעך, בינטלעך פרישן היי און מיט פויערן אין ברייטע „בריליען״ (קאַפּעליושן) פון היימישער אַרבעט. דאָך איז דער מאַרק נאָך נישט געווען פאַרפולט: אויף יעדן טריט האָבן מיר באַגעגנט פורן מיט דאָרפסלייט, פוסגייער מיט שטעקנס אויף די אַקסלען און מיט טאָרבעס אויף די שטעקנס; עס האָט זיך פאַרבייגעשלעפּט אַ בלינדער „דיד״ מיט אַ לירע, וועלכן עס האָט געפירט אַ קליין ייִנגעלע אָן אַ היטל, מיט ווייסע פלאַקסענע האָר; אַ פּאָר פויערן אין ווינטעריקע שמויסענע היטלען האָבן געפירט אויפן מאַרק עטלעכע קי צו פאַרקויפן. אויף איין וואָגן האָט מען פאַרבייגעפירט אַן אומגעהייער גרויסן חזיר. זיין הויט איז געווען רויט און הויל, דער פעטער בויך האָט זיך געבויגן נידערייקער פון די פיס און די קליינע פאַרגאָסענע אייגעלעך האָבן אויסגעדריקט פעטע שלעפעריקייט און אַפּאַטיע.

שטיינער איז נערוועז געשפּרונגען לעבן מיר, אומרואיק און פאַרשנד פאַרקוקט די גייענדיקע און פאָרנדיקע אין די אויגן און האָט זיך געפלייסט כמורנע פאַרקנייטשן זיין גלאַטן יונגן שטערן, וועלכער האָט אים אָבער נישט געפאָלגט און זיך קוים באַוועגט.

— איר האָט באַמערקט ווי יענע צוויי גוים האָבן אויף אונדז געקוקט? . . אָט יענע צוויי באָרויסע, מיט די שטיוול אויף די אַקסלען? . . און אָט יענער אין סאָלדאַטסקען קאַרטוז איז געקומען אָן שטיוול! איר פאַרשטייט? . .

איך האָב גאָרנישט באַמערקט און נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען, נאָר אונטער דער ווירקונג פון זיינע ווערטער און אומרואיקייט האָט זיך מיר אָנגעהויבן דאַכטן אַז איך מערק אויך עפּעס . . .

אין שול האָבן מיר געטראָפן אַ צוועלף דערוואקסענע און אַן אַכט־ניין חדר־יינגלעך פון צען ביז פופצן יאָר אַלט. גוטמאַן, אַ רוסישער לערער פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, מיט בלויע ברילן און מיט אַ שוואַרץ געשוירן בערדל, איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען.

— אַט, גוט וואָס איר זענט געקומען? . . איך האָב דאָ אויפגעגעבן אַ פּלאַן, אַ מאַן פינף זאָלן זיך צעשפּרייטן איבערן מאַרק און אונדז צייטנווייז געבן צו וויסן וואָס הערט זיך. מ׳וואָלט אַפילו געקענט שיקן יינגלעך, נאָר די קונדייסים קאָנען אָנמאַכן אַן אומזיסטע טרעוואָגע . . . וואָס זאָגט איר עפּעס דאַרויף?

— אַט דאָס איז גאָר! — האָב איך געזאָגט, באַקוקנדיק דעם עולם און נישט ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע. — וואו זענען די איבעריקע?

— איר זעט דאָך! — האָט גוטמאַן צעפירט מיט די הענט. — מער איז נישטאָ . . . כ׳ווייס? אפשר וועט נאָך עמעצער קומען.

— וואו זענען אונדזערע „פּני“, וואָס האָבן נעכטן אַזוי איינגעלייגט די וועלט?

גוטמאַן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

המ . . . אין אָוונט, ווייזט אויס, איז די אומרואיקייט גרעסער . . . נעכטן אויף דער אסיפה איז דער עולם געווען זייער אויפגערעגט: אין שטעטל האָט מען „שטאַרק גערעדט“; עפּעס עמעצער האָט אַליין געהערט, ווי איינער האָט זיך באַרימט; אַ צווייטן האָט געוואָרנט זיינער אַ באַקאַנטער „בעל־גוף“, איינער פון די חסידי אומות העולם . . . אַ שוואַרצער וואָלקן איז געהאנגען איבערן קלייזל. יידן האָבן זיך געפילט ווי אום תשעה באב — אַ יום־טוב וואָס איז וואָכעדיקער פון אַ פּראָסטן טאָג און דאָך — נישט גלייך צו אים. מ׳האָט באַשלאָסן זיך צונויפגיין אַהער אין קלייזל, זיין דאָ אויף דער וואַך ביז איבערן יאַריד. עס האָבן זיך פאַרשריבן דריי און אַכציק מאַן. מיט אַזאַ חיל, האָבן מיר געקלערט, קען מען פיל מאַכן אויף דער הייסער שעה . . . איצט אָבער . . . איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף די מענטשן וואָס האָבן זיך אין קלייזל געפונען: דאָ האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ דריי מלמדים, אַ צוויי־דריי האַנטווערקער, אַ שטאָטישער „קאַוואַליער“ מיט אַ רויטן שניפּס, אַ באַרוויסער בחור פון אַ יאָר ניינצן — אַ שמייסער ביי אַ בעל־עגלה און אין דער זעלבער צייט אַ פּויקער אין אָרטלעכן „אָרקעסטער“, און — חיימקע גנב — אַ גנב ממש; צוויי יידן זענען געשטאַנען

אין טלית און תפילין און האָבן געדאַווענט . . . ביי אַ פּאָר מענטשן זענען געווען אין די הענט אייזערנע שטעקעלעך, ביי אַנדערע — היל־צערנע, דער שמייסער און פויקער האָט געהאַלטן אַ בייטש מיט אַ קורץ הענטל, און דער פּראַנט מיטן רויטן שניפּס האָט זיך געשפּילט מיט אַ דין שטעקעלע, אַפילו זייער אַ שיינס. אויף די ביינק און אונטער זיי האָבן אַרומגעטאַנצט עטלעכע יינגלעך, פריי־געלאָזענע אָדער אַנטלאָ־פענע פון חדר, אַלע פיל־ווייניק באַוואָפנט, ווער מיט אַ קליין מעסערל, ווער מיט אַ שייט האָלץ און ווער מיט אַן אַלטער קאַלאָשע; איינער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ . . . קינדערש פידעלע.

מ׳האָט אַוועקגעשיקט אין גאַס אַריין אַ פּאָר מענטשן און אָנגע־הויבן וואַרטן אויף פרישע נאַכריכטן. דורך די אָפענע פענצטער האָט דערגרייכט צו אונדז דאָס מעסיקע, פאַרשיידנשטימיקע גערויש פון יאַריד. צייטנווייז, ווען דאָס גערויש האָט זיך געלאָזט הערן שטאַרקער, האָבן זיך ביים עולם די אויערן געשפּיצט, נאָר רעכט אומרואיק איז קיינער נישט געווען: צו פריילעך האָט געשיינט די זון, די קעפּ זענען געווען פריש פון פריען אויפשטיין, און בכלל איז די לאַגע געווען אַזוי אומגעוויינלעך ניי און אינטערעסאַנט, אַז אויף די געזיכטער האָט מען גיכער געקאָנט נייגיריקייט לעזן . . . שטיינער איז יעדע מינוט געלאָפן אין דרויסן און זיך אומגעקערט מיט די ווערטער:

— שלום, שלום!

געזאָגט האָט ער עס מיט אַזאַ טאָן, ווי עס וואָלט אים כמעט באַנג געטון.

— — — — — — — —

די צוויי יידן וואָס האָבן געדאַווענט, האָבן צונויפגעלייגט די טליתים און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון קלייזל.

— ע, פעטער! וואָס איז ד אָ ס ? ! — האָב איך זיך צו זיי גע־ווענדט. — איר זעט, יידן זיצן דאָ און וואַרטן, נעמט איר גאָר און גייט אַוועק! . .

איינער פון זיי האָט האַלב אומגעקערט צו אונדז זיין קאָפּ און האָט געלאָסן געזאָגט:

— יידן וואַרטן? נו, זאָלן זיי וואַרטן געזונטערהייד . . .

— איך פאַרשטיי נישט, איר זענט גאָר קיין יידן נישט, וואָס? — איז שטיינער צוגעשפּרונגען מיר צו הילף.

דער ייד איז פּלוצים אין כעס געוואָרן.

— איך בין קיין ייד נישט?! ווער דען, איר אפשר זענט יידן? איר זענט פון גאַנץ פרי אָן אין אַ מקום קדוש — האָט ווער פון אייך געדאַווענט, צי האָט עמעצער אַפילו תפילין געבראַכט?

איך האָב זיך אַריינגעלייגט אין שלום.

— וואָס טויג מיר דאָרטן? אַלע זענען יידן, אברהם אבינוס איי־ניקלעך, אָבער — ווי קאָנט איר גלאַט אַוועקגיין!

— נו, און ווער וועט געבן מיינע קינדער עסן, איר אפשר? וואָס וועל איך דאָ שטיין און היטן אונדזערע גבירים, אַמער וועל איך בעסער אַרויסגיין אויפן מאַרק, טאָמער וועט גאָט עפּעס צושיקן.

— וואָסערע גבירים? דאָס קאָן אָנרירן אייך אַזוי גוט ווי דעם גרעסטן גביר. מ׳מוז זיך דאָך ווי עס איז באַוואָרענען!

דער ייד האָט געוואָרפן אַ פאַראַכטלעכן קוק אַרום.

— איר וועט אונדז דערפון פאַרהיטן?!

ער האָט אויסגעשפּיגן און איז אַרויס פון קלייזל. דער צווייטער ייד, וועלכער האָט ביז איצט געשוויגן, האָט רואיק געזאָגט:

— איר האָט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן — עס וועט, מיט גאָטס הילף, גאָר נישט זיין.

מיט די ווערטער איז ער אויך אַוועקגעגאַנגען.

מיר זענען געבליבן ווי אָפּגעשמיסן . . .

— גיי מאַך עפּעס מיט אונדזערע יידעלעך! — האָט שטיינער גערעדט מיט אַ ביטערן שמייכל. — ד י ג ב י ר י ם וויל ער נישט היטן! ניין, איך וואָלט ניט וועלן זיין אויף משה רבינוס אָרט! . .

קיינער האָט אים נישט אונטערגעהאַלטן. גוטמאַן האָט זיך צו־געבויגן צו מיר און האָט שטיל געזאָגט, ווייזנדיק מיט די אויגן אויף חיימקע גנב, וועלכער איז שווייגנדיק געזעסן אויף אַ באַנק לעבן דער טיר:

— אָט ד ע ר וועט אונדז דוקא צונוץ קומען . . .

ער איז צוגעגאַנגען צו חיימקען.

— ווי מיינט איר, ס׳וועט עפּעס זיין?

חיימקע, אַ נידעריקער, ברייטביייניקער בחור, מיט אַ קויטיק גע־זיכט און גרויע אויגן, איז געוואָרן רויט ווי אַ צוויק, האָט זיך אויפ־געשטעלט, אַנגערוקט אויפן שטערן דאָס אַלטע היטל מיטן גלאַנציקן,

האַלב אָפּגעריסענעם דאַשעק, האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט, און נאָך אַמאָל אויפגעשטעלט . . .

— יאָ, אוודאי . . . ס'הייסט . . . כ'ווייס? אפשר וועט גאָר־נישט זיין . . .

ער האָט געקוקט אין אַ זייט און נישט געוואוסט וואו די הענט אַהינצוטון. אום אַ ביסל אים אויפצומונטערן, האָט אים גוטמאַן גע־געבן אַ פּאַפּיראָס און דערביי באַמערקט:

— ווען מיר וואָלטן האָבן נאָך אַ ביסל מענטשן וואָלטן מיר גע־קאָנט נישט דערלאָזן . . .

חיימקע איז מיט אַמאָל לעבעדיק געוואָרן:

— אהאָ! מיר וועלן זיי געבן! איך אַליין קאָן שלאָגן צען מאַן! איר זעט אָט דאָס אָ? — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין אייזערנעם שטעקן מיטן בלייערן קעפּל, — אַנומעלטן גיי איך אַזוי פון דאָרף, פון זאַקריטשי, פאָרט אָן אַ וואָגן מיט גוים. טוט איינער צו מיר אַ געשריי: „העי טי, זשיד כאַלאַמייי!" מאַך איך אַזוי צו אים: „מאַזעפּאַ"! אַ גוי, אַז מ'זאָגט אים „מאַזעפּאַ", צינדט זיך אין אים באַלד אָן די רציחה. מיינע גוים שפּרינגען אַראָפּ פון וואָגן און לאָזן זיך צו מיר . . . נו־נו, האָב איך זיי געגעבן! איינעם האָב איך געעפנט דעם מוח מיטן שטעקן, נאָך איינעם האָב איך צעריסן די סוויטע ביז אַרויף, זיי זיינען פון מיר קוים מיטן לעבן אַוועק!

חיימקע האָט אונדז אַלע באַקוקט מיט גדלות, ווי איינער רעדט: וואָס זאָגט איר עפּעס אויף מיר?

— כע־כע! — האָט גוטמאַן געלאַכט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן. איינער פון די מלמדים האָט פלוצים געמאַכט אַן אַנטדעקונג:

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך גאָר זאָגן? יעדער ייד קאָן שלאָגן דעם שטאַרקסטן גוי, ווארום אַ גוי גייט גלאַט מיט גבורה, און אַ ייד נעמט מיט שכל . . . — דערביי האָט ער געוויזן מיט די הענט ווי אַ ייד „שלאָגט מיט שכל", נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער גראָבער פינגער, און ביים מלמד איז אַרויסגעקומען אַזאַ תנועה, ווי ער וואָלט פאַרענטפערט אַ האַרבע קשיא אָדער אַרויסגעזאָגט אַ סברא . . .

— אודאי אַזוי! — האָט חיימקע באַשטעטיקט מיט דער זיכער־קייט פון אויטאָריטעט.

די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך אַרום אים אַרומגעשטעלט און מיט

אַנטציקונג זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. דער גנב האָט זיך דערפילט איינגאַנצן פריי און האָט אָנגעהויבן זיך צו באַרימען, דערציילנדיק איין מעשה נאָך דער צווייטער:

— איין מאָל, אין טאַרטילאָוו, אויפן יאַריד, זענען אויף מיר אָנגעפאַלן . . .

— — — — — — — — — — — —

די זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער, און אין קלויז איז געוואָרן הייס. דער שטויב האָט זיך געטראָגן אין דער לופט, האָט אַריינגעדרונגען דורך די פענצטער צו אונדז און זיך געלייגט אויף די ביינק, אויף די סטענדערס, אויפן רויטן, זיידענעם פרוכת. דאָס גערויש אין מאַרק האָט זיך וועלנאַרטיק געהעכערט און געפאַלן און צייטנווייז האָט זיך אונדז געדוכט אַז עס איז נישט קיין איינפאַכעס „קול ענות" . . . אונדזערע אויסזעער זענען נאָך נישט געקומען, און מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס אין גאַס טוט זיך. פאַר דער צייט האָבן מיר נאָך אַ פּאָר מענטשן אָנגעוואָרן, און אנשטאָט זיי איז אַ נייער פּאַרשוין געקומען.

געהייסן האָט ער בעני, רב נחמן טאַרטילאָווערס איידעם, נאָר אין שטאָט האָט מען אים גערופן סתם „דער איידעם". דאָס איז געווען אַ לאַנגער, מאָגערער יונגערמאַן, מיט אַ געדיכט, נאָר קורץ שוואַרץ בערדל, מיט דינע, בלויע ליפּעלעך און מיט קליינע, קיילעכיקע, ווי הינערישע, אייגעלעך. געטראָגן האָט ער שטענדיק אַ שוואַרצן סורדוט מיט אַ לאַנגן שפּאַלט, אַן אויבערהעמד מיט אַן אָפּגעלייגטן קאָלנער און אַן אַכט־עקיק קאַשקעטל פון שוואַרצן זייד. ער איז געווען באַוואוסט אין שטעטל פאַר אַ מושלם, אַ חריף און דערצו פאַר אַ מענטשן, וואָס ווייסט אויך אין „זייערע" לימודים און וועט, נישקשה, פאַר קיינעם נישט אַראָפּפאַלן . . . ער איז שוין דאָס דריטע יאָר געזעסן ביי זיין שווער אויף קעסט, נישט אַריינטוענדיק קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער. געדאַוונט האָט ער אין אַן אַנדער שול און צו אונדז איז ער איצט, ווייזט אויס, געקומען זען וואָס טוט זיך דאָ, און אפשר פאַרפירן עפּעס אַ ויכוח מיט די דייטשן, זיי מנצח זיין, און דערמיט מקדש השם זיין בפרהסיא, און טאַקע אונטערהאַלטן זיין אייגענע רעפּוטאַציע אויך . . .

אַריינגייענדיק, האָט ער צו שטיינערן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, צו מיר פריילעך אַ שמייכל געטון, ווי איינער רעדט: מיר ביידע פאַרשטייען זיך גוט . . . און גוטמאַנען אַפילו די האַנט דערלאַנגט עט וואָס

מיט דרך־ארץ: פֿאַרט אַ „רוסישער" לערער . . . נאָכדעם האָט ער אַרויס־ גענומען אַ שוועבעלע און אַ שיין מעסערל מיט אַ פּערלמוטערן הענטל, האָט לאַנגזאַם פֿאַרשניצט אַ שפּיץ אויפֿן נישט באַשוועבלטן עק פֿון שוועבעלע און גענומען זיך רייניקן די ציין. גערייניקט האָט ער געלאַסן, לאַנגזאַם, ווייזט אויס זייער צופֿרידן פֿון זיין פּריטיקדיקן ראַסלפּלייש און פֿון זיך אַליין. געענדיקט מיט די ציין, האָט ער אַרויסגענומען אַ זילבערנע טאַבאַק־פּושקע, האָט פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און פֿאַררויכערט טאַקע מיטן זעלבן שוועבעלע. נאָך דעם אַלעמען האָט ער זיך אָנגעלענט מיט די עלנבויגן אויף אַ סטענדער, האָט געבלאָזן יעדעס מאָל די באַקן, אַרויסלאָזנדיק פֿון מויל דעם רויך, און באַטראַכט ווי ער פֿלעכט און דרייט זיך, דורכשניידנדיק אין דער לופֿט אַ פּאַס, וואָס איז באַלויכטן דורך די שטראַלן פֿון דער זון.

אַלע האָבן זיך זייער געלאַנגווייליקט, און דער נייער גאַסט האָט קיין פֿריילעכקייט ניט צוגעגעבן. גוטמאַן האָט אַ גענעץ געטון.

— איינס, — האָט ער געזאָגט, אַ קוק טוענדיק אויפֿן זייגער. — מ'וואָלט שוין געמעגט גיין עפּעס עסן . . .

— געדאַוונט, מסתמא, האָט איר דאָך שוין, כע־כע . . . — האָט דער איידעם געשפּאָסט מיט אַ פֿריילעך שמייכעלע.

— עס פֿאַרשטייט זיך, — האָט גוטמאַן געענטפֿערט אין זעלבן טאָן. — מיטן ערשטן מנין . . .

— אודאי נאָך אין צוויי פּאָר תפֿילין? — האָט דער איידעם נישט אויפֿגעהערט זיך צו וויצלען, און האָט צופֿרידן געגלעט זיין בערדל.

גוטמאַן האָט נישט געענטפֿערט. דערפֿאַר האָט זיך אַריינגעמישט שטיינער מיט אַ באַליידיקטער מינע און אַ שאַרפֿער איראָניע:

— איר מיינט טאַקע אַז די גאַנצע פֿרומקייט איז נאָר אין די, וואָס שאָקלען זיך איבערן אַלטן? ס'קאָן זייער זיין, אַז ביי אַזאַ פֿרומאַק אין האַרצן זאָל זיין גנבֿה, גזלה און רציחה, און אַ מענטש פֿון נייעם דור זאָל האָבן אין זיך מער „סאַוועסט" ווי ער . . .

אַרום אונדז האָבן זיך אַרומגעשטעלט די אַלע יידן און יינגלעך וואָס זענען געווען אין קלייזל. יידן האָבן געעפֿנט מויל און אויערן און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין . . . דער איידעם איז רויט געוואָרן. מ'האָט

געזען בחוש אַז ער גורט אָן זיינע לענדן אום אַרויסצוטרעטן קעגן די וואָס „לעסטערן די ציילן פון גאָט" . . .

— און איר מיינט אַז די גאַנצע חכמה שטעקט אין אייערע ביכלעך און גאַזעטן? דאָס וועט איר דערציילן אייער באָבען, נישט מיר! מיך וועט איר נישט נאַרן — איך האָב, נישקשה, געלייענט דעם באַרימטן „פעדאָן און השארת הנפש", מיט רנ"קס „מורה נבוכי הזמן", מיט אַלע „השחרס". מ'שטיינס געזאָגט, די חכמה וואָס עס שטעקט אין „הנדסה" צי אין „ידיעות הטבע"! אין תלמוד, אין אונדזערע הייליקע ספרים געפינט איר די אַלע חכמות און נאָך מעשה מרכבה, און חכמת הרפואה, און נתוח, און פילוסופיא, און וואָס איר ווילט אין דער וועלט. שלמה המלך האָט געזאָגט: אין חדש תחת השמש, האָט ער אודאי געוואוסט וואָס ער זאָגט, ווארעם מיר זעען דאָך אַז אַלעס וואָס די חכמי אומות העולם האָבן אויסגעקלערט ביי היינטיקע צייטן, האָבן אונדזערע קדמונים געוואוסט דערפון פריער. אַשטייגער, מי לנו גדול פון דער אייזנבאַן? האָבן מיר טאָקע אין דער תורה אַ רמז דאַרויף, ווארעם וואָס, מיינט איר, איז דער פשט פון „וסוסי אש"?!

דער אָנפאַל איז געווען אַזוי שטורמיש און אומדערוואַרטעט, דאָס געשפרעך איז אַזוי קלוג פאַרדרייט געוואָרן אין אַ זייט, אַז שטיינער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. בעני רב נחמנס האָט גערעדט מיט היץ, געמאַכט מיט די הענט און האָט מיט נצחון געוואָרפן בליקן אויף אונדז אַלע, פונקט קעגן אים איז געשטאַנען חיימקע גנב און האָט מיט ברייט־געעפנטע אויגן געקוקט אים גלייך אין מויל אַריין. זיין שטערן האָט זיך פאַרקנייטשט און זיך באַדעקט מיט שווייס, דאָס אָפענע מויל האָט געאָטעמט שווער און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי דערשראָקן און אַראָפגעפאַלן ביי זיך מיט זיין גבורה.

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט שטיינער געפרואווט אַריינשטעלן אַ וואָרט, — מיר האָבן דאָך גאָר גערעדט פון עפּעס אַנדערש. און וואָס איר זאָגט אַנטקעגן חכמה . . .

— ניין, לאָזט ריידן, — האָט דער איידעם אים איבערגעשריגן.

— אַריסטו איז אודאי געווען אַ גרויסער חכם, נאָר דער רמב"ם ז"ל איז געווען קלוגער פון אים, ווארעם מיר זעען דאָך, אַז ווען אַריסטו האָט געהייסן זיך צעשניידן אויף שטיקער און אַריינלייגן אין אַ גלעזערנער כלי מיט שמעקעדיקע ביימלען און אַזוינע מיני בשמים, און

אַז די אברים האָבן אָנגעהויבן זיך צונויפּוואַקסן, האָט דער רמב״ם, זכרונו לברכה, צעבראָכן די כלי, וואָרעם פֿאַר וואָס? — כּדי דער ערל זאָל נאָכדעם, אַז ער וועט לעבעדיק ווערן, נישט זאָגן אַז ער איז אַ גאָט. און ווידער זעען מיר . . .

— דער יאַריד איז זיך שוין באַלד אײַנגאַנצן צעפֿאָרן!

אַלע האָבן מיט אַמאָל אומגעקערט די קעפּ אין דער זײַט פֿון וואַנען די ווערטער האָבן זיך געלאָזט הערן און האָבן אַ ווײַלע געקוקט צעטומלט. פֿאַר אונדז איז געשטאַנען אײנער פֿון אונדזערע שליחים, אַ נידעריק יידל מיט אַ רויטער באָרד און מיט אַ גרויסן בייל אויפֿן שטערן.

— מ׳מעג זיך שוין צעגיין, — האָט דאָס יידל גערעדט, — ס׳איז, דאַנקען גאָט, אָפּגעגאַנגען שטיל.

מיר האָבן זיך געוואָרפֿן צו די פֿענצטער. זײַלן שטויב זענען גע־גאַנגען איבער דער גאַס, האָבן זיך געהויבן אין דער הויך פֿאַרוואַנדלט אין וואָלקנס. אַ צייל פֿורן האָבן זיך געצויגן דורכן שטויב, די רעדער און די אַקסן האָבן געסקריפּעט, קי האָבן געמעקעט, פֿערד האָבן גע־הירזשעט, מענטשן האָבן גערעדט און געשריגן פֿון די פֿורן אײנער צום צווייטן. פֿאַרביי דעם קלייזל איז דורכגעפֿאָרן אַ וואָגן אין וועלכן עס איז געווען געשפּאַנט אַ קליין מאָגער פֿערדל מיט ביינעריקע, אָפּגעריי־בענע זײַטן. הינטן, צוגעבונדן פֿאַר די הערנער, איז נאָכגעגאַנגען אַ געלע קו מיט ווײַסע פֿלעקן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. צײַטנווײַז האָט זי זיך געשטעלט, געפּרואווט זיך אײַנשפּאַרן, נאָר די שטריק האָט זיך אָנגעצויגן, און די קו האָט זיך גערירט פֿון אָרט, נאָך נידעריקער אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ. אויפֿן וואָגן, אַריבערגעוואָרפֿן די באָרוויסע פֿיס דרויסן, איז געזעסן אַ פּויער פֿון אומבאַשטימטן עלטער, אין ווײַסע לײַוונטענע הויזן, אין אַ ברודיקן העמד און אָן אַ היטל. לעבן אים איז געזעסן זײַן פּלונית אין אַ העל־קאָלירטן שלײַער. צווישן זיי איז געווען אויסגעשפּרייט אַ רויטע פּאַטשײלע, אויף וועלכער עס זענען געליגן קלײנע געטריקנטע פֿישלעך, אַ לאַבן שוואַרץ ברויט און אַן אויפֿגעשני־טענער אַרבוז. אין אַ זײַט, פּונם היי, האָט אַרויסגעקוקט אַ היפּשע „מאַנאָפּאָלקע״. דאָס פֿאַר פֿאָלק האָט געלאָזן געקוקט אויף אונדז און האָט, קענטיק, זיך געוואונדערט — פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען אין איין הויז אַזוי פֿיל „זשידעס״?

אַ פּאָר מינוט האָבן מיר באַטראַכט אָט די סצענע. דערנאָך, שווייגנדיק און נישט קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, האָבן מיר זיך געלאָזט אַרויסגיין פון קלייזל. אין טיר האָט שטיינער פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט.

— שאָט נאָר, ווי וועט זיין זונטיק? מ׳וואָלט באַדאַרפט נאָך אַ מאָל זיך צונויפקלייבן . . .

גוטמאַן האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָפּ־געטריבן אַ פליג, און האָט אַרויסגעברומט אונטער דער נאָז:

— מיר׳ן שוין זען . . .

קראָקוי, 7טער מערץ, 1905.
„דאָס יודישע וואָרט". אברהם רייזען, ארויסגעבער.

⚜ ⚜ ⚜

חנא חייציס

1.

דעם גאַנצן זומער פון 1903, צווישן די דאַטעס קעשינעוו און האָמליע, האָט אַ לאַנגער, דאַרער, ביינעריקער סקעלעט — דער סקע־לעט פונם פּאָגראָם — געשפרייזט איבער די פעלדער פון אוקראַינע — און האָט אַריינגעטראָפן אויך אין מיין שטעטל, אין קיעווער גובערניע. איך האָב דעמלט געקנעלט קירפּיטשניקאָווס רוסישע גראַמאַטיק מיט באַלעבאַטישע יידישע קינדער, און איך האָב זיך געוואַשן מיט זיידעלס גליצערין־זייף וואָס האָט געקאָסט פערציק קאָפּיקעס אַ שטיק.

די עלטערע באַלעבאַטים פון שטאָט, מיט ר׳ זכריה קופּערמאַן בראש, זענען תיכף אַוועקגעלאָפן קיין קיעוו „זיך זען מיטן איספּראַוו־ניק״; און מיר, יונגעלייט, האָבן פּרובירט אַנגעמען אַנדערע מיטלען, ווייל די אידייע פון זעלבסטשוץ איז שוין געווען געקומען אין דער יידי־שער וועלט, הגם נתגלה ווערן ווי געהעריק איז זי געוואָרן ערשט אין האָמעל. אַ שמיד האָט אויף שנעל פאַבריצירט עטלעכע צענדליק איי־זערנע שטעקלעך מיט בלייענע גאָלקעס, די גבירים האָבן געגעבן געלט אויף עטלעכע רעוואָלווערן, און אַ געוויסער פּרייטיק אינדערפרי האָט געטראָפן ביי אַ זעכציק־זיבעציק „אונדזערע״ פאַרזאַמלט אין „זשו־ראַווסקיס״ קלויז, בעת די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן אָנ־געהויבן קומען אין שטאָט אַריין אויפן מאַרק, אַ סך פון זיי אָן שטיוול — מיט דער האָפענונג צו פאָרן צוריק באַשוכטע. אין אונדזער גרופּע זעלבסטשיצלער זענען אַריין די אינטעליגענטן פון שטעטל, פון ציוניסטן ביז „עסערן״ און „איסקראָווצעס״, עטלעכע באַלעבאַטים, עטלעכע באַ־לעגאָלעס — און אַפילו דער שטעטלשער גנב, וועלכער האָט זיך באַ־רימט געמאַכט, אַז ער קאָן „אַוועקלייגן״ צען גוים איינער אַליין. אויפן מאַרק, צווישן די פּויערשע פורלעך, האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָר צענדליק „דעסיאַטניקעס״, וואָס דער איספּראַווניק האָט צונויפגעצויגן פונם גאַנצן „סטאַן״, און אַהין האָבן מיר אויך געשיקט אונדזערע אייגע־

נע מרגלים, וואָס עמיצער פון זיי פלעגט צוריקקומען אַלע האַלבע שעה צו באַריכטן ווי עס האַלט.

אַרום האַלבן טאָג האָט חנא חייציס זיך אָפּגעטיילט פון אונדזער גרופּע און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון קלויז, מיט דער בייטש אין דער האַנט. עמיצער האָט אים אַ פרעג געטון וואוהין ער גייט, און ער האָט געזאָגט: אין מאַרק אַריין, זוכן צו פאַרדינען עטלעכע קאָפּיקעס.

חנא חייציס איז געווען אַ ייד אַ כמורנער און אַ גרויסער שווייגער. זיין שוואַרצע, דראָטענע באָרד איז געווען ניט קיין לאַנגע, נאָר אַ הויכע — ביז אונטער די אויגן. די בייטש זיינע האָט דערמאָנט גיכער אָן אַ „סמיק״ — אַ פידלבויגן — איידער אָן אַ בייטש, ווייל דער עק פונם רימען איז שטענדיק געווען אַרומגעוויקלט אַרום דער פּוזשעלע און פאַרבונדן מיט אַ קנופּ. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ביי חנאן צום דריטן מאָל געפאַלן דאָס פערד, און פון דעמלט אָן האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט צונויפשלאָגן קיין געלט אויף אַ ניי פערד און איז ביסלעכ־ווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרעגער. די בייטש האָט ער, אפּנים, אַרומגעטראָגן מיט זיך ווי אַ זכר פון זיין אַמאָליקן העכערן שטאַנד. איך דאַרף צוגעבן, חנא חייציס האָט ניט געהאַט קיין ברויט און חנא חייציס האָט ניט געקאָנט דאַוונען.

איינער פון די באַלעבאַטים וואָס האָט זיך „געזעגן״ מיטן איס־פּראַוניק — מסתמא ר׳ זכריה קופּערמאַן — האָט געזאָגט: ס׳טייטש? ווי קאָן ער אַוועקגיין, חנא? די סכנה איז גרויס, און . . .

חנא האָט געשוויגן, און דערנאָך, מיט שווערקייט, אַרויסגע־קוועטשט צווישן די ציין:

— באַצאָלט מיר פאַרן טאָג, וועל איך מיט אייך שטיין.

עס איז געוואָרן אַ טומל פון אַלע זייטן. אַזוינס האָט מען נאָך ניט געהערט. באַצאָלן אים פאַרן טאָג! דער כלל־ישראל איז אין געפאַר, און ער, ווי דער רשע פון דער הגדה, טיילט זיך אַרויס פונם כלל. עס גייט דען אָן די עטלעכע קאָפּיקעס? דער איספּראַווניק האָט געקאָסט מער, אָבער — ווי עפּנט זיך עס ביי אַ יידן אַ מויל אַרויסצוברענגען אַזעלכע ווערטער?!

חנא האָט געדרייט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, זיין מויל האָט זיך מאָל־נאָך־מאָל צעעפנט ווי ביי אַ פיש אויסן וואַסער, נאָר מער האָט ער דערפון ניט געקאָנט אַרויסקריגן. צום סוף האָט ער זיך כמורנע

אומגעדרייט צו אַלעמען מיטן רוקן — מיט ביידע הענט אויף דער בייטש און מיט אַ שווערן זייטלדיקן וואַקל פון קערפּער אויף רעכטס און אויף לינקס — איז ער אַרויס פון קלויז.

זיין אַוועקגאַנג האָט געווירקט שלעכט אויפן עולם. די שטימונג איז געפאַלן, און אינגיכן האָבן נאָך אַ צוויי־דריי זיך אַרויסגערוקט פון קלויז, און קיינער האָט ניט געפּרואווט זיי אָפּשטעלן.

2.

באַגרייפט נאָר וואָס דאָ האָט פּאַסירט — ווייל דאָס, וואָס איך דערצייל אייך דאָ, איז אַ פאַקטישע פּאַסירונג, הגם די נעמען זענען אויסגעטראַכטע:

דער איספּראַווניק האָט געקאָסט צוועלף הונדערט רובל; חנא חייציס, און נאָך עטלעכע יידן פון זיין שטאַנד, וואָלטן געקאָסט, אין אַ מאַרקטאָג, צו צוויי־דריי רובל אַ ייד. כדי צו זיין גערעכט צו אַלעמען, מוז איך זאָגן, אַז קיינער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ הוצאה, נישמער — קיינער האָט וועגן דעם ניט אַ טראַכט געטון אין פאַראויס. און אַז חנא, דער כבד־פּה חנא, האָט עס אַרויסגעקוועטשט מיט זיינע באַוואַנצטע, באַבערדלטע, באַדראַטעוועטע ליפּן, האָט דער כלל־ישראל זיך געפונען פאַרוואונדעט אין זיינע הייליקסטע געפילן. אונטערן „כלל ישראל" מיין איך ר׳ זכריה קופּערמאַן און — פאַרוואָס איך מיין אַזוי? כ׳ווייס? . . איך, מיר — איך און ר׳ זכריה קופּערמאַן, ר׳ זכריה קופּערמאַן און איך — האָבן אַלעמאָל געמיינט,געפילט, אַז דער כלל־ישראל דאָס איז, דאָס זענען — דאָס זענען מיר! אַזאַ מאַנקאָליע האָבן מיר זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין. מילא, אַז ר׳ זכריה קופּערמאַן האָט זיך געהאַלטן פאַרן כלל־ישראל, האָט ער געהאַט צוליב וואָס. ר׳ זכריה קופּערמאַן האָט באַוואוינט אַ סאָרט פּאַלאַצל מיט אַ גרויסן הויף און אַ סאַד אַרום דעם; ר׳ זכריה קופּערמאַן האָט געהאַט אַ היפּשע פּאַסעסיע ערגעץ אין אַ דערבייאיקן דאָרף; ר׳ זכריה קופּערמאַן האָט צוגעשטעלט בוריקעס פאַר צוקער זאַוואָדן, האָט געשיקט תבואה קיין אויסלאַנד, האָט געהאַנדלט מיט וואַלד, עטצ. ווי אַזוי ער האָט באַוויזן מיט זיינע צוויי הענט אויסצובויען דאָס גוט און דאָס פּאַלאַצל, צו פאַרפּלאַנצן און אַראָפּצונעמען די תבואה און די בוריקעס,

אויסצוכאָווען און אויסצוהאַקן זיינע וועלדער, אַלץ מיט זיינע אייגענע הענט — בלייבט אַ רעטעניש ביז היינטיקן טאָג. דער פאַקט איז — ער האָט געהאַט פאַרוואָס צו רעכענען זיך פאַרן כלל־ישראל. אָבער איך? . . וואָס איז מיט מיר געווען די שמחה? . .

און וואָס פאַר אַ פּלאַץ חנא חייציס פאַרנעמט אינם כלל־ישראל — וועגן דעם איז אונדז אַפילו ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן. דעריבער האָבן אויך אויף מיר חנאס ווערטער געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. עס האָט מיר גענומען יאָרן צו פאַרשטיין די גאַנצע באַדייטונג פון חנאס אַרויסטריט. די פּשטות פון זיינע רייד איז געווען זייער גרויס, און איך בין געווען זייער יונג. דערצו — מיין לערנען קירפּיטשניקאָוון מיט באַלעבאַטישע קינדער און די אויבן־דערמאָנטע גליצערין־זייף. —

.3

פון דעמלט אָן זענען — ווי זאָגט מען עס? — אַ סך וואַסערן אָפּגעפלאָסן. די נעמלעכע וואַסערן האָבן פיל זאַכן פאַרטראָגן אין דער אייביקייט אַריין און פיל — מיטגעבראַכט. למשל: חנא האָט געקראָגן מויל. זיין קול גייט איצטער פון עק וועלט צו עק וועלט און מאַנט אויפמערקזאַמקייט, מאַנט אינטערעס און כוונה, צו זיינע נויטן און באַדערפענישן, צו זיינע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, צו אים אַליין. נאָר דער תּוך פון אַלע זיינע היינטיקע רייד איז שוין געליגן אין זיין דעמלטדיקן אַרויסטריט און אין די אַרויסגעקוועטשטע געציילטע ווערטער.

עס קומט מיר אַ היץ אין פּנים פונם געדאַנק אַז עס האָט מיר גענומען אַזוי לאַנג צו פאַרשטיין וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן געהערט.

ניט די גערעכטיקייט פון חנאס טענות האָב איך אַזוי לאַנג ניט באַנומען: מ׳דאַרף ניט זיין קיין גרויסער חכם אויף איינצוזען, אַז נאָר אַ געזעלשאַפט פון גלייכע קאָן פאַרלאַנגען קרבנות פון אירע מיטגלידער. נאָר וואָסדען? דעם עצם פאַקט פונם אַרויסטריט, דאָס הייסט, אַז איך האָב דאָ פאַר זיך אַ „געשעענעם פאַקט״, האָב איך ניט תּופס געווען. דער קאַרדינאַלער פאַקט פון אונזער צייט איז דאָס, וואָס חנא חייציס האָט אַליין גענומען אַ האַנט אינם היסטאָרישן שפּיל און דאָס וואָס דער פאַקט איז אַ געשעענער פאַקט — און ניט עמיצנס

אַ פּרומער וואונטש אָדער אַ האָפענונג. דאָס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן ערשט פיל שפּעטער, אין אַ בליציקן מאָמענט. —

וואָרעם וויסן דאַרפט איר זיין, אַז אין יענע יאָרן איז עס מיר געגאַנגען אָן „גערעכטיקייט“. וואָס איז עס געווען פאַר אַ גערעכטיקייט און פון וואַנען האָב איך זי גענומען? ניט קיין רעלאַטיווער באַגריף איז זי געווען און ניט פון די באַציאונגען צווישן מענטשן האָט זי געשטאַמט. געוואוינט האָט זי ערגעץ אין די הימלען, איז געווען אַן אַבסאָלוטע אידייע, און מיר, מענטשן, האָבן געדאַרפט דינען צון איר — ניט זי צון אונדז. דער „לא תהדר פני דל“ — זאָלסט ניט שאַנעווען אַפילו דעם אָרעמאַן ווען ער איז „אומגערעכט“ — איז מיר פאָרגעקומען ווי די העכסטע אָנשטריינגונג אין דינסט פון דער גערעכטיקייט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, אַז די סאַמע עקזיסטענץ פונם „דל“, דער פאַקט גופא פון אָרעם און רייך, איז אַ קאָנצענטרירטער קוואַל פון יעדער אומגערעכטיקייט. נאָכאַמאָל: אָנשטאָט צו דרינגען גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט פון די רעאַלע פאַרהעלטנישן צווישן מענטשן, האָב איך איבערגעקערט די יוצרות.

און געווען בין איך דעמלט אַ סאָציאַליסט. און איך האָב אַזוי געקענט אָפּזיין אַ סאָציאַליסט הונדערט יאָר — טויזנט יאָר — פאַרוואָס נישט? טענהן דאָך פיל פון אונדז, אַז שוין די נביאים זענען געווען סאָציאַליסטן, אַז ישו פון נצרת איז געווען אַ סאָציאַליסט, און — ווער ניט? אַלע די וואָס האָבן „געמאָנט גערעכטיקייט“ זענען געווען סאָציאַליסטן. און ערשט אינם דערמאָנטן בליציקן מאָמענט — אינם טאָג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש — האָב איך פּלוצים דערזען: אויב „שוין די נביאים זענען געווען סאָציאַליסטן“, און מיר האַלטן נאָך אַלץ וואו מיר האַלטן, איז, אַפּנים, טויג עס ניט, אָט־דאָס „זיין אַ סאָציאַליסט“. —

4.

די נביאים זענען, ווייזט אויס, טאַקע געווען „סאָציאַליסטן“: איינער פון זיי איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן און געשריגן אויף אַ קול: „ווי צו די וואָס זשעברען אַ פעלד צון אַ פעלד, אַ הויז צון אַ הויז!“ — דאָס האָט ער גערעדט שטראָפרייד צו די זאַמלער פון

עשירות, צו די גבירים און אדירים פון זיין וועלט, און גערעדט האָט ער אין נאָמען פון „יושר״, אָדער פון „צדק״, אָדער פון אַנדערע גע־הויבענע באַגריפן. אַן אַנדער נביא איז געווען אַ „פּאַציפיסט״: ער האָט געשטורמט קעגן מלחמה און צוגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען מ׳וועט איבערשמידן אַלע שווערדן אויף אַקעראײַזנס. איז וואו זשע האַלטן מיר איצטער, מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר שפּעטער, אין דעם ענין פון אַ „פעלד צו אַ פעלד״ און אינם פּרט פון שווערדן און אַקער־אײַזנס? . . .

געדרוקט אין „פר. ארב. שטימע״, 21 יולי, 1939.

פאַרן שטורם

אַרום האַלב עלף אינדערפרי איז דער פּאַראַכאָד צוגעשטאַנען צו טאַרטילאוו. דער הימל איז געווען לויטער, די זון האָט פאַרפּלייצט די וועלט מיט לאַכנדער שיין, דאָך איז אויפן טייך געווען נישט הייס: אַ פאַרשייט ווינטל האָט זיך ברייט געטראָגן איבערן וואַסער, האָט געהויבן היפּשע וועלן און האָט געפּרישט די לופט. דער טייך האָט זיך גערודערט, געבויגן און געבראָכן די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן אויף זיין מעכטיקער ברוסט געצייכנט אַלערליי פאַנטאַסטישע בילדער און פיגורן. רעכטס און לינקס פון „פּריסטאַן" האָבן זיך געצויגן לאַנגע ציילן בערלינעס, „גאַנטשאַקעס", קליינע און גרויסע שיפן. אויפן ברעג זענען געזעסן ווייבער און האָבן פאַרקויפט ברויט, בייגל און פּרוכטן. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען אַ קלייטל מיט פּאַפּיראָסן, קאָנפעקטן, זאָדע וואַסער און אַנדערע גלוסטיקייטן פון עולם הזה.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ שיפל. אויפן הינטער־טייל, ביים קער־רודער האָט זיך געזעצט דער שיפער אַליין, אַ גרוילעכער ייד פון אַ יאָר פופציק, פון מיטעלן וואוקס און מיט ברייטע אַקסלען. די רידער האָט גענומען אַ יינגל פון אַ יאָר זעכצן, קענטיק, דעם אַלטנס אַ זון.

— בייגט, זייט מוחל, אַן דעם קאָפּ, — האָט מיך דער אַלטער געוואָרנט.

איך האָב געפאָלגט, און דאָס שיפל האָט זיך לייכט און שטום, ווי אַ שאָטן, דורכגעגליטשט אונטער דער אַנקער קייט, וואָס האָט געהאַלטן דעם הילצערנעם „פּריסטאַן", און איז אַרויס אויפן פרייען טייך. די רידער האָבן לאַנגזאַם און ברייט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביים יינגל אין די הענט און, נישט קוקנדיק דערויף וואָס מיר זענען געגאַנגען קעגן ווינט און שטראָם, האָבן מיר זיך גאַנץ געשווינד גערוקט פאָרווערטס. דער ברעג האָט זיך געגליטשט פאַרביי. פון די בערלינעס האָבן מאַנכע אַרבעטער נייגיריק אַראָפּגעקוקט אויף מיין שטרויענעם הוט און פּינסנע, אַנדערע, ווידער, האָבן זיך באַגוגנט מיט אַ גלייכגילטיקן צע־שטרייטן בליק און געטון זייער זאַך. פאַרשיידענע שיפלעך האָבן גע־

שניטן דעם טייך. אַרויף וואַסער איז געגאַנגען אַ „דעמב״, פול אָנגע־פּאַקט פון פּויערן, ווייבער און קינדער; נישט ווייט פון צווייטן ברעג איז געשוואומען אַראָפּ אַ פּלאַט, און פון דאָרטן האָבן זיך געהויבן די טרויעריקע טענער פון עפּעס אַ קליין־רוסיש לידל און זענען זיך צע־גאַנגען אין דער לופט ווי דער גערוך פון בלומען.

— האַלט קעגן דער כוואַליע, — האָט דאָס ייִנגל אַ זאָג געטון.

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דער פּאַראַכאָד מיט וועלכן איך בין געקומען איז אָפּגעטראָטן פון דעם פּריסטאַן און האָט אונדז שוין אָנגעיאָגט. אייניקע פּאַסאַזשירן, מיינע צופעליקע באַקאַנטע, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער דעק, האָבן אויפגעהויבן זייערע היטלען. איך האָב קוים צייט געהאַט זיי צו ענטפערן, אַזוי גיך זענען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן. אין אַ מינוט אַרום האָט אונדזער שיפל געטאַנצט אויף די כוואַליעס... דער פּאַראַכאָד איז שוין געווען ווייט, לאָזנדיק הינטער זיך אונטן אַ ברייטן, צערודערטן וועג באַדעקט מיט געל־ווייסן שוים, און אויבן אַ דיקן שנור פון שוואַרצן רויך.

איך האָב זיך צערעדט מיטן שיפער. אויף מיין פראַגע, צי איז זיין פּראָפעסיע אַ פּאַרדינסטע אין דער געגנט, האָט ער מיר געענטפערט:

— אָט, מ׳לעבט . . . קיין פערל פאַר מיין ווייב קאָן איך דערפון נישט קויפן, נאָר אויף ברויט קלעקט. אַ ביסל ענגלעך איז נאָך פּסח־צייט, בעתן געוויסער.

— ווי הייסט? — האָב איך זיך פאַרוואונדערט. — דוכט זיך, פאַרקערט?

— אין לייטישע שטעט איז טאַקע אַזוי, נאָר ביי אונדז איז אַנדערש. ביי אונדזער ברעג איז דער טייך נישט טיף, קאָן דער פּאַ־ראַכאָד צוגיין גלייך צו דער שטאָט נאָר בעת אַ געוויסער, האָבן מיר דעמלט נישט וואָס צו טון ביי אים, סיידן עס מאַכט זיך עפּעס אַ פּאָר אין דאָרף, אָט ווי איר אַ שטייגער . . . אַ ביסל האַלט אונטער דאָס, וואָס מ׳פאַרוואַרפט אַמאָל אַ נעץ.

די לעצטע בערלינעס זענען געבליבן הינטן. אויפן טייך איז גע־וואָרן שטילער, נאָר זעלטן וואו האָט זיך געוויגט אַ שיפל, אָדער אַ גאַנטשאַק מיט האָלץ איז געגאַנגען אַראָפּ. דער געבענטשטער אוקראַי־נער הימל האָט זיך באַצירט אין מערב מיט אַ צייל אויפגעבלאָזנע שניי־ווייסע וואָלקנדלעך. שטיל.

— שלום, ביסט אפשר מיד? — האָט דער אַלטער זיך געווענדט צום זון, — וועל איך איבערגיין אויף דיין אָרט.

דאָס ייִנגל האָט אַ שמייכל געטון און האָט נישט געענטפערט. פאַר אים האָבן גערעדט די רידער, וואָס האָבן זיך באַוועגט ווי פרייער מעסיק און פריי, אַרומגעזוימט מיט אַ דין, רירעוודיק וואַסער־הייטל.

— דאָס איז אייערער אַ זון? — האָב איך דעם אַלטן געפרעגט.

ער האָט צופרידן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— איר האָט עפּעס נאָך קינדער?

— מיין עלטערער זון שווימט דאָרטן אויף אַ גאַנטשאַק, — האָט ער אָנגעוויזן מיט די אויגן צו דער זייט פון טאַרטילאַוו. — אין דער־היים האָב איך נאָך אַ מיידל פון אַכצן יאָר . . .

ער איז אַנשוויגן געוואָרן און איבער זיין געזיכט איז אַ וואָלקן איבערגעלאָפן. דערנאָך האָט ער פלינק באַקוקט מיין הוט, פּינסנע און מיינע צוגעטראָגענע קליידער, און האָט אויף מיר אָנגעשטעלט עפּעס אַ מאָדנעם בליק.

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, — האָט ער מיט אַמאָל אַרויסגע־רעדט האַלב ערנסט, האַלב איראָניש, — האָט קיין פּאַראיבל נישט, וואָס כ'וועל אייך פרעגן . . . אייערע לייט האַלטן נישט פון עולם הבא . . . וואו זשע איז אייער עולם הזה?

איך האָב אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. — איך פאַרשטיי ניט אייער פראַגע.

— פאַרשטייט איר מיך . . . אָט די הייַנטיקע זאָגן אַז געשטאָרבן איז אַלץ איינס ווי אַ הונט איז געפגרט . . . אַנדערע סטאַרען זיך כאָטש צו האָבן די וועלט, און אַנדערע, דאָס אויך נישט . . . גלאַט פון מצוה וועגן . . .

איך האָב אָנגעהויבן עטוואָס צו פאַרשטיין.

— גייסטיקעס און מאַטעריעלעס איז שטענדיק געווען, — האָב איך געזאָגט און, זעענדיק אַז דער ייד פאַרשטייט נישט די ווערטער, האָב איך צוגעגעבן: — ס'הייסט, גשמיות און רוחניות, באַדערפעניש פון דעם גוף און באַדערפעניש פון דער נשמה . . . איצט זענען אויך פאַראַן מענטשן וואָס זאָרגן איבערהויפּט פאַר זייער נשמה, נאָר די הייַנטוועלטיקע נשמות האָבן זייער יניקה פון גאַנץ אַנדערע זאַכן.

איך האָב באַמערקט אַז דער אַלטער הערט מיך נישט, און האָב אויפגעהערט צו פילאָזאָפירן.

— אַנטקעגן וואָס, הייסט עס, זאָגט איר עס? — האָב איך גע־פרעגט נאָך אַ קליינער פּויזע.

דער אַלטער האָט פאַרטראַכט געענטפערט:

— איך האָב אויך געהאַט אַ זון...

דער ענטפער האָט קיין זינען נישט געהאַט, נאָר איך האָב אַ ביסל פאַרשטאַנען און האָב פאַרזיכטיק געפרעגט: געהאַט?

— יאָ, ער איז געשטאָרבן... — האָט דער שיפער פאַרדומפּן געענטפערט און זיך אָפּגעקערט אַן אַ זייט. — ווי אַזוי שאַרסטו?! — איז ער צערייצט אָנגעפאַלן אויפן זון, כאָטש יענער האָט קיין פעלער נישט געמאַכט. — דרייסט נאָר דאָס שיפל...

אַ שטיקל צייט האָב איך דעם אַלטן געלאָזן צורו, דערנאָך האָב איך אים פאַרזיכטיק און ביסלעכווייז אַריינגעצויגן אין אַ געשפּרעך, און ער האָט מיר אויסדערציילט זיין ביטער האַרץ.

— וואָס פאַר אַ מענטש ער איז געווען — פאַרשטיי איך עד היום נישט... פון קליינווייז אויף איז ער געווען נישט גלייך צו אַנדערע קינדער... איר מיינט איך בין אַ געבוירענער שיפער?... געווען אַמאָל אַ סוחר, געהאַנדלט מיט תבואה, נאָר דאָס רעדל האָט זיך איבער־געדרייט... יאָ, איך האָב אים געהאַלטן אין חדר, און האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין לערנען — איז עס געווען אָן אַ מאָס. כ׳האָב געמיינט ער וועט אודאי זיין אַ רב, אַ צדיק, כ׳ווייס וואָס? ביי מיר איז דאָס אַפילו אויסגעקומען נישט אַזוי גלייך, וואָרעם פאַרוואָס — וואָס צו, איז איבעריק. זיי ווי אַלע מענטשן, טויג צו גאָט און צו לייט... וואָס, ניין? כ׳בין אפשר אומגערעכט? נאָר, ווי זאָגט ער, אויך די אייגענע מעשה, אַ קינד וויל לערנען, ווי אַזוי זאָגט מען דעם: ניין? און, ווידער צוריק, איז דאָך עס טאַקע אַ שטיקל כבוד אויך, פאַרט, ווי זאָגט ער... יאָ, האָט ער געלערנט, און מיין אַלטע האָט אָנגעקוואָלן. ביי זיי, ביי די ווייבער, הייסט עס, איז דאָך עס אַ גאַנצער נחת. ס׳הייסט, איך דערצייל עס אייך אַנטקעגן דעם, אַז ער איז פון שטענדיק אַן גע־ווען אַן אומגעלומפּערטע בריאה, וואָרעם אַז ער האָט זיך שפּעטער אַ כאַפּ געטון צו די היינטיקע לימודים איז ער אויך אַריין אין זיי מיט לייב און לעבן. ער האָט גאָר אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן די גמרא און

איז פֿאַרקראַכן גאַנץ ווייט . . . תחילת בין איך געווען אַ ביסל צופֿרידן, וואָרעם היינטיקע יאָרן דאַרף מען עס, עס טויג צו דער וועלט. נאָר די אַלטע מיינע האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן. — געדיינק, חיים אהרן! — האָט זי געשריגן, — דו דערלאָזט עס, ער׳ט ווערן אַן אַפּיקורס, אַ הולטיי . . . אויף וואָס דאַרף איך ביכלעך?! — איך האָב מיר געטראַכט: עט, אַ יידענע . . . נאָר אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן ווי גערעכט זי איז געווען!

דער אַלטער איז געבליבן שטיל. די זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער און האָט גאַנץ שטאַרק אונטערגעבאַקן. דער טייך האָט זיך שווער און פויל געדרודערט צווישן די ברעגן. פון אַלע זייטן האָבן זיך ביסלעכווייז געזאַמלט ביים האָריזאָנט איינציקע, דערווייל נאָך ווייסע וואָלקנס. דער זומערדיקער האַלבער טאָג האָט פולמעכטיק געהערשט איבער דער וועלט . . .

— וואָס זשע? וואָס איז דען פון אים געוואָרן? — האָב איך דעם שיפער דערמאָנט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואָס זאָל פון אים ווערן? קיין „גוטער ייד״ איז ער ניט געוואָרן . . . מיין שרה האָט אים אַריינגעלייגט אַ שוועבעלע צווישן די קנייטשן פון תפילין־זעקל, איז עס דאָרט אָפּגעליגן צוויי וואָכן . . . איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, גוט אָנגעפּאַטשט. וואָרן, דו שייגעץ איינער, וואָס דאַוונסטו עפּעס נישט? איך בין אויך נישט ווער ווייסט ווי אַזוי פרום, אָבער ווי לייגט עס נישט אַ ייד אַלע טאָג קיין תפילין? ווילסט לערנען? זייער שיין, איך פאַרוואַר דיר נישט, אָבער וואָס איז ד אָ ס פאַר אַ גאַנג? און ניכאַי וואָלט ער נישט געוואוסט, געווען אַ גראָבער יונג, אָבער דו ווייסט דאָך יאָ וואָס מ׳דאַרף און וואָס מ׳דאַרף נישט, האָסט דאָך עפּעס אַזוי פיל יאָרן געלערנט, און אינמיטן דרינען הערסטו אויף צו דאַוונען! נאָר, ווי זאָגט ער, כל באיה לא ישובון — אַז מ׳קריכט אַראָפּ פון וועג, מוז מען שוין ווייט פאַרגיין. איז ער פאַרגאַנגען! . .

— פון דעמלט אָן איז שוין ביי אונדז אין שטוב קיין שלום נישט געווען. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן און, אַז איך האָב אָנגעהויבן גאָר שטאַרק דערלאַנגען, איז ער ערגעץ אַנטלאָפן און איז נישט געווען אין דערהיים צען חדשים . . . איך האָב געהאַט דערפון גרויס עגמת

נפש, ווערעם ס'איז דאָך פאַרט אייגן בלוט און פלייש, דאָס האַרץ טוט וויי . . . חוץ לזה האָט מיך שרה שיר ניט אויפגעגעסן: זי האָט זיך גאָר איבערגעקערט און האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע באַד. — ביסט אַ טאַטע, האָסטו באַדאַרפט קוקן פריער, אָבער איצט האָסטו אים ניט געטאָרט טשעפּען . . . אָט האָסטו אים פאַרטריבן אין דער וועלט אַריין! — אַ מאַמע, וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט? איך האָב געקלערט: כ'ווייס? אפשר האָב איך טאַקע אַריבערגעכאַפּט די מאָס . . . ווען ער איז געקומען, האָב איך אים שוין, דעריבער, מער ניט געטשעפּעט, נאָר געקריינקט האָט עס מיך. מילא, דו דאַוונסט נישט אַ גאַנץ יאָר, אָבער ימים נוראים גיי אַריין אין אַ שול! עפּעס אַלע טעג זענען גלייך? אָבער אַז — גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט! ביי לייטן מאַכט זיך אויך, ווער שמועסט היינטיקע יאָרן, אַז קינדער זענען ניט ווי מ'וויל, אָבער אַלץ מיט אַ גאַנג, און מיך האָט עס באַדאַרפט טרעפן אַוינס, וואָס עס איז ביי קיין יידן נישטאָ. איין מעלה האָט ער געהאַט — קיין בעל־תאוהניק איז ער נישט געווען . . . ס'הייסט, ער זאָל דאַרטן, ווי היינטיקע יונגע לייט, זיך איבערגעבן זיינע תאוות, זיך יאָגן נאָך דער רוח ווייסט וואָס, דאָס האָב איך פון אים נישט געזען. פאַרקערט, ער האָט אין דעם פרט אויך אַריבערגעכאַפּט די מאָס, און וואָס איז שייך צו ד ע ר וועלט, האָט ער זיך קיין זאַך אין קאָפּ נישט גענומען. ער זאָל קלערן וועגן עפּעס אַ תכלית פאַר זיך, צי וואָס — גאָרנישט. ווער שמועסט פון חתונה האָבן האָט ער אַפילו הערן נישט געוואָלט. אָט דאָס זאָג איך דאָך: איר זענט נישט צו גאָט? זייט כאָטש צו לייט. האָסט נישט אין זינען קיין עולם הבא, לאָמיך זען אַז דו פאַר־דינסט געלט, לעבסט שיין, כ'ווייס? ע פּ ע ס דאַרף דאָך אַ מענטש זיין! בקיצור, ס'איז מיר נמאס געוואָרן מיט אים צו טענהן, האָב איך אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן — טו דיר אין דער פוטער אַריין! לסוף איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן. איך האָב מיר געטראַכט: פאַר! אפשר וועט דיך די וועלט אַ ביסל אויסמענטשלען.

די ערשטע צייט האָב איך פון אים מקבל געווען אַ פּאָר בריוולעך פון קרעמענטשוג, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט לערעריי, ער לערנט, הייסט עס, מיידלעך און יינגלעך שרייבן, און פאַרדינט צוביסלעך. נו־נו, זייער שיין. איז דאָך עס שוין עפּעס אַ גאַנג! מיט אַמאָל האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן. ס'גייט אַוועק אַ חודש, צוויי און דריי — מ'הערט נישט,

מזעט נישט . . . נאָכדעם דערציילט מיר עפּעס עמעצער אַז מ'האָט אים געזעצן אין קאַטערינאָסלאַוו; שפּעטער האָט מען אים געזעצן אין קיעוו . . . רבונו של עולם! קלער איך מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָ־מעדיע? כ'מיין, וואָס זיצסטו עפּעס נישט איין אויף אַן אָרט, און וואָס שרייבסטו מיר נישט? לאָמיך אויך וויסן, וואו דו ביסט און וואָס דו טוסט, עפּעס זענען מיר דאָך, דוכט זיך, שטיקלעך קרובים, צי ניין? נאָר מילא, ער שרייבט נישט — שרייבט ער נישט. לעב דיר הונדערט און צוואַנציק יאָר . . .

דערווײַלע מאַכט זיך אַז מיינער אַ ברודער פאָרט קיין קיעוו מיט זיין ווייב צום דאָקטאָר און, קומענדיק צוריק, גייט ער אַריין צו מיר און מאַכט אַזוי:

— דו ווייסט וואו דער תכשיט דיינער איז איצטער?

— שאַ, — זאָג איך, — וואָס זאָגסטו מיר עפּעס אַזוי „דער תכשיט דיינער"? ער איז נאָך אַזוי פיין ווי דיינע קינדער.

— וואָס הייסט? — זאָגט ער, — ער איז נאָך פיינער פון פיין . . . גיי הער וואָס פייוול דער שוסטער דערציילט: מ'האָט אים גאָר איינ־געזעצט . . .

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ער האָט מיך גאָר דערהרגעט. נו־נו, קלער איך, עס פעלט מיר נאָך, צו מיינע זיידענע קליידער, אַן אָס־טראָזשניק, אַ רעשטאַנט. ווידער צוריק, טראַכט איך מיר, וואָס—וואָס, קיין גנב איז ער נישט: ביי די הייַנטיקע איז דאָך דער עיקר „סאָוועסט", פאַר וואָס זשע זאָל מען אים גאָר איינזעצן? ניין, ס'איז עפּעס קיין מעשה נישט . . . איך הויב זיך אָן פרעגן וואָס דאָ איז — איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן . . . איר הערט דאָך, דער קייסער גע־פעלט אים נישט! . . צו מיינע שונאימס קעפּ. וואָס קערסטו זיך אָן מיט'ן קייסער? ווי קומסטו גאָר צו אַזוינע זאַכן? . . ניין, קלער איך, דער יונג איז גאָר משוגע געוואָרן, און מ'האָט אים אודאי געמוזט איינ־זעצן אין דולהויז. איך לויף אַהין, אַהער, איך פרעג צי לאָזט מען צו אים צו? זאָגט מען מיר אַז עס איז גלייכער גאָר נישט קריכן אין פייער אַריין . . . וואָס ווייסט איר! כ'האָב געמיינט כ'וועל פון זינען אַראָפּ . . . עפּעס אַ ווערטעלע אויסצורײדן! ווייס איך, אפשר שיסט מען אים גאָר פאַר אַזאַ מעשה, איר פאַרשטייט?

— שפּעטער האָט מען אים אַרויסגעלאָזט און ער איז ערגעץ

אָוועקגעפאָרן. צוויי יאָר האָב איך אים נישט געזען. ערשט אַט דאָ, פאַראַיאָרן פּסח, איז ער געקומען . . . צען לעבער אין האַרצן איז מיר געוואָרן אַז איך האָב אים דערזען. ער איז געווען טויט ווי אַלע טויטע, מאָגער און אָפּגעצויגן — הויט און ביינער. ער האָט געהאַט אַ לונג־פעלער, האָט געשפּיגן מיט בלוט . . . נאָר אַזוי לעבעדיק, פריילעך, גלייך ווי ס׳איז גאָרנישט . . . און עפּעס אַזוי ווייך, גוטהערציק צו אַלעמען, נישט ווי אַנדערע קראַנקע זענען שטענדיק בייז און צערייצט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווי גייט עס מיר, האָט זיך געשפּילט מיט מיין עלטערן זונס קינדער, געזונגען עפּעס לידלעך, די גוטע לידלעך . . . די קינדערלעך האָבן אים שטאַרק ליב געקראָגן. אַט דער קליינער (דער אַלטער האָט אָנגעוויזן אויפן „קליינעם״, וועלכער האָט אַוועקגעלייגט די רידער און האָט זיך אָנגעבויגן ווי ער וואָלט עפּעס זוכן אין שיפל) איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן די גאַנצע צייט. די אַלטע מיינע האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, זי האָט נאָר אַלע מאָל געקוקט אויפן זון און טרערן האָבן זיך ביי איר געגאָסן פון די אויגן. און איך — וואָס קלערט איר? ביי מיר האָט זיך געטריפט דאָס בלוט פון האַרצן. עפּעס איינמאָל האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָב אים געזאָגט:

— זוניו! וואָס האָסטו געהאַט צו אונדז און צו זיך? נאָך וואָס האָסטו געמאַכט פון זיך אַ תל? . .

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט אַז אַזוי האָט גע־דאַרפט זיין . . .

— וואָס הייסט, זאָג איך, — אַזוי האָט געדאַרפט זיין? ווי מעג מען דאָס ברייגגען זיך צו אַזאַ שטאַנד? ביסט דאָך אַ מאבד עצמו לדעת! אדרבה, זאָג מיר, לאָמיך אויך וויסן פאַרוואָס דאַרף עס אַזוי זיין? ווי הייסט דו ווילסט איבערמאַכן די וועלט, דו האָסט זי באַ־שאַפן, וואָס?

— ענטפערט ער מיר אַז איך וועל אים נישט פאַרשטיין, נאָר פונדעסטוועגן וועט ער מיט מיר רעדן דערפון אַן אַנדערש מאָל, איצט האָט ער קיין כוח נישט. איך האָב אים דעמלט געלאָזן צורו, נאָר רעדן דערפון האָבן מיר שוין ניט גערעדט, ווייל אין אַ פּאָר וואָכן אַרום קומט ער איין מאָל אויף דער נאַכט אַהיים און זאָגט אַז ער מוז שוין אַוועקפאָרן. מ׳זוכט אים שוין . . . אין שטוב איז געוואָרן אַ יללה,

די אַלטע מיינע האָט מען פון אים גאַרניט געקאָנט אָפּרייסן. איך מיט מיין עלטערן זון האָבן אים אַריבערגעפירט אין אַ שיפל איבערן טייך און אויף יענער זייט האָט אויף אים געוואַרט אַ פור. אַז ער האָט זיך גענומען זעגענען מיט אונדז און האָט געזאָגט: „זיי מיר מוחל, טאַטע, וואָס כ׳האָב דיר אַזוי פיל שמערצן פאַרשאַפט, עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין״, האָב איך זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָב זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. זוניו מיינער! האָב איך זיך ביי אים געבעטן, בלייב אין דערהיים; איך וועל זיי בעטן, כ׳וועל זיי פאַלן צו די פיס . . . זאָג זיי צו אַז דו וועסט שוין מער נישט . . . כ׳האָב אַליין נישט געוואוסט וואָס איך רעד און האָב געגאָסן טייכן טרערן. ער האָט אויף מיינע רייד נאָר צוגעשמייכלט און האָט מיך אַזוי אַרומגענומען אַז — אויף נאמנות — איך האָב זיך געפילט עפּעס אַזוי ווי ע ר איז דער טאַטע און א י ך בין דער זון . . . נאָכדעם האָט ער זיך צעקושט מיטן ברודער און איז אַוועקגעפאָרן . . .

דער אַלטער איז פּלוצלונג אַנשוויגן געוואָרן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דערענדיקט.

— אין צוויי חדשים אַרום האָב איך מקבל געווען אַ בריוו מיט זיינע זאַכן פון עפּעס אַ שטעטל אין דער ליטע. אין דעם בריוו האָט מען מיר געשריבן אַז מיין זון איז געשטאָרבן.

— — — — — — — — — — — — — —

— האַלט צום ברעג! — האָט שלום געזאָגט צום פּאַטער. — אָט דאָ אַ קאָן מען, דוכט זיך, צושטיין.

די נאָז פון שיפל האָט זיך אויסגעדרייט צום ברעג, און עס איז געווען די רעכטע צייט: די וואָלקנס האָבן זיך ביסלעכווייז צונויפגעשלאָגן אין אַ געדיכטער מאַסע, זענען געוואָרן אַלץ טונקעלער און טונקעלער, און צייטנווייז האָט זיך געלאָזט הערן אַ ווייטעס, בייזעס הורקן. די זון איז פאַרשוואונדן געוואָרן. דער טייך האָט דערוואַכט פון זיין שווערן דרימל און האָט זיך נערוועז און אומרואיק באַוועגט. דער ווינט איז שאַרפער געוואָרן . . .

„פרייע ארבייטער וועלט״.
לאָנדאָן, 1906.

⚜ ⚜ ⚜

דער מאלער

אַמאָל איז געווען אַ מאָלער.

זיינע פאַרבן זענען געווען העל, זיינע שטריכן שאַרף, און זיין מאַניער — אָריגינעל. און די הויפט זאַך — ער האָט געהאַט אַ גרויסן דאָרשט צום אמת, און ניט ווילנדיק האָט יעדערער די אויגן אויף זיינע בילדער געשטעלט: אייניקע האָבן געלויבט, אַנדערע געשענדט, נאָר אַלע האָבן געקוקט.

אַמאָל, אין זיין פריסטער יוגנט, האָט ער אַ לערער געהאַט. דער לערער האָט געהאַט אַ ווייכן פינזל און אַ ווייך האַרץ. ער האָט ליב געהאַט האַלבע טענער און האַלבע קאָלירן, לייכטן שאָטן און שוואַכן שיין. האָט ער חיות געמאָלט — זענען ביי אים מענטשן אַרויסגעקומען, האָט ער מענטשן געצייכנט — זענען זיי מלאכים געווען. דער שילער האָט דאָס אַלץ געמערקט און — נישטאָ קיין גרעסערע פאַראַכטונג ווי די, וואָס הויבט אָן צו וואַקסן ביי אַ שילער צו זיין לערער! דער שילער האָט זיך געזאָגט: ע ר האָט דעם אמת נישט ליב . . . א י ך וועל אַנדערש זיין! און ער האָט גאָר קיין מלאכים נישט געמאָלט.

זיינע ערשטע בילדער האָבן די אומרו געוועקט. פוילע און שלעפעריק־ניכטערע האָבן זיך פון זיי מיט אַ גרימאַסע אָפּגעקערט; מענטשן מיט קעפּ און הערצער זענען וואַכעדיק־פאַרחלומט געשטאַנען צעקאָכט און אָוועקגעגאַנגען אויפגערעגט. „דאָס איז כמעט דאָס לעבן אַליין!" — האָבן זיי גערעדט. — „ער וואַקסט".

און ער איז געוואַקסן. זיינע ביימער און בלומען האָבן געבליט, זיינע חיות און פייגל האָבן זיך באַוועגט, און זיינע מענטשן — געלאַכט און געוויינט. און דאָך האָבן מענטשן געקוקט אויף זיין אַרבעט פאַרווירט און איינער ביים צווייטן געפרעגט:

— וואָס פעלט דאָ?

אין אַן ענגן, נאָר ליכטיקן אַרבעט־צימער, צווישן בילדער און סקיצן, מיט פאַרבן ביי דער זייט און מיטן פינזל אין האַנט, האָט דער

קינסטלער דעם אמת געזוכט. דאָ האָט ער איבערגעלעבט די טיפסטע מאַטערניש, דאָ האָט ער איבערגעפילט דאָס העכסטע פאַרגעניגן — די מאַטערניש און פאַרגעניגן פון שאַפן. זיינע אויגן זענען געווען ברייט געעפנט, זיין ברוסט האָט זיך געהויבן, זיין האַנט איז געהאנגען אין דער לופטן, גרייט יעדע מינוט אויפצוכאַפּן דעם לייכטסטן שטריך, דעם דינסטן צייכן, וואָס דערנעענטערט צום אמת. זיינע ליפּן האָבן עפּטערס שטיל געמורמלט עפּעס אַ שפּרוך, און אינגאַנצן האָט עס אויסגעזען, אַז ניט ער אַרבעט, נאָר ער איז מתפּלל.

איין מאָל האָט דער מאלער אויף דער אויסשטעלונג אַ בילד געשיקט, און דאָס בילד האָט אַ גאַנצן שטורם אַרויסגערופן. פון לייוונט האָט אַרויסגעקוקט אַ מענטשלעך געזיכט, אין וועלכן עס איז עטוואָס טיערישעס געווען . . .

— דאָס איז פאַלש! — האָבן אייניקע געשריען. — דאָס הייסט אויף מענטשן לשון הרע גערעדט!

— דאָס איז דער אמת אַליין! — האָבן אַנדערע געענטפערט. — ער איז דרייסט און האָט ליב די ווארהייט. אין מענטשן איז נאָך אַ היפּשער טייל חיה פאַרבליבן, און מיר מוזן עס וויסן! . .

קריטיקער האָבן זיך געאַמפּערט, דאָס געערטע פּובליקום האָט זיך געהיצט, און דער קינסטלער האָט זיך געטון זיינס. אַ ווערק נאָך אַ ווערק האָט ער געשאַפן, און אויף יעדן נייעם בילד האָט ער אַלץ שאַרפער אינם מענטשן דאָס טיערישע אונטערגעשטראָכן. אויף איין בילד האָבן עטלעכע מענטשן מיט וועלפישע געזיכטער זייערן אַ חבר געריסן; אויפן צווייטן האָט אַ יונגע, שיינע פרוי געקוקט מיט גרויע, קאַלטע אױן, אין דער זעלבער צייט, פייכטע קאַצן־אויגן; אויף אַ דריטן איז געשטאַנען אַן אַלטער מאַן מיט קליינע פינקלענדיקע אויגעלעך און מיט אַ שאַרף פוקסן פּיסקל, און יעדעס ניי בילד האָט דעם עולם גערייצט און גערייצט.

ביסלעכוויז האָט זיך די צאָל פון זיינע פאַרערער פאַרקלענערט, זיינע גוטע פריינט האָבן זיך פון אים דערווייטערט און אַלע זענען צו אים קעלטער געוואָרן. איצט האָט אויף זיינע ליפּן אַ ביטערער שמייכל געשוועבט, נאָר זיינע אויגן האָבן געפינקלט און די באַקן — געברענט.

— אַהאַ! עס געפעלט אייך ניט? איר האָט ניט זייער האָלד דעם אמת . . . איך וועל אָבער שטיין ביזן סוף — און ער איז געשטאַנען: יעדעס ניי בילד האָט אַלץ ווייטער פון אים דאָס פּובליקום אָפּגעשטויסן. זיין גע־

זיכט איז אַלץ פינצטערער געוואָרן, און זיין איינזאַמקייט האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג צו טאָג.

דער מאלער האָט אַ פריינדין געהאַט.

דאָס איז געווען אַ ליבלעך מיידל, מיט אַ לאַנגן צאָפּ, שוואַרצע אויגן און מיט אַ נערוועז ציטערנדיקן אויבערשטן ליפּל. און זי איז פאַר אים אַן אָפּרו געווען. אין די שווערע מינוטן, ווען די שטייף אָנגעצויגענע נערוון ווערן שוואַך, ווי אַ נאָכגעלאָזטער שטריק, ווען דער דערוואקסענער מענטש פילט זיך קליין און הילפלאָז ווי אַ קינד און זוכט אַ מאַמען, אין יענע מינוטן פלעגט ער גיין צו איר און באַהאַלטן זיין קאָפּ אין איר שויס. און זי פלעגט צו אים ריידן:

— מיין פריינט, מיין געליבטער! מיר איז שווער דיר נאָכצוגיין. איך פאַרשטיי דיך ניט . . . נאָר איך פּ י ל — דו ביסט גרויס! ביסט עלנט, איך אָבער וועל דיך ניט פאַרלאָזן! . .

און זי פלעגט אים קושן, און גלעטן זיינע זיידענע האָר, און אין אים פרישע קרעפטן אַריינגעבן.

נאָר איין מאָל, ווען ער האָט אויסגעמאָלט אַ ליבנד פּאָרל און האָט עס איר געוויזן, איז זי בלייך געוואָרן . . .

— מיין פריינט! — האָט זי געזאָגט, — מיר איז קאַלט לעבן דיר . . .

און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרלאָשענעם בליק, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, זיינע אויגן האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן, און ער האָט געזאָגט:

— ווייטער! ווייטער!

ער איז געגאַנגען ווייטער. אונטער זיין האַנט איז די חיה אינם מענטשן געוואקסן און האָט ענדלעך דעם גאַנצן מענטשן פאַרשטעלט. יעדעס בילד איז אַ מייסטערווערק געווען, זיין צייכענען און זיינע פאַרבן האָבן דערגרייכט אויסערגעוויינלעכע, איבערמענטשלעכע קראַפט און שאַרפקייט. מענטשן האָבן גערעדט: דער טייוול זעלבסט פירט מיט זיין פּינזל, — און האָבן זיך מיט שרעק און עקל פון זיינע בילדער אָפּגעקערט.

ער האָט זיך אַרויסגעצויגן אין עק שטאָט און האָט זיך באַזעצט אין אַ הויך הויז אויפן העכסטן שטאָק. זיין אַרבעט־צימער איז געווען ברייט ווי אַ פעלד, ליכטיק ווי אַ לאַמטערן, און קאַלט ווי דאָס אייז־מעער. אַהער האָט קוים דערגרייכט דאָס גערויש פון לעבן, און פון דאַנען האָט זיך אַנטדעקט אַ ווייטער האָריזאָנט. דאָ האָט דער מאלער געלעבט און אָן אויפהער געאַרבעט. זיין האַרץ איז פאַרפרוירן געוואָרן, אויף זיין שטערן האָט זיך אָפּגעצייכנט אַ שטייענדיקער, הויכמוטיקער קנייטש, און אין זיינע גרויע אויגן האָט געברענט אַ פראָסט. פון אַלע ווענט פון זיין צימער האָבן אויף אים מענטשן־חיות אין פאַרשיידענע פאָזן גע־קוקט, און ער האָט אָפּט מיט אַ קאַלטן שמייכל געמורמלט: אָט דאָס האָב איך פון מענטשנס ווענגן, דען זיי האָבן פון מיינעטוועגן ניט מער . . . און זיין גאַלעריע איז געוואקסן און געוואקסן . . .

אַ לאַנגע צייל יאָרן איז הינטן געבליבן, פון דער אייביקייט זענען אַלץ נייע און נייע אַרויסגעטראָטן, און דער קינסטלער האָט זיך רואיק און קאַלט, אָן לייד און אָן פרייד, זיין עלנט לעבן געפירט. ווי פריער, איז זיין שטאַלט געווען גלייך, זיין שטערן לויטער, און זיין בליק לעבע־דיק און שאַרף, נאָר זיינע האָר האָט ווי אַ פראָסט דורכגענומען, און ענדלעך האָט זיך זיין קאָפּ אינגאַנצן מיט שניי באַדעקט. ווען ער האָט עס באַמערקט, האָט ער צו זיך געזאָגט: גענוג! שוין צייט צו ענדיקן . . . איצט — פאַר מיר אַליין! . .

ער האָט גענומען שרייבן אַ בילד, וועלכעס ער האָט שוין לאַנג ביי זיך אין קאָפּ און אין האַרצן געטראָגן. ער איז ווי אויפסניי געבוירן געוואָרן: ער האָט ווידער דערפילט די טיפע התפּעלות פונם שאַפן און האָט געאַרבעט מיט היץ און אַנטציקן. שטונדן לאַנג איז ער ביים מאָל־ברעט געשטאַנען, שטונדן לאַנג האָבן זיינע באַקן, די בלאַסע, געלבלעכע באַקן, געפלאַמט, און זיינע אויגן — פונקען געשאָסן. ווי אַמאָל האָט עס אויסגעזען, אַז ניט ער אַרבעט, נאָר ער דאַוונט . . .

נאָר איין טייל פון זיין אַרבעט האָט אים פיל שמערצן פאַרשאַפט. ער האָט יעדעס מאָל אויסגערופן: צו העל, צו גראָב! — און האָט עס שוואַכער און טונקעלער געמאַכט. — צו פליישיק, צופיל באַלייבט, — און ער האָט עס איידלער געמאַכט. — צו ליכטיק! — און ער האָט עס געמאַכט בלייך און דורכזיכטיק. ענדלעך איז דורכגעפירט געוואָרן דאָס

לעצטע שטריכעלע. דער קינסטלער האָט אָוועקגעלייגט דעם פּינזל פון האַנט, האָט פאַרהאַנגען זיין ווערק און איז אַרויס אויף דער גאַס.

רואיק, מעסיק און זיכער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן דער הויכער, שלאַנקער אַלטער, מיטן בלייכן געזיכט און הויכמוטיקן בליק. ער איז געגאַנגען איבער בריקן, געשפּאַצירט אויף בולוואַרן און אין גערטנער, זיך אָפּגעשטעלט ביי הויפן און הייזער און האָט זיך צוגע־קוקט צום לעבן, וועלכעס ער האָט שוין יאָרן־לאַנג פון דער נאָענט ניט געזען און וואָס האָט איצט געקאָכט אַרום אים. די פרילינגס־זון האָט רייכלעך באַשיינט און געוואַרעמט די יונגע דערפרישטע ערד, אַ טייכל האָט זיך געבלאָזן און איז רוישנד און לוסטיק, ווי אַ יונגער העלד, געלאָפן זיין וועגס; ציילן ריזיקע מויערן האָבן זיך געצויגן אין אַלע זייטן, און אין יעדן ווינקעלע, ווי די געניען פון דעם אַלעם, זענען אַרומ־געלאָפן מענטשן, האָבן געאַרבעט, געזונגען, געלאַכט און געוויינט. אין איין אָרט האָבן צוויי אַרבעטער זיך געשלאָגן, אין אַ צווייטן האָט אַ קליין מיידעלע, מיט אַן ערנסטער מינע פון אַ פאַרזאָרגטער מוטער, איבערגעבונדן ביי איר ברודערל דאָס פאַרוואונדעטע פיסל; אַ ביסל ווייטער האָט דער מאלער אַ יונג פּאָרל באַגעגנט: „ער" איז געגאַנגען און מיט היץ עפּעס גערעדט, און „זי" האָט אים מיט אַן אומבאַשטימטן שמייכל אויסגעהערט.

דער אַלטער האָט אויף אַלץ געקוקט און איראָניש געשמייכלט.

און דאָך, פאַרנאַכט האָט ער דערפילט אַז דער פאַרגאַנגענער טאָג האָט אויף זיין האַרצן אַ שווערן שטיין געלאָזן.

ער איז אַוועק אַהיים, האָט אַלע ליכט, וועלכע ער האָט נאָר גע־האַט, אָנגעצונדן, און אין זיין צימער איז געוועזן ליכטיק ווי בייטאָג. נאָכדעם איז ער צו זיין לעצטן ווערק צוגעגאַנגען און האָט דעם פאַרהאַנג אַראָפּגעריסן. ער האָט אַ קוק געטון — און איז פאַרשטיינערט גע־בליבן . . . מיט טויט־שרעק האָט ער געקוקט אויף זיין בילד ווי אויף זיין קבר, אויסגעגראָבן פון זיינע אייגענע הענט . . .

אַ ריזיקער באַרג, מיט אַ היטל פון שניי אויפן שפּיץ. די לופט אַרום זיין קאָפּ איז ריין, שיטער און שניידנד קאַלט. ווייט אין דער נידער, ביים פוס פון באַרג, טאַנצט אַרום אַן עולם מענטשן: ווער עס שלאָגט זיך, ווער עס גראָבט ערד, און ווער עס גייט אויף די הענט

מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָ אויבן, אויפן שניי־פעלד, איז פריי, וויסט און אומהיימלעך. אויפן שפּיץ פון באַרג, אין די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון, דערהויבט זיך אַ מענטשלעכע פיגור מיט אויפגעהויבענע הענט, דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף. איבערן מענטשנס קאָפּ, אויפן בלויען, עטוואָס פאַרגאָלדעטן הימל, הייגנט אַ בלאַסער, צעפלייצטער פלעק, אָן פאָרם און אָן קאָליר.

צום ערשטן מאָל געדרוקט אין „די יודישע צוקונפט“, 1906. שפּעטער אין „די צוקונפט“. יאַנ. 1907, ניו יאָרק, אונטערן נאָמען „דער קינסטלער“.

◆●◆

די פאַמיליע גערער

.1

אַ וואָך נאָך פּסח, אין אַ פינצטערער און דאָך וואונדערשיינער פרילינגס־נאַכט, האָט גאָלדע ר׳ אברהם גערערס ווייב, נאָך שווערע ווייען, געבוירן אַ ייגגל. באַלד דערנאָך האָט זיך ר׳ אברהמס הויז ווי איבערגעקערט.

דער נייער וועלט־בירגער איז אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין מיט אַ שטורמיש געשריי.

דער אָנהויב איז אים געפעלן געוואָרן — און ער האָט גענומען שרייען ווען מ׳האָט געדאַרפט און ווען מ׳האָט נישט געדאַרפט: ער האָט געשריגן ביים באָדן, ביים וויקלען, ביים האָדעווען און גלאַט אָן אַ שום רעזאָן דערצו. גאָלדעס עלטערע שוועסטער חיה־לאה, ר׳ אברהמס אַלטע מוטער ריסיע און אַפילו די באָבע — האָבן זיך אײנגאַנצן פאַר־לוירן, נישט וויסנדיק וואָס צו טון מיטן קינד. „וויים איך? — האָט זיך די באָבע געקלאָגט — אַנדערע קינדער מוז מען נאָך שלאָגן, זיי זאָלן זיך „אויסשרייען״ און דאָס, קיין בייז אויג זאָל דעם נישט שאַטן, רייסט זיך, אַזוי ווי מ׳האָט עס געדונגען . . . ס׳אַ סימן אַז ס׳איז אַ געזונט קינד״.

און ווירקלעך: ס׳איז געווען אַ געזונט קינד, אַ „געפּאַקטס״, מיט עטלעכע רויטע הערלעך אויפן צו גרויסן, פּירקאַנטיקן קאָפּ, מיט גרויסע גרויע אויגן און מיט אַ היפש, ברייט מויל, פון וואַנען עס האָט זיך געריסן אַ הויך, שניידנד געשריי. גאָלדע, נישט קיין „ערשטלינג״ און אַפילו ניט קיין „יונגנט״, איז געלעגן בלאַס און מאַט אויפן בעט און האָט יעדע מינוט געבעטן דער שוויגער און באָבען, מען זאָל זען, „וואָס איז דעם קינד, ווי איז מיר״ . . . פאַר פּסח האָבן ר׳ אברהם מיט גאָלדען חתונה געמאַכט דאָס עלטסטע קינד זייערס, פרומען; אויף דער חתונה האָט גאָלדע, נישט קוקנדיק אויף די טענות פון אַלע אירע שכנות און קרובות, צופיל אַרומגעטאַנצט; דאָס האָט איר אַ ביסל פאַרשאַדט און זי איז שווער געגאַנגען צו קינד.

צום ברית איז גאָלדע פונדעסטוועגן אינגאַנצן געזונט געוואָרן. די אַכט טאָג ביזן ברית האָט מען געהאַלטן אין איין באַקן, כאָטש פון דער חתונה איז פאַרבליבן אַזוי פיל געבעקס, אַז מען האָט געקאָנט, ווי גאָלדע האָט פאַרזיכערט, אָפּריכטן דריי בריתן. אין קיך איז די גאַנצע צייט געווען אַ געפּילדער: אין איוון האָט געפּלאַקערט, די צוויי סאַר־ווערינס האָבן געשוויצט ביי דער אַרבעט און זיך שטענדיק געקריגט אַפילו ווען זיי האָבן, שטייענדיק, אויף גיך געשלונגען אַ גלאָז טיי מיט אַ „פּאַנקוכן"; חיה־לאה פלעגט אַריינלויפן אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג „העלפן"; די אַלטע באָבע ריסיע, שטריקנדיק אַ זאָק, האָט זיך שטענ־דיק געבייזערט אויף די אייניקלעך. די חברה איז באַשטאַנען פון דעם צען־יאָריקן „גמרא־יונג" לייזערן, פונם נייַן־יאָריקן חיימען, דער אַל־טערס אַ טאָכטערס א יתומל, אַן טאַטע־מאַמע, וועלכער האָט זיך אויפ־געהאַלטן ביי ר' אברהמען אין הויז און פון דער זעקס־יאָריקער העסקען. זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס, געפּלייסט צוצוגנבענען אַ לעקעכל, אין וועלכע זיי זענען נישט זשעדנע געווען, נאָר צוליב דעם וואָס עס איז נאָך הייס און ווייל עס האָט גאָר אַ באַזונדערן געשמאַק עפּעס צוצושלעפּן אין געטומל; יעדע מינוט זענען זיי געלאָפן פונם קינד אין קיך און צוריק פון דער קיך צום קינד, האָבן עס אַרומגערינגלט און געשטורכעט מיט זייערע פינגער אין די אויגלעך. דער רויטער גאַסט האָט דערויף געענטפערט מיט אַ מעכטיק געשריי פון זיין ברייט מויל, און די באָבע פלעגט זיי טרייבן, ווי די הינט, און נישט קאָנען פאַרשטיין — קינדער זאָלן זומער זיין גאָר אין שטוב.

דאָס רעדל האָט געפירט דער יתום, לייזער, כאָטש ער איז עלטער געווען, האָט אים געהאַלטן, און נישט אומזיסט, פאַר אַן אויטאָריטעט אין „שמד־שטיק". העסקע, פון איר זייט, האָט געאַכטעט זייביידן און האָט זיי ערלעך און געטריי נאָכגעטון אין יעדער זאַך. אויף איר האָבן זיי געקוקט אַ ביסל מיט גדלות און האָבן זי קוים געליטן אין זייער געזעלשאַפט. דער „זמן" האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן, נאָר גאָלדע האָט געפּועלט ביי ר' אברהמען, אַז די קינדער זאָלן אָנהויבן גיין אין חדר ערשט נאָכן ברית — האָבן חברה צייט געהאַט צו שטיפן.

וועגן דעם פון וואַנען דאָס קינד נעמט זיך האָט חיים אין חדר פון די עלטערע קינדער באַקומען אַ שטיקל באַגריף, וועלכער איז פיל ווייניק געווען נאָענט צום אמת. חיים האָט געפּרואווט אויך לייזערן

געבן צו פאַרשטיין די זאַך, נאָר יענער האָט אים געהערט מיט אַ שוואַכן אינטערעס. העסקען אָבער, וועלכע האָט זיך מיט דער פראַגע דוקא אינטערעסירט, האָט מען צו אַזאַ געשפּרעך נישט צוגעלאָזן. זי האָט אַפילו יאָ געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער, אונטערהערנדיק איין מאָל ווי חיים האָט געטענהט צו לייזערן און יענער האָט אים געהערט מיט אַן אָפן מויל — זי האָט אָבער גאָרנישט פאַרשטאַנען. די ברידער האָבן זי באַמערקט, און זי האָט נאָך געלייזט עטלעכע „סטוסאַקעס".

ר' אברהם האָט דערווייל די אַכט טאָג פּאַרטראָטן גאָלדעס אָרט אין זייער באַקאַליי־קראָם. ער האָט נאָך געהאַלטן די טאַקסע, וועלכע האָט ביי אים נישט פיל צייט צוגענומען, און פלעגט כמעט שטענדיק זיצן און לערנען. די קראָם האָט גאָלדע געפירט, דארום האָט ר' אברהם אין איר קיין ידיעה נישט געהאַט און האָט נאָר געהיט די פּריקאַזשטשי־קעס זאָלן נישט גנבענען. אויסער דעם איז ער גלאַט געווען צופרידן וואָס ער קאָן אַוועק ערגעץ פון דערהיים, וואו עס האָט געהערשט אַזאַ ליאַרם, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן. אין יענע שטור־מישע טעג האָט קיינער אין שטוב זיין הערשאַפט ניט אנערקענט. אַפילו די קינדער, וואָס האָבן געוויינלעך געציטערט פאַר זיין „דוך", האָבן איצט יעדעס מאָל איבערגעטראָטן זיינע באַפעלן. ער האָט געמוזט דערווייל זיך אונטערגעבן, וויסנדיק אַז ער וועט זיינס צוריק אָפּנעמען און וועט צוריק ווערן זעלבסטהערשער ביי זיך אין הויז.

דער ברית איז געווען ווי אַן אַנדער חתונה און אין שטעטל האָט מען פון אים גערעדט אַ טאָג אַכט. סנדק איז געווען דער רבי, זאָל לעבן, אליין. דאָס יונגע פּאָר־פאָלק, פרומע מיט איר מאַן שלומען, זענען גע־קומען צופאָרן אויפן ברית און האָבן, פאַרשטייט זיך, גענומען קוואַ־טערשאַפט. לייזערקע, אונטערגעיאָגט פון זיין מלמד ר' נפתלין, האָט באַוויזן זיין תורה; געוואוסט האָט ער אַפילו נישט איבעריק. דערצו האָט ביי אים די שרעק פאַרן פאָטער און פאַרן מלמד אָפּגענומען דאָס לשון, דאָך האָבן די געסט אים געקנייפּט אין די בעקלעך פאַר אַ צייכן, אַז ער איז אַ וואויל יינגל. די ווייבער זענען געבליבן אַן פּיס, אַרומ־טאַנצנדיק אַרום די געסט. מיטן לעקעך האָט רעגירט פרומע, מיטן בראַנפן — שלום. אין קיך האָט אַכטונג געגעבן די מומע חיה־לאה. די באָבע האָט באַקומען אַ סך „באַדגעלד", די סאַרווערינס האָט מען אויך נישט פאַרגעסן — און אַלע זענען געווען צופרידן.

אומצופרידן איז געבליבן נאָר דער בייער ייד אַליין. אים איז די צערעמאָניע שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן, און ער האָט געמאַכט אַזעל־כע גוואַלדן, אַז מ'האָט באַדאַרפט אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין. גאָלדע האָט נישט געוואוסט וואו זי איז אין דער וועלט און האָט אַ גאַנצן טאָג דאָס קינד פון די הענט נישט אַראָפּגעלאָזן. ער האָט זיך געריסן אין איין קול, אין איין טאָן, ווי אויף להכעיס. זיין געשריי האָט קיינעם, אויסער דער מוטער, נישט גערירט, עס האָט דעם עולם נאָר אַ ביסל דערעסן, ווי איינער רעדט: „דאָס איז אַ זאַך וועלכע מ'מוז איבערקומען, וואָס זשע איז דאָ פאַראַן וואָס צו שרייען?" . . . שפּעטער איז זיין קול שוואַכער געוואָרן, און אים האָבן זיך אָנגעהויבן דורכ־צושלאָגן נאָטן פון ווייטיק און קרענקונג. ערשט פאַרנאַכט האָט זיך לייבעלע, ווי מ'האָט אים שוין גערופן, אונטערגעגעבן און איז איינ־געשלאָפן.

בייטאָג, ווען דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און עס זענען איבערגעבליבן נאָר די היימישע, האָט מען זיך ערשט דערפילט יום־טובדיק. די ווייבער, וואָס האָבן פריער קיין צייט נישט געהאַט, האָבן זיך איצט געזעצט עסן, און פרומע האָט גענומען דערציילן פון „איר" מעבל, וואָס „זי" האָט געקויפט, פון „אירע" בעטן, קליידער־שאַפע, א.אַז.וו. ר' אברהם האָט געהייסן אַרויפטראָגן פון קעלער אַן אַלטע פלאַש וויין און אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר — און האָט זיך געזעצט רעדן מיטן איידעם און מיטן שוואָגער ראובן אהרנען, חיה־לאהס מאַן, פון תורה און פון מסחר. שלום האָט דערציילט זיינע פּלענער אויף דער צוקונפט: ער קלערט אויפצועפענען אַ זייפן־זאַוואָדל. אין זייער געגנט איז עס אַ וואויל געשעפט, א.אַז.וו. אַזוי האָט מען פאַרבראַכט ביז מנחה.

אויף מאָרגן, דינסטיק, נאָך מיטיק, איז דאָס פּאָר־פאָלק אַוועק־געפאָרן. גאָלדע האָט ווידער אָפּגעבעטן די קינדער ביי ר'אברהמען, זיי זאָלן גיין אין חדר ערשט נאָך האַלבן טאָג, צוליב פרומען מיט שלומען. נאָר וויבאַלד מען האָט זיך אָפּגעזעגנט, אָפּגעזאָגט „יברכך", און די פור האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל, האָט שוין די קינדער קיין זאַך נישט געהאָלפן, און זיי האָבן געמוזט זיך אַוועקשלעפּן אין חדר.

דאָס לעבן ביי ר' אברהם גערער אין הויז איז זיך ווידער אַוועק זיין וועגס.

.2

דאָך, נישט אינגאַנצן. ר׳ אברהמס האָפנונג אַז נאָכן ברית וועט ביי אים אין הויז ווידער ווערן שטיל, איז געוואָרן צונישט. אמת טאַקע די עלטערע קינדער זענען פאַר אים געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער, ווי פריער. דער קליינער אָבער האָט פון קיין זאַך נישט געוואָלט וויסן. זיינע קולות האָבן זיך פריי געטראָגן איבערן גאַנצן הויז, און ביינאַכט האָט ער קיינעם נישט געלאָזט שלאָפן. גאָלדע, אַלס מאַרק־מענטש, פלעגט זיך צערייסן אויף שטיקער: אָט פלעגט זי לויפן אַהיים אַנזויגן דאָס קינד און אָט לויפן פון קינד אין קראָם אַריין, און דערפון האָבןביידע געליטן. צו דעם אַלעם האָט גאָלדע נאָך שבועות פאַרלוירן די מילך. אָפּגעבן דאָס קינד צו אַן אַם האָט די מוטער נישט געוואָלט: ערשטנס, וועט אים דאָרט זיין שלעכט, און צווייטנס — „מ׳וועט עס נאָכדעם פיינט האָבן״ . . . איז געבליבן, מען זאָל נעמען אַן אַם אין שטוב אַריין. ביז מען האָט געפונען אַן אַם האָט מען דאָס קינד דער־וויל געהאָדעוועט פון אַ פלעשל און מען האָט אים פאַרדאָרבן דעם מאָגן. אַם ענדע, האָט מען געקראָגן אַן אַם. מ׳האָט איר מיט דעם קינד אָפּ־געגעבן אַ באַזונדער צימער — און אין שטוב איז געוואָרן אַ ביסל שטילער.

לייבעלע איז דערוויל געוואַקסן. זיין פריערדיקער ווילדער, צע־וואָרפענער בליק איז געוואָרן מענטשלעכער און פאַרשטענדיקער. יעדן פרימאָרגן, פאַרן אַוועקגאַנג אין קראָם, פלעגט גאָלדע אַריינגיין אין זיין צימער זען, וואָס מאַכט איר „מיזינעק״, אויך אין אָוונט פלעגט זי אים נעמען אַ ביסל אויף די הענט — און דעמלט פלעגט ער אויף איר קוקן שווייגנד און אויפמערקזאַם, ווי ער וואָלט וועלן זי דערלערנען. דאָך האָט ער וואָס ווייטער אַלץ מער געשטריטן מיט די אַרומיקע, באַ־זונדערס מיטן פאָטער. דער רעזשים ביי ר׳ אברהמען אין הויז איז געוועזן זייער אַ שטרענגער: אַלץ האָט זיך דאָ געהאַלטן אויף הערן און פאָלגן; קיין קינד האָט קיינמאָל קיין מילדקייט פון פאָטער נישט גע־זען. מיט לאַנגע יאָרן צוריק, ווען זיין עלטערע טאָכטער פרומע איז אַלט געווען אַ וואָכן פיר, האָט ר׳ אברהם זי אַ קוש געטון; ער האָט זיך דעמלט פאַרשעמט פאַר גאָלדען און פאַר זיך אַליין — און האָט מער אַזאַ נאַרישקייט נישט געטון. קיין רעדן אַנטקעגן אָדער נישט־פאָלגן זיין באַפעל האָט ער נישט געליטן. אויף גאָלדען האָט ער געהאַט

אַ שטאַרקן איינפלוס, און זי פלעגט אים נאָכטון אין אַלצדינג. זי האָט אים ווייניק־וואָס געקענט. ער האָט מייסטנס כמורנע געשוויגן, און דאָס האָט איר עפּעס אַריינגעגעבן אַכטונג צו אים, און האָט ער יאָ גע־רעדט, האָט ער אַזאַ טאָן אָנגענומען, אַז גאָלדען איז גאָר קיינמאָל דער געדאַנק נישט אַרויפגעקומען נישט איינצושטימען מיט אַלץ וואָס ער זאָגט. איר מוטערס האַרץ האָט שטאַרק געליטן פון שטרענגקייט צו די קינדער און זי פלעגט זיי אַמאָל „אָפּבעטן" ביי אים. נאָר אין האַרצן האָט זי דאָס זעלבסט גערעכנט פאַר אַ שוואַכקייט. דער קליי־נינקער לייבעלע האָט אינגאַנצן איבערגעקערט די דאָזיקע הויז־אָרדע־נונג. אין אָנהויב האָט ער שטאַרק געשטריטן קעגן דעם וויקלען און האָט געשוויגן בלויז אין שלאָף און די פּאָר שטונדן אין טאָג, ווען מען האָט אים געלאָזן אַ ביסל פריי. די מאַם האָט אין אָנהויב געפּרואווט אים קנייפּן אין דער שטיל, מיינענדיק, ווייזט אויס, אים צווינגען דערמיט אַנטשוויגן צו ווערן. נאָר ער האָט אַ צוויי־דריי מאָל געמאַכט אַזעלכע גוואַלדן, אַז זי האָט זיך דערשראָקן און האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון צו ווירקן אויף אים מיט אַזעלכע מיטלען. שפּעטער זענען זיי איינס צום צווייטן צוגעבונדן געוואָרן און זי האָט אים געלאָזט, ווי מ'זאָגט, קריכן איר אויפן קאָפּ. צו אַכט חדשים איז שוין לייבעלע אַרומגעקראָכן איבערן הויז, געטון וואָס ער האָט געוואָלט, זיך געשפּילט מיט אַלע שטוב־זאַכן און האָט איינגעלייגט די וועלט ווען מען האָט אים אין עסן געשטערט. דער פאָטער האָט נישט געוואוסט וואָס מיט אים צו טון. ער האָט געפילט אַז דער קליינער רייסט זיך אַרויס פון אָנהויב אָן פון אונטער זיין הערשאַפט. ער האָט זיך אַפילו געטרייסט, אַז מיט דער צייט וועט עס אַנדערש ווערן, נאָר דערווייל, ווען זיין שטרייננגער בליק פלעגט זיך באַגעגענען מיט לייבעלעס, האָט דאָס קינד זיינע אויגן נישט אַראָפּגעלאָזן און האָט עפּעס בייז געברומט אויף אים. גוט גע־לעבט האָט לייבעלע נאָר מיט דער אַם און מיט דער באָבען. די אַלטע ריסיע האָט אים דערלויבט צו רייסן איר דעם שלייער פון קאָפּ און האָט אָנגעקוואָלן פונם נחת. מיט דער מוטער האָט ער זיך דערווייל ווייניק־וואָס אָנגעקערט. שפּילן זיך פלעגט ער מער מיט העסקען. די „גרויסע" האָבן מיט אים נישט גוט געלעבט און פלעגן אים אָפט שלאָגן.

אויף דעם עלפטן חודש האָט מען לייבעלען אַנטוואוינט פונם זויגן און באַלד דערנאָך האָט אים געטראָפן די ערשטע ערנסטע לייד

אין זיין לעבן: אין דער אָם האָט מען זיך מער נישט געגוויטיקט, און זי איז אַוועקגעפאָרן אין איר שטאָט. לייבעלע איז געווען צו איר שטאַרק צוגעבונדן; זי איז געווען דער איינציקער מענטש, וועלכן ער איז גע־וואוינט געווען צו זען שטענדיק לעבן זיך פון דער צייט וואָס זיין באַ־וואוסטזיין האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט. ער פלעגט זיך צו איר ווענדן אין אַלע שווערע מינוטן פון זיין לעבן: איז ער ווען געפאַלן, אָדער עמיצער אין שטוב האָט אים באַליידיקט, איז ער באַלד געקראָכן צו איר, פילנדיק אַז אים איז נויטיק אויף איר אַ קוק צו טון, און אים פלעגט דאדורך לייכטער ווערן. איצט האָט זי אים שטאַרק געפעלט, און נישט דאָס קליינע מיידל, וואָס מען האָט פון זיינעטוועגן געדונגען, נישט די מוטער, וועלכע האָט איצט אויף אים מער אַכטונג געגעבן, נישט די אַלטע באָבע מיט איר אייביקן זאָק — האָבן איר אָרט נישט געקאָנט פאַרנעמען. דעם ערשטן טאָג נאָך איר אַוועקפאָרן האָט ער גע־שריען און געוויינט, ביז ער איז איינגעשלאָפן. ביינאַכט האָט אים די מוטער גענומען צו זיך אין בעט אַריין. דאָס קינד האָט געהאַט אַ ביסל היץ, איז געשלאָפן זייער אומרואיק, האָט זיך געדריקט צו דער מוטער מיטן גאַנצן קליינינקען קערפּער און האָט יעדע מינוט אין שלאָף זי אַרומגעכאַפּט מיט די הענטלעך . . . „זוניו מיינער, טייערער . . .“ — האָט גאָלדע געמורמלט, צונעמענדיק די לאַסקע אויף איר רעכענונג. און האָט אים אַ קוש געגעבן. לייבעלע האָט געעפנט די אייגלעך און האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. ביי דער שיין פון נאַכטלעמפּל, וואָס מען האָט צוליב אים איינגעפירט, האָט ער דערזען נעבן זיך גאָלדען, אויפן צווייטן בעט דעם פאָטער — און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויפן קול . . . אַזוי האָט עס געדויערט אַ פּאָר וואָכן: ביי טאָג האָט ער שטונדן־לאַנג שטיל און ביטער געוויינט, אָדער זיך אַרומגעבלאָנקעט, ווי אַן עלנדע שאָף, זוכנדיק די אָם אין אַלע ווינקעלעך, — און ביינאַכט האָט ער געשריגן. איינשטילן אים איז געווען אוממעגלעך נאָך דערפאַר, וואָס אים האָט געשראָקן און גערייצט דאָס אויסזען פונם פאָטער ביי־נאַכט: אין אונטערשטער וועש, אויף וועלכער עס האָט זיך שאַרפער אָנגעצייכנט זיין שוואַרצע באָרד, מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ און מיט אַ פאַרשלאָפענעם, צעקנייטשטן פּנים, האָט ר׳ אברהם אויסגעוויזן ליי־בעלען אַזוי פרעמד און מוראדיק, אַז דער קליינער האָט אויף דעם פאָטער אָן שרעק נישט געקאָנט קוקן און האָט געשריגן אָן אויפהער.

ר׳ אברהם איז ענדלעך איינמאָל אַרויס פון דער הויט און האָט אים שטאַרק אָנגעפּאַטשט; גאָלדע האָט דאָס קינד קוים פון זיינע הענט אַרויסגעריסן. ערשט דעמלט האָט לייבעלע פאַרשטאַנען אַז די אָם איז נישטאָ, טאַקע אינגאַנצן נישטאָ, און האָט אָנגעהויבן זיך צובינדן צו דער מוטער.

צו דער זעלבער צייט האָט לייבעלע אָנגעהויבן פּיל־ווייניק פריי אַרומצוגיין און צו ביסלעך צו רעדן. ער איז געוואַקסן געווען זיינע געפילן אַרויסצוגעבן דורך אייגנאַרטיקע קולות, אָם מייסטן פון נידעריקע טענער; עפּטערס האָט ער געברומט אָדער אַרויסגעלאָזן אַזאַ קלאַנג, ווי איינער קלייבט זיך אָ שפּיי טון. ווען מ׳האָט צו אים גערעדט, האָט ער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געקוקט דעם רעדנדיקן גלייך אין מויל אַריין; ער האָט געזען אַז דאָרט, אין מויל, טוט זיך עפּעס, עפּעס קאָכט זיך דאָרט, און פלעגט עפּטערס דאַרויף ענטפערן מיט אַ קורצן, אָפּגעהאַקטן קלאַנג. אייניקע פון די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך עפּטער געהערט אין שטוב, האָבן אויף זיך זיין אויפמערקזאַמקייט געצויגן, און ווען העסקע האָט עפּעס איינמאָל ביים טיש אַ זאָג געטון: „מאַמע!״, האָט זיך ביי אים אין דער זעלבער סעקונדע דאָס מיילכל געשטעלט ווי ביי איר, און ער האָט הויך און שאַרף אויסגערופן: „מאַם־מ־ם!״ . . . — ענדיקן אָבער האָט ער שוין נישט געקאָנט און האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די ממ׳ען, נאָר זיינע ליפּלעך האָבן נאָך אַ שטיקל צייט געציטערט . . . אין שטוב איז געוואָרן אַ פריידט, אַ געשריי. מען האָט אים אַרומגערינגלט מיט געשרייען: „מאַמע!״ „טאַטע!״, „זאָג, לייבעלע, מאַ־מע!״ . . . נאָר ער האָט דערשראָקן געקוקט אויף די אַרומיקע, נישט וויסנדיק וואָס זיי ווילן פון אים, און פאַרגעסנדיק וואָס מיט אים זעלבסט איז ערשט געשען. — פון דעמלט אָן האָט מען אים שוין נישט געלאָזט צורו; מ׳האָט אים אונטערגעטראָגן די „קינדערשע שפּראַך״, מען האָט אים געלערנט זאָגן: „זיזי״, „מאָני״, „בו״, און נאָך אַזעלכע ווערטער, צו וועלכע ער האָט צוגעלייגט זיינע אייגענע. זיינע געפילן האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען אַ באַשטימטע אויסדריקונג.

פון פורים אָן האָט זיך דאָס וועטער מיט אַמאָל אומגעביטן. צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד האָט זיך געצויגן אַ וואַרעמער דרום־ווינט און האָט געגעסן דאָס אייז און דעם שניי אָן אויפהער. פון די אַרומיקע בערג זענען אַראָפּגעלאָפן אין טאָל אַריין טייכלעך פון גערדיכטן וואַסער און האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין היפּשן פלוס, וועלכער האָט זיך מיט

נצחון געיאָגט דורך דעם גאַנצן שטעטל צום טייך. די זון האָט שטאַרק געוואַרעמט, אַזוי אַז דריי טעג פאַר פסח איז שוין געווען טרוקן כמעט אין גאַנצן שטעטל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן יענע פרישע, יונגע טעג און וואונדערלעכע נעכט, פול מיט ליבעס־אַנמוט און לעבנס־דורשט, וועלכע זענען מעגלעך נאָר פרילינגס־צייט אין אוקראַינע. — יידן האָבן געבאַקן מצות, געררימט, געשמירט די הייזער, געשייערט און געכשרט כלים; די „חדרים" האָבן זיך פאַרמאַכט אויף ביז נאָך יום־טוב, און יינגלעך האָבן זיך געפילט גליקלעך. ביי ר' אברהמען אין שטוב איז געווען „הימל עפן זיך!" . . . גאָלדע איז שיר נישט צעריסן געוואָרן! אין שטוב האָט מען באַדאַרפט צוגרייטן דעם פסח, און אין קראָם האָט קיין צייט און קיין הענט נישט געקלעקט. ר' אברהם איז ווידער געגאַנגען אין דער אַרבעט, און „חברה" האָט איבערגעקערט דאָס הויז מיטן הויף, נישט קוקנדיק דאַרויף וואָס יעדן אָוונט האָט זיי די באָבע ריסיע פאַרקלאָגט פאַרן פאָטער, און זיי האָבן רעגלמעסיק געקראָגן זייערס.

ערב פסח אין דער פרי, נאָך ביעור חמץ, האָט דאָס שטוב־מיידל איינגעהילט לייבעלען אין אַ שאַל און האָט אים אַרויסגעטראָגן דרויסן. לייבעלע איז געווען נאָך זייער קליין, ווען דער ווינטער איז אָנגעקומען; נאָכדעם איז ער געזעסן אַ האַלב יאָר אין שטוב, נישט זעענדיק די ליכטיקע וועלט, און איז איצט אַרויס אויף דער פרייער לופט צום ערשטן מאָל. די לאַנגע ציילן הייזער, די מענטשן אין גאַס, דאָס גערויש פון לעבן — דאָס אַלעס האָט אים פאַרבלענדט, פאַרטויבט און העכסט צעטומלט. לייזער, חיים און העסקע האָבן געטאַנצט אַרום אים, געטאַרעט אים פון אַלע זייטן. דאָס מיידל האָט זיי געטריבן און זיך געבייזערט אויף זיי, נאָר לייבעלע האָט דאָס אַלץ נישט געהערט און נישט געזען; ער האָט ברייט געעפנט די אויגלעך און דאָס מיילכל, האָט געדרייט מיטן קעפל אין אַלע זייטן און נישט געוואוסט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. די נייע איינדרוקן, די פילאַרטיקייט, וואָס האָט שעמערירט פאַר זיינע אויגן, האָבן אים גיך איינגעמידט, און ער האָט זיך אומרואיק און פאַרדריסלעך צעוויינט. מען האָט געמוזט אים אַריינגעמען באַלד אין שטוב אַריין. נאָר פון דעמלט אָן פלעגט ער אַלע פרימאָרגן, נאָר וואָס פון בעט, שרייען: „הייטע!" . . . — און האָט שוין דעם גרעסטן טייל פון טאָג פאַרבראַכט אויף דער גאַס און אין הויף. ער האָט אַלץ באַקוקט, איבערגעטאַפּט, צו אַלעם זיך צוגעהערט, געקראָכן אין אַלע מייזנלע־

כער, נישט איין מאָל געפאַלן, זיך פאַרשטאָכן די הענטלעך, צעקלאפּט דאָס נעזל, געוויינט — און ווידער געקראָכן און געלערנט די וועלט אָן אַ סוף. אין דערזעלבער צייט האָט זיין שפּראַך זיך שנעל אַנטוויקלט. די עלטערע פלעגן זיך וואונדערן, פון וואַנען נעמען זיך צו אים אַזוי פיל נייע ווערטער? וואו האָט ער זיי געהערט? — און פלעגן קוועלן פון זיין חכמה.

זיין איינגעשפּאַרטער, האַרטנעקיקער כאַראַקטער האָט זיך אָפּגע־צייכנט אַלץ שאַרפער און דייטלעכער. ער האָט קיינעם קיינמאָל נישט געפאָלגט, און האָט ער עפּעס געוואָלט, האָט עס געמוזט ווערן, ווען נישט האָט מען באַדאַרפט אים דאָס הויז אָפּטרעטן דורך זיינע ווילדע געשרייען. מיטן פאָטער האָט ער געפירט אַ שטענדיקע מלחמה. די מו־טער, פאַרקערט, האָט ער אַלץ מער ליב געקראָגן, און אַז זי פלעגט אים ביינאַכט, אַ מידן, אַ שלעפעריקן, נעמען צו זיך אין בעט אַריין, אים קושן און זאָגן: „מיר זאָל זיין פאַר זיין קאָפּ! ער ברענט, ווי אַ פייער. וואָס־דען? — עפּעס וויניק אַרבעט ער זיך אָן פאַרן טאָג! . . ." — פלעגט לייבעלע לעבן איר שלאָפן מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּלעך. ר' אברהם איז געווען נישט צופרידן און האָט נישט איינמאָל געברומט: „באַלעוועסט אים, גערענקט! ער וועט דיר נאָך רייסן דעם שלייער פון קאָפּ. . ." גאָלדע פלעגט געוויינלעך דאַרויף נישט ענטפערן און קוקן מיט אַ שמייכל אויפן מיזיניק.

אָן דער אָם האָט לייבעלע כמעט פאַרגעסן. איין מאָל, סוף זומער, איז זי צוליב עפּעס געקומען קיין טאַרטילאָוו און איז, פאַר־שטייט זיך, אַריינגעגאַנגען זיך זען מיט „איר זון". אין דער ערשטער מינוט האָט ער זי נישט דערקענט, דערנאָך האָט ער זיך מיט פרייד גע־וואָרפן אויף איר. די אָם האָט אים געגלעט און געקושט אפשר נאָך מער ווי פריער, נאָר לייבעלע האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט עפּעס אַ וואַנט צווישן איר און זיך, און אים איז שווער געוואָרן אויפן הערצל. ער איז דעם גאַנצן טאָג נאָך איר אָוועקגיין געווען כמורנע און נערוועז, נאָר אויף מאָרגן האָט ער זי פולשטענדיק פאַרגעסן.

3.

חול־המועד סוכות האָט שלום געבראַכט פרומען צו איר מוטער אויף קימפּעט.

שלומס געשעפטן זענען געגאַנגען, נאָך זיינע רייד, נישט שלעכט: זיין זייף גייט „איבער דער וועלט״, ער האָט, דאַנקען גאָט, קרעדיט, א.אַז.וו. ר׳ אברהם האָט געקוקט אויף דער זאַך אַ ביסל סקעפּטיש.

— עפּעס דרייסטו מיר צופּיל . . . — האָט ער גערעדט שמיני־עצרת אין דער פרי ביים טיש. — דו צעגיבסט אויף באַרג דער גאַנ־צער וועלט, מאַכסט אַ לאָך דאָ, כדי צו לייגן אַ לאַטע דאָרט . . . ניין, פאַר אונדזערע יאָרן איז נישט אַזוי געווען: מיר זענען געגאַנגען האַרט ביי דער ערד, און ביז מען האָט נישט געהאַט קיין זיכער געשעפט אין האַנט, האָט מען געהאַלטן דאָס געלט אויף פּראָצענט, נישט געפּלאָכטן עס אויף דער רוח ווייסט וואָס.

— אַך, שווער, וואָס רעדט איר?! — האָט זיך שלום צעהיצט. — דאָס געשעפט איז אַ גאָלדן געשעפט, און חובות זענען קוראַנט, אַזוי ווי ביי מיר אין קעשענע. חוץ לזה — „אָבאָראָט״, היינטיקע יאָרן גייט נאָר „אָבאָראָט״ . . .

— וואָס מיר אָבאָראָט, ווען מיר אָבאָראָט . . . אָבאָראָט איז שייך צו זאָגן ווען דו פאַרדינסט ווייניקער אויף דיין מין סחורה, כדי זאָלסט מאַכן אַ גרעסערן אָבאָראָט און פאַרקויפן מער, — אָבער געלט דאַרף איך זען! . . איך פרעג דיך, וואו איז דיין געלט? האָסט עס אַריינגעשטאָפּט אין דיינע קונים, און גאָט ווייסט צי דו וועסט זיך שוין זען אַפילו מיט אַ קאָפּיקע . . .

— אַך, שווער! — האָט שלום געשמייכלט און זיך געדרייט אויף זיין בענקל. — איר זענט שוין גאָר אָפּגעשטאַנען פון דער היינטיקער וועלט . . . היינטיקע יאָרן האַנדלט מען נאָר אויף קרעדיט . . .

ר׳ אברהם האָט זיך אָנגעצונדן.

— ביסט אַ גרויסער שוטה מיט „היינטיקער וועלט״ און „היינ־טיקע יאָרן״ אינאיינעם! . . מיר דוכט אַז די געשעפטן, וואָס איך האָב איבערגעהאַלטן אין מיינע הענט נאָר פאַר די צען יאָר, וואָס איך בין געזעסן אויף קעסט, וועסטו קיינמאָל אין די אויגן נישט אָנקוקן . . . פאַר מ י י נ ע צייטן האָט ווער געהאַט געלט, האָט ער געהאַנדלט, אויב נישט — זיי אַ מלמד אָדער לערן זיך אַ מלאכה! היינט אָבער ווערט אַ סוחר דוקא דער וואָס האָט קיין געלט נישט, וואָרעם וואָס האָט ער אָנצואָווערן? . . — ער נעמט אויף קרעדיט, גיט אויף קרעדיט, דערווייל עסט מען און מ׳ציט אַרויס די עטלעכע גראָשן פון דעם, וואָס

האָט יאָ עפּעס, נאָכדעם מאַכט מען אַן אָנזעץ, אָדער, ווי איר רופט עס היינט, אַ „באַנקראָט" . . . ניין, גוטער ברודער, מיך וועסטו נישט נאַרן, איך בין נישט נעכטן געבוירן געוואָרן. ט—הע! ער פאַררעדט מיר די ציין מיט „קרעדיטן" און „אָבאָראָטן" . . .

שלום האָט, ווי ער האָט געקאָנט, פאַרטיידיקט זיין סיסטעם, אָנגעוויזן אויף דעם און אויף יענעם, אַז אָט פירן זיי אויך אַזוי זייערע געשעפטן און לעבן גאָר פיין, נאָר ר' אברהם איז געבליבן ביי זיינעם, אַז „הלואי זאָל ער ליגן זאָגן", נאָר עס וועט זיך נישט גוט ענדיקן.

בייטאָג זענען זיך צו ר' אברהמען צוזאַמענגעקומען עטלעכע שיינע שטאָט באַלעבאַטים. מען האָט דערלאַנגט צום טיש די געטרענק, וואָס מען האָט צונויפגעשיקט „מיט די געסט"; באַלד האָט זיך געלאָזט הערן אַ ניגון — און עס האָט זיך אָנגעהויבן „שמחת־תורה". צו מנחה, וועלכע מען האָט געדאַוונט דאָ טאַקע ביי ר' אברהמען אין שטוב, האָט עס שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז מען האָט עטלעכע מאָל איבערגעקערט ראובן־אהרנען, וועלכער האָט מתפלל געווען פאַרן אימפּראָוויזירטן „עמוד". באַלד נאָך ליכט־בענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן אויפן טיש „פּערטל עמער", קופּערנע טשייניקעס מיט ווײַן און ברייטע פירקאַנטיקע פלעשער מיט מעד. דער עולם האָט זיך באַמיט מיט גוואַלד אַראָפּצוואַרפן די שלעפעריקייט פון אַ גאַנצן יאָר; די שטייף אָנגעצויגענע נערוון, די פאַרשטיקטע באַדערפעניש אין גליק און לעבן האָבן געפונען אַן אויסוועג — און האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין ווילדער פרייד, אין טאַנצן און שפּרינגען ביזן הימל.

שפּעטער איז מען געגאַנגען פירן דעם רבין צו הקפות. דער רבי האָט געהאַט אַן אייגענע שול, נאָר ברב עם הדרת מלך — פלעגט ער גיין אַלע יאָר צו הקפות מיט גרויס פּאַראַד אין אַן אַנדער שול. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. איבערן גאַנצן שטעטל האָט זיך געטראָגן אין דער לופט אַ געזאַנג; מענטשן, אַנדערע מיט ליכט אין די הענט, האָבן זיך געצויגן פון אַלע גאַסן צו די שולן; יינגלעך האָבן זיך געדרייט אונטער די פיס און האָבן זיך „געמאַכט שיכור", — דאָס אַלץ האָט דעם שטעטל צוגעגעבן אַן אומגעוויינלעכן, פאַנטאַסטישן אויסזען.

אין דער העל־באַלויכטענער „רויטער" שול האָט געהוליעט אַן אַנדער קאָמפּאַניע, ווען פון ווייטן האָט זיך געלאָזט הערן אַ געזאַנג

פון מענטשן. „דער רבי, דער רבי גייט!" איז געוואָרן אַ געשריי אין שול, און באַלד האָט זיך אין דרויסן אויפגעהויבן אַ גערויש, ווי אַ גרויסע אַרמיי וואָלט באַלאַגערט די שול. אין אַ מינוט אַרום האָט דאָס געזאַנג הויך אַ קלונג געטון אין פּאַליש און האָט באַלד טאַקע ווי אַ שטורעם זיך אַריינגעריסן אין שול אַריין. אַרום „בעלעמער" האָט זיך צונויפגעשלאָסן אַזאַ ראָד, אַז די פענצטער האָבן געציטערט.

מיט הקפות האָט מען פריער באַטיילט די שענערע, רייכערע באַלעבאַטים, דערנאָך די געמיינערע. יינגלעך האָבן געקושט די „ספרים", זענען געשפּרונגען אין פּנים אַריין און האָבן געשריגן: „דערלעבט איבער־אַ־יאָר" עטלעכע פון זיי האָבן געהאַט דאָס גליק אַליין צו גיין מיט אַ הקפה, נאָר זייערע טאַטעס האָבן אונטערגעהאַלטן די ספרי־תורה, זיי זאָלן חלילה נישט אַראָפּפאַלן. ערשט אַרום האַלבער נאַכט איז זיך דער עולם צעגאַנגען אַהיים עסן.

אויף מאָרגן, נאָכן דאַווענען, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס זעלבע. מען איז געגאַנגען פון איין הויז צום צווייטן, מען האָט גע־שלעפּט דאָס עסן פון די אויוונס. ביי ר' אברהמען אין זאַל האָט מען אויסגעקערט אַ שווייבק־שעפל מיט וואַסער און זיך געגליטשט; שלום האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער דער ערד, האָט געפינטלט מיט די אויגן, געדרייט די קאַפּאָטע און געזונגען „אַ בעטלער". יידן האָבן זיך צוגעשאָקלט און האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען יידן מיט בערד און טאַטעס פון קינדער. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אויף מאָרגן איז שלום אַוועקגעפאָרן אַהיים.

דער הערבסט אין יענעם יאָר איז געווען אַ ליכטיקער, אַ וואַרע־מער, אַ טרוקענער, — אַ „ווייבערשער זומער". פרומען האָט מען גע־ראָטן וואָס מער אַרומצוגיין, פלעגט זי עטלעכע שטונדן אין טאָג פאַרברייינגען אין פריצס פּאַרק, וואָס האָט זיך געצויגן ביים עק פון שטעטל, און וואוהין מע האָט אַלעמען דערלויבט צו גיין. אונטער די פיס האָט ווייך געררושט אַ קאָבריץ פון געלע, פאַרטריקנטע בלעטער; די ביימער האָבן דעמוטיק און שטיל געדאַוונט צו דער געטין — דער זון, וואָס איז ווי פאַרמאַטערט געוואָרן פון דער היציקער זומערדיקער אַרבעט: זי האָט זיך איצט טאָג־טעגלעך געשפּעטיקט ביים אויפשטאַנד פון שלאָף, זיך געאיילט ביים אונטערגאַנג און האָט דעם גאַנצן טאָג צעשטרייט און אומאויפמערקזאַם געקוקט פאַרביי דער ערד אין אומ־

ענדלעכן הימל־רוים . . . אין דער גאַנצער נאַטור איז געווען אויסגע־
גאָסן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ קלאָרער און זאַנפטער
עלטער. מאָדנע אומעטיק איז געווען ביי פרומען אויף דער נשמה, און
מאָדנע פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען האָבן זיך געמישט ביי איר אין
קאָפּ, רבונו של עולם, וואָס וועט עס דאָ זיין מיט איר? . . אויף וואָס
האָט איר געטויגט דאָס גאַנצע געשעפט? . . פאַראַן אויף דער וועלט
צוויי מענטשן, — טאַטע־מאַמע הייסן זיי, — און פרומע האָט פריער
געהערט צו זיי, — זייער שיין! וואָס האָט איר דען געפעלט? אַ גאַנצע
וואָך האָט זי געהאָלפן דער מוטער אין באַלעבאַטישקייט, געזעסן אַ
פּאָר שעה אין טאָג אין קראָם, און שבת־צונאַכטס האָט מען געשפּילט
מיט דער מומע חיה־לאהס קינדער אין „ביינדלעך", אין דער צייט וואָס
דער טאַטע מיטן פעטער ראובן־אהרנען האָבן דערציילט נסים פון
גוטע יידן און צו ביסלעך געשמועסט וועגן „געשעפט". איז „ער" גע־
קומען און האָט זי צוגענומען . . . המ . . . ס׳פּאַר אַ נאַרעלע ער איז,
כע־כע! . . . — שלעכט איז איר אַפילו נישט: די שוויגער „קעכלט" זי,
אין דער ווייבערשער שול ווייזט זי אויף איר אָן מיטן פינגער: „מיין
שנור", — און דער שווער שוויגט . . . אַ מאָדנער מענטש! וואָס
שווייגט ער? . . פּונקט ווי דער טאַטע . . . שלום פאַרנעמט זיך מיט
געשעפט — עפּעס זייף האָט ער דאָרט, — נישט רעדנדיק מיט איר
וועגן דעם קיין צוויי ווערטער. דערפאַר אָבער איצט וועלן זיי אינגיכן
אַראָפּ פון קעסט, און זי וועט ווערן אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך: די שליס־
לען ביי דער זייט, אין שאַפע — „כל־טוב", און אין וויגעלע — אַ
קינד . . .

זי בלייבט שטיין, אַ ביסל דערשראָקן: זי וועט ברייגנען אַ קינד
אויף דער וועלט! וועגן דעם ווי אַזוי דאָס דאַרף פאַרקומען, האָט זי
געוואוסט, אַז ס׳הייסט „געלעגן ווערן", „געבוירן אַ קינד", נאָר זי
האָט עס פאַרשטאַנען, כל־זמן עס האָט זיך גערעדט וועגן אימעצן אַנ־
דערש, אָט וועגן דער מאַמען, צום ביישפּיל; קוים אָבער האָט עס אָנ־
גערירט זי אַליין, האָבן איר די ווערטער אויסגעוויזן פרעמד און האָבן
איר קיין באַגריף נישט געגעבן פון דעם, וואָס מיט איר דאַרף זיך
טרעפן. פון איר וועט זיך אָפּטיילן אַ קינד, אַ מיידעלע, — געוויס
אַ מיידעלע, — וואָס וועט וואַקסן און ווערן אַזאַ מענטש, ווי זי אַליין...
ניין, עס איז נישט פאַרשטענדלעך! — און ווען זי האָט אַ פּאָר מאָל

דערפילט ווי אין איר באַוועגט זיך עפּעס, האָט זי מיט שרעק און מיט קאָנצענטרירטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו זיך זעלבסט, טאָמער וועט זי דורכדעם פאַרשטיין וואָס איר שטייט פאָר.

באַאומרואיקט האָט זי אויך די פראַגע וועגן איר אייגענעם לעבן. זי האָט געוואוסט אַז עס וועלן זיין ווייען, — ווי אַזוי וועט זי עס אריבערטראָגן? . . אמת, די גאַנצע וועלט האָט קינדער — און גאָר־נישט; נאָר פונדעסטוועגן . . . סע מאַכט זיך דען נישט אַז מען שטאַרבט דערפון? . . אַ מעשה דאָס איז! אינוויייניק, אין איר, זיצט עפּעס אַזוינס, און עס איז נישטאָ וואוהין צו אַנטלויפן דערפון . . . יאָ, זי וועט שטאַרבן . . . און טרערן פלעגן זיך שטעלן ביי פרומען אין די אויגן פון מיטלייד צו זיך זעלבסט.

אין דערהיים האָט אברהם איין מאָל באַמערקט, אַז זי וויינט, און האָט פאַרוואונדערט אויפגעהויבן די ברעמען.

— וואָס איז שוין פאַר אַ נייעס? . .

די טאָכטער האָט נישט געענטפערט און האָט פאַרשטעלט אירע אויגן מיט די הענט. ער האָט עפּעס אַ ביסל פאַרשטאַנען, און האָט איר צוגעשיקט גאָלדען.

— גיי שוין, גיי, נאָר, — האָט די מוטער זי באַרואיקט, ווען פרומע האָט איר איבערגעגעבן איר שרעק און זאָרג. — ביסט אַן ערשטלינג, האָסטו מורא. בעת איך האָב געטראָגן מיט דיר, האָט זיך מיר אויך געדוכט אַז איך וועל שטאַרבן, און אַנדערע נאַרישע גע־דאַנקען זענען געקראָכן אין קאָפּ אַריין . . .ביים צווייטן קינד האָב איך שוין גאָר אַפילו נישט געקלערט וועגן דעם, און אַז עס איז גע־קומען די צייט, האָב איך זיך געלייגט אין בעט אַריין און בין איבער־געקומען בשלום, אַ דאַנק השם יתברך . . . אָט נעם בעסער, שיט אויס אויף דער ערד עטלעכע שפּילקעס אָדער נאָדלען און קלייב זיי צו־נויף . . .

פרומע האָט געקליבן נאָדלען, האָט שפּאַצירט אין פּאַרק און זיך געפלייסט נישט צו טראַכטן „וועגן דעם", נאָר וואָס מער זי האָט די געדאַנקען פאַרטריבן, זענען זיי אַלץ מער געקראָכן אין קאָפּ אַריין, און צום סוף איז ביי איר געבליבן, אַז עס קאָן אַנדערש נישט זיין, זי מוז שטאַרבן. דאָך, רעדן וועגן דעם האָט זי מורא געהאַט, דען דער

פּאָטער האָט זיך אויף איר איינמאָל שטאַרק אָנגעבייזערט דערפֿאַר וואָס זי פֿאַרלירט דעם בטחון.

די לעצטע טעג, ווען מען האָט יעדע מינוט געקאָנט דערוואַרטן דעם סוף, איז פרומע געקומען אין אַזאַ אויפרעגונג, אַז זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן און פלעגט אָפּט אויספּלאַצן אין אַ געוויין. ר׳ אברהם האָט זיך אין אָנהויב געבייזערט, דערנאָך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. גאָלדע האָט אויך אַ ביסל פֿאַרלאָרן די רו. איין מאָל בייגאַכט האָט פרומע אַרויסגעלאָזן אַ קרעכץ . . . דאָס גאַנצע הויז איז באַלד געווען אויף די פיס, מען האָט געבראַכט די באָבע און מען האָט אָנגעהויבן צו עפּעס זיך צוגרייטן. אַ שטיקל צייט איז פרומע געווען נאָך ביי אירע געדאַנקען, דערנאָך איז זי אַזוי פֿאַרמאַטערט געוואָרן, אַז איר מאַרך האָט אָנגעהויבן אַרבעטן פיבערהאַפּט און אומרעגלמעסיק; די ווירקלעכקייט מיט דער פֿאַנטאַזיע האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן; געוויינלעכע בילדער און באַקאַנטע געזיכטער האָבן געשוועבט פֿאַר אירע אויגן אין איין צייט מיט עפּעס אומנאַטירלעכע פיגורן אין אומזיניקע פּאָזען, וועלכע האָבן דאָך, ווי אַ חלום, אויסגעזען עפּעס ווי געוויינלעכע און מעגלעכע. פלוצים האָט זי אַ שרעקלעכן געשריי אַרויסגעלאָזן — און איז אַנטשוויגן געוואָרן. „געשטאָרבן!״ איז ביי איר דורכגעפלויגן דורכן מוח. זי האָט נישט געהערט דעם „מזל־טוב״, נישט געזען דאָס געראָדער, וואָס אין שטוב איז געוואָרן, זי האָט אַפילו נישט געהערט אַז זי אַליין האָט נאָך צייטנווייז אונטערגעקרעכצט. דרויסן איז שוין טאָג געווען, ווען מען האָט איר צוגעטראָגן עפּעס אַ רויטע זאַך. זי האָט עפּעס געזאָגט און האָט באַלד פֿאַרגעסן וואָס. נאָכדעם האָט זי איינגעדרימלט און האָט זיך באַלד דערוואַכט מיט אַ קרעכץ. איצט איז זי אינגאַנצן געקומען צו זיך און האָט פֿאַרשטאַנען.

גרויס איז געווען דער וואונדער פון די קינדער, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אין דער פרי, אַז פרומע האָט געבוירן אַ מיידעלע; נאָך גרעסער איז געווען זייער פֿאַרדרוס דאַרויף, וואָס זיי האָבן די גאַנצע חתונה פֿאַרשלאָפן. חיים האָט אָבער באַלד דערשמעקט אַז אין חדר גייט מען היינט נישט, און דאָס האָט חברה באַלוינט פֿאַר אַלץ. אין שטוב איז געווען אַ קאָכעניש און האָט זיך געצויגן, ביז שלום, וועלכן מען האָט אַרויסגערופן מיט אַ טעלעגראַמע, איז, נאָכן „לעקעך־און־

בראנפן" צום נאָמענגעבן, אַוועקגעפאָרן אַהיים. פרומע איז פאַרבליבן נאָך אויף אַ פּאָר וואָכן, אום זיך אַ ביסל „צוצופּילנעווען", און ערשט אויף חנוכה איז זי געווען ביי זיך אין דערהיים.

4.

ווען לייבעלע איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט מען אים אָפּגעגעבן אין אַ חדר. אין צוויי טעג האָט ער אויסגעלערנט דעם „אלף־בית" און איז צוגעטראָטן צום לייענען. ר׳ נחמן דער מלמד פלעגט מיט אים פיל ניט לערנען; ער האָט אים אַלץ געקנייפּט אין די בעקלעך און געלויבט.

ר׳ נחמן איז געווען אַ הויכער, מאָגערער ייד מיט אַ פאַרוואָלקנט פּנים, פינצטערע אויגן און מיט דינע, בלייכע ליפּן. ער האָט פולמעכטיק רעגירט ביי זיך אין הוז: זיין ווייב, אַ שטילע, דערשלאָגענע נשמה, און זיין קינד, אַ בלאַס מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף מיט דערשראָקענע אויגן, האָבן פאַר אים געציטערט. זיינע תלמידים פלעגט ער שלאָגן אומברחמנות.

אין אַ וואָך אַרום נאָך זיין אַריינטרעטן אין חדר האָט לייבעלע צום ערשטען מאָל דערזען ווי דער רבי שמייסט אַ יינגל. בלייך ווי די וואַנט, מיט ברייט־געעפנטע אויגן און ניט אָטעמענדיק, האָט לייבל געקוקט אויף דער סצענע. דער רבי האָט באַמערקט דעם איינדרוק וואָס דאָס שמייסן האָט געמאַכט אויף דעם קינד און האָט צו אים ווייך געזאָגט:

— דו ביסט אַ וואויל יינגעלע, דיך וועל איך ניט שמייסן . . .

דערביי האָט ער אים געוואָלט אַ גלעט טון מיט דער האַנט איבערן קעפּל, נאָר לייבעלע האָט אַ ציטער געטון און האָט זיך אָנגעבויגן אָן אַ זייט. ר׳ נחמן האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף אים, און זיין פּנים האָט זיך נאָך מער פאַרוואָלקנט. דאָך האָט ער עס פאַרשוויגן.

אין אָוונט האָט לייבעלע געפרעגט ביי דער מוטער, צי אַ „פרעמדער ייד" מעג אים שלאָגן. גאָלדע האָט פאַרשטאַנען און האָט אים באַרואיקט, אַז אים וועט דער מלמד ניט שלאָגן. לייבל האָט זיך נישט געפונען צופרידן מיט דעם ענטפער, נאָר געזאָגט האָט ער גאָרנישט. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט ביים לערנען, ווען אַן אַנדער יינגל האָט געזאָגט „עברי", און האָט אויפגע־

ציטערט, דערהערנדיק אַ שטריינגן: „לייבל!" דער רבי האָט אויף אים געקוקט קאַלט און אומפּריינטלעך, נאָר נאָך אַ ביסל איינגעהאַלטן.

— וואו האַלט מען? . .

לייבלס ציטערנדיקער פינגער האָט אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבערן סדור, זוכנדיק וואו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט. ביים טיש איז געוואָרן אַ געלעכטער, נאָר ער איז באַלד פאַרשטיקט געוואָרן.

— שמעיה, וויַז אים וואו מען האַלט! — האָט דער רבי באַפוילן צו לייבלס שכן אויף דער באַנק און האָט בייז צוגעגעבן: — מען דאַרף הערן וואו מען האַלט, נישט קוקן וואו פייגעלעך פליען . . .

אויף מאָרגן אינדערפרי איז לייבל אַוועקגעגאַנגען פון דערהיים מיטן אָנבייסן אין טאַש, נאָר אין חדר איז ער נישט געקומען. גאָלדע האָט צעיאָגט אַלע שטוב־מענטשן זוכן איר מיזינעק, און ערשט פאַר־נאַכט האָט אים דער משרת פון זייער קראָם אָפּגעזוכט ערגעץ אין אַ פרעמדן הויף, הינטער אַ פּאַס מיט סמאָלע, און האָט אים אָפּגעפירט אַהיים, טרייסטנדיק אים אויפן וועג, אַז ער וועט שוין אָפּליינען זייַנס. די מוטער האָט געמאַכט גוואַלדן, אַז דער מלמד שרעקט דאָס קינד, אַז זי „וועט אים, דוכט זיך, געבן, אַז עס וועט אים אין האַלדז נישט אַריין" — און האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז ר' אברהם האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און האָט שוין לייבלען ניט גערירט. אויפן צווייטן טאָג האָט גאָלדע אַליין אָפּגעפירט לייבלען אין חדר. די היץ איז איבערגעגאַנגען, האָט זי דעם מלמד נישט געזידלט, נאָר געבעטן אים ער זאָל דאָס קינד נישט טשעפּען, — „ער וועט שוין זיין אַ וואויל ייִנגל, — אַ יאָ, לייבעלע? . ." לייבל איז געשטאַנען רואיק, נאָר זיינע אויגלעך זענען געווען עטוואָס פאַרכמורעט. דער מלמד האָט גאָרנישט געזאָגט און, ווען גאָלדע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך געווענדט צו לייבלען:

— אַ נו, קום נאָר אַהער, זוניו! . .

לייבעלע איז בלייך געוואָרן. ער האָט צוזאַמענגעדריקט די ציין און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— קום אַהער, קום אַהער, שעם זיך נישט, — האָט דער רבי גערעדט מיט אַ גיפטיקער ווייכקייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אָנגענומען לייבעלען פאַר דער האַנט און האָט אים צוגעשלעפּט צו זיך. לייבל האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ . . .

— וואו ביסטו עס געווען נעכטן אַ גאַנצן טאָג? — האָט ר׳ נחמן פאַרגעזעצט אין זעלבן טאָן. — ביסט אודאי געווען פאַרנומען מיט געשעפט, שטאַרק פאַר׳עסק׳ט, האַ? און וואָס שווייגסטו עפּעס, ס׳האָט דיר אָפּגענומען דאָס לשון, וואָס? נישקשה, איך וועל דיך מאַכן רעדנ־דיק!..

אין אַ מינוט אַרום האָט לייבעלע זיך געוואָרפן אונטערן מלמדס הענט, נאָר אָן אַ געשריי, אָן אַ קרעכץ. דער באַהעלפער האָט געהאַלטן די פיס, און ר׳ נחמן האָט געשמיסן, און וואָס מער ער האָט געשמיסן, מער האָט זיך אים געגלוסט צו שמייסן, און מיט גרויס שווערקייט האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער אנגענעמער אַרבעט. ענדלעך האָט ר׳ נחמן אָפּגעלאָזט זיין אָפּפער, האָט אויף אים אַ קוק געטון — און האָט זיך אַ טרייסל געטון...

— זע נאָר דעם רוצח, זע נאָר! — האָט דער מלמד אויסגערופן דערשטוינט און עטוואָס דערשראָקן, טייטלענדיק אויף לייבלען מיטן פינגער.

די רויטע האָר אויף לייבלס קאָפּ האָבן ווילד געשטירצעט אין אַלע זייטן; פון זיין אונטערשטער ליפּ האָט געטריפט בלוט, און זיינע גרויע אויגן האָבן געברענט אומהיימלעך און גרין, ווי די אויגן פון אַ קאַץ אין דער פינצטער. ער האָט געוואָרפן אַרום זיך ווילדע בליקן, ווי ער וואָלט זוכן עפּעס וואָס אין די הענט צו כאַפּן. אַלע זענען אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז ווען ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד זיין היטעלע און איז אַרויס פון חדר, האָט אים קיינער נישט אָפּגעשטעלט. ווען דער באַהעלפער האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך אים איז ער שוין געווען פאַרשוואונדן.

גאָלדען האָט אימעצער געגעבן צו וויסן אַז איר קינד לויפט אַרום אין גאַס. דער מלמד האָט דורך דעם פענצטער דערזען זי לויפן צום חדר — און האָט זיך באַצייטנס אַרויסגערוקט דורך דער הינטער־טיר. דעם גאַנצן טאָג האָט מען געזוכט לייבלען נאָר כאַפּן אים האָט מען ניט געקאָנט. ער איז עטלעכע מאָל געווען לעבן חדר; אים האָט ווי אַ קליפּה אַרומגעפּירט, און ער איז יעדעס מאָל געקומען אַהער און האָט פון ווייטן געקוקט אויף די פענצטער, — נאָר קוים האָט דער באַהעלפער געעפנט די טיר, איז ער אַנטלאָפן. פאַרנאַכט, ווען ר׳ נחמן איז געגאַנגען אין שול דאַוונען מנחה, האָט ער אין דער שול־גאַס

באַגעגנט לייבלען. דאָ איז פאָרגעקומען אַ מאָדנע זאַך: דער מלמד האָט אָפּגעקערט אין אַ געסל און איז אַריין אין שול דורך אַן אַנדער זייט . . . גייענדיק פון מעריב אַהיים, האָט ער ווידער דערזען לייבלען נישט ווייט פון דער שול. איצט איז ער אין כעס געוואָרן און האָט זיך געלאָזט לויפן צום קינד. לייבל איז געגאַנגען אים אַנטקעגן, וואַק־לענדיק זיך אויף די פיסלעך ווי אַ שיכור; אין האַנט האָט ער עפּעס געהאַלטן. אין דער מינוט האָט דעם מלמד געטראָפן אין קאָפּ אַ שטיק פאַרטרוקנטע בלאָטע און האָט זיך צעשאָטן ביי אים אויפן פּנים . . .

— אַ, דו שייגעץ איינער! — האָט ר׳ נחמן אויסגעשריגן און האָט אויפגעהויבן זיין שטעקן, נאָר אין דער זעלבער צייט האָבן זיך באַוויזן נישט ווייט גאָלדע מיט איר משרת. דער מלמד האָט זיך אָפּגעטראָגן.

— לייבעלע, קינד מיינס.

גאָלדע האָט קוים צייט געהאַט אונטערצוכאַפּן דאָס קינד, וועלכעס האָט זיך אַ טרייסל געטון און איז געפאַלן צו איר אויף די הענט. אַ יאָמערלעך געוויין האָט, ווי אַ פיבער, געטרייסלט דאָס קליינע קערפּערל די גאַנצע צייט בעת מען האָט לייבלען געטראָגן איבער דער גאַס און לאַנג נאָך דעם אין דערהיים. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו דער מוטער און געקלאָגט, געקלאָגט שטיל, מיט הייסע טרערן, מיט ווייטיק און פאַרצווייפלונג, ווי מען באַוויינט אַ נאָענטן טויטן . . . ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן ביי דער מוטער אויף די הענט; זי האָט אים אַוועקגעלייגט ביי זיך אין בעט און איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן לעבן אים און האָט געטאַפּט זיין קעפּל, וואָס האָט געברענט אומגע־הויער. ר׳ אברהם איז שווייגנדיק געלעגן אויפן צווייטן בעט, נאָר געשלאָפן איז ער, קענטיק, אויך נישט: אַלע ווײַלע האָט ער זיך געקערט פון איין זייט אויף דער צווייטער און האָט אַ פּאָר מאָל פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָס . . .

— — — — — — — — — —

די אַלע מלמדים, ביי וועלכע לייבל האָט נאָכדעם געלערנט, האָבן אים שוין נישט געשלאָגן. קיין גרויסן חשק צום לערנען האָט ער נישט אַרויסגעוויזן, נאָר פייאיקייטן האָט ער געהאַט גוטע, און ווען לייבעלע פלעגט קומען פריילעך פון חדר, האָט מען שוין אין דערהיים געוואוסט, אַז ער האָט היינט פלייסיק געלערנט עפּעס אַ „שכלדיקס״. מיטן פאַ־

טער האָט ער געפירט אַ שטענדיקע מלחמה. איין מאָל האָט אים ר׳ אברהם אָנגעפּאַטשט. דעם זעלבן טאָג איז צו גאָלדען געקומען אַ יידענע, וועלכע איז געזעסן מיט אַ קויש עפּל אין מאַרק, האָט זיך לאַנג געקווייִנקלט, האָט עפּעס געדרייט מיט דער צונג און האָט ענדלעך אַרויסגערעדט, אַז לייבעלע האָט בײַ איר ערשט געגנבעט אַן עפּל . . .

— איך האָב זיך געמאַכט נישט זעענדיק, — האָט זי דערציילט, — און וואָס איך דערצייל עס אייך איצט איז נישט חלילה ווייל איך זשאַלעווע אַן עפּעלע; וואָס פאַר אַ גוואַלד אַז אַ קינד נעמט אַן עפּע־לע? . . נאָר גלאַט — ס׳איז נישט שיין פאַר אייך . . .

גאָלדען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן . . . זי האָט דער יידענע באַצאָלט פאַרן עפּל און אויף דער נאַכט האָט זי לייבעלען גע־זאָגט אין דער שטיל:

— זונעניו, ווי שעמסטו זיך נישט? ווילסט אַן עפּל — זאָג מיר, וועל איך דיר קויפן. וואָס הייסט — דו גייסט גנבענען עפּל?

לייבעלע האָט געשוויגן. גאָלדע האָט זיך צעוויינט.

— טוסט מיר אָן אַזעלכע בזיונות! פאַרוואָס קומט עס מיר? פאַראַן, דאַנקען גאָט, אין שטוב אייַנגעמאַכטס, פאַראַן אַנדערע זאַכן. — איך זשאַלעווע דיר? צי ווען דו בעטסט בײַ מיר אַ קאָפּיקע, גיב איך דיר דען נישט?

לייבעלעס פּנים איז געווען פינצטער ווי די נאַכט, און ער האָט אַלץ נישט געענטפערט. די מוטער האָט געקוקט אויף אים און האָט געוואַרט.

— זאָל ער מיך נישט שלאָגן! . . — האָט ער פּלוצים אַרויסגע־רעדט. גאָלדע האָט ברייט געעפנט די אויגן און זיך אַ טרייסל געטון...

בײַנאַכט האָבן די קינדער געהערט ווי די עלטערן האָבן לאַנג גערעדט צווישן זיך. ענדלעך האָט ר׳ אברהם אויסגעשריגן מיט כעס:

— פון היינטיקן טאָג זאָל ער אַפילו גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, וועל איך אים גאָרנישט זאָגן.

5.

ר׳ אברהמס נבואה איז מקוים געוואָרן: שלום האָט אַזוי לאַנג געדרייט מיט זיין זייף, ביז ער האָט זיך איינגאַנצן פאַרדרייט און אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך זיין חתונה איז ער געבליבן אָן אַ גראָשן בײַ

דער נשמה. עס איז געקומען דערצו, אַז ער האָט געמוזט אַוועקפאָרן אין דער וועלט זיך זוכן עפּעס אַ שטעלע, און פרומע איז אַוועקגעפאָרן צו אירע עלטערן. פרומע האָט שוין איצט געזויגן דאָס צווייטע מיידעלע, אַ נאָמען נאָך דער באָבע ריסיען, וועלכע איז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר געשטאָרבן. דאָס ווייבל האָט אויסגעזען זייער שלעכט, איז געוואָרן נישט שיין און אָפּגעלאָזן; אָרעמקייט און נויט האָבן זי שטאַרק געעלטערט. איר כאַראַקטער איז אַלץ מער ענלעך געוואָרן צום פאָטערס, און ביי יעדער מחלוקת אין שטוב האָט זי שטענדיק געהאַלטן מיט אים.

דער פרידן ביי אברהמען אין הויז איז איצט אָפּט געשטערט געוואָרן. אין לעבן האָבן זיך געצויגן נייע שטראָמען, געווייט נייע ווינטן, און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך ביי די גרעגער אין הויז, כאָטש אין אַ שוואַכער פאָרם. דער 19־יעריקער לייזער איז נישט לאַנג אַ חתן געוואָרן, און כאָטש ער האָט ניט געוואָגט צו זאָגן וועגן דעם אַ וואָרט, האָבן אַלע אין שטוב געוואוסט, אַז די כלה געפעלט אים נישט, און גלאַט, ער איז נאָך צו יונג און האָט נאָך נישט אין זינען חתונה צו האָבן. העסקע, פון איר זייט, האָט אויסגעפירט ביי דער מוטער, מען זאָל איר דינגען אַ רוסישן לערער, און האָט געלייענט גאַנצע טעג רוסישע ראָמאַנען. חיים דער יתום האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו לערנען; ער איז געווען דער גאַנצער פירער אין קראָם, און אָן אים האָט זיך גאָלדע נישט געקענט באַגיין. ער האָט געלייענט ביכלעך, האָט זיך געקליידט „אייראָפּעאיש“, נאָר זיך געחנפעט צו־ביסלעך צום פעטער און היינטערווייילעכס אים אָנגערעדט אויף די קינדער. צו דעם אַלעם האָט לייבל שטענדיק אַרויסגערופן קריג אין שטוב, דען כאָטש ר׳ אברהם האָט שוין אויף אים „אַ שפּיי געטון“, דאָך האָט ער נישט שטענדיק געקאָנט איינהאַלטן זיין האַנט, מיט וועלכער ער האָט די עלטערע קינדער „דערצויגן“. פאַקטיש איז ער נאָך געווען קייסער ביי זיך אין שטוב, דאָך האָט ער געפילט אַז זיין טראָן ציטערט.

דעם ערשטן שבת נאָך פרומעס קומען, צו מיטיק, ווען אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש, איז לייבל פאַרבליבן שטיין ביים פענצטער, קוקנדיק אַרויס אויף דער גאַס.

— לייבל, וואָס גייסטו נישט עסן? — האָט זיך גאָלדע צו אים געווענדט.

— ער איז ברוגז . . . — האָט העסקע זיך אָפּגערופן.
— ברוגז? וואָס איז שוין פּאָר אַ נייעס?
ר׳ אברהם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון „חוק לישראל״.
— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט, — דאַוונען האָט ער אין שול אַ וואָרט נישט געדאַוונט, האָב איך אים גוט מקיים פּסק געווען.
— ביסט דו נאָך ברוגז? . . — האָט די מוטער געוואָרפן אַ קוק אויף לייבלס זייט. — ס׳קומט דיר נאָך, ס׳הייסט, דאָס שטריימל? גיי שוין עסן, גיי!
— טשעפּעט אים נישט, — האָט לייזער שטיל זיך אַריינגעמישט, — איר זעט דאָך שוין אַז ער וועט נישט גיין.
פרומע, וועלכע האָט ביז איצט געשוויגן, האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן.
— וואָס הייסט — ער וועט נישט גיין! וואָס איז דאָס עפּעס, אַזאַ שנעק זאָל פּראַווען ברוגזלעך? אַ גאַנצער לייט . . .
— ביי מיר וועט ער גיין! — האָט ר׳ אברהם געזאָגט און האָט אָוועקגעלייגט דעם ספר. — לייבל, דו הערסט וואָס מען זאָגט צו דיר? . . שוין זאָלסטו גיין עסן!
לייבל האָט אומגעקערט דאָס פּנים צום טיש, נאָר פון אָרט האָט ער זיך ניט גערירט.
ר׳ אברהם האָט געהעכערט דאָס קול:
— גיי עסן, זאָג איך דיר! . .
לייבל איז געגאַנגען צום טיש. ר׳ אברהם האָט דערלאַנגט מיט דער האַנט אַ בענקל און האָט עס אַוועקגעשטעלט לעבן זיך.
— נאַ, אָט דאָ זעץ זיך, לעבן מיר, און עס.
לייבל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן עק פון בענקל. גאָלדע האָט אים דערלאַנגט אַ טעלערל מיט געהאַקטע לעבער. נאָר ער האָט זיך דערצו נישט צוגערירט.
ר׳ אברהם האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט געכאַפּט לייבלען פאַרן אַקסל און האָט אָנגעהויבן אים צו טרייסלען.
— עס, זאָג איך דיר! די מינוט זאָלסטו עסן, וואָרעם איך מאַך פון דיר אַש!
— וואָס האָסטו זיך אין אים אָנגעטשעפּעט! — האָט לייזער זיך אָנגערופן. — לאָז אים, ער וועט אַליין עסן.

ר׳ אברהם האָט אויף אים בייז אַ קוק געטון.

— טאָמער וואָלסטו מיך אָנגעהויבן לערנען אויף מיין עלטער, ווי איך זאָל זיך באַגיין מיט קינדער?! . . וועסט נישט וועלן דאַוונען און וועסט נאָך פּראָוועז דיינע אָנשטעלן?! . . — האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו לייבלען, און האָט אים געגעבן אַ פּאַטש. — איך וועל דיך אין דער ערד אַריינטרייבן! עס, זאָג איך דיר. משומד!

גאָלדע האָט אָנגעהויבן אומרואיק אַרומצורוקן זיך אויף איר בענקל.

— אַברהם, ס׳איז שבת . . .

— ס׳איז ניט דיין עסק! — האָט אברהם געענטפערט און האָט לייבלען געגעבן נאָך אַ פּאַטש. לייבל האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס טע־לערל מיט דער לעבער אויף דער ערד. ר׳ אברהם האָט ערשט געוואָלט צעפירן זיך די הענט, נאָר גאָלדע האָט שוין נישט געקאָנט איבער־טראָגן. זי האָט אַוועקגעזעצט לייבלען לעבן זיך און האָט אים ביס־לעכווייז באַרואיקט. פרומע האָט געברומט:

— אַזאַ גאָרנישט זאָל גאָר גיין אַנטקעגן אַ טאַטן! . . אונדז פלעגט וואַרפן די נייך־יאַריקע קדחת, ווען מען האָט דערזען דעם טאַטן פון ווייטן, און ווען אַן עלטערער איז געשלאָפן, פלעגט מען גיין אויף די שפּיץ־פינגער . . .

6.

נאָכן עסן זענען ר׳ אברהם און גאָלדע געגאַנגען שלאָפן. פרומע האָט פאַרנומען אירע קינדער צו העסקען אין צימער. לייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין זאַל ביי אַ גמרא, און לייבל איז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן. אין עס־צימער זענען פאַרבליבן נאָר חיים מיט העסקען.

— אַך, חיים! — האָט זיך העסקע געווענדט צו איר שוועסטער־קינד. — לייען איך איצט אַ גוטע זאַך! — שטיי, איך וויל דיר עפּעס ווייזן . . .

זי איז אַוועק צו זיך אין צימער און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט מיט אַ בוך אין האַנט.

— זע! — זי האָט געעפנט דאָס בוך. חיים האָט זיך אויף אָנ־געבויגן איבערן בוך.

— מממ . . . „זי האָט געהאַט בלויע אויגן״ . . . ניין, נישט

דאָס . . . „אויף אירע ראָזע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל . . .“ וואָרט אַ ביסל . . . ממש . . . „הימלישע“ . . . אָט, אָט אָט איז עס: „הימלישע“ דערשיינונג! — האָט ער אויסגערופן, פֿאַלנדיק פאַר איר אויף די קני. — זאָג: יאָ! — וועל איך דיך נעמען אויף די פליגל פון ווינט און וועל אַוועקפליען מיט דיר ווייט, ווייט פון דאַנען! . . .“ און אָט די ווערטער: „זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים, און זייערע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ לאַנגן, געטלעכן קוש . . .“

חיים האָט געהערט נישט זייער אויפמערקזאַם; ער האָט אומרואיק געדרייט מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן. אָם ענדע האָט ער נישט אויסגעהאַלטן:

— הער, העסקע, איך וויל רויכערן, אַז דער רוח נעמט מיך אַוועק! קום צו . . .

— ש־שאַ! — האָט העסקע איבערגעריסן. — דער טאַטע גייט . . .

חיים האָט זיך געוואָרפן אָן אַ זייט און האָט געכאַפּט עפּעס אַ ספר, וועלכער איז געלעגן אָפן אויפן טיש.

אמר רב יהודה אמר רב: אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון, שנאמר . . . — האָט ער אויסגעדרייט מיט אַ ניגון.

אין טיר האָט זיך באַוויזן ר׳ אברהם אין אונטערשטע וועש, אין אַ שלאַפראָק און מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ. ער האָט געוואָרפן אויף די יונגע מענטשן אַ פאַרדעכטיקן בליק . . .

— שבת באַדאַרף מען אויך לייענען די גוטע ביכלעך דיינע? אַ גאַנצע וואָך איז דיר וויניק? . . לייג אַוועק דאָס ביכל! . .

העסקע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— איז וואָס, אַז איך לייען? . .

— אַוועק וואַרף דאָס ביכל, זאָג איך דיר, הולטייקע, וואָרעם דו וועסט ביי מיר באַלד אָפּלייזן! איך וויל ניט זען ביי מיר אין שטוב שבת קיין ביכלעך! . .

העסקע האָט מיט אַ פאַרשטיקטן כעס צוגעמאַכט דאָס בוך און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער. ר׳ אברהם האָט איר נאָכגעשיקט אַ בייזן בליק.

— און דו האָסט טאַקע קיין אַנדער אָרט נישט געפונען צו זיצן? . . — האָט ער אַ ברום געטון אין חיימס זייט, גייענדיק איבערן

צימער צו דער קיך־טיר. — ווילסט אַריינקוקן אין אַ ספר — גייט מען אַריין אין זאַל . . .

חיים האָט עפּעס אַ מורמל געטון אנשטאט אַן ענטפער. ווי נאָר ר׳ אברהם איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, האָט העסקע ווידער זיך באַוויזן אין עס־צימער.

— קום צו באַרוכאָוויטשן, — האָט חיים געשווינד געזאָגט. — דער אַלטער לאָזט נישט איינזיצן אין שטוב . . .

ווען ר׳ אברהם איז צוריק אַריין אין שטוב, האָט ער זיי שוין נישט געטראָפן. ער האָט מיט כעס אויסגעשפּיגן און איז אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער.

אין אָוונט, ביי דער טיי, איז געוואָרן אַ רעדע וועגן לייזערס חתונה.

— דער מחותן שרייבט, — האָט ר׳ אברהם געזאָגט צו גאָלדען, — אַז ער וואָלט וועלן אָפּשטעלן די חתונה אויף נאָך סוכות, חנוכּה־צייט.

גאָלדע האָט געטרונקען איר טיי און געשוויגן.

— זיי זענען שוין באַלד אַ יאָר חתן־כּלה, שרייבט ער, — האָט ר׳ אברהם אַ ביסל אומרואיק פאַרגעזעצט, — וויל ער, הייסט עס, מען זאָל מאַכן אַן עק . .

ניט באַקומענדיק דארויף אויך קיין ענטפער האָט ער זיך צעבייזערט:

— וואָס שווייגסטו? . . איך רעד דאָך מיט דיר, דוכט זיך, פון אַן אינטערעס! צי מיט דיר געהערט זיך עס גאָרנישט אָן? . .

גאָלדע האָט אויפגעהויבן די אויגן: — וואָס האָסטו קיין צייט נישט? עס וועט נישט אַנטלויפן . . .

— אָבער נאָך וואָס זאָל מען עס גלאַט אָפּלייגן, אדרבא, זאָג דו, מאי־טעמא? . .

לייזער איז אויפגעשטאַנען פון טיש און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער. די מוטער האָט אים נאָכגעקוקט, ביז די טיר הינטער אים האָט זיך צוגעמאַכט, און האָט געזאָגט:

— מ׳דאַרף צוואוואַרטן . . . דו זעסט דען נישט, אַז ער האָט נאָך ביי זיך נישט געפּועלט?

ר׳ אברהם האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

— ווער האָט ביי זיך נישט געפּועלט?

— כ׳פאַרשטיי נישט — דו זעסט טאַקע נישט, אַז די כלה איז אים ניט געפעלן, צי דו מאַכסט זיך נישט זעענדיק?

ר׳ אברהם האָט געקוקט אויפן ווייב צעמישט, און זיין שטערן האָט אָנגעהויבן צו שוויצן...

— וואָס הייסט — זי איז נישט געפעלן? .. פאַרוואָס איז זי אים ניט געפעלן? עפּעס אַ סך זענען פאַראַן אַזעלכע יידן, ווי ר׳ שואל מאַראַוואַנער? ..

— איך רעד צו דיר וועגן דער כלה, מישסט דו מיר אַריין מחותן? ..

— די כלה האָט רויטע אויגן ... — האָט העסקע געזאָגט.

— וואָס זשע האָט ער זיך אַזוי שפּעט דערמאָנט? — האָט פרומע זיך אַריינגעמישט. — וואָס איז, ער האָט קיין אויגן נישט געהאַט, ער האָט נישט געזען פריער?

— ווער פרעגט אים גאָר צי עס איז אים געפעלן?! — איז ר׳ אברהם אין כעס געוואָרן. — מיך האָט מען געפרעגט צי עס איז מיר געפעלן?! .. נאַ־נאַ־נאַ! אַ וועלט געוואָרן! אַזאַ גאַרנישט, זאָל ער גאָר זאָגן אַ דעה! ..

— וואָס האָסטו זיך צו גלייכן צו זיי? — האָט גאָלדע ווייך געזאָגט. — היינט אַן אַנדער וועלט: קינדער ווילן מען זאָל זיי אויך פרעגן ...

— איז וואָס מיינסטו, איך וועל צוליב אים אָפּלאָזן אַזאַ שידוך? אַ ניט דערלעבן וועט ער דאָס!

— ווער רעדט פון אָפּלאָזן דעם שידוך ... כ׳מיין גלאַט, וואָס האָט מען זיך צו איילן, דער דניעפּער ברענט? זאָלן זיי אַ ביסל געוואוינט ווערן.

— זאָל זיך לייזער דורכפאָרן צום מחותן אויף שבת, וועט ער זען ... — האָט חיים אַריינגעשטעלט אַ וואָרט.

— אָט האָסטו דיר, אַ בעל־עצה האָט זיך געפונען! ווער פרעגט דיך עצות, ווער? ..

גאָלדע האָט זיך אָנגענומען פאַר חיימען.

— וואָס מיינסטו? עס איז ניט קיין קרומע זאַך. ער האָט דאָך מיט איר, דוכט זיך, קיין צוויי ווערטער ניט גערעדט; עס קיין זיין, זי וועט אים נאָך געפעלן.

— געפעלן און געפעלן, און אַן עק! ווי מען האָט דאָס אַן עסק מיטן „געשווּעלן!“ — און וואָס וועט ער פאַרן, אַז דער מחותן בעט אים גאָר נישט צו זיך? . .

— טאָ פאַרבעט די כלה אַהער צו גאַסט, — האָט פרומע געפונען אַ מיטל. — נישקשה, עס וועט זיך איבערקאָכן . . .

— פאַרבעטן די כלה אַהער? . . — האָט ר׳ אברהם אַ גלעט געטון די באָרד. — איך ווייס? . . וואָס וועט ער מיט איר רעדן, וואָס האָט ער מיט איר וואָס צו רעדן? . .

פונדעסטוועגן האָט ער זונטיק אָנגעשריבן צום מחותן, אַז מיטן אָפּשטעלן די חתונה האָט ער נאָך צייט, די קינדער זענען נאָך יונג, א.אַז.וו. צום סוף האָט ער די כלה פאַרבעטן צו זיך אויף עטלעכע טעג.

7.

די כלה איז געקומען ערשט אויף סוכות. רייזל איז געווען עלטער פון לייזערן מיט אַ יאָר דריי, נישט קיין שיינע און מיט רויטע, ווי העסקע האָט געזאָגט, נישט קיין געזונטע אויגן. אַלע האָבן זיך גע־פלייסט אָפּטער צו לאָזן חתן־כלה אַליין; ביי ר׳ אברהמען האָט עס אַרויסגערופן פאַרדרוס און אומצופרידנקייט, ער האָט אָבער בלויז גע־קוועטשט מיט די אַקסלען און געשוויגן.

די יונגע לייט האָבן לחלוטין נישט געהאַט וואָס צו רעדן און האָבן זיך זייער נישט גוט געפילט. לייזערס קעגנוואַרט פלעגט רייזלען ברייגגען אין גרויס פאַרלעגנהייט, דאָך פלעגט זי אָפּט מאָל וואַרפן אויף אים אַ זייטיקן בליק, פול מיט ליבע און אַכטונג. לייזערן אָבער איז זי געווען נישט צום האַרצן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַר־וואָס, נאָר וואָס מער ליבע זי האָט אים אַרויסגעוויזן, אַלץ מער פיינט האָט ער זי באַקומען, און עס איז געקומען דערצו, אַז ער האָט אויף איר אַן עקל נישט געקאָנט קוקן. זי האָט עס דערשפּירט, און צו דער ליבע אין איר בליק האָט זיך צוגעמישט אַנגסט. . . דער חתן האָט זי געווייכט און האָט זיך געפלייסט אויף קיינער אָרט נישט צו בלייבן מיט איר אַליין אין שטוב. אויסער ר׳ אברהמען, האָבן עס אַלע באַ־מערקט און זענען אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַרצאַרנט. דעם צווייטן טאָג חול־המועד האָט רייזל שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן: זי האָט זיך פּלוצים ביים טיש צעוויינט און איז אַנטלאָפן אין איר צימער; דעם

זעלבן טאָג איז זי, נישט־קוקנדיק אויף קיין געבעט פון ר׳ אברהמס זייט, אַוועקגעפאָרן אַהיים. באַלד נאָך איר אַוועקפאָרן האָט ר׳ אברהם אַזוי זיך צעאַרבעט, אַז די גאַנצע שטוב האָט געציטערט.

— גזלן, וואָס האָסטו צו מיר! . . — האָט ער געקלאַפּט אין טיש און געשריען אויף לייזערן — ווילסט פון מיר מאַכן לייטיש געלעכטער? . . וואָס איז עפּעס מיין וואָרט — אַ הונט, וואָס? . . איך וועל די תנאים נישט אָפּשיקן, זאָלסט אַפילו צעשפּרונגען ווערן, דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר?! . . אַ געבונדענער וועסטו ביי מיר צו דער חופה גיין! . .

פרומע האָט אונטערגעהיצט:

— וואָס וויל ער — מען זאָל אים דערלאַנגען דאָס טעלערל פון הימל, צי די בת־מלכה אים געבן! מען וויל אים אַריינגעמען אין אַזאַ שטוב, ווי ר׳ שואל מאַראַוואַנער, מ׳גיט אים אַזוי פיל נדן, צוויי יאָר קעסט און אַ לייטיש ווייבל, וויל ער נאָך נישט! . . אַזאַ סמאַרקאַטש, אַזאַ גאַרנישט, זאָל ער נאָך פּערעבענדיווען! וואָס האָט מען אין אים דאָ אַזוינס דערזען? ווער וועט אים אויסכאַפּן? . .

און ווען לייזער האָט געפּרואווט עפּעס ענטפערן, איז ר׳ אברהם אינגאַנצן אַרויס פון די כלים און האָט אים אָפּגעשטעקט אַ פּאַטש.

— איך וועל צוליב דיר מיין וואָרט נישט ברעכן! — האָט ער נאָכגעשריען דעם זון, וועלכער איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. — לויף, לויף, אין דער ערד מיטן קאָפּ! איך שטעל אָפּ די חתונה אויף חנוכה, און דו וועסט ביי מיר חתונה האָבן, אויב נישט וועל איך דיך אַרויסיאָגן פון מיין שטוב, ווי אַ הונט! . .

אין אַ וואָך אַרום איז אָנגעקומען פון מחותן אַ בריוו. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער ווייסט פון דער שלעכטער אויפנאַם, וואָס זיין טאָכטער האָט געהאַט, האָט גערעדט וועגן דעם אַז זי איז, חלילה, ביי אים „נישט קיין אָנגעוואָרפענע״, און ער, אַ דאַנק להשם יתברך, איז נישט אַבי־ווער און וועט מיט זיינע קינדער קאָנען טון די שענסטע שידוכים; געענדיקט האָט ער דערמיט, אַז די חתונה זאָל זיין נישט שפּעטער פון חנוכה, אויב נישט, וועט ער וויסן וואָס ער האָט צו טון . . .

ר׳ אברהם האָט באַלד געענטפערט, אַז ער שטימט איין אַז די חתונה זאָל זיין שבת חנוכה — און גאָלדע האָט גענומען זיך גרייטן. גאָלדעס האַרץ איז געווען אויף איר זונס זייט, זי האָט אָבער נישט

געקאָנט גיין אַנטקעגן דעם מאַן; אויסער דעם, האָט זי גערעכנט, אַז ער ווינטשט לייזערן גוטס און ווייסט בעסער וואָס פֿאַר די קינדער איז גוט. אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָכעניש: מען האָט גענייט לייזערן חתונה־קליידער, ר׳ אברהמען — אַ זיידענע קאַפּאָטע, גאָלדען — אַן „אויבערשט" מיט „שליאמעס", פֿרומען מיט העסקען — ווייסע קליידער. א.אַז.וו. אין קיך האָבן זיך באַוויזן אַ צוויי־דריי סאַרווערינס אונטער דער מומע חיה־לאהס אָנפֿירונג און האָבן באַשאַפֿן גאַנצע בערג פֿון האָניק־ און צוקער־לעקעך, פֿאַנקוכן, שטרודל, קישמיש־ברויט א.ד.ג.

אין מיטן די דאָזיקע הכנות איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון שלומען פֿון וו. ער האָט געשריבן, אַז איינער אַ „נדיב" האָט אים צוגעזאָגט אַ שטעלע עפּעס אין אַ וואַלד. נישט קוקנדיק דאַרויף וואָס שלום האָט נישט איין פֿאַר שיך צעריסן נאָכלויפֿנדיק נאָך אַ זיכערן ענטפֿער אויף אַזעלכע פֿאַרשפּרעכונגען, האָט ער יעדעס מאָל געגלויבט מיטן גאַנצן האַרצן אַז דאָס מאָל וועט ער שוין געהאָלפֿן ווערן, און האָט געשריבן וועגן דעם צום ווייב מיט גרויס התפּעלות. דעריבער האָט שוין ר׳ אברהם געהאַט ווייניק צוטרויען צו דער נייער מיטטיילונג.

— דער חכם דיינער האָט שוין אַ נייעם חלום דערזען, — האָט ער געזאָגט צו פֿרומען אין מיטן לייענען דעם בריוו. — אַלע מאָל ווייזט זיך אים אויס אַ קוצע קו פֿאַר אַ באַרנבוים. . . יענער זאָגט צו — וואָס אַרט עס אים? . . און ער מיינט אַז אָט דאָס איז עס שוין. עס וועט פֿון אים קיין לייט נישט זיין! . . — האָט ער פֿאַרעכטלעך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— וואָס איז ער שולדיק? . . . — האָט פֿרומע געפּרוּווט פֿאַר־ענטפֿערן איר מאַן. — אַז עס איז נישטאָ קיין מזל, העלפֿן קיין חכמות נישט.

— מזל איז מזל, נאָר אַ מענטש דאַרף מען זיין. אַ גאַנצער פֿלאָקנשיסער! פֿליט, טראַסקעט, ברענט אַ וועלט! הו־האַ — וואָס? ווען? ווען? וועמען? — אָט האָט ער געפּטרט די עטלעכע קערבלעך און דרייט זיך אַרום שוין אַ האַלב יאָר אָן אַ געשעפֿט . . . איך האָב אים געזאָגט: שלום! היט די עטלעכע גראָשן, גיב זיי אַוועק אויף פּראָצענט און וואַרט ביז גאָט וועט דיר עפּעס צושיקן. — ניין, האָט ער מיך אָבער נישט געוואָלט פֿאָלגן און האָט זיך געלאָזט גליטשן באַרג־אַראָפּ — איצט איז ער געבליבן מיטן הוילן דאָס אויפֿן אייז . . .

פרומע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ווען מען שטעלט נישט איין נעמט מען נישט אויס, — האָט זי געזאָגט נאָך אַ קורצן שווייגן. — איך ווייס? ער האָט זיך געפּרואווט. איי וואָס — גאָט האָט נישט דערלאָזט? . . וואָס זשע קאָן מען טון. אפשר וועט גאָט העלפן, ער וועט פאַרט קריגן עפּעס אַ שטעלע . . .

— נר־נו, מיר'ן שוין זען די גליקן וואָס ער וועט מאַכן, — האָט ר' אברהם געברומט, אַריינקוקנדיק דורך די ברילן אין בריוו.

ווייטער האָט שלום געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אים איז געקומען צו דער האַנט זייער אַ וויכטיקער „ענין" און ווען ער וועט קומען אויף דער חתונה, וועט ער מיטן שווער „רעדן דערפון באריכות". ר' אברהם האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און זיך געבייזערט, וואָס שלום שרייבט אים ניט דייטלעך, כאָטש לויט דעם טאָן האָט ער אַ ביסל פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. ווען ער האָט פאַרן שלאָף געפּרואווט צו מאַכן אַ רעדע וועגן דעם מיט גאָלדען, האָט זי געענטפערט, אַז שלום ווייסט שוין גאָר נישט וואָס אויסצוקלערן, אַז איצט איז פון אַזאַ זאַך גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן, און אַז עס וואונדערט זי גאָר וואָס דער מאַן רעדט דערפון. ר' אברהם איז געווען נישט צופרידן, נאָר ער האָט דער־ווייל צוגעשוויגן.

דריי טעג פאַר חנוכה האָט זיך אָנגעהויבן צונויפפאָרן חתנס צד. עס זענען געקומען ר' אברהמס יונגערער ברודער, שלמה גערער, מיטן ווייב און מיטן עלטערן זון; פרומעס אַ שוועגערין, גיטעלע, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן, און ר' ברוך באָגוטשאַרער, ר' אברהמס אַן אַלטער גור־טער פריינט. אויסער די האָבן באַדאַרפט קומען נאָך געסט גלייך קיין מאַראַוואַן, צו דער חופה. דער לעצטער איז געקומען שלום. פרומעס מאַן איז געוואָרן אַ ביסל דערשלאָגן, אָפּגעלאָזט, און כאָטש ער איז געווען אַזוי רירעווודיק ווי פריער, האָט דאָך זיין בליק אָנגעוואָרן די זיכערקייט און אומבאַזאָרגטקייט און האָט זיך אומרואיק געוואָרפן אין אַלע זייטן. פאַרן שווער פלעגט ער פריער אויך אַראָפּפאַלן ביי זיך, איצט אָבער האָט ער זיך געפילט גאַנץ דערנידערט; ר' אברהם, פון זיין זייט, האָט אויף אים געקוקט קאַלט און מיט פאַראַכטונג, ווי אויף אַ שלימזל און נישט קיין געזעצטן מענטשן.

אויף שבת, צו דער אויפרופעניש, איז שוין אַלץ געווען גרייט צו דער חתונה, זונטיק, האָט מען געדאַרפט פאָרן קיין מאַראַוואַן. אין

אַלע ווינקעלעך פון הויז איז געווען יום־טובדיק און פריילעך. מען האָט פאַרגעסן אָן חתן און אָן זיין אומצופרידנקייט און מען האָט אין זינען געהאַט בלויז די חתונה.

גליקלעכער פון אַלעמען האָט זיך געפילט לייבל. ער איז געווען אויפסניי באַקליידט פון קאָפּ ביז די פיס, און אים איז פאַרגעשטאַנען אַ גאַנצע וואָך פרייהייט פון חדר. ער איז געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז ווען ר׳ ברוך באַגוטשאַרער האָט אים שבת ביים טיש, נאָכן אויפרופן, געגומען „פאַרהערן״, האָט ער גערן און מייסטערהאַפט איבער־געזאָגט אויף אויסנווייניק אַ גאַנצע בלאַט גמרא און האָט דערביי אַנט־פלעקט אַ שאַרפן פאַרשטאַנד און אַ גלענצענדיקן זכרון. שטייענדיק לעבן טיש, אַרומגערינגלט פון אַלע געסט, מיט פאַרפלאַמטע בעקלעך און ברענענדע אויגעלעך, האָט ער געאַרבעט מיטן גראָבן פינגער און האָט הויך און דייטלעך גערעדט — און געפילט אַז ער הערשט אין שטוב. אַלע האָבן ווירקלעך אויפמערקזאַם און אַנטציקט געקוקט אויף אים, און דאָס האָט אים צוגעגעבן נאָך מער מוט און האָט אים ווי צו־געזעצט פליגל. ר׳ ברוך האָט זיך געפּרוּווט אים צו „פאַרדרייען״, נאָר לייבל האָט זיינע קשיות רואיק און זיכער אָפּגעווענדט. הינטער אים איז געשטאַנען זיין מלמד און האָט צופרידן און מיט גרויסקייט געגלעט די באָרד: מעשי ידי, הייסט עס . . ווען לייבל האָט געענדיקט, האָבן אים אַלע אָנגעהויבן לויבן אין טאָג אַריין.

— אַ וואויל ייִנגל! — האָט ר׳ ברוך אים אַ קניפּ געטון אין בעקל. — האָט אַ שאַרפן קאָפּ. עס וועט פון אים זיין אַ לייט! . .

— וואָס קומט אַרויס — אַז ער וויל נישט! — האָט ר׳ אברהם כלומרשט בייז געזאָגט. — ער איז אַ שייגעץ אַ גרויסער! . .

— ער וועט עלטער ווערן וועט ער קליגער ווערן, — האָט זיך אָנגערופן ר׳ שלמה.

— וואָס הייסט — ער וועט עלטער ווערן? וואָס מיינסטו, ער איז אַלט צוויי יאָר? אים ווערט נאָך פסח, דאַנקען גאָט, צען יאָר: שוין צייט צו ווערן אַ מענטש . . .

שבת־צונאַכטס האָט העסקע, דורכגייענדיק דעם זאַל, געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער פונם געשפּרעך, וואָס ר׳ אברהם מיט שלומען האָבן דאָרט אין אַ ווינקל געפירט — און איז אַוועק צו דער מוטער מיט אַ געוויין.

— שלום, דו ביסט משוגע געוואָרן? . . וואָס פאַר אַ רעדע האָסטו עס איצטער פאַרפירט אין מיטן דערינען? אַט זיצט זי דאָרט און וויינט איבער דיר . . .

דער איידעם האָט אָנגעהויבן אומרואיק צו מאַכן מיט די הענט און צו פינטלען מיט די אויגן.

— אדרבה, זאָגט איר, שוויגער, פאַרוואָס איז דאָס אַ קרומע זאַך, פאַרוואָס? . . דער מחותן איז זייער אַ פיינער ייד און האָט אַ שיינעם נאָמען. ער האַנדלט מיט וואַלד און פאַרדינט שטיקער געלד . . . דורך אים טאַקע, קאָן זיין, וועל איך באַקומען די שטעלע ביי יענעם דייטש . . . דער בחור איז אַ בן־יחיד, ער האָט נאָך צוויי שוועסטער, און פירט דעם פאָטערס אַלע געשעפטן. עס איז נאָר אַ שמאַלצגרוב זאָג איך אייך! . .

— וואָס האָבן מיר גלאַט צו רעדן וועגן אַ זאַך וואָס וועט זיין איך ווייס ווען? זי איז נאָך אַזוי יונג, אַז עס איז וועגן דעם נישטאָ אַפילו וואָס צו ריידן.

— ביי דיר איז גאָר קיין צו־אַלט נישטאָ? — איז ר׳ אברהם אַריינגעשפּרונגען. — דו וואָלסט געוואָלט האַלטן די קינדער ביזן גרויען צאָפּ! . .

— אַך, שוויגער, איר רעדט, זייט מיר מוחל, ווי אַ קינד! . . — האָט שלום אָנגעהויבן אַרומטאַנצן אַרום גאָלדען. — אויב נישט, שמועסט מען דאָ דען פון חתונה־שפּילן? גלאַט, לאָז מען זען, זיך דערפרעגן און . . . און . . . זי מעג טאַקע אַ כלה ווערן אויך, און די חתונה קאָן מען אָפּשטעלן, למשל, אויף צוויי יאָר . . .

גאָלדע איז שוין אין כעס געוואָרן.

— אָבער אַז איך וויל נישט מען זאָל גאָר איצט רעדן דערפון! . . טאָמער האָט מען קוים איינגעשטילט לייזערן, וויל ער אויפבורען אַ נייע חתונה . . . ער וועט דערהערן וואָס דאָ טוט זיך, וועט ער זיך ווידער דערמאָנען אָן זיינס — און דאָ איז מען שוין גרייט מיט אַלעם און מאָרגן דאַרף מען פאָרן אויף דער חתונה . . .

שלום איז רויט געוואָרן.

— אַך, דאָס איז עפּעס אַנדערש . . . דאָס זענט איר אפשר גע־רעכט . . . מיין כוונה איז געווען צום גוטן . . . איך מיין גלאַט, ע־ע־ע...

8.

אין מאַראַוואַן, וואוהין די מחותנים זענען אָנגעקומען דינסטיק פרי, איז מען אַרויסגעפאָרן צו זיי אַנטקעגן און מען האָט זיי פאַרפירט אויף דער קוואַרטיר, וואָס מען האָט פון זייערטוועגן אָנגעגרייט. באַלד האָט מען זיי געבראַכט פון ר׳ שואלן קאַווע מיט פוטערגעבעקס אויף אָנבייסן, און שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה זענען געקומען דער כלהס אַ פעטער און דעם מחותנס עלטערער איידעם, אַ לאַנגער, דאַרער יונגערמאַן, אַ ריידער, אַ ווערטלזאָגער, קענטיק — דער חכם אין דער משפּחה. ער האָט באַלד פאַרהערט לייבלען און באַוויזן אַ בריהשאַפט, אַז ער קאָן אים פאַרדרייען. חיימען האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין די הייגטיקע ביכלעך איז ער אויך ניט קיין „פריץ". מיט פרומען, וועלכע האָט באַוויזן איר שאַרף צינגל, האָט ער זיך איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע שטעכווערטלעך — און האָט הינטערווייילעכס „אויסגעטאַפּט", אַז דעם חתן האָט מען אויפגענייט בלויז אַ פּיזענעם מאַנטל, נישט קיין טכוירענעם פעלץ. ער האָט געפּרואווט וועגן דעם פאַרפירן מיט ר׳ אברהמען אַ געשפּרעך און אויך אין דעם זעלבן טאָן, מיט חכמות און גלייכווערטלעך — נאָר ווען ר׳ אברהם האָט אים האַרט אָפּגעהאַקט, אַז ער איז נאָך אַ יונגער „צוציק", האָט ער פאַרלאָרן דעם גאַנצן מוט און די זיכערקייט אין זיך, איז רויט געוואָרן און האָט זיך אָפּגעטראָגן. אנשטאט אים איז געקומען אַן אַנדער שליח, נאָכדעם נאָך אַן אַנדערער, און אַזוי זענען דעם גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן שטאַפּעטן פון איין מחותן צום צווייטן. און נאָר ווען די ווייבער האָבן פאַרנאַכט אָנגעהויבן צו שרייען אַז מען מאַטערט די קינדער, ס׳הייסט חתן־כלה, מיטן תענית, האָבן זיך די מחותנים ווי עס איז אויסגעגלייכט, און מען איז געגאַנגען צו דער חופה.

בעת לייזער האָט אָנגעטון רייזלען דאָס פינגערל, האָט זיין האַנט געציטערט, און די געדאַנקען ביי אים אין קאָפּ האָבן זיך געמישט. שפּעטער אַ ביסל, ווען ער האָט דאָס גלעזל אויף דער ערד געוואָרפן, איז ער געוועזן אַזוי שוואַך, אַז זיין ערשטער קלאַפּ מיטן פוס האָט עס נישט צעבראָכן. דער צווייטער קלאַפּ האָט עס אַ ביסל אין דער ערד אַריינגעקוועטשט, דאָך איז עס געבליבן גאַנץ. דער עולם האָט געוואַרט . . . לייזער איז פּלוצים אין כעס געוואָרן: ער האָט אַ זעץ

געטון מיט אַלע קרעפטן — און דאָס גלאָז איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף קליינע שטיקלעך . . . דער הילכיקער מזל־טוב און די פרייליכע מוזיק, וואָס האָט באַלד נאָכדעם אָנגעהויבן צו שפּילן, האָבן צו אים דערגרייכט ווי פון ווייטן. חתן־כלה האָט מען צעשיידט. לייזער איז געגאַנגען צווישן פאָטער און צווישן שווער בלאַס, מאַט, און זיין בליק האָט געשוועבט איבער דער גאַס, איבער די כלי־זמר און מחותנים, נישט אָפּשטעלנדיק זיך לאַנג אויף קיין איין פּונקט. די נאַכט האָט זיך נאָר וואָס געזעצט אויפן שטעטל. דער פראָסט האָט זיך פאַרשטאַרקט, נאָר אין דער לופט איז קיין באַוועגונג נישט געווען, און די זיילן רויך, וואָס האָבן געשטיגן אַרויף פון אייניקע קוימענס, זענען געשטאַנען גלייך, ווי זעלנער אויף דער וואַך. אין דער צייט ווען די פּראָצעסיע האָט זיך באַוועגט מיט די כלי־זמר פאָראויס, צווישן די צוויי ציילן הייזער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן גאַס, האָבן זיך אין אַלע פענצ־טער באַוויזן פייערלעך: פון איינעם האָט געשפּריצט מיט העלן פייער אַ באַלעבאַטישער „בליץ־לאָמפּ״, פון אַ צווייטן האָבן רואיק און ערנסט אַרויסגעקוקט ווייסע, יום־טובדיק־ציכטיקע סטעארין־ליכט, אין אַ דריטן האָט פריינטלעך צוגעשאָקלט מיטן רויטן קעפּל אַן אָרעם חלב־ליכטל . . . דאָס האָבן יידן, ווי ווער עס האָט געקאָנט, באַגריסט חתן־כלה און אָפּ־געגעבן כבוד די מחותנים. לייזער האָט דערפילט ווי עפּעס אַ סטרונע אין זיין האַרצן, וועלכע איז ביז איצט אַזוי שטייף געווען אָנגעצויגן, לאָזט נאָך צוביסלעך, קלינגט וואָס אַ מאָל שוואַכער און ווערט ווייכער. אים האָט אַרומגענומען אַ געפיל פון שטילער, פרידלעכער, אונטער־געבנהייט . . .

צו דער „גאָלדענער יויך״ האָט מען חתן־כלה באַזעצט אין אַ באַ־זונדער צימער. רייזל האָט עטוואָס אויפגעהויבן דאָס דעקטוך און לייזער האָט געפונען אַז זי איז גאָרנישט אַזוי העסלעך. איר געזיכט איז געווען מאַט־בלאַס, אינטערעסאַנט און ווי ערהאַבן; אירע אויגן האָבן איצט אויסגעזען נישט רויט, נאָר איידל־רויזנפאַרביק.

— פאַרוואָס עסטו נישט? — האָט לייזער ווייך געזאָגט און האָט צוגערוקט צו איר דעם טעלער.

רייזל איז רויט און באַלד בלאַס געוואָרן.

— כ׳וועל עסן . . . פאַרוואָס עסטו נישט? . . — האָט זי שטיל געענטפערט.

— נישקשה, עס, מיר׳ןביידע עסן . . .

רייזלען האָט פאַרפעלט דער אָטעם. זי האָט זיך ווידער פאַר־רויטלט און האָט געוואָרפן אויפן מאַן אַ דאַנקבאַרן בליק.

אין גיכן איז מען אַוועק מיט די כלי־זמר צום חתן הוליען. דער קלוגער איידעם האָט זיך איבערגעבעטן און איז אויך געקומען; אין אָנהויב האָט ער זיך געפילט אַ ביסל נישט היימלעך, נאָכדעם האָט ער ווידער דערשפּירט זיין חכמה, האָט זיך „צעשאָקלט״ און האָט געטרונ־קען און געטאַנצט מער פון אַלע. חיים האָט די גאַנצע צייט אַרומגע־טאַנצט אַרום שלומס שוועסטער, גיטעלען, און האָט איר אונטערגע־טראָגן גוטע זאַכן; זי האָט זיך אַ ביסל געשעמט, האָט פאַרגעניגט געשמייכלט און יעדעס מאָל געדאַנקט. שפּעטער האָט אַ יונגער, שיינער כלי־זמר געשפּילט מיט קונצן אַ „סאָלאָוויי״: ער האָט די פידל געהאַלטן אויפן קאָפּ, אויפן רוקן, צווישן די פיס, און האָט געפינקלט מיט די אויגן אויף די ווייבער און מיידלעך, וואָס האָבן אים ארומגעשטעלט. און ווען חיים האָט באַמערקט ווי אַנטציקט גיטעלע קוקט אויפן קינסט־לער, האָט ער דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן, און אים האָט שטאַרק באַנג געטון וואָס ער איז נישט קיין כלי־זמר . . . — אין אַ צווייטן ווינקל האָט שלום, פאַרשטייענדיק די וויכטיקייט פון דער מינוט, דער־טאַפּט העסקען; אים איז געלונגען זי צווינגען אים אויסצוהערן, און ער האָט שוין געהאַלטן מיט איר אויף אַ וועג.

— אַ חסיד, מסתמא, פליאסקעדריגע? . . — האָט העסקע גע־פרעגט כלומרשט אָן אינטערעס.

— ווער, דער חתן?! . . — האָט שלום זיך געהיצט. — ע, העסקע, דו האָסט אין מיר אַ גרויסן טעות! וואָס בין איך עפּעס, אַ כניאָק, וואָס? . . דו מיינסט — איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט? ווי זאָגט אַ גוי: „דע ווי בולי, יאַק מי הרעמילי״ . . . („וואו זענט איר געווען ווען מיר האָבן געדרוישט, געשפּילט אַ ראָלע״). דו ביסט נאָך געווען אָט אַזוי גרויס, אַז איך האָב שוין געהאַט איבערגעלייענט וואו נאָר אַ ביכל אויף דער וועלט . . . דער יונגערמאַן איז העכסט געבילדעט, שפּילט זייער שיין פידל און קען פיין דייטש און פראַנצויזיש — פון קיין רוסיש שמועסט מען שוין נישט; הערסטו, איך זאָל אַזוי דערלעבן ווידער צו זיין אינאיינעם מיט מיין ווייב און קינדער, גאָט זאָל מיך אַזוי אויפ־ריכטן, ווי איך האָב אַליין געזען זיינעם אַ בריוו, געחתמעט אויף פיר

שפּראַכן, זאָגסטו דאָס! . . . און וואָס דו זאָגסט אַ „חסיד", גייט ער קורץ געקליידט; איך האָב עס דערוויַיל דעם שווער נישט געזאָגט, נאָר איך וועל נאָך מוזן מיט אים אַרבעטן וועגן דעם . . .

אין דער איצטיקער מינוט האָט העסקען איבערהויפּט פּאַראינטע־רעסירט וואָס דער חתן „שפּילט פידל": ערשטנס, וועט דער טאַטע, ווען ער וועט זיך דערוויסן, שרייען אַז ער „וויל קיין כלי־זמר נישט", און דאָס אַליין האָט איר שוין צוגעגעבן חשק; צווייטנס . . . דאָ האָט זי געוואָרפן אַ בליק אין דער זייט, וואו דער שיינער פידלער איז גע־שטאַנען, און האָט געפרעגט:

— וואָס איז ער, אַ בלאָנדין צי אַ ברונעט? . .

דער פידלער איז געווען אַ „ברענענדער" ברונעט.

— ער איז אַ ברונעט, אַ ליכטיקער ברונעט . . . — האָט שלום אָנגעהויבן צו דרייען מיט דער צונג, דערמאָנענדיק זיך אַז דער חתן איז אַ רויטער. — ער איז שיין, זאָג איך דיר, ווי גאָלד . . .

העסקע האָט זיך אַ ביסל פאַרקנייטשט.

— וואָס האָב איך נאָך גלאַט קיין צייט נישט? . .

— אַ, דו נאַרעלע! — האָט שלום איר איבערגעשלאָגן די רייד. — ווער רעדט דען פון חתונה האָבן? קאָנסט דערוויַיל ווערן אַ כלה, ער וועט פאָרן צו דיר, דו צו אים, און . . .

— ע, ר' שלום! . . — איז אונטערגעשפּרונגען דער קלוגער איי־דעם. — פאַרנעמט זיך גאָר מיט נקבות?! . . קומט שוין, דינגט אונדז אַ טאַנץ, וואָרעם מען דאַרף באַלד גיין צו דער וועטשערע . . .

מיט די ווערטער האָט ער שלומען אַוועקגעשלעפּט צו די כלי־זמר.

— — — — — — — — — —

דאָנערשטיק אין אָוונט, באַדעקט פון קאָפּ ביז די פיס מיט שניי, האָבן זיך אונדזערע מחותנים קוים לעבעדיק דערשלעפּט אַהיים, קיין טאַרטילאָוו.

9.

עס האָט זיך געגנעענטערט די צייט פון לייבלס בר־מצוה, און דאָס ייִנגל האָט זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן איבערגעביטן. ער האָט אויפגע־הערט צו שטיפן און האָט זיך גענומען צום לערנען מיט גרויס חשק. אויף זיין נישט שיין, נאָר לעבעדיק געזיכט האָט זיך ווי אַ שאָטן גע־

לייגט, זיינע גרויסע אויגן האָבן געקוקט פאַרטראַכט און פאַרחלומט. דעם גאַנצן טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין חדר און אין אָוונט אין דער־היים איז ער אויך בטל נישט אַרומגעגאַנגען און פלעגט שטענדיק אַריינקוקן אין אַ ספר. די עלטערן האָבן אויף אים געקוקט מיט פאַר־געניגן און שטאָלץ. צו דער בר־מצוה האָט ער געזאָגט אַזאַ דרשה, אַז דאָס שטעטל האָט זיך מיט אים געוויגט, און אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז ער וועט זיין אַן „עלוי", אַ שיינדל אין דער משפחה.

און ווירקלעך: פאַר לייבלען האָט זיך מיטאַמאָל אַנטדעקט דער ים התלמוד, און ער האָט מיט וואונדער און אַנטציקן זיך געוואָרפן אין זיינע וועלן. פריער האָט ער געלערנט פאַר דעם טאַטנס־וועגן; אויפן טאַטן זענען געפאַלן דעם זונס עבירות, און יענער האָט געדאַרפט אָפּ־געבן דעם בורא־עולם דין־וחשבון פאַר זיי. איצט אָבער איז לייבל געוואָרן זעלבסטשטענדיק, די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים פאַלט אויף אים אַליין. ער אַליין, אָן אַ שום פאַרמיטלער, האָט איצט פאַרקערט מיט גאָט — און פאַר אַ מלך דאַרף מען וויסן ווי צו שטיין, דערצו ווידער איז פאַראַן איין מיטל — לערנען. און ווען ער האָט איין מאָל — צוויי מאָל אַנגעשטרענגט זיין אויפמערקזאַמקייט און האָט מיט שטורעם גענומען אַ צוויי, דריי פעסטונגען פון תלמוד, האָט ער דערשפּירט ווי זיינע יונגע קרעפטן וואַקסן, און דאָס האָט אים געגעבן אַ געפיל פון אַזאַ פולן לעבן, אַז ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּ־געריסן פון דער ווירקלעכער וועלט מיט אירע קליינע אינטערעסן און איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ וועלט פון צדיקים, רבנים, מלאכים און שרפים, איבער וועלכע עס הערשט בלויז דער אַלמעכטיקער גאָט אַליין.

זיין געזיכט האָט זיך אַלץ מער אויסגעצויגן און איז בלאַסער געוואָרן, זיין שטערן האָט זיך אָפּטער געקנייטשט. אין גיכן האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם חדר און האָט זיך געזעצט לערנען אַליין אין קלויז. פון יענער זייט וואַנט, אין „עזרת נשים", איז געווען די ערטלעכע ישיבה, נאָר די קולות פון דאָרטן האָבן אַהער דערגרייכט שוין אָפּ־געשוואַכטע, און דאָ האָט געהערשט אַ הייליקע רו און שטילקייט, אין וועלכער עס האָט פריי אַרומגעשוואומען בלויז לייבלס יונגע, קלינגענ־דיקע שטימע. שטונדען־לאַנג האָט זיך געריסן פון הינטערן „עמוד" דאָס אָריגינעלע געזאַנג פון יידישן לימוד און האָט טרויעריק און מאָדנע נעקלונגען איבער דער ליידיקער קלויז; אַרום און אַרום זענען, ווי

שווייגנדיקע צוהערער, געשטאַנען די שטענדערס און די לאַנגע בענק; אין מיטן קלויז האָבן, ווי די ריזן, זיך געצויגן אַרויף די פיר דיקע זיילן פון „בעלעמער" און האָבן געקוקט עטוואָס כמורנע און שטרענג, ווי זיי וואָלטן זיין די איינציקע שטיצער פון דער אַלטער געבײַדע, די איינציקע וועכטער פון גאָטס הויז . . . אויבן־אָן אין מזרח־וואַנט, פון דער הויך פון אָרון־קודש, האָבן פאַרשפּרייט איבערן קלויז זייערע פליגל צוויי באַגילדעטע פויגלען פון אומבאַוואוסטן מין. — דאָס אַלץ האָט דאָ געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון הייליקייט און באַגייסטערונג, און לייבל האָט זיךווירקלעך געפילט באַגייסטערט, און זיין האַרץ איז געווען פאַרפולט און איבערפילט מיט ליבע און טרייהייט צום גרויסן און שטאַרקן גאָט.

אין ר' אברהם גערערס הויז, וואו עס האָט זיך אַמאָל געקאָכט און געראַשט, איז געוואָרן שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. שלום האָט שוין לאַנג אַרויסגענומען פרומען מיט די קינדער אין אַ וואַלד; העסקע האָט חתונה געהאַט און האָט זיך באַזעצט מיטן מאַן אין וו. נאָר חיים האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט צוקלייבן קיין כלה, און ר' אברהם האָט אים נישט שטאַרק געאיילט, ווייל אַן אים האָט זיך די קראָם לחלוטין נישט געקאָנט באַגיין. ר' אברהמס געשעפטן זענען אַ ביסל געפאַלן: די טאַקסע האָט מען ביי אים אויסגעדונגען, די קראָם איז אויך געגאַנגען נישט זייער גוט. ער איז געעלטערט געוואָרן, זיין באָרד האָט זיך פאַרגרויט, און דאָס געזונט האָט זיך אַ ביסל אונטערגעריסן. גאָלדע האָט אויך אויף דער עלטער אונטערגעקרענקט: זי איז געוואָרן וואָס אַמאָל דיקער, און דער אָטעם ביי איר — שווערער, אַזוי אַז זי האָט זיך געמוזט אָפּט קורירן. די איינציקע טרייסט ביי די אַלטע לייט איז געווען זייער מי־זיניק, לייבל. ר' אברהם האָט זיך צו אים שטאַרק צוגעבונדן און האָט געקלערט אַז אַזאַ קינד קאָן אַריינברייינגען אַ פאָטער גלייך אין גן־עדן; די מוטער האָט אים סתם ליב געהאַט, אַן חכמות, אָן מאָטיוון — ער איז ביי איר געווען, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, איינגעבאַקן אין האַרצן.

לייבל האָט זיך קוים אויסגעלערנט צו לייענען רוסיש און „אָנ־צושרייבן אַן אַדרעס" — און האָט מיט פאַראַכטונג אַוועקגעוואָרפן „יענע" לימודים. וואָס קאָנען זיי אים געבן? „מ'שטיינס געזאָגט, די חכמה וואָס אין זיי שטעקט! . . אין דער תורה איז פאַראַן אַלצדינג."

און לייבלען האָט זיך ווירקלעך געדוכט, אַז אין דער תורה קאָן מען געפינען „אַלצדינג״. דאָס וואָרט „גאָט״ האָט אים באַשיידן די גאַנצע וועלט און אַלץ וואָס אין איר געפינט זיך. די תורה האָט שטרענג פאַרבאָטן זיך פאָרצושטעלן גאָט אין אַ זיכטבאַרער, פּילבאַרער פאָרם, נאָר זי זעלבסט, רעדנדיק פון אים באַנוצט אָפט פיגורעלע אויסדרוקן, רעאַלע בילדער — און לייבל האָט זיך פאָרגעשטעלט גאָט אַמאָל אַלס „איש מלחמה״, אַ מאַן אין בעסטער קראַפט, און אַמאָל אַלס הערלעכן גרייז פון מאַיעסטעטישן אויסזען. אים האָט נישט אינטערעסירט צו וויסן ווי אַזוי זאַכן ווערן, נאָר פ אַ ר ו ו אָ ס זיי ווערן, און ער האָט דייטלעך געזען ווי גאָטס רצון אַליין באַשאַפט אַלץ.

אַפּריל איז אונטערגעקומען. שיין זענען געווען די פרימאָרגנס אין פרילינג. קיינמאָל איז איבערן לאַנד נישט געהאנגען קיין פרישערער יונגערער הימל, קיינמאָל זענען איבער אים נישט געשוואומען קיין לייכטערע, ווייסערע און לויטערערע וואָלקנדלעך, און קיינמאָל נאָך האָט זיך צום טאָג נישט געזען אין מזרח אַזאַ געטלעך־מעכטיקע זון, ווי אין יענעם געבענטשטן פרילינג. אין די נעכט האָבן לייכטע פרעסטלעך געזילבערט די אויבערפלאַך פון דער ערד, נאָר ביים ערשטן בליק פון דער יונגער געטין זענען זיי· פאַרשוואונדן, ווי עס פאַרשווינדט אַ וואַרעמער הויך פון אַ קאַלטער שטאָלענער קלונג. אַ פרישע, אַ רויטע, בלוט און מילך, האָט די זון זיך געהויבן פון איר געלעגער, האָט געשפאַנט איר גאָלדענעם רייטוואָגן און זיך געלאָזן איבערן הימל צו באַקוקן אירע גיטער — און איר קוק האָט פאַרפילט די וועלט. אירע שאַרפע גאָלדענע בליקן האָבן געטאַנצט אויף די בערג, געדרינגען אין טאָלן און פעלזן־שפּאַלטן, זיך געטוקט און געבאָדן אין פרישן וואַסער פון באַפרייטן טייך, נישט דורכלאָזנדיק קיין איין גרוב, קיין איין פאַרבאָרגן ווינקעלע — און די פאַרקילטע, פאַרשלאָפענע ערד האָט זיך צעוואַרעמט, צעווייכט, האָט אָנגעהויבן אומרואיק צו רודערן זיך אין שלאָף, האָט צעשליידערט איר ווייסן צודעק אין אַלע זייטן, אַנטפּלעקנדיק איר שוואַרצע ברוסט, און די לופט האָט זיך פאַרפילט מיטן אַראָמאַט פון יונגן, געזונטן קערפּער. וואַסער האָט געררוישט אומעטום. שטורמישע באַשוימטע שטראָמען זענען געלאָפן פון אַלע עקן פון דער וועלט, האָבן זיך געריסן פון די בערג, זענען פלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון עפּעס פאַרבאָרגענע ערטער און, לוסטיק פלוידערנדיק צווישן זיך,

האָבן זיי געפּוצט די נאַר־וואָס דערוואַקסטע, אויסגערוטע און אויסגע־שלאָפענע ערד, איידער זי נעמט זיך צו איר פרוכטבאַרער אַרבעט.

אַנדערש אָבער האָט אויסגעזען דאָס יידישע שטעטל אין טאָל. אײנגאַנצן די בלאָטע פון די אַרומיקע בערג, דער קויט און די אומרייני־קייטן פון דער גאַנצער אומגעגנט האָבן זיך געזאַמלט אין געדיכטע שטראָמען און מיט ווילדן דראַנג און בייזן גערויש זענען זיי געפאַלן אַראָפּ, אויף די קעפּ פון די פאַרזאָגטע, פאַרחושכטע איינוואוינער און, צעלויפנדיק זיך איבער די קרומע, ענגע געסלעך, האָבן זיי דאָרט אָנ־געמאַכט אַ חורבן: געבראָכן בריקלעך, פאַרטרונקען קעלערס און ני־דעריקע הייזלעך, צעשניטן און צעגראָבן דעם וועג, ווי פּאָקן צעגראָבן אַ פּנים, גיפטיקע, שעדלעכע גאַזן האָבן געשטיגן פון דער געדיכטער בלאָטע. אין דער שווערער פאַרפּעסטעטער לופט זענען מגפות געהאנגען. פאַרזאָרגטע, פאַראומערטע יידן זענען אַרומגעקראָכן איבערן שטעטל, ווי ווערים אין פוילן שמוץ, האָבן געשמעלערט זייערע אויגן איבער די צו העלע שטראַלן פון דער זון און אין גרויס פאַרלעגנהייט צוגעקוקט דעם שטורמישן און געפערלעכן איבערגאַנג פון טויט צום לעבן . . . בייזע און גוטע געטער האָבן געקעמפט צווישן זיך. — — —

די גאַנצע נישט־מענטשלעכע וועלט האָט ביי לייבלס גאָט געהאַט זייער אַ קליינע וויכטיקייט; באַזונדערס האָט ער זיך פאַרנומען מיטן מענטשן, פאַר וועמענס וועגן אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן. אונטערן וואָרט „מענטש" האָט לייבל פאַרשטאַנען איבערהויפּט יידן, וועגן די „אומות־העולם" האָט ער כמעט ניט געקלערט. אַזוי ווייט האָט זיך גאָט אינטע־רעסירט מיט יעדער קלייניקייט, אַז אָן זיין ויסן „האָט אַ האָר נישט געקאָנט אַראָפּפאַלן". אויף אַזאַ אַרט, האָט אַלץ אין דער וועלט באַ־קומען אַ קלאָרע באַשיידונג — גאָט . . . נאָר איין זאַך האָט נישט גע־קאָנט און נישט געטאָרט דערקלערט ווערן: גאָט אַליין.

קיין זאַך ווערט נישט געטאָן אָן גאָטס ווילן, דאָך האָט ער דעם מענטשן געגעבן די ברירה: טו ווי דו ווילסט און איך וועל דיר באַצאָלן „ווי דיר קומט" . . . דער יצר־הרע מיטן יצר־טוב — דאָס זענען צוויי גייסטער אינווייניק אין מענטשן, וועלכע פירן אַן אייביקן קריג איבער זיין נשמה: ווויי איז צו איר, אויב דער ערשטער איז גובר, און וואויל צו איר — אויב דער צווייטער איז גובר. אין אַלגעמיין, איז לייבלס סיסטעם געוועזן אַ פעסטונג מיט פילע טירן און טויערן, נאָר אין די

שוואַכע ערטער איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: „פאַרבאָטן . . . פאַר־באָטן . . . פאַרבאָטן" . . .

און לייבל האָט זיך אַלץ מער און מער אָפּגעריסן פוןווירקלעכן לעבן און זיך אַריינגעלאָזן אין אַ פאַנטאַסטישער וועלט. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אין אומענדלעכער רייע געצויגן, טוישנדיק איינע די צווייטע, דער ליכטיקער טאָג און די פינצטערע נאַכט; איבער זיין קאָפּ זענען איבערגעגאַנגען דער זומער מיט זיינע היצן און שטורמען און דער ווינטער מיט זיינע פרעסט און שנייען; אַרום און אַרום האָבן ביימער געבליט און אָפּגעבליט, לעבעדיקע באַשעפענישן — זיך גע־ראַנגלט פאַר זייער לעבן; מאַנכע מענטשן זענען פון דער וועלט גע־גאַנגען, אַנדערע האָבן זייער אָרט פאַרטראָטן, זיינען געלאָפן, האָבן געיאָגט, געדרייט מיטן קאָפּ און געאַרבעט מעשים; אַפילו די אויסנדיקע, טויטע וועלט האָט יעדע מינוט איר אָנבליק געטוישט — לייבל האָט דאָס אַלץ נישט געהערט, נישט געזען און האָט מיט ענטוזיאַזם און זעלבסט־פאַרגעסנהייט זיך איבערגעגעבן צו זיין חלום. פאַר זיינע גייסטיקע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַן אומגעהייערע פּיראַמידע: איר גרונט, איר באַזיס איז באַשטאַנען פון אַלע געוויינלעכע, איינפאַכע מענטשן, מיט זייערע דריבנע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן; העכער און שמעלער איז געגאַנגען אַ צייל פון פרומע יידן און לומדים; נאָך הע־כער — צדיקים קדושים, מלאכים, וועלכע זינגען שירה און לויבן גאָט, און אויפן רעכטן שפּיץ — דער בורא עולם אַליין . . . גאָט האַקט אויס יעדעס מאָל פון אונטערן כסא הכבוד, פון ריינעם פייער, אַ נייע נשמה און שיקט זי אַראָפּ אויף דער זינדיקער וועלט. די נשמה קאָן נישט איבערטראָגן דעם שמוץ פון דער ערד; זי רייסט זיך, דורך מעשים טובים, און גאָטעס־דינסט, אַרויף, פון איין צייל צום צווייטן, ביז זי קומט צו גאָט און ווערט דאָרט אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ליבע. ווי איז צו דער נשמה, וואָס האָט דעם שמוץ נישט געקאָנט בייקומען; זי ווערט אַראָפּגעוואָרפן גאָר נידעריק, אונטער דער ערד, אין גיהנום, און דאָרט ווערט זי געלייטערט דורך ענויים קשים, ביז זי וועט ווידער קאָנען קומען פאַר גאָט. — און אַזוי ווערט גאָט משֵשת ימי בראשית „געהערלעכט" דורך זיינע ברואים און אַזוי וועט זיך עס ציען עד סוף כל הדורות. צוליב וואָס? . . — דאָס קאָן אונדזער מענטשלעכער פאַר־שטאַנד נישט באַנעמען. גאָט האָט זיך זיינע צילן.

.10

דאָס לערנען אָן אויפהער און די שטענדיקע נערוון־אויפרעגונג האָבן סוף־כל־סוף אַ ביסל אונטערגעריסן לייבס געזונט, און דער דאָק־טאר האָט אים שטרענג פאַרבאָטן צו לערנען אַ געוויסע צייט, ביז ער וועט קומען צו זיך. אין גאַנצען האָט ער דעם דאָקטאר נישט געפאָלגט, דאָך געלערנט האָט ער ווייניקער; די פרייע צייט האָט ער פאַרבראַכט ביים פריץ אין פאַרק. אַפּריל האָט געהאַלטן ביים אויסגאַנג, און דער הימל האָט געשענקט דער ערד די שענסטע טעג און נעכט, וואָס קליין־רוסלאַנד פאַרמאָגט. די נאַטור האָט שוין דאָס וויפלטע מאָל מיט דער זעלבער קראַפט און פרישקייט איבערגעלעבט איר יוגנט און האָט אַלץ וואָס לעבט געצויגן נאָך זיך אין אַ שטראָם פון לוסט און לעבן. אין אַלטן פאַרק איז וואָס אַ טאָג געוואָרן טונקעלער, און ער האָט, קענטיק, געוואַרט בלויז אויפן מאַי, אום זיך צו צעוואַקסן, ווי ער האָט געקאַנט. דער אָטעם פון פרילינג האָט זיך געטראָגן איבעראַל.

און בעת די געוויקסן האָבן זיך ערשט געגרייט אויפצובליען, האָבן די מענטשלעכע הערצער שוין אויפגעבליט. אין די פרישע פרילינגס־אָוונטן, ווען אין מערב האָט לאַנג געגלאַנצט אַ פּערלמוטער־דורכזיכטי־קער פּאַס, ווען דער הימל איז געווען בלויער און די גרין־בלייכע שטערן האָבן געוואונקען געהיימניספולער, ווי אַלע מאָל — האָבן אויף די אַרומיקע בערג, צו וועלכע די קריסטלעכע כאַטקעס האָבן זיך געטער־ליעט, ווי פייגל־נעסטן, מיט ברייטקייט געקלונגען די פריילעך־טרויע־ריקע קליין־רוסישע לידער. פאַרשיידענע קלאַנגען, אַמאָל אומעטיקע, זויגנדיקע און לייכטע, ווי דער ריח פון בשמים, אַמאָל אומבאַזאָרגט־לוסטיקע, שטורמישע און פאַרשייטע, ווי קינדער בעתן באָדן זיך אין אַ הייסן זומער־טאָג — האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט הויך אין דער לופט, זיך געשטויסן איינע אָן די צווייטע און זיך געפלאָכטן אין אַ פאַנטאַס־טישן, פאַרפלאָנטערטן קראַנץ. מאַנכע מאָל האָבן „פאַרובקעס" זיך איבערגעשריען פון איין באַרג צום צווייטן. „סטעפּאַ־אַ־ן" . . . האָט זיך עס ברייט און פריי געקייקלט הויך איבערן שטעטל, און דערביי האָט זיך געפילט ווי געזונט איז דער האַלדז, און ווי מעכטיק די ברוסט, וואָס זענען אימשטאַנד אַזעלכע קולות צו באַשאַפן. צייטנווייז האָט זיך פּלוצים אַריינגעשניטן אין דער נאַכט אַ שאַרפער פרויען־קוויטש און

האָט זיך געענדיקט מיט אַ געלעכטער, אַ לאַנגן, נערוועזן, פון וועלכן עס פאַרפעלט אָטעם, און דאָס האַרץ אין דער ברוסט רייסט זיך אַרויף, צום שלונג, ווי עס וואָלט וועלן אינגאַנצן אַרויסשפּרינגען . . . — נאָר שטיל איז געווען אונטן, אין טאָל! . . פאַרבאָרגענערהייט איינער פון צווייטן, דאָך אָבער גיריק און אויפמערקזאַם, האָבן יידן זיך צוגעהערט, ווי די אומות־העולם לעבן — און זייערע פּנימער האָבן זיך געוואָלקנט, די שטערנס געקנייטשט, און די אויגן האָבן געקוקט פינצטער און כמורנע . . . איבער זייערע קעפּ, אויף דער אויבערפלאַך פון לעבנס־ים, זענען פרייע אינדן געגאַנגען הין און צוריק; אַהער אָבער, צום גרונט, האָט אויפרעגונג נישט געגרייכט, און ניי אויסגעצערטע, פאַרגליווער־טע איינוואוינער האָבן זעלטן־ווען געוואָרפן אומרואיקע בליקן אַרויף.

נייע אומגעוויינלעכע געפילן האָבן זיך גערודערט אין לייבס האַרצן, און ער האָט זעלבסט נישט געוואוסט וואָס מיט אים איז. ער האָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו אַזעלכע זאַכן, אויף וועלכע ער האָט פריער קיין אַכטונג נישט געגעבן. די שיינקייט פון דער נאַטור האָט זיך אים דאָס ערשטע מאָל געוואָרפן אין די אויגן, און טיף ביי אים אין האַרצן האָט זיך געדרייט און גערודערט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אין איין צייט פאַרגעניגן און שמערץ. מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס אין אים גייט פאָר, זיך באַמיט צו באַשטימען, אָפּצוגעבן זיך רעכענונג דערין, אָבער אָן רעזולטאַט. גרויס איז געווען גאָלדעס שרעק און אומרואיקייט, ווען זי האָט עפּעס איין מאָל דערזען איר זון וויינען אין אַ ווינקל. אויף איר פראַגע האָט ער געענטפערט, אַז ער ווייסט אַליין ניט וואָס אים איז, אַז די טרערן גיסן זיך פון זיך זעלבסט און אַז מסתמא קומט עס, ווי דער דאָקטאר האָט געזאָגט, פון די נערוון. ווען ער האָט זיך אויסגעוויינט, איז אים געוואָרן אומגעוויינלעך לייכט אויפן האַרצן, און ער איז געוואָרן פריילעכער ווי אַלע מאָל. די אַלע פלוצלינגע ענדערונגען און איבערגאַנגען פון איין שטאַנד צום צווייטן האָבן גאָלדען נאָך מער באַאומרואיקט, און זי האָט ווידער איינגעלאַדן דעם דאָקטאר.

ער האָט לייבן אויסגעקלאַפּט, אויסגעהערט, פאַרגעלייגט עט־לעכע פראַגן, האָט עפּעס מאָדנע אַ קוק געטון אויפן יונגן מאַן און אַ פייף געטון . . . דערנאָך האָט ער פאַרשריבן די זעלבע מיטלען וואָס פריער, האָט ווידער אָנגעזאָגט נישט לערנען, מער שפּאַצירן א.אַז.וו.

גאָלדען האָט ער פונדעסטוועגן פאַרזיכערט, אַז איר זון וועט קיין בייז ניט געשען, און איז אַוועקגעגאַנגען.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער מאַי אַליין און האָט אָנגעהויבן אַרויסשטעלן אַ טאָג נאָך אַ טאָג, איינעם שענער פונם אַנדערן. אויפן וועג פון מזרח קיין מערב האָט די יונגע גאָטין רייכלעך באַשענקט אַלע אירע פאַרערער מיט מילדע, גינסטיקע בליקן, און פון זייער היץ האָבן די וויינשל־גערטנער געפלאַטערט, ביי די ביימער אין די אָדערן האָט דאָס בלוט אָנגעהויבן האַסטיקער צו פליסן און זייערע קעפּ האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ ווייסן דעקטוך. פאַרנאַכט, ווען די זון האָט געשיקט דער ערד איר לעצטן שמייכל און האָט איילנדיק־שעמעדיק אַראָפּגעלאָזן דעם פאַרהאַנג פון איר שלאָפצימער, האָט דורך דער גרויער דעק אַ צייט נאָך זיך דורכגעשלאָגן אַ ווייכער, פערלמוטער־דורכזיכטיקער גלאַנץ. און די גאַנצע וועלט האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף דער פאַרבאַ־טענער טיר און געקוקט אויף איר מיט ליבע און בענקעניש אַזוי לאַנג. ביז די שיין, ווערנדיק אַלץ שוואַכער און בלאַסער, איז ענדלעך פאַר־שוואונדן אינגאַנצן . . . און דאַן האָט די אַלגעמיינע אויפרעגונג דער־גרייכט ביזן העכסטן גראַד. אָפּן און היציק האָט דער הימל געקוקט מיט טויזנטער פינקלענדע, דאַרשטיקע אויגן אויף דער ערד . . . שווער און מיד האָט די ערד געשיקט איר וואַרעמען אָטעם צום הימל . . . און אין דער לופט צווישן זיי ביידן, האָט אַרומגעשוועבט דער פרילינג אַליין און האָט געפלאָכטן קרענצלעך פון פייגלשע שטימען און בלו־מענגערוך, פון קלינגענדע לידער און גליקלעכע זיפצן, פון הילכיקן פרויען־געלעכטער און ווייטע איבערגעשרייען, וואָס האָבן זיך איצט געדיכטער און עפטער געהויבן פון די בערג און האָבן געשטריכט די לופט אין פאַרשיידענע פונקטן און ריכטונגען, ווי פאַלנדע שטערן שטרייכן דעם הימל.

אָבער אויך איצט איז אין טאָל געווען פינצטער און שטיל . . . אויך איצט איז דאָס שטעטל געליגן ווי אַ מת צווישן רויזן, ווי אַ פאַר־לאָשענער וואולקאַן צווישן העל־באַלויכטענע, מיט פייער באַקרוינטע בערג־שפּיצן. און ווען דער פרילינג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין טאָל און האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די פענצטער פון די נידעריקע, פאַרשטיקטע הייזלעך, איז ער מיט שרעק און פאַרצווייפלונג אָפּגעשפּרונגען אַרונ־טער . . . אויף די הייסע, פאַרשוויצטע געלעגערס זענען יידן געליגן

אויסער זיך, האָבן געביסן די ליפּן, געביסן די קישנס, מיט די דאַרע, פאַרקרומטע פינגער געקראַצט די זייטלעך פון די בעטן, שמערצלעך געגלאָצט מיט טרוקענע אויגן אין דער שווערער פינצטערניש און צייטנווייז ברייט און צאַפּלענדיק געעפנט די מיילער, ווי פיש אויפן זאַמדיקן ברעג . . . אַ פיבער האָט געטרייסלט די אויסגע׳דבר׳טע קערפּערס, די קישנס האָט מען געשלעפּט פונם צוקאָפּנס, געלייגט זיי אונטער די פיס, אונטער די זייטן, געשמיסן פון די בעטן און ווידער אַרויפגענומען. אַ ווילדער דאָרשט צו גליק און לעבן איז געשטאַנען אין דער אָנגעשטריינגטער לופט, און געדוכט האָט זיך, אַז אָט־אָט וועט ער אַרויספּלאַצן אין אַ שוידערהאַפטן אַלגעמיינעם קרעכץ — אַ קרעכץ, וואָס וועט דערשיטערן די ערד און אויף שטיקער צעשפּאַלטן דעם הויכן און טיפן הימל! — און דער פרילינג האָט זיך אויפגעהויבן צוריק אין דער הויך און איז אַרומגעפלויגן הין און צוריק, אַרום און איבער דעם שטעטל, ווי אַ פויגל איבער זיין צעשטערטער נעסט. שטיל האָבן זיינע פליגל געראַשט אין דער נאַכט־לופט, זיינע בליקן האָבן מיט אַנגסט געדרונגען אין פינצטערן, שטיל־שווייגנדן אָפּגרונט אונטער אים, און זיינע שמערצלעך־פאַרקרומטע ליפּן האָבן געמורמלט עפּעס אַ שפּרוך . . .

עס איז איבערגעגאַנגען דער מאַי מיט זיינע רויזן און שפּיל־פויגלען, און עס איז אָנגעקומען דער יוני מיט זיינע שרעקלעך הייסע טעג און שטיקנדיקע נעכט. זעלטן נאָר האָט זיך אויפן הימל געוויזן אַ טונקעלער וואָלקן מיט בלענד־ווייסע, זילבערנע ראַנדן, האָט זיך געוויקלט אין פייערדיקע טאַשמעס, פאַרטויבט געדונערט און איז פאַרבייגעלאָפן ביי דער זייט . . . איין מאָל איז אַפילו געגאַנגען אַ רעגן אויך, און איבער דער גאַס זענען געלאָפן מיט אַ פריילעכער פלוידעריי שטראָמען וואַסער, אין וועלכע חדר־ייגלעך האָבן זיך געפּלעשטשעט און געלאָזן „שיפן" פון פּאַפּיר, שטיקלעך האָלץ. א.ד.ג. דאָס וואַסער איז אָבער באַלד אָפּגעלאָפן, די זון האָט ווידער אָנגעהויבן צו באַקן, און דער שטויב האָט פאַרפּילט די לופט.

לייב איז געוואָרן וואָס אַ טאָג בייזער צערייצטער און פאַרדריסלעכער; אַ געדיכטער שאָטן האָט זיך געלייגט אויף זיין געזיכט, צווישן די אויגן האָט זיך אָפּגעצייכנט אַ טיפער קנייטש. זיינע עלטערן האָבן זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן: זיי האָבן דייטלעך געזען אַז צווישן זיי און

זייער זון וואַקסט און ברייטערט זיך אַ טיפער אָפּגרונט; זיי האָבן אים אַלץ ווייניקער און ווייניקער דערקענט און פאַרשטאַנען און האָבן נישט געקאָנט באַשטימען פון וואַנען די געפּאַר שטאַמט. לייב האָט זיך פון זיי אַלץ מער דערווייטערט, זיך געפּלייסט וואָס ווייניקער צו זיין אין שטוב און צו אַנטלויפן אין קלויז אַריין. „אָ, ווען זיי וואָלטן גע־וואוסט! . .״ האָבן זיינע ליפּן נישט איין מאָל געמורמלט און אויף זיין געזיכט האָט זיך געשפּיגלט שרעק און שאַנדע . . . פאַרבייגייענדיק איינמאָל ביים טייך, האָט ער דערזען אַ מיידל, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ שטיין און האָט געקלאַפּט די נאַסע וועש, און איר קליידל איז געווען אונטערגעשטעקט אַזוי הויך, אַז אירע פיס האָבן זיך אַרויס־געזען. און דערביי איז לייב געבליבן שטיין מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, וואַרפנדיק ווי אַ געיאָגטער וואָלף מיט אויגן אין אַלע זייטן — צי זעט אימעצער נישט . . . נישט איין מאָל אין קלויז האָט ער זיך געוואָרפן צו אַ ספר און האָט הויך, שרייענדיק געלערנט, כדי צו פאַרשטיקן די אויפרעגונג, די קאָכעניש אין בלוט; נאָר נאָך אומזיסטער מאַטערניש האָט ער מיט צאָרן געוואָרפן דעם ספר און פאַרצווייפלט און מאַכטלאָז זיך איבערגעגעבן דעם שטראָם פון רייצנדע בילדער, וועלכער האָט אים פאַרפלייצט. אַלץ וואָס ער האָט געהערט אין „חדר״ פון זיינע עלטערע חברים, אַלע ציניש‏ע בילדער וואָס מ׳האָט אים דאָרט געשילדערט און וועלכע זענען אויף אַ צייט פאַרשלאָפן געוואָרן אין זיין פאַנטאַזיע, האָבן איצט דערוואַכט און מיט אַ פאַרגרעסערטער קראַפט און כמעט רעאַלער דייטלעכקייט האָבן זיי זיך געדרייט פאַר אים אין אַ ווילדן טאַנץ און געמאַטערט אים אָן רחמנות. נישט איין מאָל פלעגט ער אין פאַרצווייפלונג ברעכן די הענט און זיך בעטן: „גאָטעניו! דו זעסט מיין האַרץ, דו ווייסט ווי איך וויל נישט זינדיקן פאַר דיר — שטאַרק מיך. פאַרשטאַרק אין מיר דעם יצר־טוב, וואָרעם איך קען זיך שוין מער ניט ראַנגלען! . . ר׳ מתיאן האָט דאָס אויג אָנגערעדט צו אַן עבירה, האָט ער עס אַרויסגעריסן, ביי מיר אָבער איז דער געדאַנק פאַרדאָרבן, און איך קאָן מיט די הרהורים גאָרנישט מאַכן . . . עס איז דיין יצר־הרע, דיין יצר־טוב — וואָס בין איך שולדיק?!״ — נאָר וואָס מער ער האָט אָנגעשטריינגט זיין ווילן, כדי צו פאַרשטיקן די זינדיקע גע־דאַנקען, אַלץ מער האָבן זיי געוועלטיקט איבער אים, אַלץ זינדיקער

און דערנידעריקטער האָט ער זיך געפילט און אין הייסע שטיקנדיקע נעכט פלעגט ער שיר פון זינען נישט אַראָפּ . . .

ער האָט געוואוסט, אַז ווען די עלטערן וואָלטן וויסן וואָס אין אים גייט פאָר וואָלטן זיי אים פאַרשפיגן און געמאַכט מיט דער בלאָטע גלייך — און האָט זיי שטאַרק פיינט באַקומען. ער האָט אָנגעהויבן צו טשעפּען זיך צו יעדער קלייניקייט אין שטוב, צו קריגן זיך מיט חיימען, צו וואַרפן זיך מיטן עסן און בכלל אַרויסצואווייזן אַזעלכע שטיק וועלכע מען האָט פון אים ניט געזען פון זיין קינדהייט אָן. איין מאָל, קומענדיק אין אָוונט פון מעריב אַהיים, האָט ר׳ אברהם אים אַ פרעג געטון וואו ער האָט געדאַוונט. לייב האָט אָפּגעקערט די אויגן אין אַ זייט און האָט קורץ געענטפערט:

— אין דער רויטער שול.

ר׳ אברהם האָט אויף אים פאַרדעכטיק אַ קוק געטון.

— אין דער רויטער שול? פאַרוואָס זשע האָב איך דיך דאָרט נישט געזען? . .

— האָסטו מיך יאָ געזאָלט זען! . . — האָט לייב געענטפערט.

ר׳ אברהם האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

— וואָס ביסטו געוואָרן אַזאַ פריץ! . . מ׳טאָר דיך שוין גאָר נישט פרעגן וואו דו האָסט געדאַוונט? . . זע נאָר, לייבל! . .

— נו, האָב איך נישט געוואָלט, האָב איך נישט געדאַוונט! . . — איז לייב מיט כעס אויפגעשפּרונגען פון אָרט און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. דער ענטפער האָט ר׳ אברהמען אַריינגעוואָרפן אין היץ און קעלט. אים איז אַריין אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז זיין זון גייט אַוועק לתרבות רעה, און ער האָט אָנגעהויבן מער זיך צוקוקן צו זיין אויפ־פירונג.

לייב האָט, ווי פריער, פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג אין קלויז. דער ניגון, מיט וועלכן ער האָט געלערנט, האָט אָנגעוואָרן זיין ווייך־טרויעריקן כאַראַקטער און איז געוואָרן נערוועז פיבערהאַפט: אַמאָל האָט ער זיך געריסן אומנאַטירלעך הויך, און אין אים האָט זיך געהערט פאַרצווייפלונג און צאָרן — און אַמאָל האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן גאָר נידעריק און דעמלט האָבן אין אים געקלונגען האַרצווייטיק, טרערן און געבעט . . . צייטנווייז האָט זיך דאָס געזאַנג געצויגן זיכערער און דעריין האָט זיך געגעבן צו פילן אַ טאָן פון ליכטיקן פרידן, פון נצחון

אָדער פון גלויבן אין אים. נאָר וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער האָבן זיך דורכגעוואָרפן אַזעלכע טענער; אַ נייער קלאַנג פון פּראָטעסט און בייזקייט האָט אַלץ געוואַקסן און געשטאַרקט זיך און גאַנץ אָפט האָט זיך דאָס לערנען גאָר אינגאַנצן איבערגעריסן. שטורמישע געדאַנקען און געפילן האָבן אין לייבן געקאָכט . . . „דו ווילסט עס? . . — רעכט. זאָל זיין אַזוי . . . איך האָב דיר אַלע מיינע כוחות און געדאַנקען אַוועק־געגעבן — דו נעמסט עס נישט אָן, ווי קינס קרבן . . . פאַר וואָס? צו־ליב וואָס? — איך וויל אויך וויסן: עס גייט אין מיין לעבן און מיין נשמה . . . מיינע געדאַנקען זענען פאַרבלאָטיקט, ווי ביי קינען . . . נאָר אויב דו האָסט געוואוסט אַז דער יצר־הרע איז מושל איבער אים . . . אויב דו אַליין האָסט זיין פאַרדאָרבענע טבע באַשאַפן — וואָס זשע איז ער שולדיק? ווער איז שולדיק? . . אָ, רבונו של עולם, זיי מיר מוחל, נאָר — דו פּרואווסט דיין אייגענע באַשעפעניש, וואָס דו אַליין האָסט זי געמאַכט, און דו ווייסט ווי אַזוי דו האָסט זי געמאַכט? . . איך פאַר־שטיי נישט, איך ווייס נישט . . . מיין מוח באַנעמט עס נישט! . .“

די גאַנצע פּיראַמידע האָט זיך אַ טרייסל געטון . . . די ציילן האָבן זיך צערודערט, צדיקים און רשעים האָבן זיך איבערגעמישט . . . גאַנץ הויך, אויפן כסא הכבוד, איז פאַרבליבן גאָט, אַרומגערינגלט פון זיינע מלאכים, נאָר דער בונד מיט דער ערד האָט זיך איבערגעשניטן, און דאָס ווייטע בילד איז געוואָרן אַלץ בלאַסער, האָט זיך ווי פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, האָט פאַרלוירן די באַשטימטקייט און קלאָרקייט. ווי די שאָטנס פון זיין אָפּפער פאַרן מערדער, האָבן זיך פאַר לייבן געשטעלט איין פראַגע נאָך דער צווייטער און ווי געשריען: „לערן אונדז!“ . . לייב האָט זיך דערשראָקן און האָט זיך באַמיט זיי אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, זיי זענען אָבער נישט אָפּגעשטאַנען און האָבן דערלאַנגט איין זעץ נאָכן צווייטן דעם סדר־העולם, ווי לייב האָט אים פאַרשטאַנען.

ער האָט אויפגעהערט צו לערנען; די תפילין פלעגט ער אָנטון, נאָר געדאַוונט האָט ער נישט: די תפילות האָבן זייער זין פאַרלאָרן . . . ער האָט געהאַט אַן אייגענע תפילה, מיט וועלכער ער האָט זיך נישט איין מאָל געווענדט צו גאָט: „רבונו של עולם, באַווייז דיין שטאַר־קייט! . . גיב מיר עפּעס אַ סימן, וואָרעם איך טרינק זיך, איך קום אום! . . אויב דו וועסט שוין, פאַר מיינע אויגן, באַווייזן אַ נס, וועל איך וויסן אַז . . .“ נאָר קיין נסים האָבן זיך נישט געטראָפן, דער הימל

האָט געשוויגן, און לייב איז אַלץ מער געקומען אין פאַרצווייפלונג. אים האָט גענאָגט אַ געהיימער געדאַנק, אין וועלכן ער האָט פאַר זיך אַליין מורא געהאַט זיך מודה זיין. ער איז געוואָרן זייער אומרואיק, פאַרדעכטלעך; אים האָט זיך געדוכט אַז יעדער לייענט אויף זיין שטערן דעם געדאַנק, וועלכן ער באַהאַלט אַפילו פון זיך אַליין. דער פאָטער האָט זיך מיט אים אָפט געקריגט, האָט אים נאָכגעקוקט יעדן טריט, זיך געטשעפּעט אַז ער לערנט נישט, דאַוונט צו גיך, א.אַז.וו. די מוטער האָט נישט געוואוסט אויף וועמעס זייט זיך צו שטעלן, האָט פאַרלאָרן די רו און איינמאָל זיך צעוויינט פאַר אים. „זוניו! וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרן? . . וואָס האָסטו צו אונדז, וואָס מאַטערסטו אונדז, צוויי אַלטע לייט? . .” לייב האָט דערפילט אַז זיין האַרץ צעגייט, אַז פאַר דער מוטערס טרערן איז ער שוואַך ווי אַ קינד — און האָט זיך צעשריען מיט ווילדן צאָרן: „איך בעט דיך, לאָז מיך צורו! — וואָס ווילסטו פון מיר האָבן? וואָס באַוויינסטו מיך? — איך לעב נאָך!” איין מאָל ביים טיש האָט ר' אברהם, וועלכער האָט אים שוין לאַנג נישט געשלאָגן, נישט אויסגעהאַלטן און אים געגעבן אַ פּאַטש. לייבן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. ער האָט געכאַפּט אַ מעסער פון טיש . . .

— לייבל, וואָס טוסטו?! . . — אַ טאַטעןׂ! . . — האָט גאַלדע אין טויט־שרעק אויסגעשריען. ער האָט מיט כוח אַ שמיץ געטון דאָס מעסער אויף דער ערד, האָט פאַרצווייפלט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. „רוצח! רשע מרושע! . .” האָט אים נאָכגעקלונגען דעם פאָטערס שטימע, און ער איז געלאָפן ווי אַ פאַר־שאָלטענער, מיט אַ פאַרשטיינערט האַרץ, מיט טרוקענע, ברענענדע אויגן, אַליין נישט וויסנדיק וואוהין . . .

נאָך דעם צופאַל האָט ער צוויי טעג פאַרבראַכט אין קלויז אָן שפייז, נאָר צום סוף האָט אים די מוטער איינגעבעטן צו גיין אַהיים. ער איז געקומען אַ בלייכער, מיט אַ רואיקן, פאַרלאָשענעם בליק און מיט אַ פאַרהילצערט געזיכט; זיין גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט קאַלטע פאַרצווייפלונג. זיין שרעקלעכער פאַרבאָרגענער געדאַנק איז ענדלעך אַרויס אויף דער וועלט און האָט פולמעכטיק געהערשט איבער אים. „עלנט, ווי אַ שטיין . . . אַליין אויף דער גאַנצער וועלט . . . ניטאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, אויף וועמען צו האָפן, ווער עס זאָל

פון לייד און אומגליק באַשיצן . . . געשטאָרבן — באַגראָבן, און אַראָפּ פון מאַרק. פאַרפאַלן! . .״

.11

עס זענען פאַרבייגעגאַנגען צוויי יאָר. דאָס איז געווען אַ מאָדנע צייט, און לייב האָט נאָכדעם קיינמאָל נישט געקאָנט זיך אָפּגעבן אין איר אַ פולע און קלאָרע רעכענונג. דאָס איז געווען ווי עפּעס אַ פינצ־טערניש צווישן טאָג און נאַכט, אָדער אַ וויסטע, נאַקעטע סטעפּ, צו וועלכער מען מוז זיך לאַנג צוקוקן, כדי צו באַמערקן אַז נישט אויף איר גאַנצער גרויס איז זי איינפאַרביק־גרוי. ער האָט נאָר געדענקט, אַז אַ צייט איז ביי אים אין קאָפּ און אין האַרצן געווען פינצטער אוןליידיק. שפּעטער האָט די ליידיקייט אָנגעהויבן זיך צו פאַרפילן, נאָר פאָרגעקומען איז עס ביסלעכווייז און לאַנגזאַם און האָט קיין רעכטן געפיל פון לעבן נישט געגעבן.

ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו באָרוכאָוויטשן אין הויז און דאָרט האָט ער דערזען אַן אַנדער לעבן און אַן אַנדער וועלט. באָרוכאָ־וויטש איז געווען דער לערער, ביי וועלכן העסקע האָט אַמאָל געלערנט. צוריק מיט אַ יאָר צען האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון אַ רייכן „אַריסטאָקראַטישן״ הויז, אַן דעם ווילן פון זיין פרויס עלטערן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער, פונדעסטוועגן, איבערגעבעטן — און איז אַרויס קיין טאַרטילאָוו. דאָ האָט דאָס יונגע פּאָר־פאָלק געעפנט אַ שול פאַר קינדער און האָט מיט היץ זיך גענומען צו דער אַרבעט. זייער הויז איז אינגיכן געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער טאַרטילאָווער אינטעליגענץ, וועלכע האָט צו יענער צייט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אויף דער וועלט. די לעצטע צייט האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען אַהין אויך די עלטסטע פון באָרוכאָוויטשס שילער און שילערינס. — דאָ האָט לייב דערהערט נייע געשפּרעכן; עס האָבן זיך געשטעלט און געלערנט פראַגן, גאַנץ אַנדערע פון די וואָס האָבן לייבן אַמאָל אינטערעסירט. מען האָט גע־לייענט העברייאישע און רוסישע ביכער, געשמועסט וועגן אידייען און אידעאַלן; אייניקע האָבן גערעדט פון יידישער, אַנדערע — פון אַלגע־מיינער קולטור און בילדונג. מען האָט דיספּוטירט הייס, איבערגעשריען איינער דעם צווייטן, נאָר קיין בייזקייט האָט קיינער נישט אַרויסגע־וויזן, און מיינונגען האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פריי. לייב האָט געקוקט,

געהערט און אַממייסטן געשוויגן, דערפֿאַר האָט ער געלערנט און גע־לייענט אָן אויפֿהער. אינוויייניק אין אים איז פֿאַרגעגאַנגען אַ שווערע ריזן־אַרבעט. די פֿרייע אויפֿפֿירונג אין באָרוכאָוויטשס הויז האָט אים אין אָנהויב געשטאָכן: ער האָט זיך לאַנגזאַם און שווער באַפֿרייט פֿון זיינע מעלאַליקע באַגריפֿן וועגן שלעכטס און גוטס. דאָך איין מאָל, שבת בייטאָג, האָט ער זיך אָנגעטון אַ כוח: אַריינגייענדיק אין אַ גע־וויסן אָרט, האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און פֿאַררויכערט אַ פּאַ־פּיראָס, כאָטש אים האָט זיך גאַרנישט געגלוסט צו רויכערן. ער האָט זיך צוויי מאָל פֿאַרצויגן און אַוועקגעוואָרפֿן דעם פּאַפּיראָס. אַרויס־גייענדיק פֿון דאָרטן, האָט ער איבערגעלעבט אַ געמישט געפֿיל: אים איז געווען עפּעס אומהיימלעך און, אין דער זעלבער צייט, גוט . . . בכלל האָבן זיינע תּאוות באַקומען דאָס רעכט צו עקזיסטירן און האָבן דעריבער פֿאַרלאָרן זייער קראַפֿט און שאַרפֿקייט.

מיטן פֿאָטער איז עס ביי אים געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער. ר׳ אברהם האָט געזען אַז זיין מיזיניק איז אַראָפּ פֿון וועג, האָט אויפֿ־געהערט צו לערנען, טוט נאָר אָן די תּפֿילין, אָבער גאָט ווייסט צי ער דאַוונט, און האָט אים און זיך פֿאַרביטערט דאָס לעבן. גאָלדע האָט געשוויגן און געליטן אין דער שטיל פֿאַר ביידן. חיים, וועלכער האָט חתונה געהאַט און האָט געוואוינט מיטן ווייב ביי ר׳ אברהמען אין הויז, האָט איצט מיט אַלע קרעפֿטן געגראָבן אונטער לייבן, האָפֿנדיק אים איינגאַנצן צו פֿאַרטרייבן פֿון דער היים. לייב זעלבסט האָט עס אויך געוואָלט, נאָר ער האָט געוואוסט אַז דער פֿאָטער וועט אים נישט לאָזן פֿאָרן אין דער וועלט, „כּדי ער זאָל ווערן נאָך אַ גרע־סערער גוי״. לייב האָט געטרוימט צו אַנטלויפֿן פֿון דערהיים, נאָר ווען ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון זיינע עלטערן, באַזונדערס פֿון דער מוטער, האָט ער העגנט און פּיס אָפּגעלאָזן.

אין יולי איז צו באָרוכאָוויטשן געקומען צוגאַסט זיין פּרויס אַ שוועסטער, קלאַראַ באַריסאָוונאַ, אַ פֿריילין פֿון אַ יאָר זעקס און צוואַנציק. זי האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע און האָט איצט געוואַרט אויף אַ חתן. קיין שיינהייט איז זי ניט געווען, נאָר געהאַט האָט זי שיינע אויגן און האָר און האָט מיט געשמאַק זיך געקליידט און פֿאַר־קעמט. אויף דער געזעלשאַפֿט, וואָס פֿלעגט זיך צו באָרוכאָוויטשן צו־

נויפקלייבן, האָט זי געקוקט אַ ביסל פאַרעכטלעך און מיטן שוואַגער זעלבסט האָט זי זיך פאַרהאַלטן ניט זייער גוט.

— וואו האָט איר עס צונויפגעזוכט אַזוי פיל חדר־יינגלעך און מיידלעך? — האָט זי אויפן דריטן טאָג נאָך איר קומען געזאָגט אויף רוסיש (ביים לערער אין הויז האָט מען בכלל אַממייסטן גערעדט רו־סיש). — מען קאָן מיינען אַז איר האָט אייער שול איבערגעפירט צו זיך אויף דער קוואַרטיר . . .

— יעדנפאַלס, זענען ביי אַט די חדר־יינגלעך ניט אַזעלכע ליי־דיקע קעפּ ווי ביי אַנדערע . . . — האָט באַרוכאָוויטש געענטפערט מיט אַ שטאָך.

— מערסי! . . — האָט קלאַראַ באַריסאָוונאַ זיך פאַרנויגט און האָט געמאַכט אַ גרימאַסע. — דאָס זענען, הייסט עס, לויטער פילאָ־זאָפן, און דאָ לערנט מען וועלט־פראַגן? . .

— אַזוי צי אַזוי, האָט מען דאָ אין זינען נאָך עפּעס, אויסער היטעלעך מיט קליידער . . .

— ניין, לאָך נישט, קלאַראַ, — האָט די מאַדאַם באַרוכאָוויטש זיך אַריינגעמישט אין אַ פרידלעכן טאָן. — זיי זענען אין דער ווירק־לעכקייט פיינע יונגעלייט. זיי זענען אפשר נאָך אין דער „וועלט״ נישט געווען און ווייסן נישט ווי אַזוי זיך צו האַלטן אין אַ געזעלשאַפט, עס איז אָבער נישט אַזוי וויכטיק . . .

— ניין, שטעל זיך נאַר פאַר, — האָט קלאַראַ באַריסאָוונאַ זיך צעלאַכט, — אירביידע זייט נישט געווען אין דערהיים, ווען אַהער איז געקומען אָט דער גערער אייערער . . . וואָלט איר געזען ווי ער האָט זיך דאָס געהאַלטן מיט מיר! . . איך האָב זיך באַמיט צו פאַר־פירן מיט אים אַ געשפּרעך, האָט ער מיר בלויז געענטפערט: „יאָ״, „ניין״, איז אַלע מאָל רויט געוואָרן און האָט נישט געוואוסט וואו די הענט צו האַלטן . . . אַ געלעכטער און גענוג! . .

— נו, איז וואָס? — האָט סאָפיאַ באַריסאָוונאַ רואיק געזאָגט. — דאָס וועט איבערגיין . . .

— אָך, וואָס רעדסטו! — האָט דאָס מיידל זיך געהיצט. — אַזוי נישט צו וויסן דאָס לעבן! אַ שאַנדע! . .

באַרוכאָוויטש האָט זיך צעלאַכט, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען.

לייב זעלבסט איז אויך געווען ניט שטאַרק צופרידן פון זיך; ער האָט זיך ווירקלעך געהאַלטן זייער ווילד און נאַריש און האָט געמוזט מאַכן אויף דער גרויס־שטאָטישער פריילין אַן איינדרוק פון אַ ישיבה־בחור. וואָס דען? ער איז טאַקע אַ ישיבה־בחור! ווי קען מען עס קיין צוויי ווערטער נישט אויסרעדן מיט אַ מענטשן? וואָס האָט ער זיך דערשראָקן? זי האָט אים אַזוי מילד געפרעגט, ווי אַזוי זיי פאַרברייג־גען דאָ די צייט, צי איז פאַראַן וואוהין אַריינצוגיין — און ער האָט געמרוקעט, ווי אַ קו! . . ער האָט זיך באַשלאָסן אויסצובעסערן זיין אויפפירונג און דער ערשטער מיט איר אַ געשפּרעך צו פאַרפירן.

קומענדיק אויף מאָרגן אַרום פיר אַזייגער צום לערער, האָט ער קלאַראַ באַריסאָווגאַן אין שטוב נישט געטראָפן און איז אַרויסגע־גאַנגען אין גאָרטן. באָרוכאָוויטש האָט געוואוינט ביי אַ קריסט אין עק שטאָט צווישן פעלדער און גערטנער. אונטער אַ בוים, אַרום אַ טישל, איז געזעסן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, האָט געטרונקען טיי, און גע־שמועסט וועגן עפּעס. נאָר קלאַראַ באַריסאָווגאַן האָט מען דאָ אויך נישט געזען. די קאָמפּאַניע מיט איר געשפּרעך האָט לייבן היינט אויס־געוויזן נישט אינטערעסאַנט; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט, אויף אַ באַנק, וועלכע איז געווען איינגעגראָבן אין דער ערד, אין גע־דיכטן שאָטן, און האָט זיך פאַרטראַכט.

פון אָרט וואו לייב איז געזעסן האָט זיך אַנטדעקט אַ קרייזבילד אויף עטלעכע וויאָרסט. רעכטס האָבן זיך געצויגן גאָלדענע פעלדער, זיך געהויבן צום הימל אומגעהויערע הויפן היי און שטרוי, צווישן וועלכע עס זענען אַרומגעלאָפן הין און צוריק פּויערן און עס האָבן שעמערירט די העלע פילפאַרביקע טיכלעך און קליידער פון די פּויער־טעס. לינקס, אין טאָל, איז געלעגן דאָס שטעטל, פאַרזונקען אין גרינס; פון יענער זייט שטאָט האָט זיך ווידער געהויבן אַן אָפּגעלייגטער באַרג, אויף וועלכן עס האָט געקלעטערט אַרויף אַ ווייסער, פאַרדרייטער וועג. ערגעץ ווייט אין דער הויך האָט זיך באַוועגט איבערן פעלד אַ זייל שטויב, ווי אַ פאָן איבער אַ מחנה. גלייך קעגנאיבער, אין דער נידער, האָט געפינקלט דער דניעפּער; זיין נעענטערער ברעג האָט זיך פאַר־באַהאַלטן אונטערן באַרג, און די צווייטע „פּאָלטאַווער" זייט האָט זיך געצויגן ביזן האָריזאָנט. די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזן נידעריקער,

און די שאָטנס האָבן זיך אויסגעצויגן לענגער. אַלץ האָט געאָטעמט מיט רו און פרידן.

ביים טיש איז געוואָרן עפּעס אַ גערויש; לייב האָט אַ קוק געטון אין יענער זייט — און דאָס בלוט איז אים אַריין אין קאָפּ: לעבן טיש איז געשטאַנען קלאַראַ באַריסאָוונאַ, אין אַ שטרויענעם הוט, מיט אַ שירם אין האַנט, האָט עפּעס דערציילט און געלאַכט. לייב האָט זיך אַ הויב געטון פון באַנק און זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן. וועט זי צוגיין צו אים, אָדער ניין? . . זי איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב און איז באַלד אַרויס צוריק אָן דעם הוט און שירם. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און איז צוגעגאַנגען צו לייבן.

— איר קלייבט פאַרגעניגן פון דער נאַטור? — האָט זי געפרעגט, אים געבנדיק די האַנט, און קוקנדיק אויף אים מיט אירע גרויסע, ליכטיקע אויגן. לייב האָט זיך קוים צוגערירט צו איר האַנט און האָט אַרויסגעברומט:

— יאָ . . .

„יאָ, ניין, יאָ!" — האָט קלאַראַ באַריסאָוונאַ אינווייניק אים איבערגעקרימט. ער האָט עס דערפילט אין איר בליק און איז גאָר צעטומלט געוואָרן. „וואָס פאַר אַ רוח! איך בין משוגע, צי וואָס!" . . . האָט ער אַ קלער געטון און הויך צוגעגעבן:

— די לאַנדשאַפט איז מערקווירדיק!

— די לאַנדשאַפט איז ווירקלעך ניט שלעכט, — האָט קלאַראַ באַריסאָוונאַ איינגעשטימט, זיך זעצנדיק לעבן אים. — ביי אייך איז אָבער צו שטיל, אומעטיק. קיין שטאָט־גאָרטן, קיין טעאַטער, אַפילו קיין רעכטע ביבליאָטעק איז דאָ ניטאָ. ווי אַזוי לעבט איר דאָ?!

לייב האָט געשוויגן און זיך געמאַטערט. דאָס מיידל איז געזעסן לעבן אים, און איר נאָענטקייט האָט אים דול געמאַכט.

— זיי רעדן דאָרט פון דאָסטאָיעווסקין, — האָט קלאַראַ באַריסאָוונאַ נאָך אַ לאַנגער פּויזע אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אין דער זייט וואו דער טיש איז געשטאַנען. — נאָך מיין מיינונג, איז ער זייער נישט אינטערעסאַנט. ווי געפינט איר?

לייב איז עטוואָס לעבעדיקער געוואָרן.

— נישט אינטערעסאַנט? — האָט ער פּראָטעסטירט. — פאַרקערט, מיך פאַראינטערעסירט קיין שרייבער ניט אַזוי ווי ער, מען

דאַרף נאָר איבערלייענען צען־צוואַנציק זייטן פון זיינס אַ ווערק, מען זאָל זיך נישט קענען אָפּרייסן דערפון. ווער נאָך קען מענטשן אַזוי ווי ער? . .

— ער שילדערט אַלץ קראַנקע, ניט־נאָרמאַלע מענטשן . . .

לייב האָט אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די הענט.

— קראַנקע?! פאַר וואָס זשע קומט אונדז פאָר אַלץ וואָס ער שרייבט אַזוי באַקאַנט? . . פאַר וואָס דערקענט יעדער אין זיינע העלדן זיך זעלבסט? זענען אַלע קראַנק?

קלאַראַ באַריסאָוונאַ האָט אַ גענעץ געטון, פאַרשטעלנדיק איר מויל מיט דער האַנט. דאָך האָט זי אויס העפלעכקייט אַריינגעשטעלט אַ וואָרט:

— עס איז זייער שווער אים צו לייענען. ער ווירקט אויף די נערוון.

— לעבן איז נאָך שווערער . . . — האָט לייב שטיל געענטפערט. עפּעס אַזוינס אין זיין טאָן האָט זי געצוואונגען אויפמערקזאַמער אויף אים אַ קוק צו טון.

— צוליב וואָס ליגט איר דאָ אין אַזאַ העק? — האָט זי געפרעגט.

נאָר לייב איז שוין פאַרקראָכן אין זיך זעלבסט. ער האָט אַ מורמל געטון עפּעס וועגן פאַרשיידענע ספּעציעלע אומשטענדן, וואָס שפּילן אַ ראָלע אין לעבן פון יעדן מענטשן באַזונדער, און דאָס געשפּרעך האָט זיך אָפּגעהאַקט.

12.

שבת אין דער פרי איז ר׳ אברהם געקומען פון שול שטאַרק אויפגעבראַכט.

— גיי, הער וואָס מען רעדט אויפן תכשיט דיינעם! — האָט ער געזאָגט צו גאָלדען. — שיינע מעשיות דערציילט מען זיך אָן וועגן אים . . .

גאָלדע האָט אַ קוק געטון אויפן זון און האָט רואיק געפרעגט:

— וואָס זשע האָט ער דאָרט געטון אַזוינס? ער האָט אודאי אַ קלויסטער באַגנבעט? . .

— ער פאַרשוואַרצט מיר דאָס פּנים, איך קען איבער אים אין קיין מקום־קדוש נישט אַריינגיין. וואו צוויי איז ער אַ דריטער! מען

קלייבט זיך צונויף, בחורים מיט מוידן, צו אַט דעם גוי, ווי הייסט ער דאָרט, צו דעם באָרוכאָוויטשן, און מ׳לעבט אַ גוטן טאָג! . .
גאָלדע האָט געשוויגן; לייב האָט זיך פאַרקוקט אין פענצטער.
— צום לערער איז געקומען צו פאָרן עפּעס אַ משומדת, אַ הול־טייקע, און ער, — ר׳ אברהם, האָט אָנגעוויזן אויף לייבן, — שלעפּט זיך מיט איר אַלע טאָג אויף שפּאַציר . . . מען רעדט רוסיש און מען לאַכט: כי־כי־כי! כאַ־כאַ־כאַ! — איך פרעג דיך, וואָס ביסטו מיט איר פאַר אַ מחותן? וואָס איז דאָס גאָר, אַ יונג זאָל זיך צונויפגיין מיט נקבות?!
לייב איז געווען בלייך און האָט געביסן זיין אונטערשטע ליפּ . . .
— איך בעט דיך, טאַטע, זאָלסט מיך ניט טשעפּען, — האָט ער, פאַרטויבט געזאָגט. — איך בעט דיך נאָך אַמאָל — לאָז מיך צורו!
ר׳ אברהם האָט זיך אָנגעצונדן.
— וואָס איז, דו וועסט מיך אפשר שלאָגן, צי אין טורמע אַריינ־געבן?! אַ, דו, סמאַרקאַטש איינער, איך וועל דיר געבן פּעטש, אַז דער רוח וועט דיך נעמען!
לייב האָט אומגעוואָרפן דאָס בענקל און איז אַרויסגעגאַנגען.
— געדיינק, אברהם, וועסט אים נאָך, חלילה, צו עפּעס ברייג־גען . . . — האָט גאָלדע געוואָרנט.
— וואָס איז, ער וועט זיך שמדן . . . כאַפּט אים דער רוח, זאָל ער דיר גיין מיטן קאָפּ אין דר׳ערד! כ׳מיין, וואָס קומט מיר דערפאַר, אַז איך וויל נישט ער זאָל גיין אַהינצו אין שטוב אַריין?! איין מאָל פאַר אַלע מאָל — איך וויל נישט, און גענוג! וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות, איך טאָר שוין מיין אייגן קינד קיין דעה ניט זאָגן?!
— ניין, מומע, וואָס רעדט איר! — האָט חיים זיך אָנגערופן. — עס איז טאַקע נישט זייער שיין . . . וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס — ער שלעפּט זיך אַרום מיט מיידלעך, ווי אַ כ׳ווייס ווער. עס איז נישט! . .
חיים האָט באַקומען אַ ווייסן קאַרק און אַ שטיקל בייכל; זיין קורץ בערדל פלעגט ער פליקן מיט די הענט; אין שטוב פלעגט ער אַרומגיין אין אַ זיידענער יאַרמולקע און רעדן שטיל און געזעצט. אין די אויגן האָט ער אויפן לייבן נישט גערעדט, נאָר געהאַלטן האָט ער זיך קעגן אים קאַלט און געקוקט אויף אים ווי אויף אַ ליידיקגייער און אַ טויגעניכטס.

לייב איז די לעצטע צייט אַרומגעגאַנגען ווי אין חלום. ער האָט געלעבט בלויז מיט איין געפיל, איין בילד האָט שטענדיק געשוועבט פאַר זיינע אויגן. צוויי יאָר נאָכאַנאַנד איז זיין האַרץ געווען פאַרשטיי־נערט, און אַ שווערער, שטומפּיקער אומעט האָט געדריקט זיין ברוסט. ער האָט פאַרלאָרן די פייאיקייט צו ליידן און פאַרגעניגן צו האָבן און דערביי אויך דעם אינטערעס צום לעבן, און האָט די גאַנצע צייט נישט געקאָנט רעכט קומען צו זיך. איצט אָבער האָט זיין האַרץ געווייטיקט; שטילע זיפצן האָבן זיך אָפּטער געריסן פון זיין ברוסט, און ער האָט, קענטיק, געליטן, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט, אַז ער לעבט אויף. זיין געזיכט האָט אויסגעזען בלאַס, ליידנד און דערהויבן. ביי באָרוכאָוויטשן אין הויז האָט ער אַממייסטן געשוויגן.

קלאַרא באָריסאָווגאַ האָט שוין לאַנג באַמערקט וואָס אין לייבן גייט פאָר. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל האָט זי אין אַ מאַנספערזאָן צו זיך אַזעלכע געפילן דערוועקט, באַזונדערס אין יונגוואַרג. עס פלעגט איר הנאה טון און דערביי אַרויסרופן דאַנקבאַרקייט און עפּעס ווי מוטער־לעכע צערטלעכקייט צו אירע פאַרערער. מיט לייבן האָט זי פאַרבראַכט אָפּטער און לענגער ווי מיט די איבעריקע באַזוכער פון איר שוועסטערס הויז, און האָט אַ פּאָר מאָל אויף אים אַזעלכע בליקן געוואָרפן, אַז דאָס האַרץ איז ביי אים שיר נישט אַרויסגעשפּרונגען. דאָך האָט זי זיך נישט איינגעהאַלטן און דערציילט דער שוועסטער; יענע האָט עס איבערגע־געבן דעם מאַן. באָרוכאָוויטש איז געוואָרן אויסער זיך.

— אָט דאָס מיידל וועט אים פון זינען אַראָפּפירן! — האָט ער אַ פּאַטש געטון מיט די הענט.

— ניין, דו האָסט אַ טעות, — האָט סאָפיאַ באָריסאָווגאַ פאַר־טיידיקט איר שוועסטער. — קלאַראַ האָט אויף אים פריער אַפילו קיין אַכט נישט געגעבן: פון קיין האָפנונג איז שוין גאָר קיין רעדע נישט . . .

— נו, נו, מיר קענען אייערע שוועסטער! — האָט באָרוכאָוויטש געברומט. — מיר טוט באַנג דאָס יינגל: עס איז נישט גוט אַריינצו־פאַלן צו אייערע לייט אין די הענט.

סאָפיאַ באָריסאָווגאַ האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל. דאָך, ווען עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון קלאַראַס אָוועקפאָרן, האָבן זיי ביידע זיך דערפרייט צוליב לייבן.

דעם לעצטן אָוונט זענען ביידע יונגעלייט געזעסן אין גאָרטן אויף דער באַנק. לייב האָט געשוויגן: ער האָט זיך געפילט אומגליקלעך און האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. קלאַראַ באַריסאָוונאַ האָט זיך באַמיט צו פאַרפירן אַ געשפּרעך, און האָט אַלע מאָל זיך פאַרקוקט אויפן יונגנמאַן, ווי זי וואָלט עפּעס דערוואַרטן פון זיין זייט.

— פונדעסטוועגן, טוט מיר אַ ביסל באַנג אַוועקצופאָרן פון דאַנען, — האָט זי געזאָגט. — איר געדענקט יענעם אָוונט, באַלד נאָך מיין קומען, ווען מיר זענען געזעסן אויף דער זעלבער באַנק? דאָס וועטער איז דעמאָלט געווען וואונדערבאַר שיין. אין דער גרויסער שטאָט זענען מיר קיינמאָל ניט אַזעלכע נאַטור־בילדער, ווי אויף דער פּראָווינץ. אמת, דאָרט איז דאָס לעבן רייכער, דערפאַר אָבער ווערט מען דאָ מער צוגעבונדן צו מענטשן . . .

ביי לייבן האָט זיך אומגערן אַרויסגעריסן אַ זיפץ, איידער אים האָט זיך איינגעגעבן אים צו דערשטיקן. קלאַראַ האָט אויף אים גע־וואָרפן אַן אומשולדיקן בליק, ווי זי וואָלט פרעגן וואָס דאָס באַדייט.

— אַלזאָ, קלאַראַ באַריסאָוונאַ, פאָרט איר אַוועק . . . — האָט ער געזאָגט, און זיין שטימע האָט זיך אָפּגעהאַקט.

— איז וואָס? איר וועט נאָך מיר סיי ווי נישט בענקען . . . — האָט זי אַ שמייכל געטון.

לייב איז שיר ניט אונטערגעשפּרונגען פון אָרט, קיין ווערטער אָבער האָט ער ניט געפונען. קלאַראַ האָט אומגעדולדיק געריסן די בלומען פון דער רויז, וואָס זי האָט געהאַלטן. אין דער מינוט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט אים כמעט ליב.

— אַוועק פון אויג — אַרויס פון האַרצן . . . — האָט זי פאַר־געזעצט אין אַ מינוט אַרום. — איר האָט זיך דאָ אייערע מענטשן און וועט באַלד פאַרגעסן, אַז עס איז נאָך פאַראַן עפּעס אַ קלאַראַ אויף דער וועלט . . .

— אַך, קלאַראַ באַריסאָוונאַ, וואָס רעדט איר עס! . . — האָט לייב קוים אַרויסגערעדט.

„אַט, איז דאָס!“ האָט אַ בליץ געטון אין אירע אויגן. נאָר לייב איז אַנשוויגן געוואָרן און האָט שוין מער קיין וואָרט נישט גערעדט. קלאַראַ באַריסאָוונאַ האָט דערפילט אַ פאַרדרוס, האָט זיך אָנגעבלאָזן

און האָט אים דעם גאַנצן אָוונט נישט געמערקט. לייב איז געווען אין פאַרצווייפלונג און האָט פאַרשאָלטן זיך און די גאַנצע וועלט.

דאָך, ביים געזעגענען זיך, האָט זי שטאַרק געדריקט זיין האַנט און אים געשיינקט אַ שמייכל און אַ וואַרעמען בליק.

— דערמאָנט מיך נישט צום שלעכטן, מאָסיע גערער! . . — האָט זי אַם ענדע געזאָגט. לייב האָט געהאַלטן איר האַנט און האָט געצי־טערט. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון באַרוכאָוויטשס הויז, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך אָנגעשפאַרט אויפן פלויט און האָט לאַנג געקוקט אויף די פענצטער פון קליינעם שטיבל.

.13

לעבן ווי פריער איז פאַר לייבן געוואָרן אומדערטרעגלעך און אומ־מעגלעך, און ער האָט אַלץ אָפטער פאַרפירט מיט באַרוכאָוויטשן אַ רעדע וועגן אַוועקפאָרן ערגעץ.

— אַוועקפאָרן? . . — האָט דער לערער איינמאָל פאַרטראַכט געזאָגט. — וואוהין וועט איר פאָרן? וואָס וועט איר מיט זיך טון?

— איך ווייס נאָך דערווייל ניט, — האָט לייב געענטפערט. — דאָ קען איך מער נישט פאַרבלייבן, און דאָרט — וועלן מיר זען.

— כ׳ווייס? . . פאַרט! איך מיין אַז איר וועט נישט פאַרפאַלן ווערן, כאָטש עס ווערט מיט יעדן טאָג שווערער צו געפינען פאַר זיך אַן אָרט אין לעבן . . . נו, און וואָס וועט איר טון מיט אייערע עלטערן?

לייב האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן.

— אָט דאָס איז אַ ביסל נישט גוט . . . עס העלפט אָבער נישט, מען מוז, און איך וועל פריער־שפעטער מאַכן דערמיט אַן ענדע . . .

עס האָט גענומען אַן ענדע נאָך פריער ווי ער האָט געמיינט. די זעלבע וואָך, איינמאָל בייטאָג, האָט אים דער פאָטער פאַררופן צו זיך אין צימער; דער אַלטער האָט אויסגעזען זייער פאַרצאָרנט און איז אַ שטיקל צייט אַרומגעגאַנגען שווייגנדיק פון איין ווינקל צום צווייטן. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַרן זון און האָט שטיל געזאָגט:

— לייב! . . מען האָט מיר געזאָגט . . . אַז דו רויכערסט אום שבת . . .

זיין שטימע האָט זיך איבערגעריסן, ער האָט שווער געאָטעמט.

לייבן האָט עפּעס אַ זעץ געטון אין האַרצן און ער האָט געשווינד גע־ענטפערט:

— ס'אַ ליגן! . .

— שמואל דוד דער רויטער האָט דערציילט חיימען, אַז ער האָט דיך געזען היינטיקן שבת ביים לערער דורך דעם פענצטער אָן אַ היטל און מיט אַ ציגאַר אין מויל . . .

דער אַלטער האָט גערעדט, נישט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון זון, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. אַ מינוט האָט געדויערט, אַ שווערע שטילקייט. נאָכדעם האָט לייב אויפגעהויבן דעם קאָפּ; ער איז געווען בלייך, זיין שטימע האָט עטוואָס געציטערט.

— עס איז אמת: איך האָב גערויכערט! . .

ר' אברהם האָט זיך אַ טרייסל געטון; נאָכדעם האָט ער שווער אויפגעהויבן די האַנט און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם זון אַ פּאַטש . . . לייבס געזיכט איז געוואָרן ווייס ווי די וואַנט, נאָר פון אָרט האָט ער זיך ניט גערירט . . .

— איך טו אַלצדינג וואָס דו רעכנסט אַז מען טאָר עס נישט . . . נאָר פּאַטשן — וועסטו מיך מער נישט . . . דו הערסט? וועסט מיך מער נישט שלאָגן! . .

ער האָט ווי געציילט די ווערטער. ר' אַברהם איז אונטערגע־שפּרונגען.

— וו־אַ־אַ־ס?!! . . איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ קאַליקע! . .

ער האָט ווידער אויפגעהויבן די האַנט, נאָר לייב האָט זי אָנגע־כאַפּט מיט זיינער, און אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן יענעס אומ־היימלעך־גרין פייערל, וואָס דער ערשטער מלמד מיט זיינע שמיץ האָט אָנגעצונדן אין זיי.

— איך זאָג — דו וועסט מיך מער נישט שלאָגן! . . אויב דו וועסט אויף מיר אויפהויבן אַ האַנט . . . וועל איך דיך שלאָגן צוריק . . . איך וויל נישט . . .

ביים פאָטער האָבן די אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

— אַרויס פון מיין שטוב, משומד! . .

— פאַרשפּאָרסט מיך טרייבן . . — האָט לייב געענטפערט, און איז אַרויסגעגאַנגען.

ווען גאָלדע האָט זיך דערוואוסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז זי שטאַרק דערשלאָגן געוואָרן. איר זון, איר לייבל רויכערט אום שבת? . . ניין, עס קאָן ניט זיין! . . נאָר ווען ר׳ אברהם האָט איר געזאָגט, אַז לייב האָט זיך מודה געווען, איז זי געבליבן אָן לשון. דאָך, דערוויסנדיק זיך אויפן צווייטן פרימאָרגן, אַז לייב האָט אין דערהיים נישט גענעכטיקט, האָט זי דערפילט אַ שטאָך אין האַרצן. קומענדיק אין אָוונט פון קראָם אַהיים, האָט זי מיט אַ פראַגע אַ קוק געטון אויף דער דינסט. „ניט געווען! . .״ האָט יענע געזאָגט. אויף דער שטוב האָט זיך אָנגערוקט אַ שווערער פינצטערער וואָלקן. חיים מיט זיין פרוי האָבן זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער און זענען דעם גאַנצן אָוונט נישט אַרויסגעקומען צו די אַלטע. ר׳ אברהם איז די גאַנצע נאַכט געלעגן אויפן בעט מיט אָפענע אויגן און האָט געהערט ווי גאָלדע דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און קרעכצט. די נאַכט האָט זיך איצטיקס מאָל געצויגן אומגעהויער לאַנג. אין דער שווערער, אָנגעשטרענגטער שטילקייט, וואָס האָט געשטיקט דאָס אַלטע, גרויסע הויז, האָט זיך שאַרף צום אָנטאָפּן, אַריינגעשניטן דאָס מעטאַ־לענע פייפן פון אַ גריל. דער מעסיקער טיק־טאַק פון אַלטן וואַנט־זייגער האָט זיך געצויגן צווישן די שטונדן אין אַן אומענדלעכער רייע, ווי די וויאָרסטן־סלופּעס פון איין סטאַנציע צו דער צווייטער. צייטנ־ווייז האָט דער ווינט הינטערן פענצטער טויב געקלאַפּט מיט אַ האַלב־אָפּגעריסענעם לאָדן אין וואַנט. ערגעץ אויפן בוידעם האָט געקראַצט אַ מויז . . .

ר׳ אברהם מיט גאָלדען זענען אויפגעשטאַנען צום באַגינען. אינם אַלטן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג: ער האָט זיך אָפּגעלאָזן, איינגעבויגן און האָט צייטנווייז געקוקט אויפן ווייב, ווי אַ פאַרשול־דיקטער. די אַלטע, פאַרקערט, האָט אויסגעזען רואיק, שטרענג און האָט אויף ר׳ אברהמען נישט געקוקט. זי האָט אַוועקגעשיקט די דינסט צו באַרוכאָוויטשן, און ווען יענע איז געקומען מיט דעם ענטפער, אַז לייב איז דאָרט נישטאָ — האָט זי געוואָרפן אויפן מאַן אַזאַ בליק, אַז ער האָט זיך עפּעס איינגעקנייטשט . . . דערנאָך האָט זי זיך אָנגעקליידט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ר׳ אברהם געדאַוונט אָן כוונה. ער איז אין שול נישט געגאַנגען און האָט זיך אומגעדרייט אין

טלית און תפילין איבער אַלע צימערן, וועלכע האָבן אים איצט אויסגעזען גרויס, אומהיימלעך און ליידיק. זיינע אויגן האָבן געקוקט פאַרלאָרן און אומזיכער, ווי ביי אַ מענטשן וואָס פילט אַז די ערד וויגט זיך אונטער זיינע פיס. ער האָט זיך פּלוצים באַקלערט, אַז בויענדיק זיין הויז, צוריק מיט דרייסיק יאָר, האָט ער איבערגעצאָלט אויפן גע־הילץ . . . נאָכדעם איז אים איינגעפאַלן, אַז ווען שלום וואָלט צו יענער צייט שוין געהאַט די שטעלע אין וואַלד . . . „טפו!" . . האָט ער אויסגעשפּיגן, האָט איבערגעפּירט מיט דער האַנט איבערן שטערן און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. פון דאָרט האָט אויף אים אומפרייַנט־לעך אַ קוק געטון דער בלאַסער האַרבסט מיט זיין קויטיק־וואַסערדיקן הימל. קעגנאיבער איז געשטאַנען אַ האַלבער נאַקעטער בוים און האָט געציטערט פון ווינט, ווי אַן אַלטער פאַרוואָגלטער אָרעמאַן מיט אַ גרויער, שיטערער באָרד . . . אויף דער ערד האָט אַרומגעטאַנצט אַ פייגעלע, זוכנדיק שפּייז, און דאָס קליינע קערפּערל האָט געפלאַ־טערט און זיך געקנייטשט פון קעלט. ר' אברהם איז אַוועק פון פענצ־טער און האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּאַנען איבער די צימערן. צום סוף האָט זיין אויפרעגונג דערגרייכט ביז צום העכסטן גראַד. ער האָט אָפּגעוויקלט די רצועה פון מיטלסטן פינגער, כדי אויסצוטון די תפילין, און אין דער מינוט האָט ער דערזען דורכן פענצטער גאָלדען, וועלכע איז געלאָפן מיט אַ בריוו אין האַנט; הינטער איר איז געגאַנגען חיים. ר' אברהם איז געבליבן פאַרשטיינערט. גאָלדע איז אַריינגעלאָפן און האָט אַוועקגעוואָרפן דעם בריוו אויפן טיש. זי האָט געאָטעמט שווער, איר געזיכט איז געווען רויט, און די אויגן האָבן געברענט. ר' אברהם האָט מיט אַנגסט געקוקט אַ מאָל אויף איר, אַ מאָל אויפן בריוו, נישט באַשליסנדיק זיך אים צו נעמען און לייענען. גאָלדע האָט אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— נאָ, האָסט אויסגעפירט: האָסט אים פאַרטריבן אין דער וועלט אַריין! . . איצט ביסטו קייסער! . .

— ער איז אַנטלאָפן! — אברהמען איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן. ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם בריוו. לייב האָט געשריבן, אַז ער פאָרט אַוועק ווייל אים איז שוין צייט „אַרויס אויף דער וועלט", און ווייל ער קען מער ביי זיי אין הויז נישט זיין. „מיר זענען פאַרשיידענע מענטשן און וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסגלייכן. דער נעכטן מיטן מאָרגן וועלן

זיך קיינמאָל נישט צוזאַמענקומען. זייט מיר מוחל אַלץ, ווי איך בין אייך מוחל, וואָס איר האָט מיר דאָס לעבן פאַרביטערט. גלייכער איז, מיר זאָלן זיין ווייט איינער פון אַנדערן . . .״

לייענענדיק דעם בריוו האָט ר׳ אברהם געציטערט און די פאַרבן האָבן זיך געביטן אויף זיין פּנים. שטייענדיק אין טלית און תפילין, מיטן בריוו אין דער האַנט, האָט ער אויסגעזען צעבראָכן, נידערגעשלאָגן, און זיינע אויגן האָבן געקוקט אומזיניק און דול . . .

— זאָל ער גיין מיטן קאָפּ אין דער ערד! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ הייזעריקער שטימע. — איך דאַרף אים אויף כּפּרות, אַזאַ גוי! . . איך וועל אים קיין פּאַספּאָרט נישט געבן, איך וועל אים אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט! דאָס ביסטו שולדיק! . . — איז ער מיט אַמאָל אָנגעפאַלן אויף חיימען, וועלכער האָט זיך אָפּגערוקט פון אים אַ דערשראָקענער. — ווער האָט דיך געבעטן מיר דערציילן מעשׂיות?! איך וועל אים מיט פּאָליציי ברייינגען אַהיים! — האָט ער אַ קלאַפּ געטון אין טיש. — איך וועל אָט דעם אַפּיקורס, דעם לערער, אַרויסשיקן פון טאַרטילאָווו!

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און האָט זיך פּלוצים צעוויינט, כליפּענדיק ווי אַ קליין קינד.

— אויף דער עלטער עלנט . . . ווי אַ שטיין . . . פאַרוואָס? מיין כוונה איז געווען צום גוטן . . . אָ, לייבל! זוניו! . .

„די צוקונפט“, ניו יאָרק, 1907.

⚜ ⚜ ⚜

שוואַרצל

אויף יאָרק בולעוואַרד האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרץ־פויגל און גע־נומען זיך טעראָריזירן די געגנט.

אַן אַלטער פעפער־בוים מיט לאַנגע צעפּ איז געשטאַנען אויפן ראָג פון יאָרק און זיבן און פופציקסטער עוועניו, און אין דעם דאָזיקן בוים האָט זיך עס דער שוואַרצל באַזעצט.

אין אַ פונקט פון וועלטאַל האָט זיך פּלוצים קאָנצענטרירט אַ ביסל „ענערגיע". די קאָנצענטראַציע איז געווען גרויס, און דער פונקט איז געווען געשפּאַנט צום עקספּלאָדירן. דער פונקט איז געווען — דער שוואַרצל. דער שוואַרצל איז אַנטשטאַנען אין רוים מיטן באַשטימטן וויסן אַז ער לעבט אין אַ וועלט פון שונאים. און — די קאָנצענטראַציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער אימפּעט האָט אים געטריבן נישט פון, נאָר צו די שונאים. דעם שוואַרצלס דרך איז געווען — אָנצופאַלן מיט זעלבסטפאַרגעסנהייט אויף יעדן שונא — אויף אַלע זיינע שונאים.

צום אַלעם ערשטן איז ער אָנגעפאַלן אויף באַבן, דעם גויאישן „בוטשערס" הונט. באַב איז געווען פעט, פויל און געל, און זיין עובדא איז געווען צו ליגן ביי דער טיר פון דער יאַטקע, אַ ביסל אַן אַ זייט, זיך וואַרעמען אויף דער זון און אַמאָל זיך פּרואוון כאַפּן אַ פליג. די ערשטע אַטאַקע אויף אים האָט אים אויסגעזען אַ מיספאַרשטענדע־ניש, און ער האָט מיט אַ ביסל פאַלשער עניוות זיך איבערגעצויגן אויף דער צווייטער זייט טיר. נאָר אַז דער שוואַרצל איז געקומען אַהין אויך, האָט באַב אים אַ שפּרונג געטון אַנטקעגן מיט אַ בייזער. מער האָט מען נישט באַדאַרפט: דער שוואַרצל האָט עקספּלאָדירט ווי אַ פּילפּאַכע ראַקעטע און האָט באַהאָגלט באַבן פון אַלע זייטן מיט אַמאָל, און דעם הונטס האָר האָבן גענומען פליען אין דער לופט פּאַסמעסווייז. דערגריייכן אָדער אָנרירן אים איז געווען אוממעגלעך אַן פליגל, און באַב איז סוף כל סוף אַנטלאָפן מיט אַ געהייל. דער שוואַרצל איז אַוועק צו זיך אויפן בוים און האָט אָפּגעזונגען אַ קורצע שירה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קנאַקנדיקער סטאַקאַטאַ, ווי ער

וואַלט געבראָכן טרוקענע צווייגן. שפּעטער, און אויף מאָרגן, און אויף איבערמאָרגן — דיזעלבע געשיכטע. דער סוף איז געווען אַז דער הונט איז פאַרטריבן געוואָרן אויף דער אַנדערער זייט גאַס. דאָרט האָט ער זיך געהאַלטן מיט עניוות — מיט אמתדיקער — און האָט מיט בייניקעניש פאַרקוקט צו דער יאַטקע. בלויז זעלטן פלעגט ער זיך אַריבערכאַפּן נאָך אַ ביין.

אויף דעמזעלבן ראָג איז יעדן שבת פאַרנאַכט געשטאַנען אַ מיידל פון דער „סאַלוויישאַן אַרמי״. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן דעם באַקאַנטן שוואַרץ־שטרויענעם באָנעט, און פון אונטער אים אַרויס האָט זי געפּאַנפּעט אויף אַ ניגון, אַז יעזוס האָט זי ליב; האָט מיך ליב און אייך ליב; אונדז אַלעמען ליב.

דעם שוואַרצל איז נישט געפעלן געוואָרן דער באָנעט, נישט דער ניגון, און, וואָס אמת, די ליבע אויך ניט. נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוגעהערט אַ ביסל, איז ער אַרויסגעפלויגן פון זיין בוים און האָט אַ פּיק געטון אין באָנעט. דאָס מיידל האָט אים אַ טרייב געטון מיט אַ טיכל, איז ער אָפּגעפלויגן אַ ביסל און שוין מיט הנאה אָנגעפאַלן נאָכאַמאָל אויף דעם דאָזיקן באָנעט. דאָס מיידל האָט זיך אומגעקוקט צי קיינער האָט נישט באַמערקט און איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. דאָרט האָט זי ווידער געגומען זינגען. נאָר דאָס פּאַנפּען איז אַרויסגעקומען הייזעריקלעך, מיט אַ געוויסן כריפּ. אויפן צווייטן שבת האָט זי זיך שוין לכתחילה געשטעלט אויף דער אַנדערער זייט גאַס, נאָר דער שוואַרצל איז געקומען אַהין און האָט מיט רציחה געמאַכט אין באָנעט אַ לאָך און אַפילו אַ ריס. אויפן דריטן שבת איז דאָס מיידל שוין געשטאַנען מיט זעקס בלאַק ווייטער, ביי פּאַסאַדינא עוועניו, און האָט לאַקריצדיק און אין דער נאָז געצויגן דעם פּזמון וועגן דעם, אַז יעזוס האָט זי ליב; האָט מיך ליב און אייך ליב; אונדז אַלעמען ליב.

דער קאָטער טאָם איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט. שוואַרץ ווי די נאַכט, ווילד פאַרוואַקסן און צעשויבערט, מיט איין אויער צעפּליקט אויף לאָקשן, האָט ער קיין באַזונדערן צוטרוי נישט אַרויסגערופן, און פלעגט אָפּט כאַפּן אַ שטיין פון יונג און אַלט, פאַרדינט צי נישט פאַרדינט. אַז אַ באַלעבאָסטע האָט געריינִיקט פיש, האָט ער געדיינקט אַז דאָס איז פונזיינעטוועגן און האָט נאָר געוואַרט אויף

איר אָוועקגאַנג פאַר אַ סימן אַז די פיש זענען פּאַרטיק פאַר אים. ער פלעגט זאָגן: אַלע פלעשלעך מילך זענען פונמיינעטוועגן. און נאָך פלעגט ער זאָגן: אַלע ק ע ץ זענען פונמיינעטוועגן.

אין געוויסע צייטן פון יאָר זענען די נעכט פול געווען מיט די געשרייען און געזאַנגען פון קעץ, און טאַמס שטימע איז געווען צו דערקענען אָן איר אומגעריכטער דינקייט און וויינענדיקייט, וואָס האָט מאָדנע נישט האַרמאָנירט מיט זיין אויסזען — גיכער אַ געוויין פון אַ שלימזלדיק קעצעלע, איידער דער חוצפּהדיקער רוף פון אַ גע־זונטן, רויבערישן קאָטער. אין אַנדערע צייטן האָט ער זיך פאַרנומען מיט כאַפּן פייגעלעך און — מיט וויניקער חשק — מייז.

האָט טאַם איינמאָל געכאַפּט עפּעס אַ שלעכטן ביסן און האָט תיכף געקראָגן אַ דערשלאָגן געמיט. מיט פּאַמעלעכע טריט איז ער געגאַנגען אין די־אַגאַנאַל איבערן ליידיקן, גראָז־פאַרוואַקסענעם פּלאַץ ביים ראַג פון יאָרק בולעוואַרד און האָט נעפּלדיק געטראַכט וועגן דעם, אַז וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט. אָט די דאָזיקע וועלט, וואָס איז אודאי באַשאַפן געוואָרן פון זיינעטוועגן, נאָר באַשאַפן געוואָרן שלעכט, עפּעס איז זי אים, די דאָזיקע וועלט, ניט דאָס וואָס זי באַדאַרף צו זיין. אָט ווען ער וואָלט זי באַשאַפן, וואָלט ער קודם כל . . .

נאָר, אייגנטלעך, ווייס איך ניט וואָס ער האָט געטראַכט — פון וואַנען זאָל איך וויסן? מ׳האָט אָבער דייטלעך געקאָנט דערקענען אָן אים, אַז ער איז לחלוטין ניט קריגעריש געשטימט, און אַז ער איז איבערהויפּט נישט פון יענע לייט וואָס טשעפּען אַ פליג אויף דער וואַנט. און פּלוצים האָט ער דערהערט עפּעס אַ גרילץ, נאָר אַזאַ בייזן און דראָענדיקן, אַז ער האָט מיט אַ נערוועזן ציטער אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען און פאַרריסן די מאָרדע אַרויף. ער האָט קוים באַוויזן צו דערזען דעם שונא, ווי דער שוואַרצל האָט אים דערלאַנגט אַ שאַרפן און שטאָלענעם פּיק מיטן שנאָבל אין אויג אַריין.

מיט אַ קוויטש און אַ קללה אויף דער דאָזיקער וויסטער, קלעג־לעכער וועלט, איז טאַם אַריבערגעשפּרונגען איבער עפּעס אַ פּאַרקאַן און איבער נאָך עפּעס אַ פּאַרקאַן און האָט זיך געלאָזט לויפן וואו זיינע אויגן האָבן אים געטראָגן — וואו ז י י ן א ו י ג האָט אים געטראָגן, ווייל איינס האָט ער אָט ערשט פאַרלוירן.

און דער שוואַרצל איז אַרויף צוריק אויף זיין בוים און האָט מיט

גרויס התלהבות זיך צעזונגען: זאָלסט ניט פאַרכטן, מיין קנעכט שוואַרצל; אַ שטערן האָט געטראָטן פון שוואַרצל; זאָלסט ניט פאַרכטן, מיין קנעכט שוואַרצל. — עפּעס אַזוינס, אין דעם נוסח. —

דער גויאישער קצב, דער באַלעבאָס פונם אויבנדערמאָנטן הונט באב, האָט געהייסען מעק־קולאך. — יעס, סער־רי! ער איז געווען אַ שאט־אירלענדער „סקאטש־איריש", יעס־סער־רי! און זיינע אור־עלטערן זענען געקומען אַהער אין לאַנד עפּעס גאָר אין קורצן נאָך דער „מעיפלאוער". יעס־סער־רי! ביי אים אין פענצטער איז געהאנגען אַן אָפּגעשוונדענער שעפּס מיט פאַרקאַשערטע חלבענע ליפּן און האָט אימהדיק געלאַכט פון דער וועלט. מעק־קולאך אַליין, ווען ער האָט ניט געזעגט קיין ביינער אָדער געשניטן ברושטינענע סטייקס אויף יענער זייט טיש, איז געשטאַנען ביי דער טיר פון זיין קראָם אין אַ ווייסן כאַלאַט, מיט די הענט אונטערן ווייסן פאַרטוך, און האָט מיט לייכטן חוזק געקוקט אויף די פאַרבייגייער, וואָס זענען ניט אַלע געווען „סקאטש־איריש" און האָבן אודאי נישט געשטאַמט פון די צייטן פון דער „מעיפלאוער".

(ניט געענדיקט)

לאָס אַנגעלעס, 1926.

פון מיין נאָטיץ-ביכל

.1

איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה וועגן — זיך. האָט קיין פאַר־איבל ניט: עס איז אפשר אויך וועגן אייך. לאָמיר זען. —

איך האָב אַ פריינט אַ קאָמוניסט — אַן „אמתדיקן“: אַזעלכן וואָס „געהערט צו דער פאַרטיי“, וואָס בלאָזט זיך אָפּט ווען די פאַרטיי האַנדלט ניט ווי ער דיינקט אַז זי דאַרף האַנדלען — נאָר בלייבט אין דער פאַרטיי. און בלאָזט זיך. און פאָלגט וואָס מ'הייסט. און בלאָזט זיך ווידער. און פאָלגט ווידער. —

איינמאָל טרעף איך אים אין אַ האָטעל, אין אַ שטאָט ניט זייער ווייט פון ניו יאָרק. איך „טרעוול“ — איך וואָיאַזשיר, הייסט עס — פאַר אַ פירמע, און איך פאַרקויף עפּעס אַזוינס. וואָס איז די נפקא־מינה וואָס איך פאַרקויף? —

איך קלייב זיך פאַרלאָזן דעם האָטעל און די שטאָט, און איך דערצייל מיין פריינט אַזאַ מעשה:

— ווי דו ווייסט, בין איך אַ מענטש „מיט אַ מאָגן“, ניט פאַר דיר געדאַכט. פיר איך מיט זיך מיט, און ברענג אין די האָטעלן, שפּייז וואָס איך מיין אַז זי איז גוט פאַר מיר. שאַכטעלעך, סלאָיעקלעך, פּע־קעלעך, פלעשעלעך — פרעג ניט וואָס. איך שטעל זיי אַרויס אויף יענער זייט פענצטער, זיי זאָלן זיך האַלטן בעסער אין דער ווינטער־דיקער קעלט. גוט. —

— נעכטן געפין איך אַז אַ גלאָז מיט זענעפט איז פאַרשוואונדן. איך האָב אויך אַוועקגעשטעלט אַ סלאָיעקל מיט קאַלטן פלייש — פעלט מיר דאָס דעקל פונם סלאָיעקל. איך קוק אַרויס דורכן פענצטער אין דער „עללי“ — דעם שמאָלן הינטערגעסל הינטער מיין האָטעל — יאָ: עפּעס געלט זיך דאָרטן אונטן ניט זייער חנעוודיק, און אַ בלעכן דעקל וואַלגערט זיך דערנעבן. אַהאַ! די דינסט — אַ שוואַרצע, אַ נעגערטע — האָט זיך אַ ריר געטון . . .

— ווי שלעכט מענטשן אַרבעטן! — זאָג איך צו מיין פריינט.

— ווי נאכלעסיק, ווי אומפייאיק, ווי אומגעטריי זיי טוען זייער אַרבעט — וואָס פאַר אַן אַרבעט עס זאָל ניט זיין!

מיין פריינט שווייגט.

— פון דער אַנדערער זייט, — רייד איך ווידער, — פאַרוואָס זאָל זי אַרבעטן „געטריי". אַז זי האָט צו באַאַרבעטן עטלעכע שטאָק פאַר אַ נישטיקן געהאַלט? איז טאַקע איר שלעכט און מיר אומבאַקוועם. און אפשר האָט זי גאָר געוואָלט אַ נאָש פון די מאכלים וואָס איך האָב דאָרט געהאַט — איז וואָלט זי מיר זאָגן! עס קאָסט סך־הכל עטלעכע סענט און איך וואָלט איר ניט געזשאַלעוועט. אַזוי אָבער, ווען דאָס דעקל פאַלט ניט אַרונטער, וואָלט איך עס אפשר גאָר־ניט באַמערקט און וואָלט דערנאָך געגעסן פון די זעלבע מאכלים. בר־ר־ר! . . נאָר דער סוף איז, אַז איצט קאָן איך זיך ניט דעררופן צו דער דינסט: זי באַהאַלט זיך אויס פון מיר. איר פאַרשטייט, צו וואָס מיר האָבן מענטשן דערפירט? זיי האָבן מורא פאַר אונדז . . . און איך וויל איר גאָר קיין שלעכטס ניט טון. אדרבה: איך פאָר אַוועק וויל איך איבערלאָזן עטלעכע סענט, נאָר זי באַהאַלט זיך ערגעץ אויס. וואָס זשע טוט מען? . .

דערציייל איך אויס מיין פריינט אָט די גאַנצע מעשה, און ער שווייגט נאָך אַלץ. ער איז בכלל אַ קנאַפּער ריידער, נאָר איך בין פון זיין שווייגן ניט צופרידן. אַ האַרטער, אַ טרוקענער מענטש . . . קיין דינגע שטריכן זעט ער ניט.

מאָך איך, אין זיין אַנוועזנהייט, נאָך אַ פּאַרזוך, דורכן אָפּיס פון האָטעל, אַרויסצורופן צו זיך די דינסט. און עס גיט זיך מיר איין. זי קומט אַרויף אַ דערשראָקענע מיט גרויסע אויגן און ווייסע ציין און מיט אַ פּנים ווי אַ העמד וואָס מ'האָט עס געטראָגן וואָכן אומגעוואַשן. איך זאָג איר מיט אַ שמייכל: אַזוי און אַזוי; איך פאָר אַוועק; זי וועט אויפראַמען מיין צימער שפּעטער. און איך נעם פון טיש אַ האַלבן דאָלער און דערלאַנג איר. זי קוקט מיך אָן דערשראָקן און זאָגט: „יעס־סער!" זי נעמט דעם האַלבן דאָלער, גיט פּלוצים אַ שמייכל ווי אַ טויער וואָלט זיך געעפנט און זאָגט נאָכאַמאָל: „יעסער! טהענקיוסער!" דער טויער פאַרהאַקט זיך מיטאַמאָל, אויפן פּנים לייגט זיך ווידער אַוועק אַ שרעק און זי אַנטלויפט. —

מיר איז לייכט אויפן האַרצן, און איך זאָג צו מיין פריינט מיט אַ זיפצל: „אָט אַזוי ווי דו זעסט . . .״, און איך ווייס אַליין ניט וואָס איך מיין דערמיט צו זאָגן. מיין פריינט שווייגט נאָך אַ ביסל, דערנאָך שטייט ער אויף מיט אַ קאַלטער רציחה און מיט אַ גראָבקייט וואָס גע־ווייגלעך זעט מען זי ניט פון אים — מאַכט ער צו מיר:

— האָסטו זיך, הייסט עס, איינגעקויפט עולם־הבא און אַ געפיל אַז דו ביסט אַ פיינער סאָרט מענטש — פאַר אַ האַלבן דאָלער. זאָג זשע מיר, איך בעט דיך: אַ זונה קאָסט דיר אויך ניט מער ווי פופציק סענט? . . —

און גייט אַוועק.

אודאי בין איך געוואָרן אין כעס. כעס איז אַ שטאַרקע משקה, און איך האָב לאַנג געשיכורט און הנאה געהאַט. דערנאָך האָט זיך די הנאה אויסגעוועפּט, און איצט איז מיר ניט גוט אויפן האַרצן. ז י י ע ר ניט גוט. —

2.

אַ יום־טוב

אין אַ שיינק, ביי אַ טישל, זיץ איך אויף א י י ן זייט, און אויף דער צווייטער זייט עפּעס אַן אַנדער מענטש, אַ מיטליעריקער פּאַרשוין, דאָס הייסט — אַ ביסל אַ ר י ב ע ר די מיטליאָרן. איך האָב אויס־געטרונקען אַ גלעזל, און צוויי, און דריי — מאַך איך צו אים:

— קומענדיקע וואָך האָבן מיר, הייסט עס, אַ יום־טוב? . .

ער קוקט מיך אָן אַ ווײַלע און זאָגט:

— וואָס פאַר אַ יום־טוב?

דערקלער איך אים. עס קומט מיר אָן אַ ביסל שווער ווייל איך האָב געטרונקען אַ גלעזל, און צוויי, און דריי, נאָר איך ברייע אויס עפּעס אַזוינס. שווייגט ער ווידער אַ ווײַלע. דערנאָך פרעגט ער:

— איר אַרבעט?

איך געפין זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. שווייג איך אויך אַ ביסל. מאַכט ער ווידער:

— ווי לאַנג אַז איר אַרבעט ניט? . .

ער רעדט אַזוי זיכער! איז עס אָנגעשריבן אויף מיין פּנים? מסתמא אָנגעשריבן. ענטפער איך:

— ניין — צען חדשים.

קוקט ער. דערנאָך זאָגט ער:

— מיינער אַ באַקאַנטער, אַן אָרעמער פּאַרמער, האָט אַ הונט מיטן נאָמען באב. פאַרביי דער פּאַרם לויפן די רעלסן פון דער אירי־אייזנבאַן — אָדער איז עס די „בי" און „אָ", אָדער די טראַנסקאנטינענ־טאַל. אָדער אַן אַנדער שוואַרץ־יאָר? — איז יעדעס מאָל ווען אַ צוג לויפט פאַרביי, ווערט באב אָנגעצונדן ווי אַ גזלן; ער לויפט נאָך, ער בילט מיט רציחה, ער וויל דורכבייסן דעם צוג. שטייט איינמאָל מיין פריינט דער פּאַרמער, קוקט נאָך דעם צעיאָגטן הונט, רויכערט זיין ליולקע און רעפלעקטירט:

— ... לאָמיר זאָגן — אַז באב וועט שוין כאַפּן דעם צוג. איז — וואָס וועט ער טון מיט אים? ..

איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלעזל, און צוויי, און דריי, אין קאָפּ ביי מיר גייען רעדער — און איך קאָן זיי ניט אָפּשטעלן. איך פרעג מיין שכן:

— אַנטקעגן וואָס, הייסט עס, איז עס צו רייד געקומען?

— איך מיין, ענטפערט ער, — לאָמיר זאָגן, אַז קומענדיקע וואָך איז אַ יום־טוב. איז — וואָס וועט איר, אַן אַרבעטסלאָזער, טון מיט אים? ..

— אָט אַזוי־אָ.

פאַרן „סיגנאַל" סעפּט., 1936.

◆●◆

„וואַט-טו-העלל"

1.

זיין אייגענע ניצלעכקייט פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז געליגן דערין, וואָס ער איז בטבע געווען אַ נאַשער.

פאַר אים איז דאָס אַ לאַנגע מעשה, נאָר מיר'ן זי דאָ דערציילן בקיצור. —

ער איז געווען דאָס, וואָס מ'רופט אָן „אינטעליגענט", אָט דער עזרא מיטן יחוסדיקן פאַמיליען־נאָמען חיות (כאיעס). איז ער, פאַרשטייט זיך, צוערשט געווען אַ לערנער אין קלויז, דערנאָך אַ משכיל, דערנאָך אַ ציוניסט, דערנאָך אַ קעגנער פון רעליגיע און אַן אַנאַרכיסט, און צום סוף אַ קאָמוניסט. צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך אַרויסגעוויקלט דורך קאָסמאָפּאָליטיזם אין „יידישיזם".

איז וואָס קאָן מען מיט אַזעלכן מאַכן, און ווער דאַרף אים האָבן מיט זיין „קאָמוניזם"? — האָט מען אים טאַקע אין דער פּאַרטיי ניט אַריינגענומען.

ניט געקוקט דערויף, איז עזרא געווען אַ לערער אין אַ שול פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, האָט געהערט צו אַ צווייג פון „איקאָר", האָט געהאָלפן אין דער אַרבעט פון „אַרטעף", איז פול געווען אין אַלע אַרבעטער־קלובן און האָט אַפילו עפּעס געטון פאַרן „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־שוץ".

געקליידט האָט ער זיך זייער נאַכלעסיק און קיין היטל אויף זיין צעשויבערטן קאָפּ האָט ער אינגאַנצן ניט געטראָגן, נאָר אויף פייערלעכע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען פלעגט ער זיך באַווייזן אין אַ — שוואַרצן ראָק, אַ „פּרינץ אַלבערט". דער דאָזיקער ראָק איז שוין אַלט געווען אַ סך יאָרן, נאָר ביי עזראן איז ער געהאַנגען פאַרוויקלט אין אַ ליילעך און האָט זיך גוט אויפגעהיט, כאָטש ער איז געוואָרן אַ ביסעלע ענג אויף זיין קורצער, אויסגעפּילטער פיגור. דער ראָק איז געווען ביי אים פאַרבונדן מיט עפּעס פּערזענלעכע, זייער אינטימע איבערלעבונגען — דעם ראָק האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מין מיטגליד פון זיין

משפחה — דעם ראָק האָט ער באַהאַנדלט ניט ווי אַ מלבוש, נאָר ווי עפּעס אַ וויכטיקן פּאַרשוין. אין דעם דאָזיקן ראָק האָט מען אים אַלע מאָל געזען אויף אַ פאַרשטעלונג פון „אַרטעף״ אָדער אויף אַ „לינקן״ באַל.

— ס׳טייטש, עזרא?! — האָבן חברים געלאַכט.

אויף וואָס עזרא האָט געענטפערט מיט אַ וואונק פון אַן אויג און מיט אַ פינגער אין דער הויך:

— אַלץ — פאַר זיין מאַיעסטעט דעם אַרבעטער . . .

צוליב זיין אויפגעשרויפטקייט און זיין צעפלאַכטענעם ענטוזיאַזם האָט מען אויף אים געקוקט אַ ביסל ווי אויף אַ שטאָט־משוגענעם, און אַז דער „אַרטעף״ האָט אויפגעפירט מ. דאַניעלס „פיר טעג״, האָט מען אים קאָפּירט האָר אין האָר אין דער ראָלע פונם אַנאַרכיסט מאַראַט. האָט עס אים ניט געאַרט, נאָר אדרבא פאַרקערט, ווייל ער האָט געזאָגט: „וואָט טו העלל, אַלץ — פאַר זיין מאַיעסטעט דעם אַרבעטער!״

2.

וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז דער מענטש איז געווען אַ מענטש אָן תאוות, אַזאַ איינער וואָס האַלט ניט פון עולם־הזה — הויבט זיך עס גאָר ניט אָן. ער האָט גאָר נישקשהדיק ליב געהאַט אַ שיין מיידל, נאָר צו די מיידלעך האָט ער קיין מזל ניט געהאַט; זיי האָבן געלאַכט פון אים: אויך מיר אַ מאַנסבילן! . . ער האָט אויך ניט פיינט געהאַט אַ טרונק, אָבער דוקא אַ גוטן טרונק, און אין אַמעריקע איז „פּראָהי־בישאַן״, און אַלץ וואָס מ׳קריגט צו טרינקען פאַר קליינע געלטער איז פאַסקודסטווע און סם. שלעכט! האָט ער אָבער געהאַט נאָך אַ תאוה: עסן. געשמאַק עסן: שאַרף, געזאַלצן, זיס, וואַיניק — אַלערליי טעמים, נאָר טעם זאָל זיין! דאַרף מען דאָך דערצו געלט, אַ סך געלט? . . ניין, זאָגט עזרא, מ׳דאַרף נ י ט ! מ׳דאַרף נאָר זען, אַז קאָכן זאָל זיין גע־קאָכט און באַקן זאָל זיין געבאַקן. מ׳דאַרף צולייגן אַ קאָפּ, דאַרף מען — וויסן וואָס און ווי אַזוי צוצומישן, ווען אַרויפצושטעלן אויפן פייער און ווען אַראָפּצונעמען, און מ׳דאַרף האָבן אידייען אין קאָפּ — זאָגט עזרא — אידייען וועגן קאָכן, נייע איינפאַלן, נייע אויפטועך, נייע עקספּערימענטן מאַכן. אָט אַזוי־אַ, בזה הלשון. ער האָט געהאַלטן, אַז קאָכן איז אַ קונסט — און אַז ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט און אַ ביסל

געלט האָט ער געקאָכט יאיכעלעך און באָרשטשיקלעך, געמאַכט צימעס־לעך און קנישעקלעך, געפּרעגלט פיש און געפילט בלינצעס מיט גאָר און מיט גאָרנישט. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די מוזיק פון אַ שיי־נער אָפּערעטע האָט ביי אים אַרויסגערופן טרערן פון די אויגן.

איז ווידער די אייגענע מעשה: ביי אַ קאָמוניסט איז טאַקע די וועלט אויך אַ וועלט, אָבער אַז איינעם ליגן אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן — פּכע!

.3

מיט אַ דעלעגאַציע פון אומפּאַרטייאישע אַרבעטער האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — און איז צוריק ניט געקומען. שפּעטער האָט מען פון דאָרטן געשריבן: „שיקט אונדז מער ניט אַזעלכע לייט. ער זיצט ניט איין אין קיין שטאָט און וואַרפט זיך פון אַרבעט צו אַרבעט. אין אָנהויב כאַפּט ער זיך צו מיט היץ צו אַלץ, דערנאָך ווערט עס אים נמאס און ער וואַרפט עס אַוועק. אַ סברא, אַז מ׳עט מוזן אים בעטן מוחל זיין און פאָרן צוריק צו אייך."

דערנאָך איז געוואָרן שטיל, און אַ צייט האָט מען פון אים ניט געהערט. ביז איינמאָל איז אָנגעקומען אַ נומער פון מאָסקווער „עמעס" מיט אַ קאָרעספּאָנדענציע פון אַ שטאָט אין דער אַמאָליקער „טיף־ראַ־סייע". דער ארבקאָר האָט געשריבן וועגן זיין שוך־פאַבריק און וועגן איינעם אַ שלאָגלער וואָס איז ניט קיין שוסטער, נאָר אַ — קוכער . . . תחילת האָט ער גאָר געאַרבעט אין קאָנטאָר ערגעץ ביי די ביכער, נאָר ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין דער פאַבריק־קיך שמעקן צווישן די טעפּ. דער קוכער האָט אים געטריבן פון דאָרטן און געסטראַשעט צו דער־ציילן אין דער אַדמיניסטראַציע. דערנאָך איז אַרויס אַן אינסטרוקציע, אַז מ׳זאָל זיך תיכף נעמען פאַרבעסערן די פאָרבאַרייטונג פון דער שפּייז אין די פאַבריקן; אַרבעטער באַקלאָגן זיך אומעטום, אַז מ׳קאָכט שלעכט, ניט געזונט און ניט געשמאַק; „דאָס איז אַ רעזולטאַט פון נאַכלעסיקייט און ביוראָקראַטיזם, און די פאַבריק־אַדמיניסטראַציעס ווערן שאַרף גע־וואָרנט ניט צו פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ לאַנד וואו דער אַרבעטער איז באַלעבאָס . . ." דעמלט האָט דער דאָזיקער בוכהאַלטער — צי וואָס ער איז דאָרט געווען — דערשטוינט דעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק מיט דער בקשה, אַז מ׳זאָל אים אַריבערפירן אין קיך צו העלפן אין דער

אַרבעט. דער דירעקטאָר, וואָס איז אַליין געווען אַן אַרבעטער, האָט פונדעסטוועגן אָט דער פאַרלאַנג פונם „אינטעליגענט" פאַראינטערע־סירט, און ער האָט נאָכגעגעבן זיין ביטע. די ערשטע צייט איז ער געווען אַ „האַנט", איצט איז ער דער הויפּט־קוכער אין דער פאַבריק, און די אַר־בעטער קאָנען זיך גאָר ניט אָפּלויבן פונם עסן. אַלע רופן דעם נייעם קוכער „וואַט־טו־העלל" — אַ ווערטל אַזוינס וואָס ער האָט געבראַכט פון אַמעריקע. פאַרשטייט זיך, אַז קיין צופיל לאַקעטקעלעך קאָנען מיר זיך דערוויל ניט דערלויבן, אָבער אַלץ וואָס ער קאָכט און אַפילו דאָס ברויט וואָס ער באַקט איז עפּעס משונהדיק גוט.

.4

דער ארבקאָר פאַרענדיקט אַזוי:

„איינער אַ לץ (לעץ) אַן אַרבעטער שווערט זיך ביי אַ פּאָר עכטע לעדערנע פּאדעשוועס, אַז דאָס איז אַ כישוף, אַז ער האָט אַליין געזען ווי וואַט־טו־העלל טאַנצט אַרום צווישן די קאָכעדיקע טעפּ און שעפּ־טשעט אַ שפּרוך. אַמאָל מאַכט זיך, אַז דער מאָלצייט גיט זיך אים גאָר באַזונדערס איין; דעמלט באַווייזט ער זיך אין זיין ווייסן פאַרטוך אין דער טיר פון עס־צימער, מיט אַ פראַגע אין די אויגן: צי האָט ער היינט שיין געדרשנט. די אַרבעטער לייגן אַוועק די לעפל, הייבן אויף אַ פויסט אין באָלשעוויסטישן סאַלוט און אַלע רופן זיי אויס אין איין קול: „וואַט־טו־העלל!", מיטן נוסח פון „ראָטפראָנט!" . . . דערויף ענט־פערט ער, אויך מיט אַן אויפגעהויבענעם פויסט: „אַלץ — פאַר זיין מאַיעסטעט דעם אַרבעטער!" — און דרייט זיך אויס, מיט זיין פויסט נאָך אַלץ אין דער לופטן, און גייט אַוועק צוריק צו זיך אין קיך אַריין."

דער אַמעריקאַנער שד

(ראָמאַן)

אַמעריקע און אַמעריקע

דער פּלאַן:

דער גייסט פון אַמעריקע.
אַ מיטאָג אין בראָנקס.
טשיזשיק - פּיזשיק.
קוואַק - קוואַק.
„מאָנקי ביזנעס".
גרענד קאָנקורס.
אין עולם התוהו.
דער אַלטער בוים.
דזשייק אַנטדעקט אַמעריקע.
„אַ פּריינט פון דער מענטשהייט"

דער פּלאַן:

סוזי (דער אַמעריקאַנער שד): סוזי אַרבעט זיך אַרויף און דזשייק אַרבעט זיך אַראָפּ.

היימאַן: היימאַן אַרבעט זיך אַראָפּ און העניך אַרבעט זיך אַרויף.

גרענד קאָנקורס: די יידישע נשמה אַרבעט זיך אַרויף.

דער אַלטער בוים: די יידישע נשמה אַרבעט זיך אַראָפּ.

יאַלקוט: אין עולם התוהו.

קרבנות: געדיינקט די קרבנות פון קלאַסנקאַמף.

„דער גייסט פון אַמעריקע״

.1

אין שאַפּ, אויף אַן אָנזיכטיקן פּלאַץ אויף דער וואַנט, איז געהאַנגען אַ קאַרטע פּיין געדרוקט אין פעטן שריפט: „אַרבעט פליסיק 8 שעה אַ טאָג און דריי זיך ניט דעם קאָפּ — וועט אַמאָל קומען אַ צייט ווען אַנדערע וועלן אַרבעטן אויף דיר, און דו וועסט האָבן קאָפּדרייעניש איבערן קאָפּ.״

אַן אַמעריקאַנער וואַריאַנט פון „מרבה נכסים מרבה דאגה״.

די אַרבעטער האָבן געלאַכט:

— ניט קיין שלעכטער וויץ!

— אַ וויץ, אַה? — האָט דער פאָרמאַן איינגעווענדט. — שוין גאָרנישט קיין וויץ. ווען איר וואָלט געדאַרפט באַגעגענען די אַלע צאָלונגען וואָס דער באָס האָט —

— אודאי! — האָט דזשייק אונטערגעהאַלטן מיט פרומקייט. — די צאָלונגען . . . אַ שפּאַס די צאָלונגען!

און אויף אַ ווײַלע האָבן זיינע אויגן זיך אַוועקגעריסן פון דער אַרבעט און פאַרקוקט דורך די פענצטער אַרויף צו די וואָלקנס. דאָרט אין דער הויך, איבערן רוקן פון אַ וואָלקנעם באַרג, האָבן זיך אויסגעשטעלט עטלעכע רייען גלאַנציקע מאַשינען, נעבן זיי זענען געזעסן איינגעבויגענע מענטשן און האָבן געשטופּט די פינגער אונטער די נאָדלען, און ער, דזשייק, האָט זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט אין די קעשענעס און האָט ערנסט און וואַזשנע געקנייטשט דעם שטערן איבער זיינע צאָלונגען.

נאָר דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך שיטער און בלאַס גענעפּלט אין דער ווייטקייט, ביים סאַמע ברעג פון הימל; נעענטער אַהער האָט פּערלמוטערדיק געשימערירט דער „שטיין״ פון אַ סאָדע קרעמל, וואו דזשייק האָט געצאַפּט וואַסער אין היכע גלעזער און האָט אַרויסגעגעבן רעשט, אין נאַסע קופּערנע פּעניס, צו אַ לאַנגער צייל קונים — און דאָס האָט אויסגעקוקט אַ סך ממשותדיקער. און מיט אַ זיפץ האָט דזשייק

אַראָפּגעלאָזן די אויגן צוריק צו דער אַרבעט און האָט מיט צערטלעכ־קייט אַ טאַפּ געטון זיין בוזים־קעשענע וואו דאָס באַנקביכל איז געליגן.

.2

דזשייק בערעזע האָט אַ פּלייצע אַ ביסל געבויגן פון דער אַרבעט און פון זיינע עטלעכע־און־דרייסיק יאָר אויף דער וועלט — אַ פּלייצע פון אונטערטעניקייט און אָן אַ שיעור געדולד. זיינע אָפּגעבליאַקירטע האָר ליגן שיטער און פלאַטשיק ביי אים אויפן קאָפּ. די אויגן — גרויע און מוטנע ווי אַ רעגנדיקער טאָג, און די לינקע ברעם איז ביי אים כמעט אינגאַנצן אויסגעקראָכן.

דזשייק מיינט, אַז פאַר אים איז צייט חתונה צו האָבן. דזשייק מיינט שוין לאַנג, אַז פאַר אים איז צייט חתונה צו האָבן. עס איז אים נמאס געוואָרן צו עסן אין די רעסטאָראַנען, וואָס זיי פאַרדאַרבן אים דעם מאָגן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. — עס איז אים נמאס געוואָרן צו זיצן אין די גאַטקעס אויף זיין בעט, יעדן זונטיק אינדערפרי, און זיך איינניייען קנעפּלעך דאָרט וואו מ׳דאַרף. — עס איז אים נמאס גע־וואָרן אַריינצוכאַפּן זיך „אומגערן״ אין קיך אַריין דוקא דעמלט, ווען די מיסעס גייט אַרום אָן אַ קאַפּטל. אגב, האָט ער ניט קיין מזל צו די מיסעסעס, דזשייק: זיי זאָגן אים, זיי האָבן פיינט „מאַנקי־ביזנעס״. המ . . . עס וואָלט כדאי געווען צו וויסן — האָבן זיי טאַקע פיינט מאַנקי ביזנעס, אָדער נאָר מיט אים, מיט דזשייקן, האָבן זיי פיינט מאַנקי־ביזנעס? דאָס איז שווער צו דערגיין, מחמת די ווייבער זענען דיר אַזאַ געהיימניש, אַזאַ — אַזאַ טיפע געהיימניש. מ־יאַ. —

און חוץ אַלעם דעם, אַז מ׳וויל „זיך אַרויפאַרבעטן״, דאַרף מען האָבן אַ ווייב, אַן אַרויסהעלפער, ווייל אַ מענטש קאָן זיך ניט צערייסן.

.3

זונטיק נאָך פרישטיק גייט דזשייק אַרויס אויף דילענסי סטריט, לאָזט זיך אָפּפוצן די שיך ביי אַ גאַסן־יינגל און הויבט אָן זיין שפּאַציר הין־און־צוריק פאַרביי דעם סאָדע קלייטל וואָס ביים ראָג פון סאָפּאָלק סטריט. דזשייק איז פשוט היפּנאָטיזירט פונם דאָזיקן קלייטל. דאָרט שטייען עטלעכע יונגע בחורים און אַרבעטן ווי די שדים אַרויסטיילנדיק גלעזער סאָדעוואַסער, פּעקלעך סיגאַרעטן, שאָקאָלאַדן און צוקערקעס.

ביי דער שפּיגלנער וואַנט קלינגט נאָכאַנאַנד דער רעזשיסטער, קונים קריגן אין די הענט אַריין פּעניס און ניקלס, כאַפּן אַ ציימונג פונם טישל ביי דער טיר און וואַרפן צוריק די פּעניס — און פליסן אָפּ, און אַנדערע פליסן צו, און — און —

מ׳זאָגט, אַ סברא, אַז אָט דאָס קרעמל איז ווערט צען טויזנט טאָלער. איר הערט? . . אַ סאָדע קרעמל פאַר צען טויזנט טאָלער! אַמע־ריקע! . . פּרוּווּ דערצייל עס אין דערהיים, אין „יוראָפּ“, וועט מען דיך האַלטן פאַר אַ ליגנער. דזשייק איז אַ פּאָר מאָל געווען אַ בעלן צו שטיין אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד און זיך משער זיין וויפל מ׳נעמט אַריין פאַר דער צייט, נאָר ער האָט זיך אַלעמאָל פאַרפּלאָנטערט אין חשבון. וואָס איז דאָ צו ריידן? צו אַזאַ קרעמל קאָן ער ניט קומען — קאָן ער ד ע ר־ו ו י י ל ניט קומען. מ׳עט עס מוזן אָנהויבן ערגעץ אין אַ זייטיקער גאַס — מ׳עט עס מוזן אָנהויבן פון קליין — און דערנאָך וועט מען זען. איז טאַקע ווידער די אייגענע מעשה: חתונה האָבן. וואָרעם אַז מ׳וויל „זיך אַרויפאַרבעטן“, מוז מען —

דזשייק האָט שוין אַפילו געוואָרפן אַן אויג אויף אַ מיידל — אַ האַלב אויג, אַ פערטל אויג, מחמת עפּעס קאָן ער ניט דערגיין קיין טאָלק אין דעם דאָזיקן מיידל. אַ באַנקביכל האָט זי, אָבער — ו ו אָ ס פאַר אַ באַנקביכל? . . מ׳קאָן האָבן אַ באַנקביכל ווען מ׳לייגט אַריין אַן איינציקן דאָלער. אַלץ הייסט אַ באַנקביכל! פרעגן דירעקט איז ניט שייך געווען, און זי — זי גראַגערט אַפילו נאָכאַנאַנד און לאַכט אַ סך, נאָר וועגן דעם ענין באַנקביכל פאַררעדט זי זיך קיינמאָל ניט. זי איז מיר צו אַ קלוגע, אָט די סוזי די הוטפּוצערן. און זאָקן טראָגט זי זיידענע און היטעלעך מאַכט זי זיך שיינע. איז אפשר ה אָ ט זי געלט און אפשר — ב ר י י נ ג ט זי אויס געלט. וואָס איז שייך שיינקייט איז זי אַזוי זיך — אַ ווייבספּאַרשוין, שוין אַ ביסל אין די יאָרן, מיט בלאָנדע האָר — המ . . . בלאָנדקייט, היינטיקע צייטן, קאָסט א ו י ך געלט — און אַ גלאַטן האַלדז און — און נאָך זאַכן.

איינמאָל אין אַ זונטיק נאָכמיטיק, האָט ער זי „אויסגענומען“. סוזי איז געקומען אַן אָפּגעזייפטע, אַן אָנגעפּודערטע, מיט העל־רויט־זשירטע ליפּן. זי האָט געשיינט ווי אַ מעשענער סאַמאָוואַר מיט אירע בלאָנד־געפאַרבטע האָר און האָט געשפּריצט מיט געמאַכטער פריי־לעכקייט. אויך זי איז געווען נייגעריק וועגן דזשייקס באַנקביכל און

אויך זי האָט ניט געפרעגט דירעקט, נאָר געטאַפּט אַרום די זייטן. זי איז אויך געווען אַ ביסל באַאומרואיקט וועגן זיין „כאַראַקטער". וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָט ער? אַ מענטש — אַ ווייבס אַ מאַן, הייסט עס — דאַרף האָבן אַ כאַראַקטער! —

וואַרפן זיך מיט געלט איז קיין שכל ניט, האָט ער זי מכבד געווען מיט אַ גלעזל סאָדעוואָסער — טאַקע אין יענעם קרעמל וואָס אויף דילענסי סטריט, וואָס ביי סאַפאָלק סטריט. ער האָט דערביי געהאַט אויך אַ טיפערן מיין. ווי געפעלט איר, סוזין, אָט דאָס קלייטל? אַ קליין קלייטל, אַ נישטיק קלייטל, אהז? . . כאַ־כאַ! ווייסט זי, סוזי, אַז אָט דאָס קלייטל איז ווערט צען טויזנט טאָלער? . . — סוזי האָט אים אָנ־געקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. וואָס מיינט ער דערמיט צו זאָגן? . . וואָס ווינקט ער צון איר מיטן אייגל (וואו איז זיין ברעם! וואָס ט׳ער געטון מיט זיין ברעם!)? . . זאָל ער האָבן אַזוי פיל געלט, אַז . . .

זיי האָבן לאַנג אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן, און דזשייק האָט זי ווידער טראַקטירט מיט אַ גלעזל סאָדעוואָסער — פּאַינעפּל. סוזי גלייכט עפּעס פּאַינעפּל? ער, דזשייק, וואָלט גאָר קיין אַנדער זאַך ניט געטרונקען, נאָר פּאַינעפּל! — סוזי האָט זיך אַ ביסל אַנגעכמורעט און געטרונקען פּאַינעפּל. נאָר אַז ער האָט איר שפּעטער ווידער אָנגע־באָטן סאָדעוואָסער — „אָדער אפשר אַ „מאָלטעד", אהז? אַ זעטיקע זאַך, אַ „מאָלטעד", כמעט אַזוי ווי עסן . . ." — האָט זי זיך אָפּגעזאָגט דערפון און זיך אינגיכן צעזעגנט מיט אים: זי איז הונגעריק ווי אַ וואָלף, און ער קאָרמעט זי מיט סאָדעוואָסער! —

איז אָט אַזוי איז עס געהאנגען צווישן יאָ און ניין.

4.

— דערנאָך האָט די באַנק געפּלאַצט.

5.

דזשייק בערעזע — אָט דער מיט דער אויסגעקראַכענער ברעם און מיט דער פּלייצע פון אונטערטעניקייט און אָן אַ שיעור געדולד — איז שטונדן־לאַנג, צוזאַמען מיט אַנדערע דעפּאזיטערס, געשטאַנען איינגעהויקערט ביי דער טיר פון דער געשלאָסענער „עוועריבאַדיס בענק", און זיין בליק איז געווען גרוי ווי דער רעגנדיקער טאָג אַרום —

און גרויער. דער שאָפּ אין די וואָלקנס איז שוין לאַנג אַוועק אַהין „וואוהין דער שבת־קודש גייט אַוועק" — דער דאָזיקער שאָפּ, דעם אמת געזאָגט, האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרויסע ממשות — און דער האַרטער סאָדע־שטיין איז צעגאַנגען ווי שניי; סוזיס גלאַטער האַלדז אויך דאָס נעמלעכע — און דזשייקן האָט זיך פּלוצים אָנגע־הויבן דאַכטן, אַז סוזי איז אים געווען זייער נויטיק. בכלל אָבער האָט דזשייק כמעט פון גאָרניט געטראַכט, נאָר אַ פליג האָט געזשומעט ביי אים אין מוח — אַן איינגעגעסענע, איינטאָניקע פליג: מ׳עט מוזן אָנהויבן פון אָנהויב. פון סאַמע אָנהויב, פון סאַמע, סאַמע אָנהויב. —

אַ ציימונגס־רעפּאָרטער מיט אַ קיילעכדיקן גוטמוטיקן פּנים און אַ פריילעכן כאַראַקטער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן דעם עולם און האָט צוגעלייגט אַן אויער דאָ און דאָרט: זיין ציימונג האָט געוואָלט וויסן „די שטימונג פונם פאָלק". מ׳האָט איבערגעגעבן, אַז פריינט פון די דירעקטאָרן האָבן אַרויסגעצויגן גרויסע געלטער ערשט מיט עט־לעכע טעג צוריק, און ענלעכע קלאַנגען, נאָר בכלל איז מען געשטאַנען דערשלאָגן און שטיל ווי די שאָף. דער הימל איז געווען פאַרצויגן ווי מיט אַ רויך, און אַ דין שפּריצל האָט געשטויבט מיט וואַסער איבער די געבויגענע קעפּ. דער פּאָליסמאַן האָט אַלעמאָל דערמאָנט וועגן זיך, כדי מ׳זאָל אָן אים ניט פאַרגעסן: „אין דער ריי אַריין! רוק זיך ניט אַרויס. דו דאָרטן — וואוהין קריכסטו, וואוהין?" דערנאָך איז מען ווידער געשטאַנען שטיל און געוואַרט — קיינער האָט ניט געוואוסט אויף וואָס מ׳וואַרט.

דער רעפּאָרטער האָט געשטעלט פראַגן צו אייניקע מענטשן, אָנ־דערע האָט ער דערמוטיקט מיט אַ מונטערן שמייכל, און ער האָט גע־כאַפּט אַ שמועס מיט דזשייקן. „ביים פאָלק" — האָט ער שפּעטער געשריבן אין אַ „ספּיקיזי", ביי געקנאָבלטע קאַרנאַצלעך מיט ווייַן — „ביים פאָלק איז דאָס האַרץ אויפן ריכטיקן פּלאַץ. קיינער איז ביי זיך ניט געפאַלן, קיינער האָט ניט פאַרלוירן דעם מוט, און איינער האָט מיר אַפילו געזאָגט: „נעווער מאַינד! מ׳עט אָנהויבן פון אָנהויב! . ." איך מוז זאָגן, אַז מיר האָבן זיך געשטעלט די טרערן אין די אויגן. אָט דאָס איז דער גייסט וואָס האָט געמאַכט אַמעריקע גרויס!" —

אַ מיטאָג אין בראָנקס

.1

מיט איין שטייג אַרויף איבער דעם לייטער האָט סוזי די הויט־פּוצערין געטראָפן, פון רידזש סטריט, גלייך אין בראָנקס אַריין, אויף וואַלטאָן עוועניו, וואָס דאָס איז שוין טאָקע איין טראָט פון גרענד קאָנקורס. —

פּאָר מיידלעך איז דער וועג פון „אַרויפאַרבעטן זיך" אַן אַנדערער און — אויב ער געלינגט — אַ קירצערער.

אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם האָט סוזי געהאַט נאָך פון דערהיים, פון יעליסאַווועטגראַד; נישמער, דאָרט האָט עס געהייסן „אויספּעיען", אָדער „זיך פּריסטראָיען", און איז געווען אַ גאָט־זאַך, ווייל טון עפּעס דערצו האָט מען ניט געקאָנט. די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע האָט סוזי ניט שלעכט פאַרדינט און אָפּגעגעסן פאַר די יעליסאַווועטגראַדער צייטן, און דערווייל האָט זיך געמאַכט אַ בחור וואָס סוזי האָט זיך פון אים שטאַרק אָנגעליטן, ווייל ער האָט „גאָרנישט ניט געמיינט", און דער־נאָך האָט זיך געמאַכט אַן אַנדער בחור וואָס האָט זיך פון סוזין שטאַרק אָנגעליטן, ווייל ז י האָט „גאָרנישט ניט געמיינט". סוף כל סוף האָט זיך סוזי געכאַפּט, אַז עס איז צייט ערנסט אַ טראַכט צו טון פון „אַרויפאַרבעטן זיך", וואָס פאַר מיידלעך איז דער טייטש דערפון „אויספּעיען".

אַז די באַנק האָט געפּלאַצט איז סוזין אַפילו גרוימער געוואָרן אין קאָפּ: דער דאַזיקער דזשייק איז איר ניט געווען צום האַרצן — אַ זלידניע אַ בחור: „פאַינעפּלי!" — נאָר זי האָט געמיינט אַז ער האָט אַ סך געלט. איצט האָט סוזי די דאָזיקע קאָרט אַוועקגעוואָרפן מיט אַ גרינגער האַנט, און זונטיק האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן מיט אַ וויזיט אין בראָנקס, צו איר חברטע טילי פּיש.

.2

דער טאָג איז געווען אַ נאָך־פּסח־טאָג. די זון איז געפּאָרן נאַשפּיץ איבער אַ פּערלמוטער־הימל, און מענטשן אויף רידזש סטריט האָבן געטענהט אַז די לופט איז „ווי ווייַן". די לייט פון רידזש סטריט האָבן וועגן ווייַן געהאַט אַ פאַרנעפּלטע פאָרשטעלונג, און דער ווייַן וואָס זיי

האָבן געהאַט אין זינען איז געווען אַזאַ ווײַן וואָס האָט געהאַט דעם טעם פון דער לופט אין יענעם נאָך־פּסחדיקן טאָג — אַפילו אויף רידזש סטריט. סוזי האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער סעקאַנד עוועניו הויכבאַן — „על־באַן" רופט מען דאָס בקיצור — ביי ריווינגטאָן סטריט, און אַזוי ווי די ביינק זענען געווען באַזעצט, האָט אַ בחור אַן אַ היטל, מיט שטייפע רויטע האָר און טייקאָלירענע אויגן, איר אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ און אַליין איז ער געבליבן הייגען אויפן רימען דירעקט נעבן איר. סוזי האָט געטראָגן אַ קורץ קליידל פון טאַבאַק־פאַרביקן שעוויאָט שטייף אַרום די היפטן, אַ בלוזע אַן אַ קאָלנער אַרום דעם פולן בוזים — און אירע געלע האָר. די בלוזע איז געווען פון קרעם־קאָלירטן זייד מיט ברייטע ווײַנשל־רויטע שטרייפן וואָס זענען געלאָפן אַראָפּ און קרום איבער איר לינקער ברוסט און זענען פאַרשוואונדן אונטערן צווייטן פליגל פון דער בלוזע אויף איר רעכטער ברוסט, און אין דער מיט — אַ גלאַטער ווייסער האַלדז און אַ גלאַטער ווייסער אויסשניט אין דער פאָרם פון „טויז רויט", וואָס זיין דינער אונטערשטער שפּיץ האָט געזונקען צווישן — נו . . . אַהין טאַקע האָט דעם בחורס בליק זיך אַ גליטש געטון פון זיך אַליין, און סוזי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט ביים אויסשניט און תיכף אַראָפּגעלאָזן זי צוריק ביי איר זייט. סוזי האָט זיך פאַרקוקט אין איין זייט און דער בחור אין אַ צווייטער. די וואַרעמע קאָלירן פון קרעם ביז רויט האָבן געשפּילט איבער זיי ביידן, און פאַרלעגנהייט איז געהאַנגען צ ו ו י ש ן זיי ביידן. צום סוף האָט עס דער בחור ניט אויסגעהאַלטן, און אַז אַ זיץ איז פריי געוואָרן אויף דער אַנטקעגנדיקער באַנק האָט ער אים ניט פּשוט פאַרנומען, נאָר פאַרכאַפּט. פון דאָרטן האָט ער פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן אין סוזיס זייט. סוזי האָט געענטפערט. אַ געזונטער בחור, נאָך גאָר אַ יונגער, מיט אַ רויטלעכן קאַרק און אַ פּאָר „ווײַנפּערלעך" אויפן פּנים — המ . . . די פּלייצע ברייט און אַ ביסל אויסגעקיילעכט — אַ ספּאָרטסמאַן. אָן אַ היטל — אַ סטודענט, מסתמא. אויף וואָס, אַ שטייגער, לערנט אַזאַ בחור — אויף דאָקטאָר אָדער אויף לאַיער? אַ דאָקטערשע אָדער אַ לאַיערשע — דאָס איז שוין גאָרניט דאָס זעלבע וואָס זיצן אין שאַפּ, אָדער אַפילו אין אַ סאָדע קרעמל . . . אַזאַ בחור הייסט מסתמא אירווינג, אָדער, זאָגן מיר, סידני. „מעג איך אייך באַגלייטן אַהיים, מיס סוזי? . ." און אין דער פינצטערניש פון האָל —

אַמעריקאַנער בחורים זענען שוין גאַרנישט קיין פאַרשלאָפענע . . . „אָך, פּליז!“ — „פּליז יאָ, אָדער פּליז ניט, מיס? . .“ כאַ־כאַ! נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל — און: אַ גאָלדן פינגערל, אַן אַפּאַרטמענט אין בראָנקס און אַן אָפיס דאַון־טאַון . . . אַ „שעווראָלעי“, אָדער אפשר אַ „דאָדזש“ . . . זומער — אין די בערג, אָדער ביים ים. אין ראָקעווײ ביטש. בלויע כוואַליעס, הונדערטער ווייסע לייבער, און אַ בלענדיקע זון, אָט אַזוי ווי היינט. סוזי האָט ליב איר באָד־גאַרניטער פון שוואַרץ מיט מאַראַנצקאָליר, און זי ווייסט אַז זי האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט איר פיגור. דער מאַן איז אין אָפיס און וועט אַרויסקומען ערשט פאַרנאַכט, און דאָ דערווייל גיט איר אַ בחור לעקציעס אין שווימען — אַ בחור מיט אַ געזונטן קאַרק און רויטע האָר, וואָס הייסן הייסט ער מסתמא אירווינג אָדער סידני, און ביים לערנען זי שווימען דריקט ער זי צו צו זיך אַזוי, אַז עס פאַרכאַפּט איר דעם אָטעם. ער באַגלייט זי אַהיים און אין האָל פון הויז — „אָך, פּליז, פּלי־ז!“ —

ביי דער ניין־און־ניינציקסטער סטריט איז דער בחור אַרויס פון וואַגאָן, און מיט אים זענען אַוועק ביידע סידניס. ווער האָט עס גע־זאָגט, אַז דער טאָג איז אַזוי שיין און אַז די לופט איז ווי ווייַן?! אַ טאָג ווי אַלע טעג און אַ לופט ווי — ראָזשינקע־וויין . . . דאָס הייסט, דער טאָג איז טאַקע אַ שיינער, נאָר וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז . . .

3.

— בחורים? — האָט טילי געזאָגט. — דו זיי ניש׳ קיין נאַר. בחורים קריגט מען נאָך דער חתונה אויך. ערשט נ אָ ך דער חתונה קריגט מען זיי ווען זיי האָבן נישט וואָס איינצושטעלן. —

טילי האָט זיך געפּוצט די נעגל און אַ ביסעלע „געשפּילט“. איז׳ן איז זי אַ קליינינקע, אַ שוואַרצינקע, אַ מיאוסינקע — אַ „פּיקאַנטע מיאוסקייט“. ריידן רעדט זי דריבנע, ווי אַ פייגעלע. איר אייגענעם פאַמיליען־נאָמען שפּרעכט זי אויס: פיש־ש־ש, מיט דריי שינען, און דאָס בראָדעווקעלע אויף דער לינקער באַק היט זי אָפּ ווי אַן אייגן קינד. ווי די מערסטע יידישע פרויען פון רומעניע, האָט זי אין זיך עפּעס אַזוינס וואָס איז שווישפּילעריש, און אַלעמאָל איז זי „אויפריכ־טיק“: אי אַזוי, אי פּונקט פאַרקערט, אָבער אין יעדער געגעבענער סיטואַציע — אינטים־פאַרטרוילעך און „אויפריכטיק“. יאָ. —

— ער איז שוין אָבער אַ מענטש אין די פערציקער, — האָט סוזי געזאָגט.

טילי האָט פאַרדריקט מיט די אַקסלען.

— ווערסט האָבן אַ היים. ווי לאַנג נאָך ווילסטו זיצן אין שאַפּ? איך געדיינק נאָך גוט די יאָרן ווען מיר האָבן ביידע געאַרבעט אין איין שאַפּ. זיי ליגן מיר אין מאָגן. אָט דער מיסטער קאַץ — אַן אלמן, אָן קינדער — ער וויל דיך, דו געפעלסט אים, און אַזוי ווי דו ביסט אַזוי פיל ייִנגער פון אים וועט ער פאַר דיר מאַכן אַ גוטע היים. געוויס. מ׳דאַרף קאָנען אויסקומען מיט מענטשן . . . ער איז נישט רייך, אָבער נישט אָרעם: ער האָט אַ גראָסערי ערגעץ אין אַ מאַרקעט, און ער מוז האָבן געלט אַחוץ דעם. דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס אַ הויז אויך, צי לאָטס — היימאַן ווייסט עפּעס וועגן דעם. איבריגנס — טו ווי דו פאַרשטייסט. איך וועל אים אָפּרופן און איינלאַדן אויף דינער, אה? —

סוזי האָט געהערט ווי טילי האָט, ריידנדיק דורכן טעלעפאָן, גע־זאָגט: „. . . איר וועט טרעפן עמיצן וועמען איר ווילט זען . . . ברייִנגט אייער קאַר . . . יאָ.‟ דערנאָך איז זי געקומען צוריק צו סוזין:

— פאַרגעס ניט, אַז ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט היימאַנען, איז שוין זיין ווילי אַלט געווען זעקס יאָר. און־דן — איך באַקלאָג זיך ניט.

— אַה, דו האָסט זייער גוט אויסגעפּיעט! — האָט סוזי געזאָגט און געוואָרפן אַ בליק אַרום אויפן רייך־מעבלירטן שלאָף־צימער. די פישעס האָבן באַוואוינט אַן אייגן פּריוואַט הויז — פיר חדרים אונטן און דריי שלאָף־צימערן אויפן צווייטן שטאָק.

— איך באַקלאָג זיך ניט, — האָט טילי איבערגעזאָגט. — היימאַן האָט מיך ליב, און איך קום אויס גוט מיט ווילין און אויך מיט היימאַנס שוועסטער ליזען. כאָטש זי איז צייטנווייז אַ ביסל — ע — אַ ביסל שווערלעך, מיט איר שווייגן און מיט איר האַלטן זיך גרויס.

זי האָט געטראַכט אַ ביסל און דערנאָך זיך פאַרנומען אַן אַ זייט — אויפן ערשטן קוק, ווייל אין דער אמתן האָט זי געצויגן אַ פאָדים וואָס זי האָט פריער געהאַט אָפּגעלאָזן:

— די מענער האָבן ליב מ׳זאָל זיי נאַרן. אַ פּאָר יאָר נאָך אונדזער חתונה איז ביי אונדז אַרויסגעקומען עפּעס אַ שמועס, און היימאַן האָט

געזאָגט אַז ער טרויט מיר, ער איז זיכער אַז איך האַלט אַנדערע מענער פון זיך פון דער ווייטן. „וואָס זשע? — האָב איך אים געזאָגט — דו ווילסט מיר איינריידן אַז דו גיסט ניט אַמאָל אַ קוש אַ שיין ווייבל אָדער אַ מיידל? דאָס, זעסטו, וועל איך דיר ניט גלויבן. איז פאַרוואָס פאַרלאַנגסטו עפּעס, אַז איך זאָל זיין היליקער פון דיר?״ ער איז דעמלט אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אַן אַנגעבלאָזענער. ביינאַכט איז ער אַריין צו מיר אין בעט און מאַכט אַזוי: „טילי . . . דערפאַר וואָס דו ביסט אַזאַן אָפענע, אַן אמתדיקע, האָב איך דיך נאָך מער ליב. נאָר וואָס דען? — גיי נישט צו ווייט . . .״ נו, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ דין שמייכעלע — איך האָב אים צוגעזאָגט נישט צו גיין — ן — ע — צו ווייט. —

4.

פון די מענטשן וואָס סוזי האָט דאָ היינט באַגעגנט האָט זי געקענט פון פריער בלויז היימאַנען און ווילין און דעם מיסטער העניך קאַץ.

היימאַן פיש איז אַ שווערער, גרויסער מאַנספּאַרשוין פון איבער צוויי הונדערט פונט מיט אַ גלאַטן פּנים אָן באָרד און וואָנצעס, אַ מענטש וואָס מיט זיין אויסזען דערמאָנט ער שטאַרק אָן דעם קינאָ-אַקטיאָר „פּעטי״ אַרבאַקל. היימאַן פיש איז אַ מענטש וואָס נעמט זיך ניט צום האַרצן. נאָך פיר יאָר צוזאַמענלעבן, קוקט ער נאָך אַלץ אויף זיין ווייב מיט אַ שמייכל פון באַוואונדערונג: אים געפעלט איר שטענדיק „שפּילן״, איר טאַקט אין אומגאַנג מיט מענטשן. איר אַ ביסל ציינישע חכמה, איר נעמען דאָס לעבן מיט לייכטקייט און פריילעכקייט. היימאַן פיש האַלט שטאַרק פון טילי פיש-ש-ש — און נאַרט זיך ניט אין איר.

נעבן טילין איז געזעסן ליזע פיש, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, אַ הויכע, אַ פעסטע, אַ שיינע, מיט אַ שטייענדיקער, מענערשער, שוואַרצער שעוועליורע, מיט אַ בליק אַ ווייטן און אַ פרעמדן, מיט דינע, רויטע און געקרייזלטע ליפּן. זי האָט זיך געלאָזט דערקענען צו סוזין מיט אַ קליינעם שאָקל פון קאָפּ און איז צוריק אַוועק מיט די אויגן אין אירע ווייטקייטן.

קעגנאיבער אויף דער צווייטער זייט טיש, איז געזעסן, אָדער

גיכער — ניט געזעסן קיין מינוט רואיק אויף זיין ביינקל דער צען־יאָריקער ווילי מיט זיין בלאָנדן שטערן־לאָק, מיטן גלייכן נעזל, מיט אַ ברייטן קאָלנער פון ווייסן העמד אַריבערן גרויען רעקל. ער גייט אין שלום־עליכם־שול „נומער צוויי״, פאַרשטייט יידיש און ענט־פערט אויף ענגליש, און פאַ און מאַ רעדט ער אויס פּאָו און מאָו. ביי אים אויף די קני — זיין הינטל טעדי די גרויס ווי אַ געניץ, מיט טויזנט אינטערעסן פאַר אַמאָל און פּונקט אַזוי אומרואיק ווי זיין האַר ווילי. טעדי האָט אַ ווייסע פעל, אַ ברוינעם פלעק אַרום אַן אויג, איין אויער פאַרשפּיצט אַרויף און דאָס צווייטע האַלב אַראָפּגעלאָזן און לויז ווי אַ שמאַטע, וואָס דאָס גיט אים צו אַן אויסזען פון אַ מסוכנעם הפקר־יונג.

נעבן אייניקל האָט פאַרנומען אַ שטול דער זיידע, היימאַנס פאָטער, זרח פיש — דער איינציקער מענטש צו וועמען ווילי רעדט יידיש, ווייל יידיש איז אַן ענין פאַר זיידעס און באָבעס. זרח איז אַ ייד פון אַ יאָר פינף און זעכציק, אַ קליינער, אַ ראָזיקער, אַ גרויער, מיט אַ גלייכן רוקן ווי אַ סאָלדאַט אויף פּאַראַד, וואָס דערמאָנט פונדעסט־וועגן אַן אַ ביקס וואָס האָט שוין ניט געשאָסן זי געדיינקט שוין אַליין ניט פון ווען אָן. אין זיין יוגנט איז ער טאַקע געווען אַ סאָלדאַט, אַ שטיק בעל־עבירהניק, און איצט בחורט ער זיך נאָך יענעם מוסטער. וואוינען וואוינט ער אין ברוקלין ביי זיין עלטערער טאָכטער און זיין איידעם דעם חזן און אַהער קומט ער אַמאָל אויף אַ זונטיק צו גאַסט. נעבן אים איז געשטאַנען אַ שיסעלע מיט גרינס און סמעטענע. ער האָט געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעליוש, און פון צייט צו צייט האָט ער זיך מיט אים גע־פּאָכעט, כלומרשט פון דער היץ, און געהאַט אַ זינדיקע הנאה: גילוי ראש.

ביים עק פון טיש, זייט ביי זייט מיט סוזין, האָט די באַלעבאָסטע אַוועקגעזעצט דעם מיסטער העניך קאַץ. ער איז געזעסן ביים טיש מיטן סערוועטל אין שטייפן קאָלנער פון בלויען העמד, אַ קורץ־געשוירענער, אַן אָפּגעגאָלטער, מיט אַ ברוינעם קראַוואַט און אין אַ טונקל־בלויען אָנצוג. זיינע באַקן זענען הויכבייניק אונטער די אויגן און זיין מינע איז אַ צעטראָגענע, ווי פון אַ מענטשן וואָס זאָגט איין זאַך און אין זינען האָט ער עפּעס אַנדערש. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַריינגע־רוקט אין די אַקסלען און האָט געשוויגן אין פאַרלעגנהייט, ניט קוקנ־

דיק דערויף וואָס טילי האָט זיך געמיט אים אַריינצוציען אין אַ גע־שפּרעך.

דערלאַנגט צום טיש האָט די דינסט נאַסטיאַ — אַן אוקראַאיניש מיידל מיט אַ טייג־ווייסן פּנים, אַ זאַמד־קאָלירענעם צאָפּ און אויגן בלויע און גרויסע ווי ביי אַ קאַלב, נאָר פונדעסטוועגן מיט אַ שדל אין זיי. מהאָט אָנגעהויבן פון גרייפּ־פרוכט. „אַ מאָדנע פּאַרשפּייז!״ — האָט סוזי פון רידזש סטריט געטראַכט: זי איז געוואוינט געווען צו געהאַקטן הערינג אָדער לעבער. היימאַן פיש האָט געגעסן געלאַסן, רואיק, מיט אַ גינציקער מינע קעגן דער וועלט אין אַלגעמיין און — פּאַרציע נאָך פּאַרציע. סוזי האָט געשטוינט קוקנדיק. היימאַן פיש איז געווען אַן אכלער. דאָקטוירים האָבן אים שוין לאַנג געוואָרנט, אָבער ער האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן.

דעם שמועס ביים טיש האָט אָנגעהויבן טעדי: ער האָט אַ ניס געטון. טילי האָט געזאָגט — ווייך, מיט טאַקט, ווי אַלעמאָל:

— ווילי? . . ס׳וואָלט גלייכער געווען — צו האַלטן טעדין באַ . . . באַזונדער. ער קאָן עסן — אַ דאָרט אין ווינקל.

דער זיידע, זרח פיש, האָט אונטערגעהאַלטן:

— אַ הונט ביים טיש — פּ־פּע! וואָס דאַרפסטו אַ הונט ביים טיש? . . ניט שיין . . .

— ווילי . . . — האָט היימאַן אַריינגעשטעלט מיט אַ טאָן פון איינעם וואָס נעמט זיך ניט צום האַרצן — דו הערסט וואָס די מאַ זאָגט?

ליזע פיש האָט געוואָרפן אויף ווילין און טעדין אַ בליק ערגעץ פון מיילן ווייט. סוזי און העניך קאָץ האָבן זיך ניט געמישט.

— מאו! . . — האָט ווילי געענטפערט און גענומען אַרומרוקן זיך איבערן ביינקל. ער האָט זיך ניט געפילט בכוח צו דערקלערן פאַר־וואָס, אָבער ער האָט בפירוש געמוזט האָבן טעדין ביים טיש.

— אַז איך זאָג דיר שיק אים אין אַ תלמוד־תורה, — האָט זרח געזאָגט צום זון, — ווילסטו מיך ניט פאָלגן.

— איז וואָס וועט זיין? וועט ער זיך ניט שפּילן מיט קיין הינט?

— הינט . . . וואָס עפּעס נאָר הינט? . . — האָט דער אַלטער סאָלדאַט סטראַטעגיש פאַרלאָזן איין פּאָזיציע און תיכף פאַרנומען אַ צווייטע. — וועט ער זיך לכל הפחות אויסלערנען דאַווענען . . .

איך ווייס, אַז ער וועט ניט דאַווענען, אָבער קענען מעג ער דאָך! און וואָס פאַר אַ פּאָלזע וועט ער האָבן פון דיינע הייטוועלטיקע סקולס? קיין יידיש וויל ער סיי־ווי־סיי ניט ריידן . . .

— אַ ביסל העברייאיש לערנט מען אין די שלום־עליכם־שולן אויך, — האָט היימאַן געזאָגט. — אַזוי פיל ווי אין אַ תלמוד־תורה וועט ער זיך דאָרט אויסלערנען. אָבער יידיש . . . ווילי, פאַרוואָס טאַקע רעדסטו ניט קיין יידיש, אה? . .

ווידער אַ דערקלערונג! נאָר זיי פאַרלאַנגען דערקלערונגען. ווילי האָט זיך אָנגעכמורעט.

— ביקאָז! . . — האָט ווילי דערקלערט.

היימאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אומבאַהאָלפענער מינע.

—אָה, לאָז געמאַך! — האָט ליזע אומגעדולדיק געזאָגט. דאָס איז געווען דער איינציקער שפרוך וואָס זי האָט געלאָזן פאַלן ביים טיש.

.5

אינמיטן עסן זענען אַרויפגעקומען נאָך צוויי געסט. בעטי סוואָרטץ און יעקב לאַפּידעס.

בעטי סוואָרטץ איז אַ ליטעראַרישע דאַמע. זי שרייבט פאַרן „טאָג" ראָמאַנען און „לעבנס־בילדער". סוזי פאַרלייענט זיך מיט אירע מעשות וועגן אַ וועלט וואוהין עס האָט סוזין אַלעמאָל געצויגן. די שרייבאַכצן פון בעטי סוואָרטץ ווערן דיסקוטירט ביים באָדן זיך אין קוני איילאנד — אין ראקעוועי ביטש — און אַפילו אין אַטלאַנטיק סיטי. פאַר בעטי סוואָרטץ זענען אַנטפּלעקט די געפילן פון די „ניט־פאַרשטאַנענע" ווייבלעך פון גרענד קאָנקורס און אומגעגענט. „זע נאָר: פון וואַנען ווייסט זי דאָס, איך בעט אייך, וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך? . . אַזוי ווי זי וואָלט געווען דערביי! . ." בעטי סוואָרטץ איז בלאָנדלעך — אַ האָרעלע גרוילעך — יוגנטלעך, ניט געקוקט אויף אירע אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָר און אויף איר זעכצן־זיבעצן־אַכצן־יאָריק מיידל. איר גרעס־טע אַמביציע איז צו דערשלאָגן זיך צו „האָליוואוד" — שרייבן סצע־נאַריאָס פאַר קינאָ־בילדער — און זי פאַרלאַנגט פונם זעצער אין דער רעדאקציע : זעץ „סוואָרטץ" און ניט „שוואַרץ".

יעקב לאַפּידעס, אַ רעפּאָרטער און „פּיטשור"־שרייבער אין דעם זעלבן „טאָג" — אַ „מענטש מיט אַ גוטמוטיקן פּנים און אַ פריילעכן

כאַראַקטער״, ווי ערגעץ אויבן שטייט געשריבן — ליגט אויס זיין נאָמען דורכאויס אין העברייאיש: „לפידות״ — און עס העלפט אים ניט. לאַפידעס קומט אַריין אין „גאָר הויכע״ הייזער פון דייטשישע יאהודים; ער האָט אַ צוטריט ניט בלויז אין יעדן פּאָליציי־צירקל, נאָר אַפילו צום פּאָליס קאָמישאָנער אַליין; ער קאָן טון איינעם אַ טובה דורך פּאָליטישענס, און טוט טאַקע: ער איז אַ „גוט־ברודער״; ער קאָן אייך קריגן דורך בוטלעגערס אַזוי פיל שנאַפּס וויפיל איר ווילט; ער האָט איינמאָל געהאַט אַ געשפּרעך מיטן באַנדיט אל. קאַפּאָנע אַליין. און דאָס אַלץ האָט אים ניט געהאָלפן — צו ווערן אַ מיטגליד אין פּע׳ן־קלוב. דאָס איז זיין צאָן־מיט־אַ־לאָך. פאַרוואָס זאָל מען אים ניט אַריינ־נעמען אין פּע׳ן־קלוב? „פּאָעטן, עסעאיסטן, נאָוועליסטן״ — ער, לאַ־פידעס, האָט געשריבן „עסייען״: וועגן די פיש אין אקוואַריום — וועגן דעם עלפאַנט טומטו פון זאָאָלאָגישן גאָרטן — וועגן די שולן פון די שפּאַניאָלן און וועגן יידן אין קאַליפאָרניער גאָלד־געלאַף פון 1849 — און טאַקע אַן עסיי איבער דעם אויבן־דערמאָנטן אל. קאַפּאָנע, און אין דעם דאָזיקן עסיי האָט ער באַוויזן, אַז א. קאַפּאָנע איז אַ — „אַ פּערזענלעכקייט״. ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז ער דורכגעפאַלן ביי דער אָפּשטימונג צום פּע״ן־קלוב. לאַפידעס האָט זיך ניט געפוילט און האָט אָנגעבעטן אַ מיטגליד אים נאָכאַמאָל פאָרשלאָגן — און איז נאָכאַמאָל דורכגעפאַלן. לאַפידעס איז געוואָרן אַ שונא פון פּע׳ן־קלוב: „אַ קליקע — זאָגט ער. — עס זיצט דאָרט אַ קליקע און לאָזט קיינעם ניט צו״. — נאָר זיין שנאה איז אַן אָנגעבראָכענע, מיט אַ שטשערב: ער האָט נאָך אַ האָפנונג — אפשר, טאָמער. ער וואָלט אפשר געזען שעדיקן מיט עפּעס דעם קלוב, אָבער וואָס קאָן מען טון צו אַ קערפּער־שאַפט וואָס — וואָס טוט אַליין גאָרניט? . . ליידט לאַפידעס און וואַרט אויף עפּעס.

פון עסן האָבן זיך די צוויי אָפּגעזאָגט, און איידער זיי האָבן באַוויזן זיך אָוועקצוזעצן איז אַרויפגעקומען יאלקוט, היימאַנס אַ פריינט נאָך פון די יאָרן פון די אַנאַרכיסטישע יום־כיפור־בעלער. יאלקוט איז אַן אַלטער בחור — אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ רויטן פליאָם אויף דער רעכטער באַק און אַ בייגל־פאָרמיקן פליך אויפן קאָפּ: אַ קרענצל האָר ביים ראַנד און אַ קאָמיש צעפּל אויף דער קרוין, ווי ביי די אַמאָליקע קאָזאַקן. זיין בליק איז אַ מידער און אַ געדריקטער, וואָס דאָס

קומט פון וועלט־שמערץ און אַ קראַנקן מאָגן. — יאלקוט האָט געזאָגט, ער איז געקומען נאָך ליזען: ער האָט בילעטן צום קאָנצערט אין סטאַדיום. עסן וועט ער ניט, נאָר אַ שנאַפּס וועט ער נעמען, און נאָכן שנאַפּס, אַז אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ געבראָטענע גאַנדז, האָט ער צוגעגעבן, אַז אויב מ׳וועט אים שטאַרק בעטן, וועט ער אפשר — המ . . . — נעמען אַ פולקע. מיט יאלקוטן איז עס אַלעמאָל אַזוי: פאַר עסן האָט ער מורא, נאָר פון אַ נאַש איז אים שווער זיך אָפּצוזאָגן, באַזונדערס נאָך אַ ביסל בראַנפן. אויך היימאַן האָט אַ קוק געטון פריינטלעך פריער אויף דער גאַנדז, דערנאָך אויף זיין טילין, דערנאָך ווידער אויף דער גאַנדז, אויסגעטרונקען נאָך אַ שנאַפּס צוזאַמען מיט יאלקוטן און העניך קאַץ — און גענומען דעם גאָפּל אין האַנט. דער אַלטער זרח האָט געוואָרפן אויף דער ניט־כשרער גאַנדז אַ בליק פון קנאה און מיט אַ מינע פון רעזיגנאַציע האָט ער זיך גענומען צו זיינע רעטאַכלעך מיט סמעטענע. נאָר דאָ האָט מען ווידער אָנגעקלונגען ביי דער טיר, און היימאַן פיש האָט מיט באַדויערן צוריק אַוועקגעלייגט זיין גאָפּל.

— דאָס איז צו מיר, — האָט ער געזאָגט, אַ קוק טוענדיק אויף זיין זייגער. — אַנטשולדיקט מיר אַ מינוט. איך וועל פּאַרטיק ווערן איינס און צוויי.

ער איז אַוועק צו דער טיר, האָט דאָרט באַגעגנט עמיצן מיט אַ „האלאָ״ וואָס האָט געקלונגען האַרציק ביז גאָר און האָט יענעם אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימער. יעקב לאַפּידעס האָט באַוויזן צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם באַזוכער און האָט אויפגעהויבן די ברעמען: וואָס טוט, הייסט עס, אַט דער פויגל דאָ אין הויז? . .

6.

מ׳האָט געהערט ווי היימאַן באַגלייט אַרויס זיין באַזוכער דורכן האָל מיט אַ ברייטן, האַרציקן געלעכטער, ווי ער האָט אים אויפגענומען, נאָר אַז ער איז געקומען צוריק איז אויף זיין פּנים געווען ניט האַרציקייט, נאָר אַן אויסדרוק פון געלאַסנקייט און זאַכלעכקייט: אַ מענטש האָט געטון „ביזנעס״. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, צו דער גאַנדז, און זיין פּנים האָט ווידער גוטמוטיק אויפגעלויכטן.

— און וויפל האָט געקאָסט דעם דאָקטאָרס וויזיט? . . — האָט יעקב לאַפּידעס געפרעגט.

היימאַן האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ שמייכל:

— איר קענט אים?

— איך קען אַלעמען וועמען ס'איז נויטיק צו קענען — צוליב איין טעם אָדער אַ צווייטן.

— יאָ, עס האָט געקאָסט מיט רחמנות, וועדליג דעם דזשאָב וואָס איך מאַך — וואָס מיר מאַכן. אָבער די הוצאות וואַקסן פונדעסטוועגן. עס וועט אויסקומען צו רעכענען מער ווי צוואַנציק דאָלער פּער צימער, סוף־כל־סוף.

העניך קאַץ האָט פּלוצים געוויזן אַ סימן פון אינטערעס אינם געשפּרעך; ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס סערוועטל פון קאָלנער און געזאָגט:

— מער ווי צוואַנציק דאָלער? דאָס איז גאַנץ ווייט פונם עסטימייט . . .

היימאַן פיש האָט געלאָסן געענטפערט:

— דער עסטימייט בויט ניט דאָס הויז. אַן עסטימייט איז אַלע־מאָל בלויז אַ בערכ'דיקע זאַך. אָבער ס'איז אַן סכנות. וועט מען רע־כענען אויף אַ ביסל אַ העכערן טענאַנט.

— ס'אַ נייע געגנט . . . — האָט מיסטער קאַץ איינגעווענדט.

— טאַקע ו ו י י ל אַזוי. דער „בעסערער" עולם וויל ניט וואוינען אין דער געדיכטעניש. ביז אַ געגנט ווערט געדיכט באַזעצט איז זי אַ „סובאורבאַן", אַ פאָרשטאָט — אַ מין דאַטשע. נו, און דער נייער סאָבוועי . . . שפּעטער בלייבט שוין דער רענט העכער טאַקע ווייל דער דיסטריקט איז באַזעצט.

מיסטער קאַץ האָט אומרואיק אָפּגעשוויגן. דאָס אַלץ לייגט זיך טאַקע אויפן שכל, אָבער עפּעס אַזוינס האָט אים געקוועטשט. ער האָט ניט געזאָגט ו ו אָ ס עס קוועטשט אים.

יאַלקוט האָט געפרעגט:

— אָבער ווער איז עס געווען ביי דיר?

— איינער אַ רעיני, ביל רעיני. ער דרייט זיך אַרום די בוי־יוניעס. קיין אַמט האָט ער ניט, נאָר ער טויג זיך אויס אויף אַ סך זאַכן. פירט די יוניע אַ סטרייק, איז ער אַרום סטרייק, אַזוי אַרום . . . אַרום די ראַנדן. ווייל די יוניע נישט אַנערקענען די געזעצלעכקייט פון

סטרייק — עס טרעפן אַזעלכע זאַכן . . . — קאָן רעיני פאָרן און ברייני־גען סטרייק־ברעכער אויך. רעיני — קאָן . . .

— ביל רעיני האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין שיקאַגא . . . — האָט לאַפּידעס באַשטעטיקט.

— איז וואָס זשע האָט ער געוואָלט פון דיר?

— ער איז געקומען פון מעק־קאָלאָקן, פון די ציגל־לייגער: סטרייק־אינשורענס.

— וו־וואָס? . . — האָט יאלקוט איבערגעפרעגט.

— סטרייק־אינשורענס . . . פאַרזיכערונג קעגן אַ סטרייק. דו ביסט אַן אינשורענס־מאַן, דאַרפסטו וויסן וואָס אינשורענס איז אַזוינס.

מיסטער קאַץ איז ווידער געוואָרן אויפגערעגט:

— סטרייקן? אָבער פאַרוואָס זאָלן זיי סטרייקן — וואָס ווילן זיי דען?

היימאַן האָט געקוקט אין טעלער און געענטפערט צווישן ביס און ביס:

— זיי ווילן ניט סטרייקן. דאָס איז נאָר געקנאַקט מיט דער בייטש. מעק־קאָלאָק האָט אַ פיינעם קאַנטרי־פּלאַץ אין מעין . . .

— דאָס אי׳דאָך . . . בלעקמעיל! — האָט זיך מיסטער קאַץ געקאָכט. — איך וואָלט ניט געגעבן!

היימאַן האָט געגעבן אַ טרוקן הוסטל און האָט אַוועקגעלייגט אויף אַ ווייַלע גאָפּל־מעסער.

— פאַר־צוויי־יאָרן האָב איך געבויט אַ הויז אין קווינס. דער סעקרעטאַר פון די האָלץ־אַרבעטער קומט צו מיר אין אָפיס: אַזוי און אַזוי — סטרייק־אינשורענס. איך האָב ניט געקאָנט געבן: איך האָב זיך אַ ביסל פאַררעכנט ביים אָננעמען דעם דזשאָב, און איך האָב שוין געוואוסט אַז איך אַרבעט אומזיסט. דאָס הייסט — ע־הם! — כ מ ע ט אומזיסט . . . איין מאָל קום איך אינדערפרי צו דער געביידע — מ׳אַרבעט נישט, מ׳סטרייקט „אויפן דזשאָב“. איך פרעג די אַרבעטער: פאַרוואָס סטרייקט איר? זיי ווייסן ניט: די יוניע האָט געהייסן. איך לויף אַוועק אין דער יוניע — דערציילט מען מיר אַזאַ מעשה: די שכירות, לויט דער „סקעיל“, פאַר די האָלץ־אַרבעטער זענען 13.20 אַ טאָג. ביי מיר אַרבעט מען פאַר 8.50 ביז 11 דאָלער אַ טאָג. איך דאַרף צאָלן לויט דער סקעיל. נו, די אָפיציעלע סקעיל איז טאַקע 13.20,

נאָר אין דער פּראַקטיק האָט מען זי קיינמאָל ניט געהאַלטן; דאָס הייסט, אין די יאָרן פונם גרויסן בום האָט מען געצאָלט, נאָר שפּעטער — ניט. קיינער ניט, וואָס זשע האָט מען זיך אָנגעזעצט דוקא אויף מיר? נאָר גיי שריי חי־וקים. דער סעקרעטאַר האָט מיך פּאַטערלעך געמוסרט: אַז איך האָב זיך געשטעלט בויען, האָב איך דאָך פּאַרזי־כערט די מאַטעריאַלן: טאָמער מאַכט זיך אַ שרפה, צי וואָס — פּאַר־וואָס זשע האָב איך ניט אַרויסגענומען קיין סטרייק־אינשורענס, אויף „טאָמער מאַכט זיך אַ סטרייק"? . . ווי איז עס אַ מענטש אַזוי נאַכלע־סיק אין זיין אייגענער ביזנעס? — אָט אַזוי־אַ, טאַקע בזה הלשון, בקיצור, מיר זענען דורכגעקומען, אָבער איך האָב אויסגעלערנט מיין לעקציע אויף אויסנווייניק. —

.7

דער אַלטער זרח האָט אַרויסגענומען דאָס אייניקל און טעדין אויף אַ שפּאַציר. ליזע פּיש איז אַוועק צו זיך אין צימער זיך אָנטון פּאַרן קאָנצערט, און די אַנדערע ווייבער זענען אַריבערגעגאַנגען אין „זון־פּאַרלאָר". די מענער זענען נאָך געבליבן אַ ווײַלע אַרום טיש. יאַלקוט איז געזעסן אַ פּאַרטראַכטער. פון צייט צו צייט האָט ער זיך געכאַפּט מיטביידע הענט פּאַרן קאָפּ און געמאַכט אַ גרימאַסע, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטריינגט צונויפצונעמען זיינע געדאַנקען. דאָס איז ביי אים אַ חנדל אַזוינס, אַזאַ רגילות.

יאַלקוט — אַ מענטש אַ פּאַרקלעמטער אין זיין מענטשישאַפט: 70 קורצע יאָר מאַקסימום לעבן — דער צוואַנג און בזיון פון פּרנסה — דער עקל צו די דערפּאָלגרייכע פּיראַטן — קוהלתדיקייט, און דעם מינדסטן פּאַרלאַנג צו „פּאַראייביקן" זי. —

— יאָ, — האָט ער פּאַרענדיקט זיין געדאַנקען־גאַנג. — כמעט הונדערט יאָר פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג . . .

— כ־כעם! — דאָס האָט לאָפּידעס אַרויסגעלאָזן אַ געלעכטערל אַזוינס. — און אַנאַרכיסטישע באַוועגונג . . . און סינדיקאַליסטישע באַוועגונג . . . און סאָציאַליסטישע באַוועגונג. איר זענט, דאַכט זיך, אַליין אַמאָל געוועזן אַן אַנאַרכיסט, אהז? דאָס הייסט — איידער איר זענט געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל, פון זשיטלאָווסקיס חדר . . .

— געוועזן . . . — האָט יאַלקוט קורץ צוגעגעבן. — אַ „באַווע־

גונג״ אָן אַ פּראָגראַם. קעגן פּאָליטיק. אָן אַ פּלאַן פון אינדוסטריעלן קאַמף. אייגנטלעך, אָן אַ קלאַס אויף וועמען זיך צו שטיצן. „פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט״. — סתם פרייהייט, אין הימל אַריין, און סתם פּערזענלעכקייט. וועלכע פּערזענלעכקייט? וואָס פאַר אַ פּערזענ־לעכקייט קאָן זיך אויסאַרבעטן, למשל, ביים אַרבעטער, ווען ער לעבט פון האַנט צום מויל — אַרבעט פאַרן היינט — איז אין דער אַרבעט ניט פאַראינטערעסירט? דער קליינבירגער קאָן שוין גיכער זיין אַ „פּער־זענלעכקייט״: ער ראַנגלט זיך פאַר זיכערקייט, פאַר פּאָזיציע אין לעבן. אמת, עס איז ניט גענוג צו זאָגן: „ער וויל פאַרבעסערן זיין מצב״ — דאָ אין אַמעריקע האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט פּשוט אַ דיבוק, דער דיבוק פון „אַרויפאַרבעטן זיך״, און טרייבט אים אָן רחמנות; אָבער ער וויל עפּעס און האָפט אויף עפּעס פאַר היינט, פאַר מאָרגן, פאַר איבערמאָרגן — ער לויפט ערגעץ־וואוהין. אַ קאַפּער וואונדער וואָס דער אַרבעטער רייסט זיך רק אַרויס־און־אַוועק פונם שאַפּ, ספּעציעל דער אומרואיקער יידישער אַרבעטער: דאָס רייסט ער זיך, אויף אַ בלינדן שטייגער, צו באַפרייען זיין פּערזענלעכקייט — אינם שויס פון קליינבירגערטום. און דער סוף פונם אַנאַרכיסטישן קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט איז: אַ היפּשע צאָל געוועזענע אַנאַרכיסטן האָבן זיך אַליין גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעט אין „ריעל־עסטייט״ . . .

היימאַן פיש האָט זיך אַ האַרעלע פאַררויטלט.

— און אינשורענס איז בעסער? . . — האָט ער איינגעהאַלטן געפרעגט.

יאלקוט האָט זיך באַשעפטיקט מיט לעבנס־פאַרזיכערונג, זיין אַר־בעט איז אָנגעגאַנגען ערגעץ אין גאָר פרעמדע קרייזן. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן איר, קיינמאָל ניט אָנגעבאָטן קיין פאַרזיכערונג צו פריינט אָדער נאָענטע באַקאַנטע. נישט געהאַט, קענטיק, קיין גוואַל־טיקן דערפאָלג, נאָר „געמאַכט אַ לעבן״. ער האָט ווייך געענטפערט:

— ווער זאָגט דען אַז בעסער? איך נעם זיך ניט אַרויס פון כלל . . . מיר זענען אַלע אין דער קלעם — קאָן דען אַן איינצלנער מענטש זיך שטעלן קעגן אַ סאָציאַלער אָרדנונג? איך וויל נאָר ווייזן דעם סוף פון אַן אידייע וואָס האָט — ווי דער ענגלישער פּאָעט האָט

אַזוי גרויסמויליק געזאָגט אין אַן אַנדער פאַרבינדונג — צוגעשפּאַנט איר וואָגן צו אַ שטערן״ . . .

— אָבער הערט נאָר, — האָט זיך לאַפּידעס אָפּגערופן, — די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האָט זיך דאָך געשטיצט אויפן „אַרבעטער־קלאַס״ — און איר האָט דאָך געהערט וואָס מיסטער פּיש האָט דאָ דערציילט! . . און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג — ווי האַלט עס עפּעס מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אהה? אירע פּירער האָבן אויך גאַנץ נישקשהדיק אויסגעמאַכט אין ריעל־עסטייט צי אויף אַנדערע אופנים — און זי האָט שוין געהאַט פּראָגראַמען, אי פּאָליטישע אי עקאָנאָמישע, און וואָס ניט!

— מ־יאָ . . . — האָט יאלקוט אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ האַלבן מויל.

— וואָס יאָ?

איך . . . ווייס ניט. ס׳איז טאַקע אמת: אַלע זענען פאַרקראָכן אין אַ זומפּ. אָבער אָט וואָס: די יוניעס און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שטיצן זיך אויף די אַרבעטער — דאָס איז דער עיקר: זיי האָבן די אַרבעטער. די אַלע איבלען זענען אפשר די קראַנקהייטן פון אַ נאָרמאַל־וואַקסנדיקער באַוועגונג . . . איך מיין: די גיפטן וואָס זאַמלען זיך אָן אין אַ נאָרמאַלן אָרגאַניזם אין גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג. אַ געזונטער אָרגאַניזם אַרבעט אויס גיפטן — און קעגנגיפטן . . .

— איז וואו זענען די קעגנגיפטן? — לאַפּידעס האָט שוין געגעניצט.

— אפשר . . . דער קאָמוניזם.

— אַ־אַה! — האָט לאַפּידעס אויסגעצויגן, האַלב מיט כעס און האַלב מיט חוזק. — אָט די לאַכודרעס? נו, מיין פריינט, מיר זענען אין אַמעריקע, יו נאָו, ניט אין רוסלאַנד.

אויך היימאַן פּיש האָט אַ ביסל געהעכערט די שטים:

— די קאָמוניסטן? — אָט די האַרדע דעמאַגאָגן און וואַנדאַלן וועלן דאָס ברענגען דעם סאָציאַליזם? . . וואָס זשע, ביסט אפשר אויך אַ קאָמוניסט?

— נ־ניין, איך בין . . . ניט קיין קאָמוניסט. איך . . . אָבער מ׳דאַרף דאָך זיין אָביעקטיוו, מ׳דאַרף פאַרשטיין די לאַגע. אַ מין קעגנגיפט ז ע נ ע ן זיי. יאָ, זיי זענען עקסטרעם, נאָר זיי מיינען עס

ערנסט. מ׳קאָן זיי אפשר גיכער פאַרגלייכן צו די ווייסע בלוטקייקעלעך אין לעבעדיקן גוף: זיי וואַרפן זיך אין פייער אַריין, זיי שטראָמען צו די געפערלעכסטע פלעצער, צו וואונדן, צו אַנטצינדונגען . . .

— טאַ־טאַ! — האָט זיך היימאַן פאַרקרימט. — קעגנגיפטן . . . בלוטקייקעלעך . . . בטלנות און פוסטע מליצות. זיי וועלן זיך אַרויפ־אַרבעטן, וועלן זיי ווערן ווי די אַנדערע, ווי . . . מיר אַלע.

— אפשר . . . וואָס טויג אונדז נביאות? דערווייל זענען זיי דער ברענפּונקט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ האַרדע? . . יאָ, עפּעס איז פאַראַן אין זיי אַזוינס פון רעליגיעזע, פאַטאַליסטישע . . . דער־אַבערער. המ . . .

— אויב זיי וועלן „דעראַבערן״ אַמעריקע, — האָט לאַפּידעס געלאַכט, — וועט אייך אויך זיין ניט גוט.

— יאָ, — האָט יאַלקוט גערעדט מיט צעטראָגנקייט, — פאַר אונדז, פאַר אונדזערע לייט, וועט זיין . . . ניט גוט. —

8.

אין זונזאַל — אַ געדעקטע גלעזערנע וועראַנדע, אויסגעמעבלירט מיט געפלאָכטענע שטולן און קושעטקעס — האָט בעטי סוואַרטץ גע־האַלטן אין דערציילן טילין אַ געפעפערטן אַנעקדאָט וועגן דעם ווי אַ כלה האָט געזאָגט צו איר חתן, אַז „ניין, פאַר דער חתונה קאָן זי אים קיין מוסטער ניט ווייזן, נאָר זי קאָן אים ברייגנען רעקאָמענדאַ־ציעס פון . . . אַנדערע מענער, כאַ־כאַ״ — און דערביי האָט בעטי שפּיציק נאָכגעקוקט די אַוועקגייענדיקע יאַלקוטן מיט ליזען און גלייכ־צייטיק געשמעקט מיטן נעזל צו סוזין, שפּירנדיק אַז עפּעס גרייט זיך דאָ און אפשר אַנטוויקלט זיך דאָ פאַר איר אַ „סטאָרי״: די אַנטדעקונג אַז רכילות איז אַ רייכער קוואַל פאַר ליטעראַטור איז געווען דאָס „גרויסע געווינס״ פון איר לעבן. סוזי האָט שוואַך געהערט, אַ פאַרנור־מענע מיט אירע אייגענע געדאַנקען. אָט, מענטשן לעבן טאָקע ווי מענטשן: אַ „זון־פּאַרלאָר״ . . . ביים טיש רעדט מען וועגן גרויסע געשעפטן, און . . . גרייפּפרוכט פאַר פאַרשפּייז. געוויס, אַ ביסל מאָדנע, אָבער מ׳קאָן זיך צוגעוווינען . . . צום סוף האָט בעטי פאַר־געשלאָגן, אַז זיי זאָלן אַלע גיין אין סטאַדיום צום קאָנצערט. נאָר

טילי האָט געהאַט פאַר סוזין אַנדערע פּלענער. זי האָט זי אָפּגערופן אָן אַ זייט און אַ פרעג געטון מיט די אויגן: — נו?..

סוזי האָט זיך פאַרקרימט.

— ער איז מיר זייער ניט צום האַרצן, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— אָה, סוזי, האַלט קאָפּ! אַז דו האָסט דאָך מיט אים אַפילו קיין וואָרט ניט אויסגערעדט!

סוזי האָט פאַרדריקט מיט די אַקסלען:

— ער שווייגט! און שווייגן שווייגט ער עפּעס נאַריש און... ניט גוט.

— מאַך אים צו ריידן, סוזי! וואַרט...

טילי איז אַוועק און האָט איינגערוימט עפּעס דעם מיסטער קאַץ אין אויער. ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז צוגעגאַנגען צו סוזין:

— מיס סוזי, איך... עס ׳עט זיין ביי מיר אַ פאַרגעניגן אייך אָפּצופירן אַהיים — אין מיין קאַר. אַ „ביואיק". כ׳מיין, אפשר ניט אַזאַ... נו, אַ ביואיק...

טילי האָט געקוקט אויף סוזין שטרייננג, ווי אַן עלטערע שוועס־טער, און סוזי האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. די צוויי האָבן זיך צעזעגנט מיט אַ „גודבאַי, אָלל!" און זענען אַרויס. ביי דער טיר איז געשטאַנען מיסטער קאַצס אויטאָמאָביל: אַ קליינע קאַר פאַר צוויי, אַן אַלטע, אַ שווערלעכע, זייער שטאַרק ענלעך אויף מיסטער קאַצן אַליין. מיט איין וואָרט: ניט אַזאַ... נו, אַ ביואיק. —

אַז מ׳איז שוין געזעסן איינוויניק און די מאַשין האָט גענומען קריצן מיט די ציינער, האָט מיסטער קאַץ געזאָגט:

— אַז מ׳עט דאַרפן, וועט מען די קאַר אויסבייטן אויף אַ נייער...

די מאַשין האָט געגעבן אַ שפּרונג און נאָך אַ שפּרונג — און האָט פּלוצים אָנגעהויבן גיין שמיידיק און טענצלדיק, מיט אַ כריפּעלע, מיט אַ הוסטעלע, נאַר נישקשהדיק און יוגנטלעך, ווי איינער רעדט: נו, אודאי, ניטאָ די כוחות וואָס בחורוויז, אָבער אָפּדאַוונען פאַרן עמוד אין אַ ראש־חודש צי אין אַ יומא דפגרא קאָנען מיר נאָך אויך.

אַ פאָר בלאָק ווייטער:

— אַ ז מ ׳ ע ט ד אַ ר פ ן —

מיסטער קאַץ האָט געמאַכט אַ פּויזע און אַ קוק געטון אויף סוזין—

— . . . ווען מען זי אויסבייטן אויף אַ בעסערער. יאָ. —

סוזי האָט געוואָרפן אַ פרעמדן בליק אויף אָט דעם פרעמדן יידן און האָט געשוויגן. זי האָט גראָד געטראַכט וועגן היינטיקן פאַר אין דעם „על" און האָט זיך דערמאָנט אָן „סידנין". העניך קאַץ האָט געטריבן די קאַר צו מערב צו, ווייל ער האָט געוואָלט פאָרן דורכן סענטראל פאַרק. זיין אויג איז געפאַלן אויף דער שילד פון אַ שיינעם אַפטייק.

— אפשר וואָלט איר געוועזן אַ בעלן אויף אַ —

סוזי האָט געוואָרפן גורל אין קאָפּ: „אויב ער באָט איר אָן פאַינעפּל — האָב איך מיט אים ניט חתונה!" —

— . . . אָן אייזקרים־סאָדע, אהה? . .

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און פריינטלעך געזאָגט:

— ניין, אַ דאַנק. לאָמיר בעסער פאָרן אַ ביסל איבערן פאַרק, איידער איך גיי אַהיים.

— מיט אַלע כבודן, — האָט זיך מיסטער קאַץ דערפרייט, כאָטש אים איז געוועזן קשה איר געלעכטער: איז זי ניט, אָפּטמאָל, אַ ביסל אַ צעדרייטע, אהה? . . ער האָט פאַרקערעוועט אין פאַרק אַריין און איז פלוצים געוואָרן באַריידעוודיק.

ער האָט פאַר איר גענומען דערציילן זיינע געשעפטן, ווי פאַר איינער וואָס האָט אַ רעכט צו וויסן. ער האָט אַ גראָסערי אין אַ מאַרקעט אָט־דאָ אויף בוירנסאַיד עוועניו — האָט ער. געווען פריער מיט אַ שותף, אָבער ניט געקאָנט הויזן, האָט מען זיך צעטיילט, האָט ער יענעם אַרויסגעצאָלט — האָט ער. האַלט ער איצט אַ מענטשן, אַ באַצאָלטן מענשן, נאָר — מ'קאָן זיך דען פאַרלאָזן אויף אַ פרעמדן מענטשן? . . אַ געשעפט פאַרלאַנגט אייגענע מענטשן. דאָס הייסט, אַ . . . אַ ווייב איז ניט מחויב, פאַרשטייט זיך, צו שטיין שטענדיק אין געשעפט; זי קאָן נאָר דאַרפן אַרויסקומען אויף אַ פאָר שעה פאַרנאַכט, בעת די ווייבער קויפן איין אויף סאַפּער. יאָ, אַ פאָר שעה נאָר; ווייל ער, העניך קאַץ, דיינקט, אַז אַ פרוי דאַרף אַכטונג געבן אויף איר הויז, אויף איר „היים" — דיינקט ער. אַז אַ מענטש האָרעוועט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג, האָט ער ליב אַ היימישן מאָלצייט, נישט פון די רעסטאָראַנען. מאָלט אייך, אַז סיי־ווי־סיי האָבן די אַמעריקאַנער מאכלים נישט דעם טעם וואָס אין דערהיים . . . דאַכט זיך וואָס?

פּרוכטן צי גרינסן, למשל, וואַקסן אין דער ערד — וואו דען זאָלן זיי וואַקסן? — פּונקט ווי אין דערהיים, און אַרויסקומען קומען זיי אַרויס עפּעס נישט דאָס . . . איז טאַקע דעריבער אַ היים — ווער שמועסט, אַז אין הויז דרייט זיך נאָך אַרום אַ יאַטל, אָדער אַמאָל צוויי —

סוזי האָט זיך אָנגעכמורעט:

— נו, איך . . . וואָלט זיך ניט געאײלט. איך האָב צייט.

העניך קאַץ האָט זי אָנגעקוקט אַ ביסל פאַרחידושט און אַ ביסל באַאומרואיקט. עפּעס אַזוינס איז אים דאָ ניט געפעלן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט עפּעס אַזוי אין דער וועלט אַריין: „נו יאָ, אודאי, וואָ׳דען? . .״ אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט באַשטעטיקט אירע רייד. סוזי האָט אַ פרעג געטון:

— ווי קומט איר צו טילין — צו די פישעס?

ער האָט זיך פאַרהאַקט אַ ביסל, דערנאָך, קענטיק, עפּעס אָפּגעמאַכט ביי זיך. נו יאָ, ער האָט געשעפטן מיט הײמאַן פיש — אַ ביסל געלט אַרײנגעלייגט אין יענעמס בוי־ספּעקולאַציעס; זיי בויען אַ קאָאָפּעראַטיוו הויז, בויען זיי; דאָס הייסט, אַז מ׳וויל, איז דאָס גאָרניט קיין קאָאָפּעראַטיוו, נאָר אַ מין „סטאַק־קאָמפּאַני״ — אַן אַקציענגעזעלשאַפט — און אַז מ׳וויל, איז דאָ יאָ עפּעס אַ מין קאָאָפּעראַטיוו . . . נאָך מענטשן באַטייליקן זיך — אָט דער לאַפּידעס, למשל . . . ער קאָן „ציען דראָטן״, אָט דער יעקב לאַפּידעס; ער האָט זיך עס דערוואוסט באַצייטנס וועגן דעם געפּלאַנטן נייעם סאָבוועי, און מיט זיין הילף טאַקע האָט מען עס אָפּגעקויפט ביי דער שטאָט דעם פּלאַץ אין גאָר גלייכן געלט — עס איז געווען שטאָטישע ערד . . . וועל, מ׳האָפט צו מאַכן אַ פיין געשעפט. האָט ער, העניך קאַץ, אַרײנגעלייגט דערווייל אַ ביסל געלט, דאָס הייסט, צוריק שמועסנדיק, טאַקע אַ שיינע פּעני — און שפּעטער וועט מען מוזן צוטראָגן עפּעס נאָך . . . יאָ. אַז מ׳שטעלט ניט איין, נעמט מען ניט אויס. דערפאַר אָבער די גראָסערי איז אַ זיכערע ביזנעס, און מ׳מאַכט, דאַנקען גאָט, אַ לעבן. מ׳אַרבעט שווער, נאָר מ׳מאַכט אַ לעבן, מאָלט אייך, אַז די גראָסערי־ביזנעס איז שוין אויך ניט דאָס וואָס זי איז געווען אַמאָל: די קאָנקורענציע איז אַזוי שטאַרק — מ׳שניידט זיך איינער דעם אַנדערן די גאָרגלען, און דאָ האָבן די „טשיין־סטאָרס״ — די רינג־קראָמען — אויך אָנגעהויבן אַרײנדרינגען אין די יידישע געגנטן. איז טאַקע . . .

איז טאַקע . . . אַ ביסל שווערלעך. אָבער מ׳מאַכט נאָך אַ לעבן. געווען פריער מיט אַ שותף . . . אַרויסגעצאָלט . . . פרעמדע הענט . . . מ׳מאַכט אַ לעבן . . . שותף . . . פרעמדע הענט . . . אַ היים . . . אַ ווייב . . . מ׳אַרבעט שווער . . . און בחורים קריגט מען נאָך דער חתונה אויך . . .

— האַ?! — האָט זיך סוזי אַ דערשראָקענעם צאַפּל געטון. זי האָט כמעט געהאַט איינגעשלאָפן אונטער זיינע מאָנאָטאָנע רייד און זיין דרייען זיך הין און צוריק איבער די זעלבע ענינים.

— וואָס „האַ״ . . . — האָט מיסטער קאַץ איבערגעפרעגט.

סוזי איז רויט געוואָרן און האָט זיך צוריק אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן איר ווינקל פון דער קאַר. זי וואָלט געמעגט שווערן, אַז זי האָט אים געהערט איבערזאָגן וואָרט ביי וואָרט דאָס וואָס טילי האָט איר געזאָגט היינט אינדערפרי. אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! געזען אַזאַ פּאַרטראַכטקייט! מ׳קאָן אַמאָל אַזוי בלייבן שטיין מיט די הוילע . . . געדאַנקען אין דרויסן! —

טשיזשיק - פּיזשיק

1.

סוזי האָט פּאַרזוכט דעם טעם פון זוכן און געפינען אַ פּאַסיקע דירה.

סוזי האָט לכתחילה געפּלאַנט צוויי צימערן: אַ שלאָפצימער און אַן עסצימער־„קיטשענעט״ — וואָרעם וואָס דאַרפן צוויי מענטשן מער? הענין קאַץ, וועלכער האָט זיך געהאַט זיינע חשבונות, האָט צוגעשוויגן און זי געלאָזן זוכן. האָט מען, קודם כל, אין דער שכנות פון געשעפט קיין צוויי חדרים ניט געפונען. מיסטער קאַץ האָט זיך טאַקע דערויף געריכט און איז תיכף „איינגעגאַנגען״ אויף דריי. נו, האָט זיך עס אָנגעהויבן: זענען די חדרים שיינע, זענען פאַראַן ווייניק שאַפעס; האָסטו שאַפעס, זענען די צימערן אויסגעשטעלט אומגעלומפּערט, אָדער עס קומט נישט אַריין גענוג לופט־און־ליכט; איז די וואוינונג אַ ליכטיקע, געפינט זי זיך אויפן העכסטן שטאָק און מ׳דאַרף גיין אַ סך טרעפּ. און אומעטום איז דער רענט העכער ווי מ׳האָט זיך פּאַרמאָסטן צו צאָלן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואָס גרעסער די וואוינונג, אַלץ נידריקער איז דער רענט — פּראָפּאָרציאָנעל, אַזוי אַז

פאַר פיר פּאַסיקע חדרים האָט מען געבעטן בלויז מיט אַ זעקס דאָלער מער ווי פאַר דריי. פיר חדרים — משוגע מיינע שונאים! וואָס וועט מען טון מיט פיר חדרים? עס וועט זיין אַ סך אַרבעט צו האַלטן זיי ריין און — מ׳וועט מוזן איינהאַנדלען מער מעבל. וועגן דעם לעצטן פונקט האָט אויך מיסטער קאַץ אַ קנייטש געטון דעם שטערן. דער סוף איז געווען: מ׳האָט גענומען פיר חדרים אויף אַ ראַג פון וואָלטאָן עוועניו, צו דער גאַס, מיט פענצטער צו צפון און צו מערב, מיט שאַפעס, מיט אַלע זיבן זאַכן, ליכטיקע, גרויסע, נאָר — פאַרט אויפן פערטן שטאָק. „מ׳וועט אפשר קאָנען אַרויסדינגען אַ צימער״, האָט מיסטער קאַץ פאַרטראַכטלעך געזאָגט: ער איז נישט געווען זיכער, אַז דער פלאַן געפעלט אים. „אפשר . .״, האָט סוזי געצווייפלט: מ׳וועט, הייסט עס, דאַרפן אַרבעטן אויפן „באָרדער״ אויך. ווען זי וואָלט וועלן אַ סך אַרבעטן, וואָלט זי דאָך געקאָנט בלייבן אין שאַפּ. „מ׳אַרבעט זיך אַרויף״ כדי נ י ט צו אַרבעטן — צי ניין? —

מ׳האָט אויסגעמעבלירט דאָס גאַנצע הויז מיט זאַכן פאַנירט אונטער ניסנהאָלץ, אַחוץ דער קיך און דער וואַנע וואָס זענען געווען ווייס מיט הימלבלוי. אין שלאָפצימער זענען געווען צוויי בעטן — צ ו ו י י, ניט ווי אין רידזש סטריט, כאָטש געשטאַנען זענען זיי האַרט איינס נעבן צווייטן, אָט ווי איין בעט — אַ „דרעסער״, אַ באַזונדער שפיגל אין פולן מענטשלעכן וואוקס, אַ קליינער וויגשטול און אַ האַרט ביינקל. דאָס עסצימער האָט אַריינגענומען אַ קיילעכדיקן עס־טיש מיט הויכפּלייציקע געבעטע שטולן אַרום אים, אַ בופעט און אַ לעדערנע קושעטקע. אין „וואוינצימער״ איז. פאַרשטייט זיך, אַריינגעקומען דער שווערער גאַרניטער: אַ פאָטעל, אַ וויגשטול, אַ דיוואַן — אַלע געבעט און געדעקט מיט ברוינעם סאַמעט; אַ „לייברערי״־טיש מיט אַ גלעזערנער פלאַטע; אַ ראַדיאָ־שיינקל, אַ רויכטישל, אַ שטייַלאָמפּ, אַ גומיפלאַנץ אין אַ הילצערנעם פעסל פון איין שטיק, און אַ גלעזערנע באַמבע מיט גאָלדפישלעך. אין האָלכל — ווידער אַ שפּיגל מיט אַ האַלב־קיילעכדיקן טישל אונטער אים. דאָ איז אויך געווען דער טעלעפאָן.

אין וואוינצימער איז נאָך פונדעסטוועגן פאַרבליבן אַ ווינקל און אַ שטיק וואַנט וואָס האָבן זיך געבעטן פאַרנומען צו ווערן. סוזי האָט פאַרזיכטיק סוגעסטירט:

— אַ פּיאַנאָ . .

מיסטער קאַץ האָט אויפגעהויבן די ברעמען:

— אַ פּיאַנאָ? דו שפּילסט דען פּיאַנאָ? . .

וואָס זאָל זי אים געוועז זאָגן? — פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, פון די צייטן ווען אין אַ ווייטער שטאָט — יעליסאַוועטגראַד — האָט געלעבט אַ זעכצן־זיבעצן־יעריק מיידל, איז אַרויסגעשוואומען אַן אַלטע בייַנקעניש. ביי אַ באַקאַנטער פאַמיליע אין הויז, וואו אירע חברטעס האָבן זיך געלערנט שפּילן, האָט זי ניט איין מאָל פּרובירט עפּעס אויסשפּילן, מיט איין פינגער. זי האָט, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן מיט „טשיזשיק־פּיזשיק, גדיע טי ביל“. עס האָט געדויערט לאַנג, נאָר סוף־כל־סוף האָט עס געבראַכט מיט זיך אַ גרויסע פרייד, ווען פון אונטער איר פינגער האָבן באמת גענומען אַרויסקומען די טענער פון „טשיזשיק־פּיזשיק“, טאַקע אין דעם זעלבן סדר, איינער נאָכן צווייטן, ווי דאָס לידל האָט זיך געזונגען. יענע, די יעליסאַוועטגראַדער, איז געבליבן ביי „טשיזשיק־פּיזשיק“, נאָר די, די ניו־אָרקער, האָט געלעכצט און געפילט, אַז . . .

— אַ פּיאַנאָ אין אַ הויז קאָן אַלעמאָל צוניצקומען . . . — האָט זי אַזוי נעפּלדיק גערעדט. — און — ס׳אַ שטיקל מעבל, עס פאַרנעמט אַ פּלאַץ . . .

— מ־יאָ . . . — האָט מיסטער קאַץ צוגעשטימט, פּונקט אַזוי נעפּלדיק, „אין פּרינציפּ“, הייסט עס, ווייל דאָס האָט זיך טאַקע ווידער אַמאָל געשלאָסן מיט זיינעם אַ פאַרבאָרגענעם געדאַנק. — מ׳עט זען...אַ „פּלעיער“, אפשר — אָט די וואָס קאָנען שפּילן אַליין אויך...

— אַ פּלעיער! — האָט זיך סוזי אָנגעכאַפּט מיט איבעררא‍שונג און פרייד: זי איז געווען זיכער, אַז אויף אַ פּלעיער וועט זי אודאי קאָנען אויסשפּילן אַלץ וואָס זי וועט וועלן. — אַך, העני, — יאָ, זיי אַ גוד באָי:

— מ׳עט שוין זען . . . — האָט דער גוד באָי צוגעשמייכלט. — דו גיב מיר נאָר צייט . . .

.2

דער גאַנצער בלאָק פון איין זייט אויף בוירנסייד עוועניו האָנדלט מיט עסנוואַרג, ווייל אין בראָנקס עסט מען. —

אין „פיור פוד" מאַרקעט האָבן שטעלן און ווינקלען, אַ גרינסער, אַ מילכער, אַ קצב פון בשר כשר, אַ פישלער און העניך קאַץ דער גראָסער. צו דער לינקער זייט פון מאַרקעט, אין אַ ברייטער וויטרינע, ברוינען און רויטלען זיך די ברויטן און צוקערגעבעקס פון אַ בעקעריי; רעכטס געפינט זיך דער וועגעטאַרישער רעסטאָראַן „אַ פריינט פון דער מענטש־הייט", נעבן אים אַ קראָם פון קאָנפעקטן און אייזקרעם — דער „אייז־קרים־פּאַרלאָר" — ווייטער צו אַ צען־סענט־קראָם מיט אַ לאָנטש־קאָונ־טער, און ביים עק גאַס אַן אַפּטייק — אַן אַמעריקאַנער אַפּטייק, וואו מ׳סערווירט ווידער טאַקע אייזקרעם און ווידער טאַקע „לאָנטש", מיט אַ צוגאָב פון רפואות, קאָסמעטיקס און רויך־אַרטיקלען. קעגנאיבער אין בלאָק: אַ טרייפענער בוטשער, אַ קלייט פון געוויכערטע און קאָנ־סערווירטע פישן, אַ כשר דעליקאַטעסן געשעפט און אַ שפייז־געוועלב פון דער „עי ענד פּי" — איינע פון די רינג־קראָמען פון דער „אַטלאַנ־טיק און פּאַסיפיק קאָמפּאַני".

דער „פריינט פון דער מענטשהייט" רעדט אויף אַ פּלאַקאַט אין פענצטער קעגן חיהשן פראָטעאין: מינעראַלן און וויטאַמינען — ד אָ ס איז דער עיקר! ביים קצב הייבגט אַ קאַרטע מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ וויסנשאַפטלער פון אַגראַ־מיניסטעריום צו עסן וואָס מער פלייש: דאָס גיט אייך ענערגיע און פאַרגיטיקט די טעגלעכע פאַרצערונג פון די קערפּער־געוועבן. ביים בעקער שטייט געשריבן מיט פעטע אותיות: „עסט ב ר ו י ט ! עסט מ ע ר ב ר ו י ט ! איר דאַרפט אַרבעטן — און אַרבעטס־קראַפט באַקומט איר פון די קראָכמאַל־שטאָפן". די קראָם פון קאָנפעקטן שרייבט: „צוקער! איר אַרבעט אויף צ ו ק ע ר ! — צו וואָס פאַרלירן כוחות אויף צו פאַרוואַנדלען ערשט קראָכמאַל אין צוקער, ווען איר קאָנט אַריינגעמען צוקער דירעקט?" דער אַפּטייק סוגעסטירט, אין אַן איידלער און וויסנשאַפטלעכער שפּראַך, אַלערליי אַפּפיר־מיט־לען, און די צען־סענט־קראָם האָט זיך איר אייגענע אַרגומענטאַציע וואָס ליגט אויף אַ גאַנץ אַנדער ליניע: „ביי אונדז איז קיין זאַך ניט טייערער פון צען סענט" . . .

ביי סוזין האָט זיך דאָס אַלץ ניט פאַטויפעט אין מוח. שטייען מענטשן איינער קעגן צווייטן און ריידן זיך אין דער גאַל אַריין, און די קונים — הערן זיי אָדער הערן זיי ניט גאַרניט, פונקט ווי זי האָט פריער ניט געהערט? זי האָט געפּרואווט אַ רעד טון צו העניכן. „ס׳אי׳דאָך

ביזנעס!״, איז הענּיך דערשטוינט געוואָרן פון אירע קלאָץ־קשיות. סוזי האָט זיך פאַרשעמט. ס׳איז טאַקע זייער נאַריש פון איר זייט. „יאָ, אָבער — זאָלסט מיר געזונט זיין — אָט איז דער וועגעטאַרישער רעסטאָראַטאָר און אָט איז דער קצב. איז — איז ווי זשע איז עס טאַקע? . .״ הענּיך קאַץ האָט אויף איר געוואָרפן אַ בליק פון טיפסטן ביטול, האָט אַ הייב געטון די אַקסלען און איז אַוועק צו זיין אַרבעט: ער איז אַ פאַרנומענער מענטש, איז ער — ער קאָן זיך דען באַדערן מיט נאַרישקייטן? כ־כע! וואָס אַ פרוי קאָן איינפאַלן. — סוזי האָט געקראָגן איר ענטפער, נאָר געפילט האָט זי זיך ווי אָנגעגעסן מיט „פיסנע״ ברויט: דער בויך איז פול, נאָר דער גומען איז באַליידיקט.

סוזי העלפט ניט פיל אין מאַרקעט, נאָר זי שטייט און טראַכט און באַטראַכט די נייע זאַכן און נייע מענטשן אַרום איר. —

הענּיך קאַץ איז אַ צעטראָגענער מענטש, און אַז ער ווערט צע־טומלט, איז — דערמעסט ער ניט, דערוועגט ער ניט, דערגיט ער ניט קיין רעשט. „ווי? ווייניקער מיט דריי סענט? גייט שוין גייט!״ רק ער מאַכט טעותן און רק אויף איין זייט — אַ צעטראָגנקייט פון אַ באַזונ־דערן מין. הענּיך קאַץ איז אַ צעטראָגענער מענטש, און אַז ער ווערט אויפגערעגט, קריגט ער זיך מיט זיין אַרויסהעלפער, מיט יאָסלען. יאָסל איז אַ בחור פון אַ יאָר זעקס און צוואַנציק, מיט אַ גלאַטן ברוינעם פּנים און גרויע העזהדיקע אויגן. ער איז אַ גוטער אַרבעטער, אָבער איין זאַך קאָן מיסטער קאַץ ניט פאַרטראָגן — ניין, צוויי זאַכן: וואָס ער הייסט זיך רופן דווקא יאָסל, ניט דזשאָו, און וואָס ער פייפט נאָכאַנאַנד. וואָס פייפט ער, וואָס? . . „איך פייף אויף דער וועלט, מיסטער״, האָט יאָסל איינמאָל דערקלערט. — „אַזוי? דו פייפסט אויף דער וועלט? איז פאַרוואָס זשע פייפסטו עפּעס אויף איר — וואָס ט׳זי דיר געטון?״ — „ס׳איז ניט מיין וועלט, פייף איך אויף איר״. — „נישט דיין וועלט? וועמעס דען איז זי?״ — יאָסל האָט ניט געענט־פערט; ער האָט נאָר חוצפּהדיק געקוקט מיסטער קאַצן אין די אויגן אַריין און חוצפּהדיק געפּייפט. און אויף „דזשאָו״ האָט ער זיך פשוט ניט אָפּגערופן, ווי ניט אים מיינט מען. און דערין איז שוין זיכער ניט געליגן יאָסלס „יידישקייט״, נאָר עפּעס אַ מין להכעיס, צי וואָס? . . —

דער איטאַליענישער אַרבעטער ביים גרינסער — אַ מיטליעריקער, יאַדערדיקער, מיושבדיק־לאַנגזאַמער מענטש מיט לאַכנדיקע אויגן —

וואַלט זיך שוין דוקא יאָ אָפּגערופן אויף דזשאָו: ער הייסט דזשוזעפּע, וואָס דאָס איז דזשאָזעף, וואָס דאָס איז דזשאָו — האָט אים אָבער קיינער אין מאַרקעט אַזוי ניט גערופן, ווייל עס איז געבליבן אין אַמע־ריקע בהסכם כולם, אַז דער איטאַליענער, צי ער איז אַ שערער צי אַ גרינס־פּעדלער — וואָס דען וועט אַן איטאַליענער זיין? . . — דאַרף הייסן טאָני, און דאָ קאָן שוין קיין זאַך ניט העלפן. רופט זיך דזשוזעפּע אָפּ אויפן נאָמען „טאָני" — מיט אַ געמיש פון רעזיגנאַציע און ביטול־דיקן הומאָר. —

דער גרינסער פאַרנעמט מער פּלאַץ און באַשעפטיקט מער הענט ווי יעדער אַנדערער פון די הענדלער אין מאַרקעט, נאָר אַלע הענט, אַחוץ „טאָנין", זענען אייגענע: דער גרויסער, פאַרגרעבטער מיסטער דזשייקאָבס אַליין, וועלכער רעדט אַ געמישטע שפּראַך: אַ זאַץ יידיש און אַ זאַץ ענגליש — און זיינע צוויי בנים לואיס און אלעקס, אַכצן און צוואַנציק יאָר אַלט, כמעט אינגאַנצן „אַמעריקאַניזירטע", נידריקער פונם פאָטער, נאָר גראַניטענע ביין־און־מוסקלדיקע בחורים, וואָס אויפּ־הייבן אַ קאַרב מיט קרויטקעפּ אָדער אַ קויש מיט עפּל איז ביי זיי אַ שפּיי. טאָנין באַשעפטיקט מען דאָ דער עיקר צוליב זיינע קענטנישן, דעם איינגעבוירענעם וויסן פון אַן איטאַליענער ווי אַזוי אומצוגיין מיט גרינסן און פּרוכטן. —

מילך, סמעטענע, אייער, פּוטער און אַלערליי קעזן. דער דאָזיקער שטאַנד איז דער ציכטיקסטער אין מאַרקעט, מיט זיין ווייסן קאָונטער פון עמאַלירטן בלעך, מיט זיין אייזקאַסטן מיט די גלעזערנע טירן, מיט די ווייסע פאַרטיכער אַרום די קערפּערס פון דעם גאַליציאַנער מיסטער גריצהענדלער און זיינע צוויי פאַרקויפער: דייוו לאַקריץ און דייווי פאַקס. לאַקריץ איז אַ בחור אין די דרייסיקער, אַ געוועזענער לערנער, אַ ווילנער, אַ זינגער, אַ מענטש וואָס וואַרפט זיך מיט פּסוקים, מיט גמרא־ווערטלעך, מיט „שטיקלעך" פון ימים־נוראימדיקן דאַוונען; ביי טאָג אַרבעט ער דאָ אין מאַרקעט און ביינאַכט שטודירט ער ערגעץ טעכנאָלאָגיע. פאַקס איז אַ ייִנגל פון זעכצן יאָר און האָט נאָר וואָס געענדיקט די עלעמענטאַר־שול; ער איז געצוואונגען צו גיין אַרבעטן צוליב זיין מוטער און זיינע צוויי קליינע שוועסטערלעך, אָבער אינטע־רעסירן אינטערעסירט ער זיך דער עיקר מיט פוטבאָל און פּרייז־

פייטערס. און אַזוי ווי די ביידע האָבן דעם זעלבן ערשטן נאָמען, רופט מען דעם עלטערן דייוו און דעם יינגערן דייווי. —

דער קצב פון בשר כשר האַלט ניט קיין אַרויסהעלפער. זיינע געשעפטן גייען שלעכט. אין זיין גלעזערנעם אייזקאַסטן קאָן מען זען אַ שוואַרצלעכן זאַדעק פלייש, אַ פּאָר קעלבערנע פיסלעך, אַ האַלב טוץ שאָפענע קאָטלעטן און אַ שטיק לעבער. שלעכט. פרייטיק באַווייזן זיך דאָרט אויך אַ פּאָר הינער, מאָגערע און בלויע, אָפּגעפליקטע, נאָר מיט פרענדזלעך פעדערן אַרום די קני; די פרענדזלעך זען אויס ווי אַ פּאָר... ווייבערשע זאָקן־בענדלעך, און צוליב וואָס מ׳לאָזט זיי דאָרט איז ניט באַקאַנט. —

אין דער סאַמע טיפעניש פונם גרויסן לאָקאַל, ביי דער הינטערשטער וואַנט, ציט זיך אַ טיש, אַ מין קאַרעטע מיט אייז, און אויפן אייז רוען זיך אָפּ פון דער היץ — אַזאַ מין איינדרוק מאַכן זיי — פיש, אַלערליי פיש, לויטן סעזאָן. אויף יענער זייט טיש, אין רעכטן ווינקל, פּאַכן מיט דער נשמה האַלב־לעבעדיקע פיש אין אַ גלעזערנעם קאַסטן מיט וואַסער וואָס בייט זיך נאָכאַנאַנד דורך פאַרבאַרגענע אַריין־ און אַרויס־רערן. אויף יענער זייט טיש טאַנצן אַרום דער פישלער מיסטער לעפקאָוויץ, אַ ייד אַ ליטוואַק, און זיין יונג טעכטערל מערי — אַ נאָמען וואָס מיסטער לעפקאָוויץ קאָן אַנדערש ניט אויסריידן ווי „מערע״ — און וועלכע געפינט זיך דאָ צוליב איר ענגליש רעדן. אויף דער זעלבער זייט טיש שטייט, שליסלעך, דעם פישלערס אַרבעטער,ועמען מיסטער לעפקאָוויץ רופט „רעב סאַיע״, ווייל מיסטער לעפקאָוויץ קאָן ניט אַנדערש, ווייל האַנדלען האַנדלט מיסטער לעפקאָוויץ אויך ניט מיט פיש, נאָר מיט „פיס״ — נאָר וועלכער הייסט אין דער אמתן רעב שאַיע. דער דאָזיקער רעב שאַיע, אַ ייד מיט מאָגערע באַקן, מיט כלומרשטיקע וואָנצעס און אַ כלומרשטיקן בערדל, רייניקט די פיש פאַר די ווייבער, באַשיט זיי מיט גראָבן זאַלץ און גיט זיי אַרויס אין אַ פּאַפּירענעם זאַק. די ווייבער לייגן דערפאַר אַריין צוויי אָדער דריי פעניס אין אַ גלאָז וואָס שטייט נעבן אים, און דאָס איז פאַר זיין אַרבעט, ווייל קיין געהאַלט באַקומט ער ניט. רעב שאַיע קוקט נאָר אויף די פיש וואָס ער רייניקט. ער קוקט ניט אויף די ווייבער; ער קוקט ניט אויף די אַנדערע הענדלער און פאַרקויפער אין מאַרקעט; ער קוקט, דאַכט זיך, ניט אויפן גלאָז מיט די קופּערנע מטבעות. ער מאַכט דעם איינדרוק

פון אַ יידן אַ למדן וואָס איז אַראָפּגעפּאַלן צו זיין איצטיקן שטאַנד און וואָס נעמט אַלץ אָן מיט שווייגנדיקער גאוה. —

און אַרום זיי אַלעמען האָבן געשטראָמט מענטשן, מערסטנס ווייבער, זיך געריבן אַקסל אָן אַקסל און געפּלאָסן אַריין און אַרויס ווי אין אַ קאָכעדיקן וואַקזאַל, ווייל אין בראָנקס ע ס ט מען. סוזי האָט שטאַרק פּאַראיבל געהאַט אויף די קונים פאַר זייער דינגען זיך, פאַר זייער זוכן מציאות, פאַר זייער וועלן קריגן „סאַמטינג פאַר נאַטינג״, בחינם אָדער ווייניקסטנס בחצי חינם — און זי האָט פאַרגעסן אַז אין אַנדערע קראָמען האַנדלט זי געגנוי אַזוי און באַנעמט זיך פּונקט אַזוי ווי זיי. אינם רייכן לאַנד, וואו מ׳צאָלט פאַרן לעבן אַזאַ אכזריותדיקן פּרייז, זוכט מען צו קריגן אַ טעפּל אומזיסט — אַן עפּל אומזיסט — אַ קנעפּל אומזיסט! און די געשעפטן רעקלאַמירן זיך: „אומזיסט! מיר געבן אַוועק, יענעם און יענעם טאָג, אַזוינס און אַזעלכעס אומזיסט, אויב איר קויפט פאַר אַזוי פיל און אַזוי פילו!״ אַזוי אין קליידער — אַזוי אין שיך — אַזוי, גאַנץ באַזונדערס, אין עסן.

די אייביקע מלחמה צווישן דעם מוכר און דעם קונה פלאַקערט אויפן גאַנצן פראָנט. —

3.

דאָס אַלץ איז געווען זייער וואויל, און סוזי האָט געהאַט אַ „היים״. נאָר וואָס דען? מיסטער קאַץ אַליין איז געווען . . . אַך, ניין! מיסטער קאַץ אַליין איז אויך געווען אַלראַיט, אין אַ געוויסן זינען. מיסטער קאַץ איז נאָך געווען, פאַר זיינע יאָרן, אַ גאַנץ נישקשהדיקער מאַנספאַרשוין — פאַר זיך. המ . . . פאַר זיך. פאַר סוזין, ווידער . . . זי האָט אַליין ניט געוואוסט. איין מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי וואָלט געוואָלט — אַז זי וואָלט געקאָנט — נאָר דאָס איז געווען דעמלט, ווען זי האָט זיך טועה געווען אין זיין נאָמען און אים אָנגערופן סידני . . . ער איז נאָכדעם געליגן אַ גאַנצע נאַכט מיט עפּעס אַ פאַרשפּיצטער נאָז, זיין מאָרדע איז פּלוצים געוואָרן פּירקאַנטיק און שאַרף, און ער איז ניט געשלאָפן.

אינגיכן איז געקומען „דעקאָריישאָן דעי״, און העניך קאַץ האָט געמאָלדן סוזין, אַז זיי וועלן אַרויספאָרן אַ ביסל אין די בערג, אין זיין

אויטאָמאָביל, זונטיק אינדערפרי. אויף זונטיק און מאָנטיק, הייסט עס. זי זאָל אָנגרייטן סענדוויטשעס, און אַזוי ווייטער.

זונטיק ניין אַזייגער אינדערפרי האָט שוין דער ביואיק יונג־בחוריש געטענצלט איבערן שליאַך אויפן לינקן ברעג פון האָדסאָן, אַרויף צו צפון־זייט. אַנדערע אויטאָס מיט יום־טובדיקע אַרויספאָרער האָבן געבלאָזן זייערע שופרס, געפאָדערט מ׳זאָל פאַר זיי מאַכן אַ וואַרע און האָבן אַריבערגעיאָגט. מיסטער קאַץ האָט גלייכגילטיק געקוועטשט מיט די אַקסלען, זיך פאַרנומען יעדעס מאָל צו דער זייט פון וועג: לויפט, הייסט עס, איך אייל זיך ניט. דער ביואיק האָט ווי אַ געטריי פערדל אָפּגעשפּיגלט די שטימונג פון זיין באַלעבאָס: ער האָט געטרייסלט מיט די לויזע בלעכענע שוצפליגלען ווי מיט אַריבערגעהאנגענע אויערן און האָט זיך גערן געקערעוועט צו דער זייט; לויפט, לויפט — איך אייל זיך ניט. מיסטער קאַץ האָט אַרויסגעצויגן פון אויטאָמאָביל־טאַש אַ פלעשל, סוזי האָט אויסגעפּאַקט די סענדוויטשעס, אוןביידע האָבן גענומען צו ביסלעך און פאַרביסן, ניט אַזוי פון הונגער ווי פון פריילעכקייט וועגן. דער האָדסאָן איז כמעט די גאַנצע צייט געלאָפן ביי זייער לינקער זייט, און אַלע ווײַלע זענען שטעטלעך אַרויסגעקומען זיי אַנטקעגן — שטעטלעך מיט שיינע וואויך־געגנטן, נאָר מיט געשעפטס־צענטערן וואָס זענען געווען פאָטאָגראַפיש ענלעך איינער אויפן צווייטן, אָט פונקט אַזוי ווי זיי זענען אַרויס אין טויזנטער קאָפּיעס פונם בוראס האַנט און זענען צעשאָטן געוואָרן איבער דער לענג און ברייט פונם גרויסן לאַנד. העניך קאַץ איז געווען אויפגעלייגט, האָט אַ סך גערעדט און געגעבן אינפאָרמאַציע. אָט דאָ בויט זיך אַ בריק. עס וועט זיין שוין איינמאָל אַ בריק, האָט ער זיך באַרימט, פונקט ווי די בריק וואָלט געווען זיינע; און אַז ער האָט אָנגעוויזן אויף „סינג־סינג״ אין אָ ס י נ י נ ג, איז עפּעס אויסגעקומען אַז די קאַטאָרגע איז אויך זיינע. סוזי האָט געקענט פון פריער דעם גאַנצן וועג; זי האָט שוין ניט איין מאָל גענומען זומער־וואַקאַציעס אויף אַ וואָך אָדער צוויי — נאָר זי האָט ניט געפונען פאַר נויטיק אים אויפצוקלערן. אַרום פיר אַ זייגער האָט דער ביואיק גענומען אונטערכריפּען, ווי איינער רעדט: וואו איז יושר? . . און נאָך אַ ביסל שפּעטער איז מען געקומען צו אַ יידישן זומער־האָטעל אין די בערג וואָס האָט זיך טאַקע היינט געעפנט פאַרן סעזאָן. עס איז געווען אַזאַ וועטשערע, אַז ס׳איז

שווער געווען זיך ניט איבערצועסן, ווער שמועסט אַז העניך קאָן האָט מיטגעבראַכט זיין פלעשל צום טיש. ביינאַכט אין זייער צימער האָט סוזי געשעפּטשעט: „העניך, פּליז! מ׳האָט דאָך אָפּגערעדט . . . מ׳האָט דאָך אָפּגעמאַכט, אַז . . . העני־ריי!״ העניך קאָן האָט ניט געענטפערט.—

צוריק איז מען געפאָרן אויף מאָרגן ביי טאָג. סוזי איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענע, און העניך האָט געטריבן זיין געטרייען ביואיק גע־לאַסן און מיושבדיק, ווי ניט אים מיינט מען. אין דערהיים, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלביקע. דאָס מאָל האָט סוזי געפּרואווט זיך שטעלן אַנטקעגן, און צווישן זיי האָט זיך אָפּגעשפּילט ניט קיין שיינע סצענע — זייער ניט קיין שיינע סצענע. העניך האָט אויסגעפּירט זיינס, און האָט ווידער געשוויגן. סוזי איז געווען צעטומלט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט מורא זי מוז גיין צון אַ דאָקטאָר, און דאָ ערשט האָט העניך קאָן געעפנט דאָס מויל און געזאָגט קורץ: נ־ניין; זי וועט ניט גיין; ער וויל האָבן אַ קינד. און ער האָט איר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: זי זאָל ניט דערוועגן צו זוכן מיטלען. —

— איי שלעכט! — האָט געזאָגט טילי פּיש, ווען זי איז געקומען, צוזאַמען מיט בעטי סוואַרטץ, אָנקוקן איר חברטעס „היים״ און סוזי האָט איר דערציילט וואָס מיט איר טוט זיך. — צוויי חדשים נאָך דער חתונה — ער איז משוגע געוואָרן. צי וואָס? ווער טוט עס היינט אַזוי?! ביי מיר וואָלט ער עס פאַר קיין פאַל ניט געפּועלט. דו הער אים ניט: איך קען איינעם אַ דאָקטאָר . . .

סוזי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין־ניין. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין צו קריגן וואָס גיכער אַ קינד — מסתמא צוליב זיין עלטער . . .

בעטי סוואַרטץ, וועלכע האָט די גאַנצע צייט דיסקרעט געשוויגן, האָט קאָמענטירט מיט אַ חריפותדיקער מינע

— ער וויל האַלטן וואָס ער באַזיצט.

— יאָ, — האָט סוזי צוגעשטימט. — און — ער איז באָס . . .

זי האָט געוואָרפן אַ בליק אַרום, אויף דער באַקוועם איינגעאָרדנ־טער וואוינונג. עס האָט געהייסן: צוריק אין שאָפּ וועט זי ניט גיין. נאָר געפילט האָט זי זיך ווי אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע.

מיטן גאַנג פון די וואָכן האָט זיך אַלץ אין איר אינווייניק צע־

רודערט, און מיט די אויגן אַרויסגעקראָכענע פון שרעק האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם וואָס אין איר קומט פאָר. אַ פיש מוז אַזוי פילן דעם האַטשעק אין זיין לייב . . .

און העניך קאַץ איז „געווען באָס". סוזי האָט אָפט געפילט צון אים אַ שווערן עקל, אָבער ער האָט געגומען זיינס און זיך ניט געקי־מערט. ער האָט געגעבן געגוג אויף דער הוצאה אין הויז, נאָר געוואוסט וואוהין יעדער סענט גייט אַוועק; ניט געמאָנט קיין חשבון, נאָר ס'איז שוין אַזוי אויסגעקומען אַז ער האָט געוואוסט. און ער האָט ניט גע־האַלטן פון האַלטן וואָרט: ער האָט צוגעזאָגט בייטן דעם ביואיק — און האָט ניט געביטן; ער האָט פאַרשפּראָכן אַ פּלעיער־פּיאַנאָ — און ניט געקויפט; ער האָט מיט איר אָפּגעמאַכט ניט צו האָבן אַזוי גיך קיין קינדער — און . . . —

4.

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע קראָמען זענען געשלאָסן און די אַר־בעטער גייען אַוועק, קומען זיך די באַלעבאַטים צונויף צום „פרייַנט פון דער מענטשהייט" כאַפּן אַ טעפּל קאַווע און אַ שמועס טון, וועגן ביזנעס — וועגן וואָס דען זאָלן מענטשן ריידן? עטלעכע מאָל איז סוזי מיטגעגאַנגען.

מ'באַקלאָגט זיך: מע „מאַכט ניט קיין געלט". ביזנעס איז ניט דאָס וואָס געווען. אָה, ניין — וויינט ניט דאָס וואָס געווען. דאַכט זיך, אין לאַנד איז „פּראָספּעריטי" — אַ צייט פון שפע, הייסט עס. די „גרויסע לייט", די „בערן", טוען גרויסע ביזנעס, מאַכן מיליאָנען. נאָר דער קלענערער מענטש — דער קלענערער ווערט צעקוועטשט. דאָס הייסט — שייך „צעקוועטשט"? . . אַ לעבן מאַכט מען נאָך. נאָר וואָס דען? די גרויסע קאָמפּאַניס דערגייען די יאָר. אָט נעמט, למשל, די „טשעין־סטאָרס" — די רינג־קראָמען. אַמאָל פלעגן זיי אין די יידי־שע געגנטן ניט אַריינשמעקן, נאָר איצט רוקן זיי זיך ביסלעכווייז אַריין, און זיי קאָנקורירן — ביזן ביין. און די האָלסיילערס — די הור־טאָוניקעס — שטעלן זיך זייערע אייגענע פּרייזן און דעם קרעמער גיבן זיי אַ קליינעם ריוח, און כאָטש שריי חי־וקים. אַ גליק נאָך, וואָס זיי קלערן צו אַלעמאָל עפּעס אַ נייעס: מיטאַמאָל לאָזן זיי אַרויס אַ קלאַנג, אַז לעבער, למשל, איז זייער גוט פאַרן געזונט — זיי האָבן

שוין זייערע דאָקטוירים וואָס דעקן אויף פּאָר זיי אַלערליי נייעסן . . .
לעבער, וואָס איז אַמאָל געווען דער ביליקסטער סאָרט פלייש — צען סענט אַ פונט — גיט אַ שפרונג אַרויף ביז צו נ י י נ צ י ק סענט אַ פונט. עס ווערט אַן אויסכאַפּעניש אויף לעבער, אַלע פאַרלאַנגען דוקא לעבער — אויף ניינציק סענט אַ פונט! אָדער — טאָמאַטן־זאַפט: „וויטאַמינען", זאָגן זיי. וואָס אי'דאָס, אייגנטלעך, „וויטאַמינען"? . . אַניט איז גאָר — הייוון, כע־כע! געהערט אַזוינס: פליישמאַן מאַכט הייוון, הויבן דאָקטוירים אָן שרייען: „הייוון, עסט הייוון!" — עסט דער עולם, ספּעציעל די ווייבער. הייוון . . . אַ קאָמעדיע! ניין, אַז מ'וויל צוריק, איז נאָך ניט אַזוי שלעכט אין אַמעריקע, נישמער „קיין געלט מאַכט מען ניט". —

אָט אַזוי נאַכט־איין, נאַכט־אויס, סוזין איז עס תחילת געווען נמאס געוואָרן, דערנאָך האָבן זי די מאָנאָטאָנע רייד ווי פאַרהיפּנאָ־טיזירט: זי האָט שוין געוואוסט דעם סדר ווי זיי ווערן אַרויסגעבראַכט און האָט אַרויסגעקוקט אויף יעדן פּונקט באַזונדער, ווי אויף די טענער פון אַ באַקאַנטן ניגון: מ'מאַכט ניט קיין געלט . . טשעין־סטאָרס . . . אָט דאָ קומט „לעבער" און אָט דאָ „וויטאַמינען" . . . אַ לעבן מאַכט מען . . . קיין געלט מאַכט מען ניט . . .

דאָ קומט אויך אַריין, צו די ביינאַכטיקע שמועסן, דער אַפּטייקער מיסטער ליפּעץ, כאָטש ער אַליין פאַרקויפט אויך „לאָנטש", נאָר ער פאַרשליסט פרי. דער דאָזיקער איז אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר צוויי און דרייסיק, און אויך ער הערט זיך צו שווייגנדיק צו די אַרומיקע געשפּרעכן און אַליין רעדט ער נישט. ער וואָלט שוין געהאַט צו דער־ציילן און דערציילן, איז אָבער זיין ביזנעס אַזעלכע, אַז ריידן וועגן איר דאַרף מען וואָס ווייניקער. ניט בלויז דאָס וואָס ער פאַרקויפט אַמאָל אַ פלעשל שנאַפּס אויף אַ ניט־כשרן אופן — די מיסטעריעס אַרום די פלעשעלעך וואָס מ'מאַכט פון זיי רפואות זענען אַזעלכע, אַז דער כישוף פון, למשל, די חרטומי מצרים איז אַ הונט קעגן זיי. אויף יענער זייט ווענטל, אין זיין לאַבאָראַטאָריע, זענען די פּאַכן פאַרפילט מיט פלעשעלעך, סלאָיעקלעך, שאַכטעלעך, פּודעלעך — אַלע מיט עטיקעטלעך אין אַ פרעמדן לשון, אין שטיקלעך ווערטער און אומ־פאַרשטענדלעכע ראשי־תיבותן — אָבער מיסטער ליפּעצן קאָנען זיי ניט נאַרן. פון דעם ביסל וואָס ער האָט געלערנט, און דער עיקר פון

זיין אַפּטייקערשער פּראַקטיק, האָט מיסטער ליפּעץ אַרויסגעקוועטשט אַזאַ מין ווייסנשאַפטלעכן אמת: פֿאַראַן אייניקע כעמישע שטאָפן וואָס קאָנען זיין שעדלעך, גיפטיק, אַפילו טויטלעך; קעגן זיי דאַרף מען זיין אויף דער וואַך — שוין צוליב דעם אַליין וואָס דאָס געזעץ איז זייער שטריינג . . . אַלע אַנדערע שטאָפן זענען גאָרנישט־מיט־גאָרנישט, בלאָטע שבבלאָטע, אומשעדלעך און אומניצלעך, נישמער וואָס אייניקע קאָסטן טייערער און אַנדערע ביליקער, און אַן אַפּטייקער דאַרף וויסן וואָס ער האָט צו טון, אַן אַפּטייקער דאַרף „האָבן שכל“. וואָלט מען נאָר אַזוי פיל געלייזט וויפל עס לאָזט זיך פּאַרדינען — אַהאַ! אָבער — ווייס איך וואָס! קויפן קויפט מען מערסטנס די גוט רעקלאַמירטע קאַקעפּיציעס פון די גרויסע פירמעס. די פּאַטענטירטע רפואות, וואָס לאָזן פאַרן אַפּטייקער אַ קליינעם ריוח. נאָך גוט וואָס מ׳האָט אַ פּאָר אייגענע דאָקטוירים, גיט מען זיך שוין אַן עצה צוזאַמען מיט זיי. —

צו די טישלעך קומט אַמאָל אונטער דער אייגנטימער פון רעסטאָראַן, מיסטער סעגאל, אַ מענטש אַן עטלעכע און פערציקער, מיט טונקל־גרויע באַקן און מיט אַ מינע פון איינעם וואָס האָט שטענדיק זויערקייט אין מאָגן. ער הערט זיך צו, שאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר אַליין ריידן רעדט ער ניט. אַמאָליקע יאָרן פלעגט ער אַריינשיקן לאַנגע „בריוו פון אַ לעזער“ צו דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבעטער שטימע“ — געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמונע פון דער קאָלאָניע קלאַריאָן אין שטאָט יוטאה — אַנטוישט געוואָרן פון דער וואָכעדיקייט, קליינלעכקייט, געמיינקייט וואָס האָבן די קאָלאָניע סוף־כל־סוף אַראָפּגעבראַכט אין שטויב — דערנאָך געוואָרן אַ קעגנער פון אַלקאָהאָל און אַ וועגעטאַריאַנער, ווייל די מענטשלעכע נאַטור „דאַרף מען איבערמאַכן פון וואָרצל אויס“. דאָס האָט אים געבראַכט צו עפענען אַ וועגעטאַרישן רעסטאָראַן. אָנגעהויבן לשם מצוה, דערנאָך — ביסלעכווייז, טראָפּנווייז, שטופנווייז, גראַדנווייז, פינגער נאָך פינגער, נאָגל נאָך נאָגל, האָר נאָך האָר, און דער עיקר: דאָלער נאָך דאָלער און פעני נאָך פעני — געוואָרן אַ געשעפטסמאַן, אַ רעסטאָראַטאָר, „דער פרינץ פון דער מענטשהייט“. און אַז דער עולם וויל ניט טרינקען דעם קאַפעאיך־פרייען „פּאָסטום“, סערווירט ער קאַווע, און אַז איינער באַ־

שטייט דוקא אויף אַ שטיקל פלייש, שיקט ער אַריינגעמען פון קצב אַ סטייק. —

איינמאָל האָט סוזי דאָ געטראָפן יאַלקוטן. ער האָט אויך אַמאָל געהערט צו דער קלאַריאָן־קאָלאָניע, און מיסטער סעגאַל האָט אַרויס־גערופן זיין אַלטן באַקאַנטן מיט אַ בריוו: ער וויל נעמען אינשורענס. יאַלקוט איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן: „מ׳מאַכט ניט קיין געלט״, און דאָס ווייטערדיקע. איבער זיין פּנים זענען אַרומ־געלאָפן שאָטנדלעך, זיך פאַרטשעפּעט אָן די נאָזפליגלען, אונטער די אויגן, אויף די שלייפן, געקלעטערט איבער זיין בייגלפאַרמיקן פליך און געשאָקלט מיטן קאַמישן צעפּל אויף דער קרוין פון קאָפּ, ווי קינדער טרייסלען אַ בוים. סוזי האָט ממש געזען בחוש ווי ער טראַכט, אָט אַזוי פאַר אַלעמען אין די אויגן, נאָר פאַרשטיין זיינע געדאַנקען האָט מען ניט געקאָנט. ס׳איז אויסגעקומען ווי איינער וואָלט געשריגן אויף אַ קול, נאָר אויף טערקיש — היינט גיי פאַרשטיי. צום סוף האָט ער געזאָגט — דוקא אויף יידיש:

— אַ דיבוק.

עמיצער האָט איבערגעפרעגט:

— האַ?

— איך זאָג, — האָט יאַלקוט גלאַטיק פאַרטייטשט: — נו, און די אַרבעטער?

— וואָס „די אַרבעטער״?

— דאָס האָט אָפּגעפרעגט מיסטער גריצהענדלער, דער וואָס פאַרקויפט מילכיקס אין פיור־פוד מאַרקעט.

— איך מיין . . . די אַרבעטער אייערע — מאַכן זיי אויך אַ לעבן, צי ניין? מחמת קיין געלט מאַכן זיי מסתמא ניט, אַזוי ווי איר.

ס׳איז אָנגעקומען אַ שטילקייט און אַ פאַרלעגנהייט, ווי בעת איינער רעדט זיך אויס אַ נאַרישקייט אין אַ געזעלשאַפט. לסוף האָט זיך אָפּגערופן העניך קאַץ:

— מיר ריידן נישט פון די אַרבעטער. דאָס איז ז י י ע ר זאַך. מיר ריידן פון די קרעמער.

— גערעכט, גערעכט! — האָט זיך יאַלקוט אַזש ווי דערפרייט.

— דאָס איז ז י י ע ר זאַך. גוט געזאָגט, המ . . . זייער זאַך . . .

ער האָט עס איבערגעקייט, נאָכדיינקלעך, ווי העניך קאַץ וואָלט

דאָ געהאַט אַרויסגעזאָגט אַ טיפּן און אַ נייעם געדאַנק. און מיטאַמאָל האָט ער זיך געווענדט צו סוזין:

— וואו האָב איך אייך געזען פריער? איך האָב אייך ערגעץ באַגעגנט . . .

סוזי איז רויט געוואָרן פון דער אומגעריכטקייט.

— ביי די פישעס אין הויז — מיט אַ זעקס חדשים צוריק.

— ביי היימאַנען? — האָט יאלקוט איבערגעפרעגט. — אַך, יאָ, איך געדיינק שוין —

ער האָט אָפּגעהאַקט אינמיטן, געכאַפּט אַ קוק אויף העניך קאַץ, צוריק אויף סוזין און ווידער אויף העניכן. סוזי האָט געזען ווי די שאָטנדלעך קלעטערן שוין ווידער איבער זיין פּליך אַזש צום צעפּל אויף דער קרוין. געזען אַ מענטש זאָל אַזוי טראַכטן אויף אַ קול און וואָס ער טראַכט זאָל מען ניט פאַרשטיין! סוזי האָט זיך ווידער פאַררויטלט און אַ צי געטון דעם מאַן ביים אַרבל:

— קום שוין — צייט צו גיין שלאָפן . . .

5.

סוזי איז געוואָרן מיאוס: געלע פלעקן אויפן פּנים, אַ טעמפּער, דערשראָקענער בליק אין די אויגן און אַ פיגור ווי אַ גלאָק — און האָט אויפגעהערט גיין אין מאַרקעט.

זי שלעפּט זיך פויל אַרום איבער אירע חדרים, ווישט דעם שטויב פון די גלאָטע, פּאָלירטע פלאַכן פונם מעבל, און אַלע ווײַלע בלייבט זי זיצן ערגעץ, וואו ס'מאַכט זיך — אויף אַ שטול, אויף אַ דיוואַן, אויפן ווינקל פון אַ טיש — מיט דער שמאַטע אין דער האַנט און מיט דעם זעלבן טעמפּן שרעק אין די אויגן. איין מאָל אין וואָך נעמט זי אַריין אַ שוואַרצע פרוי אויפצוראַמען דאָס הויז, און פונדעסטוועגן איז אַלעמאָל פאַראַן ערגעץ שטויב פאַר איר שמאַטע; און אַז ניט, גייט ער גאָר אַרום ווי עפּעס אַ פוך אָדער אַ וואַטע ביי די זייטן פון די צימערן. אַמעריקאַנער שטויב! סוזי געדיינקט גאָרניט, אַז „אין דער־היים" זאָל געווען זיין אַזוי פיל שטויב . . . — דערנאָך קאָכט זי מיטאָג פאַר העניכן. העניך האָט ליב פלאַנקען — יעדן טאָג וואָלט ער געגעסן פלאַנקען — און אויך אַמעריקאַנער מאכלים: שפּינאַט, געקאָכטע מערן, בעבלעך אין די שויטן: „סטרינג בינס" — און עפּל־

פלאַדן. פו! עס ווערט איר ניט גוט פון די פּעטע, חלבענע פלאַנקען און פון די נאַרישע בעבלעך . . . זי אַליין קאָן גאָרניט עסן. דאָס הייסט — זי וואָלט געגעסן עפּעס אַ גוטע זאַך, אַ געשמאַקע זאַך: געמאַרי־נירטע פיש — מנישקעס מיט קעז — אָדער האַלובציס! נאָר גיי מאַך פאַר זיך ספּעציעלע פּאַטראַוועס, אַז איר איז אַזוי אויך שווער צו לעבן אויף דער וועלט . . . פאַרנאַכט שלעפּט זי זיך אַרויס אויף אַ שעה שפּאַצירן איבער גרענד קאָנקורס: דער דאָקטאָר האָט געהייסן. דער ווינטער איז עפּעס אַ פוילער, אַ צעיאַטערטער: ער האָט ביי זיך ניט אָפּגעמאַכט, צי איז ער ווינטער צי עפּעס אַן אַנדער זמן, אַ ניט־גע־זעענער, אַ ניט־געוועזענער. קיין שניי זעט מען ניט, און אָדער עס רעגנט קאַלט און קלעגלעך, אָדער דער ווינט טראָגט דעם שטויב אין די אויגן און אַפילו אין די ציין אַריין . . . און אינעווייניק אין איר וואַקסט עפּעס אַ מוראַדיקע, פאַרהאַסטע און עקלדיקע זאַך — און גייט אויף איר לעבן. עס רודערט זיך עפּעס אין איר, עס הייבט זיך ביז אונטערן האַרצן — יאַ־יאַ, ביז אונטערן האַרצן! און גאָרניט — קיינעם אַרט ניט פאַר איר, מ׳שמייכלט גאָר! אָט איז טילי פיש געווען גע־קומען צון איר מיט אַ וויזיט — האָט זי געלאַכט פון איר: „גיי שוין גיי! וואָס ביסטו — די ערשטע? . . עס וועט זיין אַלרייט". און טילי האָט דערביי געשמייכלט קלוג: זי — וועט זיך ניט לאָזן פּאַקן אַזוי נאַריש . . . זי — וועט היטן איר פרייהייט און — איר פיגור. אַ פיגור האָט טילי אַ קליינע, אַ זשוואַווע, אַ דראַטיקע. עס טרעפט אַמאָל — פון אַן „עקסידענט" איז קיינער ניט באַוואָרנט — אַ מענערשע האַנט נעמט אַרום טיליס טאַליע ערגעץ אין אַ ווינקל. טיליס לייכטער און שטאַרקער קערפּער דרייט זיך ווי אַ וויון, רינגלט זיך און קרייזלט זיך ווי אַ שטאָלענער ספּיראַל — נישט אויף אַרויסצודרייען זיך, פאַר־שטייט זיך . . . אָבער אַז מ׳האָט קינדער איז — ניקס! דער קערפּער ווערט ווי אַן איבערגעצויגענע גומעלאַסטיק: ניט קיין פאָרם, ניט קיין שפּרינגישקייט. ב־ניין, זי, טילי, וועט עס ניט דערלאָזן! . . דאָס אַלץ האָט סוזי איבערגעלייענט זייער דייטלעך אין טיליס אויגן און האָט זיך דערפילט נאָך עלנטער און פאַרלאָזענער. — אַמאָל כאַפּט זי אַ שטומען און אַ קורצן וויין. סוזי האָט שטאַרק רחמנות אויף סוזין. אַך, ווען זי וואָלט כאָטש געקאָנט אויסקלאַפּן אויף אַ פּיאַנאָ, מיט איר אייגענעם פינגער:

— טשי־זשיק... פי־זשיק... גדיע טי ביל?
פאַד גאַ־ראַ־אַ־יו וואַד־קו פיל...

קוואַק - קוואַק

1.

צוריק פון שפיטאָל איז סוזי געקומען אַן אויסגעבלייכטע, אַ דורכ־זיכטיקע, נאָר מיט גרויס־געוואָרענע, אויפגעלויכטענע אויגן: סוף־כל־סוף איז זי געבליבן לעבן, און דאָס איז דער עיקר. זי האָט מיטגעבראַכט פון דאָרט אַ שטיקל צעקנייטשט און רויטלעך פלייש וואָס האָט אָפּט געסקריפּעט מיט אַ דין זקניש שטימעלע, און העניך האָט געטאַנצט אַרום די צוזאַמענגעבונדענע קישעלעך און געטענהט: „זי כאַפּט דעם אַנבליק פון מיר, נישט אמת, סוזי? . .״ סוזי האָט געמורמלט, אַז יאָ, ווען דען אַנבליק וועט זי האָבן? — נאָר אַליין האָט זי איבערהויפּט גאָרנישט ניט געזען אין „איר״, וואָס אַ נאָמען האָט מען איר געגעבן מינדעלע. אָט צוליב ד ע ם איז זי דאָס אויסגעשטאַנען יסורים און מוראס חדשים נאָכאַנאַנד? . . העניך האָט געטראָגן אין הויז אַריין פון כל־טוב — פון זיין קראָם, פון גאַנצן מאַרקעט, פון גאַנצן בלאָק, פון אומעטום וואו מ׳האָט נאָר געקאָנט באַקומען עפּעס אַ זאַך וואָס איז גוט צום עסן אָדער צום טרינקען: „נאַ, עס, עס!״ ס׳האָט געהייסן: עס פ ו נ א י ר ע ט װ ע ג ן . . .״ סוזי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: „דו מיינסט אַלץ טויג פאַרן קינד — פאַר דער מילך?״ — נאָר זי האָט גוט גענערט איר גוף און איר גוף האָט גענערט דאָס קינד. מיטן גאַנג פון די וואָכן זענען די קנייטשן פונם שטיקל פלייש פאַר־שוואונדן, די רויטקייט פון דער הויט וואָס האָט פריער אויסגעזע־ וויַ אַנגעריבן מיט אַ האַרטן האַנטוך, איז געוואָרן דורכזיכטיק און צאַרט, און פון די קישעלעך האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ קערפּערל אַ פרישס און אַ ציכטיקס ווי אַן אתרוג אין וואַטע מיט עטלעכע טונקלע הערלעך אויפן קעפּל, מיט אַ נעזל וואָס ס׳איז גאָרניט כדאי צו דערמאָנען, נאָר מיט אייגעלעך ווי קאָרנבלימלעך און אַ מיילעכל קליין און בלוטיק ווי אַ שניט אין אַ ווייַנשל. איידער סוזי האָט זיך אַרומגעקוקט האָט זי שוין געפילט אַזוי ווי עפּעס אַ נס איז איר געשען, אַ גליקלעכער נס, וואָס זי ווייסט ניט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, ווייל די יסורים פון

טראָגן־און־האָבן זענען איר אינגאַנצן אַרויס פון זינען. זי וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דער שעה ווען דאָס קינד דאַרף געשפּייזט ווערן, און אין אַ מין האַלב־שיכרות — אַ צושטאַנד וואָס איז איר באַקאַנט פון עפּעס אַנדערש — זיצט זי לאַנג אויף אַן אָרט און הערט זיך צו צו דעם ווי אַזוי דאָס חיות גיסט זיך אַריבער פון איר צום קליינעם חיהלע ביי איר ברוסט — גיסט זיך און גיסט זיך און ווערט ניט גע־מינערט, נאָר הייבט זיך, אדרבה, ווי עפּעס אַ כוואַליע העכער און העכער און שלאָגט איר אין קאָפּ אַריין און פאַרטשאַדעט איר געדאַנק. צום סוף פאַלט זי צו מיט אירע ליפּן צום ביז־קאָמיזם־קליינעם מיילעכל און זויגט זיך איין אין דעם אַזוי אַז דאָס קינד צעשרייט זיך אין אַן אַנימאַליש־בלינדן פּחד און דיסקאָמפאָרט. סוזי רייסט זיך אָוועק דער־פון פאַמעלעך און מיט שוועריקייט: זי האָט באַקומען פונם קינד וואָס זי האָט ניט געהאַט פונם מאַן. —

סוזי האָט אַ היים. סוזי האָט אַ מאַן — אַ סאָרט מאַן. סוזי האָט אַ קינד, וואָס אַז זי האָט עס ניט געהאַט האָט זי עס ניט געוואָלט, און איצט אַז זי האָט עס ווייסט זי אַז זי האָט עס אַלעמאָל געוואָלט. סוזי האָט זיך אַרויפגעאַרבעט.

נו, און „סידני“?

„סידנין“ האָט זי מער קיינמאָל ניט באַגעגנט, און ביי סוזין איז גע־בליבן אַ נאָגעניש אונטערן לעפּעלע, ניט דוקא און ניט באַשטימט נאָך דעם אומבאַקאַנטן בחור, נאָר נאָך עפּעס אַזוינס וואָס סוזי האָט געפונען פאַר מעגלעך צו פאַרבינדן עס אין איר פאַנטאַזיע מיט דעם דאָזיקן בחור — עפּעס אַזוינס וואָס סוזין האָט זיך געוואָלט, ווייל סוזין — דאַרפט איר וויסן זיין — האָט זיך שטענדיק עפּעס געוואָלט, און אַלע־מאָל עפּעס אַזוינס פאַר איר אַליין, פאַר סוזין, הייסט עס. די גאַנצע וועלט האָט סוזי רעפּערירט אין געדאַנק צו סוזין: איז די דאָזיקע וועלט גוט צו סוזין אָדער שלעכט צו סוזין? און אַזוי אַרום האָט סוזי געקאָנט האָבן אויך פריינטלעכע געפילן צו דער וועלט, ווייל די וועלט איז אַן ענין וואָס פילט אויס סוזיס לעבן; ווייל די פונקציע פון דער וועלט איז צו זיין דער אינהאַלט פון סוזיס לעבן. ווייל ווי אַזוי, למשל, וואָלט סוזי געקאָנט לעבן אָ ן אַ וועלט? — איף יו נאָו וואַט איי מין! . .

.2

אין אַ מאי־נאָכמיטאָג, צוויי חדשים נאָכן קינפּעט, האָט סוזי קאַץ צום ערשטן מאָל אַרויסגענומען דאָס קינד אין גאַס אַריין.

פֿאַר די צוויי חדשים האָט זיך סוזיס קערפּער אויסגעפּילט, אויס־געגלעט, אויסגעקיילעכט. די הויט איז געוואָרן ריין און וואַרעמפֿאַרביק; די גרוי־בלויע אויגן האָבן געשיינט ווי פֿון אַ גליקלעכן געדאַנק. מענער האָבן איר נאָכגעקוקט — דעם געשמאַקן, זאַפּטיקן, בלוט־און־מילכדיקן ווייב — און זי האָט געשטופּט דאָס קינדער־וועגעלע מיט אַ פֿאַר־טראַכטן פּערטל־שמייכל פֿון געזונט און צופֿרידנקייט. די בעיבי איז פֿרידלעך געליגן אין וועגעלע מיט אַ סאָסקע אין מויל.

וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום „פּיור פּוד מאַרקעט", אַלץ געדיכטער איז געוואָרן די צאָל קינדער־וועגעלעך אַרום איר: אַנדערע ווייבער האָבן זיך אַרויסגעלאָזן מיט זייערע קינדער איינצוקויפֿן אויף וועטשערע — אויף „סאַפּער". פֿאַרבייגייער האָבן זיך דורכגעשטופּט מיט איינגעהאַלטענעם כּעס — מיט אַ פֿיינלעכן קלאַפּ אין קנעכל — אַ מאָל אַפֿילו מיט אַ ריס אין די הויזן. אָבער די ווייבער האָבן גדלות־דיק געמאַרשירט פֿאָראויס: זיי פֿירן מיט זיך „יונג־אַמעריקע" — און די ביזנעסמעסיק־סענטימענטאַל צביעותדיקע גאַנץ־אַמעריקע האָט זיי געגעבן דעם וועג, מיט אַ „אָה, העלל!" פֿאַרקריצט צווישן די ציינער.—

אין מאַרקעט האָט סוזיס באַווייזן זיך געמאַכט אַ סענסאַציע. זי האָט געלאָזן דאָס וועגעלע ביי אַ זייט פֿון אַריינגאַנג און אַליין האָט זי דורכגעמאַרשירט ווי אַ פּאַווע כּמעט די גאַנצע לענג פֿונעם רחבותדיקן לאָקאַל, ביז צו איר מאַנס אָפּטיילונג. „טאָני" האָט איר נאָכגעקוקט מיט גרויסע איטאַליענישע אויגן. דער קצב האָט צוליב עפּעס אַריבער־געלייגט די קעלבערנע פּיסלעך פֿון איין אָרט אויף אַ צווייטן. דייוו לאַקריץ האָט אַרויסגעזונגען אויף אַ קול: „א־אקדמות מלין ושרית שו־תא־אָ־אָ! אוולא שקי־לנא הרמ־אָ־אָן ורשותא־אָ־אָ!" יאָסל האָט זי אויפֿגענומען מיט אַ פֿייף, אָבער ניט קיין חוצפּהדיקן, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָר אַזוי אַ — אַ פֿאַרטראַכטלעכן, און זיינע אויגן האָבן זיך פֿאַרצויגן מיט אַ רויכל. נישט אומגעקוקט זיך אויף איר האָבן בלויז די פּיש אויפֿן אייז — און רעב שאיע. — העניך קאַץ האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק: „ס'איז מיינס! איר פֿאַרשטייט צי ניין?

ווערט אַלע צעפוקעט קוקנדיק — ס׳איז אינגאַנצן מיינס!" דערנאָך איז ער אַרויסגעלאָפן דרויסן, האָט אַרויסגענומען מינדעלען פון וועגעלע און מיט אַ מין קריי פון נצחון זי אַריינגעטראָגן אין מאַרקעט: „קוקט עס נאָר אָן — ווי געפעלט עס אייך עפעס, אהז? ענלעך אויף מיר, ניט אמת?" אויף וואָס יאָסל האָט ברייט פאַנאַנדערגענומען די הענט און מיט אַ פינגער פון איינער האָט ער אָנגעוויזן אויפן ביינערדיקן, פאַרשטויבטן פנים פונם גרוילעכן יידן און מיט אַ פינגער פון דער צווייטער אויף דעם שיינענדיקן שטיקל לעבן וואָס האָט געשימערירט ווייס־און־רויז, ווי מאַלינעס מיט סמעטענע, — און האָט פייערלעך דערקלערט: „ווי צוויי טראָפנס וואַסער . . . ווי צוויי — טראָפנס — וואַסער!" העניך איז צוליב עפעס געוואָרן אין כעס. „ווער פרעגט דען ביי דיר?! גיי דיר צו דיין אַרבעט, גיי!" — אָט דער בחור האָט אים געריצט די גאַל; ער האָט אים געזייערט דעם טעם פון לעבן! —

שפעטער־צו האָט סוזי געקליבן זאַכן פון איר מאַנס שפייזקראָם צו נעמען אַהיים, און יאָסל האָט זיי געפאַקט פאַר איר. יאָסל האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום באַזונדערע דינסטפאַרטיקייט — ער האָט ניט „געסלוזשעט", הייסט עס; פונדעסטוועגן איז געווען עפעס ווייכס אין זיינע באַוועגונגען, אין זיין שווייגנדיקער אויפמערקזאַמקייט צו סוזיס פאַרלאַנגען. אַ שיינער בחור, אָט דער יאָסל. פאַרוואָס עפעס האָט זי עס פריער ניט באַמערקט? . . „פאַרינא, פליז!" און אַז יאָסל האָט דערלאַנגט די פאַרינאַ, איז פלוצים העניך אויסגעוואַקסן צווישן זיי. זיינע נאָזפליגלען האָבן זיך באַוועגט, די מאָרדע האָט זיך אַרויסגערוקט פאָראויס, ווי ביי אַ שפירהונט וואָס האָט דערשמעקט עפעס אַ ריח וואָס ער געפעלט אים ניט. ער׳ט שוין אַליין געבן וואָס מ׳דאַרף, ׳עט ער . . . ער׳ט שוין באַזאָרגן — ׳עט ער. און אַז סוזי האָט געשטופט דאָס וועגעלע, מיטן קינד און מיט די שפייזן, צוריק אַהיים, איז זי ווידער געווען פאַרטראַכט, נאָר אַנדערש ווי פריער, און מ׳האָט שוין ניט געקאָנט וויסן צי זי איז צופרידן צי אומצופרידן, און זי אַליין האָט עס שוין אויך ניט געוואוסט. —

.3

יאָסל האָט ניט געזאָגט גאָרניט צו סוזין, סוזי האָט ניט געזאָגט גאָרניט צו העניכן, העניך האָט ניט געזאָגט גאָרניט צו יאָסלען, נאָר

וואָס דען? יאָסל האָט געזען סוזין ווי זי פלעגט קומען אין מאַרקעט ניט קוקנדיק אויף איר, סוזי האָט אין די נעכט געציטערט פון עקל צו העניכן, העניך איז אין מאַרקעט געווען צעטראָגענער ווי אַלעמאָל, האָט געמאַכט טעותן מער ווי אַלעמאָל און האָט רק גערופן יאָסלען מיטן נאָמען דזשאָו און זיך פאַרשטעלט די אויערן פון יענעמס פייפן. די אַנדערע קראָמען אין מאַרקעט זענען געווען פאַרנומען מיט זייערע געשעפטן, פונדעסטוועגן האָט מען ביי זיי געשפּירט, אַז ביים גראָסער דרייט זיך עפּעס אַ רעדל צו האַסטיק — האָסטיקער ווי מ׳באַדאַרף. יאָסל האָט גערעדט אַ ביסל מיט טאָנין און מיט ביידע דייווס און האָט איין מאָל אַפילו געפּרואווט פאַרפירן אַ שמועס מיט רעב שאיען, נאָר אָן באַזונדערן דערפאָלג, און זונטיק איז ער אַוועק אין אָפיס פון דער אינדוסטריעלער יוניע פון די שפּייז־אַרבעטער.

דער סעקרעטאַר, חבר שוסטער, אַ קרייַנקלעכער, באַברילטער מענטש אין די שפּעטע דרייסיקער, האָט אויסגעהערט שניצנדיק אַ בלייפּען מיט זיין מעסערל, דערנאָך האָט ער דאָס מעסערל פאַרמאַכט, דערנאָך ווידער געעפנט און אַוועקגעלייגט עס נעבן זיך.

— הערט זיך איין, חבר יאָסל. די אינדוסטריעלע יוניע פון שפּייז־אַרבעטער האַלט ערשט אין ווערן — אַלע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, אין תוך, האַלטן ערשט אין פאָרמירן זיך, און זיי וואַקסן — פון די קעמערלעך אַרויס, פון ווירקלעכע נויטן און קרעפטן אַרום אונדז — און דערנאָך ערשט קומען זיי צו אונדז. נאַטירלעך, מיר פירן אָן די אַרבעט, אָבער טון די אַרבעט — דאַרפן די אַרבעטער אַליין, אויף זייערע ערטער. פאַרשטאַנען?

חבר יאָסל האָט אויך דאָ אונטערגעפּייפט — ער האָט, אַפּנים, אַנדערש ניט געקאָנט — נאָר דער טאָנקאָליר איז געווען אַן אַנדערער.

דער סעקרעטאַר האָט געשוויגן אַ ווײַלע און:

— איז אַזוי: מיר אייך קאָנען ניט העלפן. און עס לוינט זיך ניט: מיר קאָנען זיך דען אָננעמען פאַר יעדן איינצלנעם אַרבעטער וואָס געפינט זיך ערגעץ ביי אַ קאַקראָוטש־באָס?

— ניין, — האָט יאָסל געזאָגט. — איך וויל גאָרניט מ׳זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען. איך קאָן אַליין ביישטיין מיין שטעטל. נאָר וואָס דען? ס׳איז אַ מאַרקעט — אַ פונקט. עס זענען פאַראַן נאָך אַרבעטער — ביי די אַנדערע קראָמען.

— אַ־אַט! — האָט דער סעקרעטאַר אונטערגעכאַפּט. — ליגט עס טאַקע אויף אייך. זעט וואָס איר קאָנט טון.

— המ . . . עס וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען עמיצער אַנדערש האָט טראָבל מיט זיין באָס, נישט איך. איצט וועל איך קומען צו זיי ריידן, הייסט עס, ווייל איך —

— מ׳יאָ. טאַקע ניט אַזוי גוט. אָבער דאָס איז א י י ע ר זאַך. איר׳ט שוין זען. אויב איר׳ט סטרייקן — אָבער וואַרט אַ ווײַלע: וואָס, האָט איר געזאָגט, זענען די שכירות? —

יאָסל האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ פּאַפּירל.

— איך קריג פינף און צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. איך בין דער בעסט־באַצאָלטער אַרבעטער אין מאַרקעט. דער עלטערער אַרבעטער ביים מילכער — צוואַנציק. דער יינגערער — אַ יינגל, אמת — אַכט. איר הערט, חבר סעקרעטאַר? — אַ כ ט ד אָ ל ע ר אַ ו ו אָ ך ! דער איטאַליענער, אַ פאַמיליען־מאַן, אַ שווערער אַרבעטער, אַליין אַ גוטער, געניטער גערטנער — אַכצן דאָלער. אַ סקאַנדאַל! נו, אַחוץ דעם איז פאַראַן אַ . . . אַן אַרויסהעלפער ביים פישלער. ווי זאָל איך אייך זאָגן? ער באַקומט ג אָ ר נ י ש ט קיין געהאַלט. ער איז, האָט קיין פאַראיבל ניט, אַליין אַ ביזנעסמאַן פאַר זיך. איך ווייס? דאָס איז עפּעס ווי די קעלנערס אין די רעסטאָראַנען: מ׳לאָזט אים „טיפּס“, לאָזט מען אים. וואָס ער מאַכט דאָרטן קאָן מען ביי אים ניט וויסן. געפּרואווט אַ רעד טון מיט אים — ער שווייגט. ווייניק האָפנונג אויף אים.

— זייער גוט, — האָט דער סעקרעטאַר פאַרצייכנט ביי זיך אין אַ ביכעלע. — מיר׳ן אויסאַרבעטן אַ סקעיל. מיר׳ן שיקן אַן אָרגאַנייזער. און אויב איר וועט סטרייקן, וועלן מיר אייך שטיצן — „מאָראַליש“: אין דער „פרייהייט“, מיט פלוגבלעטלעך. וועגן סטרייק בענעפיט — פאַרגעסט. פּיקעטן וועט איר אויך דאַרפן אַליין. ווען איר געווינען, וועט דער „שאַפּ“ ווערן אָרגאַניזירט, און דאָס וועט שטאַרקן די יוניע אויך. דער מאַרקעט איז דאָך נאָך אינגאַנצן ניט אָרגאַניזירט, אהה? נו, איז טאַקע גלייכער איצטער, איידער די רעכטע שטעקן אַריין אַ פוס.

— אַ ביסל אַרבעט האָב איך ש ו י ן אַריינגעלייגט . . . וועל, מיר׳ן זען.

יאָסל איז אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, נאָר האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע.

— וואָס איז, חבר יאָסל, וואָס נאָך?

יאָסל האָט זיך פּלוצים צעלאַכט: וואָס איז ער דאָ — געקומען צום רב פרעגן אַ שאלה? . . דער סעקרעטאַר האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— גאָרניט, גאָרניט, חבר סעקרעטאר . . . אַ גוטן טאָג. —

.4

שבת בייטאָג, אין סאַמע קאָך פונם האַנדל אין מאַרקעט, האָבן סוזי מיט יאָסלען זיך באַגעגנט הינטערן קאָונטער, וואו עס איז שווער געווען זיך אויסצומיידן. יאָסל איז געוואָרן בלייך און סוזי רויט. דער נאָך האָבן זיי זיך געביטן מיט די קאָלירן. דאָס האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר סעקונדן, נאָר העניך איז אויסגעוואַקסן נעבן זיי מיט אַזאַ דער־צאָרנטער מינע, אַז די באַגעגעניש צווישן די דריי האָט זיך תיכף פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס, אין אַ מין שטומען סקאַנדאַל, ווייל קיינער פון זיי האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. סוזי איז אַוועק אַהיים, און העניך קאַץ האָט שוין ניט אויפגעהערט צו טשעפּען זיך צו יאָסלען דעם גאַנצן טאָג: וואָס יענער האָט געטון איז העניכן ניט געווען געפעלן, און אַז יאָסל האָט ניט געענטפערט אויפן רוף „דזשאָו" איז העניך געוואָרן ווילד און איז אונטערגעלאָפן הינטער זיין פּלייצע מיט אַ געשריי: „פאַרוואָס רופסטו זיך ניט אָפּ, דו, אַז איך דאַרף דיך?! וואָס מיינסטו, כ׳על דיר צאָלן געלט אומ־זיסט? . ." ערשט דעמלט האָט יאָסל זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו העניך קאַץ און האָט מיט קאַלטן כעס געזאָגט:

— מיין נאָמען איז ניט דזשאָו. אַז איכ׳ל אייך רופן „מיסטער קאָטער" וועט איר זיך אָפּרופן? .

העניך איז געוואָרן בלייך.

— ווי־ווי — קאָטער רופסטו מיך?! דו — אַזוינער און אַזוינער — איכ׳ל דיר ווייזן אַ קאָטער — איך . . . איך . . . דו קאָנסט זיך תיכף אָפּטראָגן פון דאַנען, דו הערסט? . . די מינוט! דיין פוס זאָל זיך דאָ ניט געפינען! —

יאָסל האָט זיך אַוועקגעקערט פון אים, האָט געלאָזן פאַרענדיקט די אַרבעט וואָס ער האָט געהאַלטן אין טון, דערנאָך האָט ער אויסגעטון דעם פאַרטוך.

פאַרנאַכט איז געקומען צו גיין אַן אָרגאַניזירער פון דער אינ־דוסטריעלער יוניע. העניך קאַץ האָט אים אויסגעלאַכט.

— וואָסער יוניע, וועלכע יוניע — איך קען ניט קיין יוניעס, איך האָב מיט קיין יוניעס ניט צו טון. גייט אייך געזונטערהייד!

דער אָרגאַניזירער האָט גענומען געדולדיק איינטענהן מיט אים, נאָר העניך האָט געענטפערט.

— מיסטער, פאַרדרייט מיר נישט קיין קאָפּ, איר הערט? איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. איך קען אייך ניט און וויל אייך ניט קענען. כ־כע! ער׳ט ביי מיר סטרייקן, ׳עט ער! ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן...

— ניט ביי אייך אַליין — דער גאַנצער מאַרקעט וועט סטרייקן...

העניך האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

— דער מאַרקעט? וואָס געהער איך זיך אָן מיטן מאַרקעט? וואָס געהער זיך דער מאַרקעט אָן מיט מיר?

— צי איר געהערט זיך אָן צי ניט — ווייס איך ניט, נאָר ביי אונדז, ביי דער אינדוסטריעלער יוניע, איז אַ גאַנצער מאַרקעט אַ „יוניט״ — איין שאָפּ . . . מיר׳ן אַרויסרופן אַ סטרייק ביי אַלע סטענדס וואָס האָבן אַרבעטער. מיר האָבן ,נישקשה, גענוג טענות צו די אַנדערע קרעמער אויך. נאָר אַזוי לאַנג ווי איר הויבט ניט אָן, וועלן מיר עס דערווייל לאָזן גיין. איז וואָס זאָגט איר? —

פון אים איז ער אַוועק צום מילכער. מיסטער גריצהענדלער האָט געזאָגט: וואָס זשע? ער וועט פירן פאַר קאַצן יענעמס געשעפטן? . . און אַז דער אָרגאַניזירער האָט אים דערקלערט דעם ענין אויספיר־לעכער, האָט ער אַ קוק געטון אויף דייוון און דייווין: „אַזוי גאָר? איר זענט שוין אויך אין דער מיט — איר געהערט שוין גאָר צו אַ יוניע, אהה? . . וואָס זשע מיינט איר, איכ׳ל ניט קריגן קיין אַנדערע ׳שטאָט אייך? . . ״ מיסטער דזשייקאָבס בנים האָבן געפּרואווט זיין גראָב צום אָרגאַניזירער, וואָס דער פאָטער האָט ניט דערלאָזן, אָבער דערקלערט האָט ער, אַז ער קאָן זיך באַגיין אָן טאָנין: „איר זעט אָט די צוויי באָיעס מיינע? זיי קאָנען אַרבעטן, יעדערער פון זיי, פאַר צוויי טאָנים. און איך קאָן קריגן אַ ניגער אויך, פאַר אַכט דאָלער אַ וואָך — אָנדערסטענד?״ דער אָרגאַניזירער האָט נאָך אַ קוק געטון צום פיש־קאונטער, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַוועק־געגאַנגען. —

.5

העניך קאַץ האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט די סצענע אין מאַרקעט צווישן סוזין, יאָסלען און אים — ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענע סטראַטעגיע — נאָר מאָנטיק אינדערפרי, פאַרן אַוועקגיין אין געשעפט, האָט ער אָנגעזאָגט סוזין, זי זאָל קומען צען אַזייגער אַרויס־צוהעלפן אויף אַ פּאָר שעה, דערנאָך וועט זי קאָנען אַוועקגיין ביז דריי בייטאָג און צוריקקומען ווידער אויף אַ דריי שעה — ביז ער וועט קריגן אַן אַרבעטער.

אַז סוזי איז צוגעקומען צום מאַרקעט מיטן קינדער־וועגעלע, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויפן איטאַליענער, וועלכער האָט געשפּאַצירט איבערן טראָטואַר מיט אַ פּלאַקאַט אויף דער ברוסט: „דער פּיור פוד מאַרקעט איז ניט יושרדיק צו זיינע אַרבעטער". אַ ביסל ווייטער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען יאָסל מיט אַן ענלעכן פּלאַקאַט. אַ בלייכע פון אויפרעגונג, איז זי אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. די שטימונג דאָרט איז געווען אַן אויפגערעגטע, אַ כעסדיקע. פון דער יוניע האָט מען צוגע־שטעלט אַ צעטל מיט פאָדערונגען: 1) צוריק אָנשטעלן יאָסלען; 2) העכערן די שכירות פון די אַנדערע אַרבעטער אַזוי: פון דזשוזעפע באַססאָ („טאָני") ביז 25 דאָלער אַ וואָך, פון דייוו לאַקריץ ביז 22, פון דייווי פאַקס ביז 12; 3) דער פישלער זאָל צאָלן רעב שאיען 1 דאָלער אַ טאָג, אַחוץ די פּעניס וואָס מ'וואַרפט צון אים אין גלאָז. — ביים מילכערס טיש האָט מיסטער גריצהענדלער זיך צעריסן אַרבעטנ־דיק איינער אַליין פאַר דריי און האָט אַלעמאָל פאַרקוקט צום אַריינ־גאַנג: פאַרוואָס קומט ניט זיין פרוי? . . העניך קאַץ איז אַרומגעלאָפן מיט אָנגעשטריינגטער שמיידיקייט, ווי זיין ביזאיק אויפן שליאַך. די דזשייקאָבסעס האָבן גענומען דעם עסק געלאַסענער, און ביי דער הינטערשטער וואַנט איז רעב שאיע געשטאַנען אויף זיין אָרט און געשאָבן פיש. וועגן דער פאָדערונג פון דער יוניע וועגן אַ דאָלער אַ טאָג פאַר אים האָט ער גאָרניט געזאָגט, נאָר די אַרבעט האָט ער אויך ניט געוואָרפן . . .

דורכן טאָג האָבן די געשעענישן זיך אויפגעוויקלט אויף אַזאַ מין אופן:

— — — מיסעס גריצהענדלער, אַ פעטע יידענע מיט איין אויג קלענער פאַרן צווייטן, איז געקומען צו לויפן העלפן איר מאַן. זי האָט

זיך געגעבן אַ דריי און האָט אַריינגעוואָרפן אַ שווערן שטיק שווייצער־קעז אין אַ קאַסטן מיט דזשוירזי אייער. —

— — — לואיס דזשייקאָבס האָט טאַקע געקאָנט אויפהייבן אַ שווערן קויש, אָבער די פּאַמעלעכע אַרבעט פון איבערקלייבן די פּרוכטן און אַרויסוואַרפן די נאַסע און די פוילע האָט אים גענודיעט ביים האַרצן, האָט ער זי איבערגעגעבן זיין ברודער אַלעקסן; האָט עס אים אויך גענודיעט ביים האַרצן, האָבן זיך די צוויי ברידער שיר ניט צעשלאָגן. —

— — — העניך האָט געהאָוועט צווישן די זעק און די קאַסטנס און סוזי האָט געקלונגען מיט דער קאַסע, נאָר די בעיבי, וואָס איז ניט געווינט געווען צו זיין אַזוי פרי אין גאַס, האָט זיך אַלעמאָל צע־שריגן, און סוזי האָט געמוזט לויפן זי איינשטילן. ווען סוזי איז מי־טאָג־צייט געגאַנגען אַהיים, האָבן שוין נעבן דער קראָם פּיקעטירט מיט די פּלאַקאַטן ניט יאָסל און טאָני, נאָר דייוו און דיוווי. —

— — — צוועלף אַזייגער איז אַרויס די „פרייהייט“, און די נאָ־טיץ וועגן דעם סטרייק האָט געבראַכט אין מאַרקעט אַריין אַ פּאָר־שטייער פון דער רעכטער יוניע; ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט צושיקן אַזוי פיל אַרבעטער וויפל מ׳דאַרף. נאָר אַזוי שנעל ווי העניך האָט דערהערט דאָס וואָרט „יוניע“, האָט ער זיך צעשריגן: ער דאַרף ניט קיין יוניע — ער האָט ניט צו טון מיט קיין יוניעס — ער וועט קריגן אַן אַרבעטער פון אַן אַגענטור; דאָס זעלבע האָט געזאָגט מיסטער גריצהענדלער.

— — — שפּעטער איז געקומען צו לויפן יעקב לאַפּידעס — אַ פריילעכער, אַ גוטמוטיקער, דער וועלטס אַ „גוטער ברודער“ דורך־און־דורך. ער האָט אַ פּאַטש געטון דייוון איבער דער פּלייצע: „אַ סטרייק, אַה? דערציילט, דערציילט — מיר׳ן אייך געבן פּובלי־סיטי, מיר זענען אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג, יו נאָו“. דייוו לאַקריץ האָט אים בקיצור איבערגעגעבן די פאָדערונגען, און לאַפּידעס איז אַוועקגעלאָפן פון אים צו קאַצן, צו גריצהענדלערן, צו די דזשייקאָב־סעס — ווי עס פּאַסט פּאַר אַן אומפּאַרטייאישער צייטונג: מ׳דאַרף אויסהערן ביידע צדדים. —

6.

דריי אַזייגער איז סוזי געקומען מיט דער בעיבי צוריק. זי האָט

אָוועקגעשטעלט דאָס וועגעלע דרויסן ביי דער וואַנט, נעבן דעם קאַסטן מיט טאָמאַטן, און געוואָלט אַריינגיין אינווייניק, ווען צוויי יידישע בחורים זענען געקומען צו גיין פון דער אַנדערער זייט. עס איז געווען צו דערקענען אַז זיי קומען פון אַן אַרבעט־אַגענטור. פאַרן מאַרקעט האָבן זיך שוין ווידער געדרייט יאָסל און טאָני, און איינער פון די בחורים האָט אַ קוק געטון אויף די פּלאַקאַטן און זיך תיכף פאַרקערע־וועט צוריק, דער צווייטער איז געבליבן שטיין און זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע, ביז יאָסל האָט זיך געלאָזן גיין גלייך אויף אים מיטן פּלאַקאַט אויף דער ברוסט; דעמלט האָט דער צווייטער בחור זיך גע־געבן נאָך אַ קראַץ און איז אויך אַוועקגעגאַנגען. סוזי האָט זיך אָנ־געכמורעט. מיין גאָט — דאָס אי׳דאָך עפּעס פּשוט געגומען ביים גאָרגל! וואָס זשע, זי וועט אַלעמאָל דאַרפן לויפן אַהער מיט קינד, וואָס? . . מינדעלע איז שוין אַזוי אויך צערייצט, קאַפּריזנע, וויינט כמעט דעם גאַנצן טאָג — גאָר אַן אַנדער קינד געוואָרן. און סתם — וואָס טויג איר, סוזין, דער גאַנצער טראַבל? ווען אָט דער בחור זאָל דאָ בלייבן אַרבעטן, וועט שוין העניך אַלעמאָל אַרומגיין מיט פאַר־שפּיצטע אויערן און שמעקן מיט דער נאָז . . . מוחל! — און סוזי איז אַריין אין מאַרקעט מיט אַ מינע פון איינער וואָס פאַרקאַשערט די אַרבל. —

די פּלאַקאַטן האָבן זיך באַוועגט פון זייט צו זייט איבערן פראָנט פון לאָקאַל, האָבן זיך באַגעגנט אינדערמיט און זיך ווידער פאַנאַנדער־געגאַנגען, ריידנדיק גלייכצייטיק שטום און אויף אַ קול צו די פאַר־בייגייער: „דער פּיור פוד מאַרקעט״ איז נ י ט ־ י ו ש ר ד י ק צו זיינע אַרבעטער!״ אויף די קונים האָבן זיי קיין שטאַרקן איינדרוק ניט גע־מאַכט. אַ גאַנצן טאָג זענען מענטשן געגאַנגען אַריין און אַרויס, ווי זיי וואָלטן די לעבעדיקע, באַוועגלעכע, שטום־שרייענדיקע פּלאַקאַטן ניט געזען און ניט געהערט. יאָסל ווייסט, אַז אין דער יוניע טראַכט מען וועגן אָרגאַניזירן אַ גרופּע חברטעס צו העלפן פּיקעטירן בעת אַ סטרייק ניט קעגן די סטרייק־ברעכער, נאָר קעגן די קונים, צו העלפן געווינען די סימפּאַטיעס פון די קאָנסומענטן. ערשט איצט זעט ער, ווי נויטיק דאָס איז. פונדעסטוועגן — פון צייט צו צייט האָט אַ מענטש זיך אָפּגעשטעלט אומאַנטשלאָסן, געקוקט אַ ווילע און אַוועקגעגאַנגען

איינקויפן ערגעץ אַנדערש. און דאָס האָט געטראָפן עפּטער מיט מענער ווי מיט פרויען. —

וועגן דעם טאָקע האָט יאָסל געטראַכט. עפּטער מיט מענער ווי מיט פרויען. פאַרוואָס איז עס אַזוי? פרויען קאָנען זיין אַזוי מיטפילנ־דיק . . . אַזוי, אַזוי וויברירנדיק צום ריר פון אַ פינגער (יאָסל שפּילט אַ ביסל מאַנדאָלינע) . . . אַפילו צון אַ בליק: יענע שטומע סצענע דאָרט הינטערן קאָונטער האָט אים אינגאַנצן צעשרויפט. וואָס זשע איז עס פאָרט? וואָס איז דער מיין דערפון? . .

יאָסל האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אַ ווײַלע און דערנאָך אים ווידער אויפגעהויבן: אָה, קיין טיפע סודות זענען דאָ נישט פאַראַן. זאָכן זענען אַ סך פּשוטער ווי זיי זעען אויס. קודם כל — וויפיל קומען דאָס אינגאַנצן מענערשע איינקויפערס אין אַ שפּייז־מאַרקעט? אַ פרוי גייט אויך אַ מאָל אַוועק נאָך אַ בליק אויף די פּלאַקאַטן, נאָר זי זעט זיך ווייניקער אָן אין דער גרויסער צאָל ווייבערשע קונים. צווייטנס: די פרוי איז עס די וואָס פירט די הוצאה; זי איז עס די וואָס מוז זיך בייסן די פינגער מיטן געלט וואָס דער מאַן גיט איר, „מאַכן דעם דאָלער גיין אַזוי ווייט ווי מעגלעך״, ווי מ׳זאָגט אין אַמעריקע. און דריטנס — און דאָס איז דער עיקר —

דאָ האָט זיך עפּעס געמאַכט וואָס האָט איבערגעשלאָגן יאָסלען זיין שמועס מיט יאָסלען —

— — — די זון האָט זיך דערווייל אַרונטערגעלאָזן נידריק צו מערב, האָט אַ פלייץ געטון מיט הייסן, צעשמאָלצענעם גאָלד איבער דער לענג פון בוירנסייד עוועניו, האָט אָנגעגליט די טאָמאַטן אויפן שטאַנד ווי אַ פאַן מיט קוילן און האָט אַריינגעטראָפן אין וועגעלע וואו מינדעלע איז געליגן. אַ פּאָר בלויע אייגעלעך האָבן זיך אָן עפן געטון גלייך אַרויף, צו דער בלויער און שווינדלדיק־ווייטער אומענדלעכקייט, און פונם מײלעכל וואָס איז געווען קליין און בלוטיק ווי אַ שניט אין אַ ווײנשל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ דין, אויסגעצויגן געשריי — הילפ־לאָז, רחמנותדיק, מיזעראַבל, ווי דער פּישטש פון אַ קראַנק אָדער הונגעריק פייגעלע. ביי טאָנין זענען די אויגן געוואָרן גרויס ווי צוויי רייפע פלוימען. ער האָט געוואָרפן צו יאָסלען עפּעס אַ ווייבערשן, ווײנענדיקן שמייכל, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויפן קינדער־וועגעלע, דערנאָך ווידער אויף יאָסלען. ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט

אין גאַנג, האָט ביי יאָסלען געצוקט דער לינקער ווינקל פון מויל, נאָר ער האָט שטריינג געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין!“ און האָט אים צוגעגעבן מוט מיט אַ חברשן קלאַפּ אין פּלייצע. טאָני האָט געפאָלגט און געשפּאַנט ווייטער צו דער צווייטער זייט פון מאַרקעט. נאָר אין טיר איז שוין געשטאַנען סוזי און האָט מיט רויטע אויגן געקוקט אויף יאָסלען. דערנאָך האָט זי זיך אַ לאָז געטון צום וועגעלע מיט הענט אויסגעשפּרייט ווי אַ פּאָר פליגלען, מיט געבויגענעם רוקן און אָפענעם מויל. „קוואַק־קוואַק־קוואַק־קוואַק!“ — דעם קלאַנג האָט יאָסל דייטלעך געהערט אַרויסקוועלן ביי איר פון האַלדז, אָבער דאָס איז געווען אַ טעות, אַ האַלוצינאַציע. סוזי איז אים פאַרבייגעלאָפן מיטן קינד אויף די הענט, האָט אים אָפּגעבריט מיט אַ שנאהדיקן בליק פון רויטע אויגן און איז אַריינגעלאָפן אינוויייניק, אָבער זי האָט ניט געקוואָקעט — אך, ניין! יאָסל איז געוואָרן בלייך ווי אַ נעגער ווערט — וואָלקנגרוי, נאָר זיין בליק איז געוואָרן האַרטער. — — —

. . . און דריטנס, און דאָס איז דער עיקר, — האָט יאָסל פאַר־ענדיקט זיין אַרגומענטאַציע מיט זיך: — קוואַק־קוואַק! . . —

די צעשטערטע אידיליע

1.

אויף מאָרגן איז יאָסל קוים אָפּגעשטאַנען זיין צייט ביז צוועלף אַזייגער אין פראָנט פון מאַרקעט, דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפן אין דער יוניע. דער סעקרעטאַר האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ בלאַט פון לאָפּידעסעס ציייטונג: לייענט.

— — — „אין פיור פוד מאַרקעט“, אויף בוירנסאַיד עוועניו, סטרייקט מען. עס סטרייקן — פיר מענטשן, כע־כע! פונדעסטוועגן, דאַרף מען עס ניט נעמען אַזוי לייכט. וואָרעם, וויסן זאָלט איר ייִין, אַז פריער זענען די באַציאונגען צווישן די קרעמער און זייערע אַרבע־טער געווען, קאָן מען זאָגן, אידילישע — יאָ־יאָ, ניט ווייניקער! ביז עס זענען געקומען די „לינקע“ און האָבן — אַזוי זיך, מיר ניט דיר ניט — אַרויסגערופן דעם סטרייק. די לינקע פאַנאַטיקער ווערן פשוט אַ געפאַר פאַרן עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. דאָס הייסט, ע פּ ע ס וואָלט

מען טאָקע געדאַרפט טון פאַר די אַרבעטער — אָה, געוויס! עמיצער וואָלט עפּעס געדאַרפט טון פאַר די אַרבעטער. אָבער דאָס אַלץ אין די גרעניצן, אין די מ ע ג ל ע כ ק י י ט ן פון אונדזער עקאָנאָמישער סיסטעם. נעמט, למשל, די קרעמער אַליין: זיי לעקן אויך ניט קיין האָניק. „קאָמפּעטישאָן" — די קאָנקורענציע, הייסט עס — איז אַזוי גרויס, האָט מיר אַ קרעמער דערציילט, אַז מ'שניידט זיך פּשוט' די גאָרגלען איינער דעם אַנדערן. לעצטנס האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ נייע צרה אויפן קאָפּ פון די יידישע שפּייז־קרעמער: די רינג־קראָמען — די „טשיין־סטאָרס". אַמאָל האָבן זיי קיין דערפאַלג ניט געהאַט אין די יידישע געגנטן, ווייל יידן שפּייזן זיך אַנדערש ווי גוים, און אַט די אַלע רינג־קראָמען, ווי די „עי ענד פּי", „דזשיימס באַטלער", „דעניעל ריווס" און אַנדערע, האָבן געהאַלטן ביי זיך אַן אויסוואַל פון אַרטיקלען וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן פון יענקישן באַרג־סיני. לעצטנס אָבער האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון קעגנזייטיקער דערנענטערונג: די רינג־קראָמען האָבן נאָכגעגעבן אַ ביסל און דער יידישער געשמאַק — אַ סך. פאַרן בעסטן ביישפּיל קאָנען דינען די „בוטשער סטאָרס" — די יאַטקעס. עס איז ידוע, אַז יידן עסן בעסערע און פרישערע פליישן: דערצו האָבן געבראַכט די דינים פון כשרות. אַז אַ גויאישער באַלע־באָסטע פלעגט זיך פאַרגלוסטן אַ גוט שטיקל פלייש, פלעגט זי דאַרפן גיין נאָך דעם אין אַ יידישער געגנט, צו אַ יידישן בוטשער. איצט זענען די גרויסע קאָמפּאַניס געפאַלן אויף אַ שכל: זיי עפענען יאַטקעס טאָקע אין די יידישע געגנטן, וואו זיי האַלטן יידישע און גויאישע אָנגעשטעלטע און פאַרקויפן יידישע און גויאישע פליישן צוזאַמען. דער רעזולטאַט איז: יידן געוויינען זיך צו צו טרייפענע פליישן, נאָר ז י י מ ו ז ן ז י י ן פ ו נ ם ב ע ס ט ן ס אָ ר ט, וואָס דאָס האָט געפירט צו אַ צווייטן רעזולטאַט וואָס קלינגט פּשוט אַנעקדאָטיש, נאָר וועלכער איז פונדעסטוועגן דער ריינער אמת: הייגט, אַז אַ גויאישע באַלעבאָסטע וויל האָבן אַ גוט שטיקל . . . חזיר־פלייש, מוז זי אַלץ אָנקומען צו די געמישטע פלייש־קראָמען א י ן ד י י י ד י ש ע ג ע ג נ ט ן ! . . אָבער ווי דאָס אַלץ רופט זיך אָפּ אויף די פאַרקויפער פון בשר כשר — איז לייכט צו פאַרשטיין . . ." — — —

קורץ: אָנשטאָט אַ באַריכט וועגן דעם סטרייק אין „פיור פוד

מאַרקעט״, האָט זיך ביי לאַפּידעסן באַקומען אַן „עסעי״ וועגן דער לאַגע פון די יידישע שפּייז־קרעמער אין ניו יאָרק. —

יאָסל האָט מיט כעס אַוועקגעוואָרפן די צייטונג. דער סעקרעטאַר האָט געזאָגט:

— מיר וואָרענען די אַרבעטער ניט צו האָבן קיין מגע־משא מיט די לייט — און זיי פאָלגן ניט. ווער האָט אים געגעבן די איינצלהייטן?

— ניט איך. דער עלטערער אַרבעטער ביים מילכער. איך וואָלט מיט אים ניט גערעדט — נאָר ער וואָלט סיי־ווי געשריבן. אָבער איך בין געקומען אַהער צוליב עפּעס אַנדערש. איך וויל פאָרשלאָגן — מ׳זאָל דעם סטרייק . . . צוריקרופן.

חבר שוסטער האָט אויף אים אויפגעהויבן די ברילן:

— פאַרוואָס?

— מיר קאָנען ניט געווינען.

— נאָך איין טאָג סטרייקן האָט איר שוין פאַרלוירן דעם מוט?

— עס האָט ניט קיין זינען. געווינען איז — איז אוממעגלעך.

— כ׳פאַרשטיי ניט.

יאָסל האָט זיך געקנייטשט און געקרימט.

— מיין אייגענער באָס וועט באַין אופן ניט נאָכגעבן. דאָ קומען אַריין אַזעלכע מאָטיוון . . . זייטיקע. נו, פּשוט: ער איז — אייפער־זיכטיק.

— עה? . .

חבר שוסטער האָט שוין פון יאָסלען קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

— וואָס אי׳דאָ פאַר אַ מעשה? איר האָט דאָ אַריינגעפּלאָנטערט פּערזענלעכע עסקים?

יאָסל האָט זיך אָנגעכמורעט.

— איך האָב קיין זאַך ניט אַריינגעפּלאָנטערט. און קיין מעשה איז דאָ אויך ניטאָ . . . ער האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, און דאָ וועט שוין קיין זאַך ניט העלפן.

— אַז־זוי! — חבר שוסטער האָט זיך אָנגענומען מיט אַ האַנט פאַרן שפּיץ פון קין און האָט קאַלט געקוקט אויף יאָסלען. — די „אינ־דוסטריעלע יוניע פון די שפּייז־אַרבעטער״ פירט אַ ליבע מיט דער באַלעבאָסטע און סטרייקט קעגן באַלעבאָס . . . דאָס איז אַ נייע

ווענדונג אין דער פּאָליטיק פונם אַרבעטער־קלאַס. דאָס וואָלט מען באַדאַרפט פריער באַהאַנדלען אין אונדזער פּרעסע. המ . . .

— אָבער איך זאָג דאָך אייך, אַז עס הויבט זיך ניט אָן! ער האָט זיך אַריינגענומען אַ מאנקאָליע אין קאָפּ, און די אַנדערע אַר־בעטער וועלן דאָ ליידן אומזיסט. איך, ווידער, קאָן מיר געפינען אַן אַנדער פּלאַץ — אַז איך וויל שוין גאָר צוריק ניט גיין! . .

דער סעקרעטאַר האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן ווי אַ שטאָלענע שפּרינגע:

— וואו זשע זענט איר געווען פריער. חבר יאָסל? חבר יאָסל, חבר יאָסל — וואו זענט איר געווען פריער?! איך מיין, חבר יאָסל — וואו זענט איר געווען פריער, אַה?! . .

אַזוי ווי אַ בייטש וואָלט זיך נאָכאַנאַנד געהויבן און געפאַלן מיט אַ סווישטש, אַזוי האָבן זיינע ווערטער געהאָגלט איבער יאָסלס אַראָפּ־געבויגענעם קאָפּ.

— שמייסט, שמייסט, חבר סעקרעטאַר — איך האָב עס כשר פאַרדינט.

— וואָס טויג מיר אייער שלאָגן זיך על־חטא לאחר המעשה? מיר גייט ניט אָן צי צווישן אייך און „איר" איז יאָ „עפּעס געווען" צי ניט געווען . . . וויכטיק איז, וואָס ער דיינקט אַז געווען. און איר האָט געוואוסט אַז ער דיינקט אַז „געווען", און דעריבער קאָן מען דעם סטרייק ניט פירן — און געווינען — אויף דער ליניע פון שכירות און שטונדן. איר פאַרשטייט צי ניין? איך וואָלט געדאַרפט רעקאָ־מענדירן, מ׳זאָל אייך סוספּענדירן פון דער פּאַרטיי פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט. פאַרברייינגען דעם ענין וועל איך סיי־ווי־סיי.

ער האָט זיך פאַרהוסט, לאַנג און שווינדזיכטיק.

— באַרעכנט נאָר אין וואָס פאַר אַ בלאָטע מיר זענען דאָ אַריינ־געקראָכן, — האָט ער ווידער גערעדט: — אויב עס זאָל זיך אַפילו איינגעבן צוריק אָוועקשטעלן אייערע אַרבעטער אויף זייערע פּלעצער, וועלן מיר סיי־ווי מוזן פאַרלירן דעם הויפּט־פּונקט, צוליב וועלכן דער גאַנצער סטרייק איז אַרויסגעקומען — אייער אייגענעם דזשאָב. איך פרעג אייך אַליין: נאָך אַזאַ מעשה, פאַרוואָס זאָל יענער פאַסקודניק ניט שרייבן, אַז מיר רופן אַרויס סטרייקן „מיר ניט — דיר ניט" און צעשטערן אים זיינע אידיליעס? . .

חבר שוסטער איז שוין אַרומגעלאָפן אַ צעטראָגענער איבערן אָפּיס. יאָסל איז געזעסן אַ שולדיקער און אַ שווייגנדיקער.

דער סעקרעטאַר איז געקומען צוריק צום טיש:

— יעדנפאַלס מוזן מיר זען איבערלאָזן אַ פּוס אין דעם דאָזיקן מאַרקעט — ניט פאַרלירן אים אינגאַנצן. וואָס פאַר אַ מענטשן זענען די אַרבעטער?

יאָסל האָט דערקלערט:

— דער עלטערער פאַרקויפערביים מילכער איז נאָר אַ צייטווייליקער אַרבעטער: ער שטודירט טעכנאָלאָגיע. אמת, ער טרוימט וועגן אויסשטודירן און פאַרן אַרבעטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — ער לערנט אויף „ספּעץ", הייסט עס . . . דער צווייטער איז נאָך אַ יינגל, אַן אַמעריקאַנער יינגל, פאַראינטערעסירט אין בייזבאָל. דער איינציקער איז דער איטאַליענער: ער איז אַן אַרבעטער דורך־און־דורך.

— אַך, אָט די אינפאָרמאַציע האָב איך באַדאַרפט פון אייך אַרויסקריגן פריער, אויב איר האָט אַליין קיין שכל ניט געהאַט מיר זי צו געבן . . . נו. פאַרפאַלן. —

.2

אויף מאָרגן איז דער סעקרעטאַר אַליין אַראָפּגעקומען אין מאַרקעט, און כדי אָפּצוטעמפּן אַ ביסל די שאַרפקייטן פון דער לאַגע האָט ער גערעכט די פּיקעטירן — די צוויי דייווס — אַריינצוגיין ערגעץ כאַפּן אַ קאַווע אויף אַ שעה צייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גרינגער פון אַלעם איז אָנגעקומען זיך צונויפצורייידן מיטן גרינסער: זיין סחורה האָט געגעבן אַ סך בראַק פאַר די פאַר טעג, אַן טאָניס געניט אויג. מיסטער גריצהענדלער האָט זיך געעקשנט, נאָר דאָס אַריינקומען פון זיין פרוי האָט געהאַט אויף אים אַ גוטע ווירקונג: ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם שווייצער־קעז וואָס איז אַריין צווישן די „דזשוירזיוהאַיטס", ווי אַ וואָלף צווישן שעפּסעלעך. חבר שוסטער האָט פון יוצא־וועגן אויף פּרובירט אַ רעד טון מיט העניך קאַץ. אין איין וועגס האָט ער פאַרגנבעט אַ בליק אויף סוזין — און אַ ווינקל פון מויל האָט זיך ביי אים אויפגעהויבן: דאָס איז געווען אַ מין שמייכל, אַזוי זיך, אויף פערזענלעכן חשבון — מיט דער יוניע האָט עס ניט געהאַט צו טון.

אין קורצן נאָך זיין אַוועקגאַנג זענען דייוו און דייווי צוריק־געקומען, נאָר אָן די פּלאַקאַטן. באַלד דערנאָך האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן טאָני. און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט ער זיך גענומען סאָרטירן די קעפּלעך בלומענקרויט וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינצו־פאַלן אין די טענער פון אַלטן אַלאַבאַסטער. יאָסלען האָט מען מער ניט געזען.

פאַרנאַכט האָט מיסטער גריצהענדלער גערעדט צו דייווי פאַקס:

— איך פרעג דיך אַליין: דערפאַר וואָס קאַץ האָט זיך צעקריגט מיט זיין אַרבעטער, דאַרף איך דיר צאָלן מיט צוויי דאָלער אַ וואָך מער? אהה . .

ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער, און דייווי האָט אים ניט געגעבן. דאָס האָט מיסטער גריצהענדלער בלויז געוואונדערט זיך אויף אַ קול, ווי אַזוי איז ער עס איינגעגאַנגען אויף אַזאַ „סעטלמענט". דער אויסגלייך איז געווען: דייוו לאַקריץ גייט צוריק אַרבעטן אויף די אַלטע באַדינגונגען; דייווי פאַקס קריגט צען דאָלער אַ וואָך, אַנשטאָט די פריערדיקע אַכט, און דער איטאַליענער צוואַנציק, אַנשטאָט אַכצן. פאַר יאָסלען, האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט, האָט ער אַן אַנדער „דזשאַב" . . .

די שטימונג אין מאַרקעט איז, פונדעסטוועגן, געבליבן אַ שווער־לעכע און אַן אומפריינטלעכע. צומאַרגנס אינדערפרי האָט טאָני באַ־גריסט רעב שאיען: „גוד מאָרנינג, סקעב!" טאָניס ענגליש צום ריידן און רעב שאיעס צום פאַרשטיין זענען ביידע געווען זייער מאָגער. פונדעסטוועגן האָט טאָני געוואוסט וואָס ער רעדט און רעב שאיע — וואָס ער הערט; ער האָט געוואוסט אַז דאָס זידלוואָרט פאַר סטרייק־ברעכער באַטייט אויף יידיש: „פּ־פאַרך"! . . רעב שאיע איז בלייך געוואָרן, האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָפּגעשוויגן און איז פאַר־עקשנט און מיט גדלות אַוועק צו זיין אַרבעט פון שאָבן די ליסקעס פון די פיש: ער געהער זיך ניט אָן מיט אָט די כאַמולעס: ער איז זיך רעב שאיע — איז ער זיך; אַ מענטש, הייסט עס, פאַר זיך — איז ער זיך. —

3.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז צו העניכן געקומען אַ בחור און האָט

געמאָלדן, אַז אים האָט געשיקט די יוניע — די אמתדיקע יוניע, יו נאָו, ניט פון אָט־די־אָ! . .

— יוניע! — האָט העניך אויסגערופן. — נ־ניין. איך דאַרף נישט קיין יוניע. איך קאָן לעבן אָן אַ יוניע . . .

דער בחור האָט צוגעשוויגן. העניך האָט אַרומגעשמייעט אויף יענער זייט קאָונטער. דער בחור האָט געזאָגט:

— איכ׳ל אַרבעטן פאַר צוואַנציק דאָלער אַ וואָך.

ביי העניכן האָט זיך איין אויער פאַרשפיצט אַרויף־צו.

— וואו האָסטו געאַרבעט פריער?

יענער האָט געאַרבעט — דאָרטן און דאָרטן.

— מיר׳ן זען. לאָז מיר דיין אַדרעס. ווי הייסטו?

— דזשאָו ראָזען.

העניך איז אונטערגעשפרונגען:

— ווי־ווי? . . ווי האָסטו געזאָגט? —

— דזשאָו ראָזען. . .

— גוט. טו אויס דאָס רעקל און טו אָן דעם פאַרטוך. „דזשאָו" — דאָס איז פיין.

דער בחור האָט זיך געלאָזט גיין אין אַ ווינקל נאָכן פאַרטוך. העניך קאָץ האָט אים אומגעקערט:

— וואַרט אַ ווײַלע, דזשאָו! פייפן קאָנסטו?

דזשאָו האָט אים אָנגעקוקט אַ געפּלעפטער.

— איך קאָן אַ ביסל . . . וואָס אי׳דען? . .

— איז דאָ אין קראָם, — האָט אים העניך געלערנט, — זאָלסטו ניט פייפן. ביי מיר — פייפט מען ניט! . .

„מאָנקי - ביזנעס"

1.

אין אָנהויב זענען געווען אַלערליי מענטשן, דערנאָך איז געקומען דזשייק. דזשייק האָט געבוירן „סידנין", סידני האָט געבוירן יאָסלען, דערנאָך איז ווידער — פון דער גרויער פאַרגאַנגענהייט — אַרויסגעקומען דזשייק.

— האַלאָ, סוזי! — האָט דזשייק געזאָגט.

האלאָ, דזשייק. — האָט סוזי שטיל געענטפערט. — וואָס מאַכט איר, דזשייק? . . —

2.

מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען ניו יאָרק איז געווען דער גרויס ווי באַרדיטשעוו, איז דאָ געווען אַווילדערניש. אין דער ווילדערניש איז געשטאַנען אַ הילצערן שטיבל, און אין שטיבל איז געזעסן אַ שיכורער מענטש און האָט מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן געזונגען דאָס ליד פון שווערגעמיט — „די ראַב״ — און „וועגן דער שיינער אַננאַ־בעל לי״. איצט האָט ניו יאָרק אַרויסגעפּלייצט פון יענע ברעגן ווייט אַריבער און אַריבער דער אַמאָליקער ווילדערניש, דאָס שטיבל, צוזאַ־מען מיט עטלעכע אַלטע און נייעביימער, איז אַרומגעצאַמט אויף אַ בלאָק אַרום, און דאָס איז דער „פּאָו־פּאַרק״. איצט זיצן דאָ ווייבער, יידישע ווייבער פון אַלערליי באַרדיטשעוון, מיט זייערע קינדער און שעפּן פרישע לופט, וואָס אָן איר קאָן מען ניט אויסקומען — אַזוי זאָגן די דאָקטוירים. און אין פּאָו־פּאַרק האָט זיך סוזי אָנגעטראָפן מיט איר אַמאָליקן שיר־ניט־געוואָרענעם חתן דזשייק בערעזע.

דזשייק האָט שווייגנדיק געקוקט אויפן וועגעלע וואו מינדעלע איז געשלאָפן. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט און אויסגעגלייכט, זיך אויסגעגלייכט און געקנייטשט, און די לינקע באַק אונטער דער אויסגעקראַכענער ברעם האָט געצוקט אַ ביסל, דזשייק האָט זיך געענ־דערט, עלטער געוואָרן — נו, געוויס — נאָר סוזי האָט געשפּירט עפּעס נאָך אַנדערשקייטן: ער האָט, למשל, פאַרלוירן זיין טעמפּע סאָלידקייט און מיושבדיקייט, זיינע באַוועגונגען זענען געוואָרן שאַרפער און דאָס פּנים ברוינער, ווי אָפּגעברענט פון דער זון. די אויגן האָבן געקוקט רויטלעך, ווי ניט אויסגעשלאָפן.

ער האָט צום סוף אַוועקגעריסן זיין בליק פונם קינד און באַטראַכט די מוטער מיט כוונה.

— האָט איר כאָטש גוט אָנגעטראָפן, סוזי?

— נ־ניט שלעכט . . .

זי האָט אים אין עטלעכע ווערטער איבערגעגעבן וועגן זיך: איר מאַן, איר הויז, איר קינד, דעם מאַנס ביזנעס.

— און וואָס איז מיט אייך, דזשייק? איר אַרבעט נאָך אַלץ אין שאַפּ?

— איך? — האָט דזשייק געזאָגט. — עס קלינגט מיר אין אַן אויער . . .

ער האָט עפּעס אַ מאָדנעם מאַך געטון מיט אַ האַנט פאַרביי אַן אויער.

— איך . . . — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט. — איך סטרייק.

סוזי האָט זיך פאַרקרימט, מיט אַ נערוועזן צוק. זי האָט געהאַט אַ האַס אַפילו צום וואָרט.

— פון סטרייקן — האָט זי טרוקן געזאָגט — קאָן מען קיין לעבן ניט מאַכן.

— מאַכט מען טאַקע ניט. מ אַ כ ט — מ ע ן — ט אַ ק ע — נ י ט. — טאָמער האָט מען געמאַכט אַ שטיקל לעבן, האָט עס זיי פאַרדראָסן.

— וועמען „זיי״?

— זיי, די „לינקע״. אַריינגעכאַפּט זיך אַ פּאָר לינקע צו אונדז אין שאַפּ, האָבן זיי אויפגעבורעט דעם גאַנצן שאַפּ.

ווידער די לינקע. דאָ אויך די לינקע. עפּעס אַן אַנשיקעניש אויף אַלעמענס קעפּ.

— איז וואָס ווילן זיי? פאַרוואָס סטרייקט מען?

— קעגן שטיק־אַרבעט. עס געפעלט זיי ניט שטיק־אַרבעט. דאַכט זיך, אדרבה: אַז איר אַרבעט שנעלער און מער — מ אַ כ ט איר מער. ניין, טענהן זיי, פון שטיק־אַרבעט קומט אַרויס אַ טובה דעם באַס, ניט די אַרבעטער. וואָס אַרט אייך, זאָג איך, אַז דער באַס מאַכט און איר מאַכט אויך? איז רעד צו דער וואַנט. נו, איז מען אַרויס אין סטרייק — אַט אַזוי אַליין, פון זיך, הייסט עס, ווייל די יוניע האָט דעם סטרייק פאַרבאָטן. איז אונטערגעשפּרונגען די לינקע יוניע און פירט דעם סטרייק. און זי . . . פירט טאַקע. וואָס אמת איז אמת, זי שלאָגט זיך פאַר אונדז ביזן בלוט — און בינו לבינו איז דער שאַפּ אַריבער צו דער לינקער יוניע, און די רעכטע סטראַשען צו שיקן אַנ־דערע אַרבעטער — סקעבס, הייסט עס! אַט אַזוי שלאָגן זיך די פּאָלי־טישענס צווישן זיך, און דו פּעכנע איבער זיי פון הונגער, אַז ברעכן זאָלן זיי די קעפּ אַלע צוזאַמען!

— און פון ביזנעס טראַכט איר שוין גאָרניט? — האָט סוזי געפרעגט.

— ביזנעס? און אַז איך זאָל שוין האָבן אַ קענדי סטאָרקע, וועט די באַנק ניט קאָנען ביי מיר צונעמען מיין געלט מיט דער סטאָרקע צוזאַמען?! . . —

סוזי האָט אים אַנגעקוקט צעטומלט: וואָס מיינט ער דערמיט? . . האַלט מען געלט — אין אַן אַנדער באַנק! . . דזשייק האָט ניט באַוויזן קלאָר צו מאַכן זיין געדאַנקען־גאַנג — אפשר האָט ער ניט געקאָנט. אַנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט:

— און צו טון ביזנעס דאַרף מען האָבן געלט — כאָטש עפּעס געלט — און איך האָב גאָרניט. מ׳אַרבעט קוים זעקס חדשים אין יאָר, און ווי דו זאָלסט זיך ניט אַרויסזעצן די נשמה אַרבעטנדיק, מאַכסטו ניט אויף אַ גאַנץ יאָר לעבן . . . אַפילו ניט ביי שטיק־אַרבעט . . . דאָס הייסט — אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט . . . מ׳כאַפּט אָפּ די אַרבעט אין צוויי קורצע סעזאָנען און נאָכדעם קוקעט מען. און פון סעזאָן צו סעזאָן שניידט מען די פּרייזן . . .

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. סוזי האָט אויך ניט געפונען וואָס צו זאָגן: דער גאַנצער ענין איז איר עפּעס יאָ פאַרגעקומען קענטלעך, פון די יאָרן ווען זי האָט אַליין געאַרבעט אין שאַפּ, אָבער — פרעמדלעך.

— זיי, — האָט דזשייק פלוצים אויסגעשאָסן מיט כעס, — די לינקע, הייסט עס, זענען די אמתע שונאים פונם אַרבעטער־קלאַס! . .

— פון . . . וועמען? . . — האָט סוזי איבערגעפרעגט.

דזשייק האָט געשוויגן. דאָס האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געברויכט דאָס וואָרט. די צונג זיינע האָט זיך געלייגט שווער אויף דעם דאָזיקן וואָרט. ק־קלאַס . . . אַרבעטער־קלאַס־ס־ס! . . קלאַס־ס־ס! . . אַ מאָדנע וואָרט. פונם וואָרט „פּראָלעטאַריאַט" האָט ער אינגאַנצן געוווייכט, ווי פון אַ שטיין אונטערן וואַסער — ער האָט עס גאָר אַפילו אויסריידן ניט געקאָנט — און האָט מיט אומצופרידנקייט צוגעזען ווי דאָס וואָרט קומט אויף עפּעטער און עפּעטער. אַלץ די לינקע, אַ מהומה אויף זיי! . . —

3.

דזשייק האָט באַגלייט סוזין אַהיים, און זי האָט אים פאַרבעטן אַרויפקומען אַ קוק טון ווי זי וואוינט. זי האָט אָוועקגעשטעלט דאָס

וועגעלע אין אַ ווינקל פון הויז־האָל. און ער האָט פּאַר איר אַרויפגע־טראָגן דאָס קינד אויף די פיר טרעפּ.

— מ־מ־מ־ם! . . — האָט דזשייק געמאַכט, באַקוקנדיק די וואוי־נונג. — ניט שלעכט. ביי אונדז — ער האָט אַזוי אומבאַשטימט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט דאַון־טאַון — וואוינט מען ניט אַזוי . . . ביי אונדז איז — אַ ביסעלע אַנדערש. —

פון זיין טאָן איז סוזי געקומען אין אַ פאַרלעגנהייט. זי איז ניט געווען זיכער, אַז דאָס באַרימען זיך גייט איר איין.

— איך וועל אַנקאַרמענען דאָס קינד — האָט זי געזאָגט — און וועל עס לייגן שלאָפן.

אַז זי איז צוריקגעקומען אין וואוין־צימער, איז שוין צוגעטראָטן די נאַכט, און דורך אַ פענצטער האָט אַריינגעקוקט דער עלעקטרישער גאַסן־לאָמפּ פון ראָג. דאָס ליכט האָט קרום געשניטן אַ ווינקל פון צימער און האָט געטאַנצט אַ ביסל, ווייל דער לאָמפּ דרויסן האָט זיך באַוועגט אינם ווינט. דזשייק איז געשטאַנען אינם באַלויכטענעם טייל און האָט זי באַגעגנט מיט עפּעס אַ מאָדנעם אויסדרוק אויפן פּנים. סוזי האָט געוואָלט אָנצינדן פייער.

— סוזי, — האָט דזשייק געזאָגט, — ווי אַזוי זענט איר עס געוואָרן אַזוי שיין, סוזי? —

ער האָט זי אָנגענומען פאַרן האַנט.

— פּליז, דזשייק . . . — האָט סוזי געזאָגט. סוזין איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו באַמערקן, ווי די זעלבע געפילן וואָס מאַכן אָפט שיינע מענער אויסצוזען לעכערלעך און מיאוס האָבן די פאַר־קערטע ווירקונג אויף מיאוסע און נישט אַנזיכטיקע. דזשייק האָט ווי אַראָפּגעוואָרפן זיין וואָכעדיק פּנים, זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט שטריינג, נאָר אָן בייזקייט, און זיינע אויגן האָבן נאָכאַנאַנד געביטן אַ פאַרנעפּלטן הויך אויף אַ פיבערדיקן גלי — און צוריק.

— דזשייק, פּליז . . . — האָט סוזי געזאָגט שוואַכער. דאָס ליכט פון דרויסן האָט געציטער־ציטערט איבער אַ קרומען ווינקל פון צימער און די גומיפלאַנץ האָט זיך געריסן פון פעסל און געוואָלט גיין צו זיי. און דאָס מאָל האָט סוזי געהאַט מיט דזשייקן „מאַנקי־ביזנעס״. עס איז געווען אַ להכעיס העניכן. עס איז געווען אַ להכעיס יאָסלען. עס איז אויך געווען אַ געמיש פון ווייבערשער נייגעריקייט און פון מאַמעשן

רחמנות צו דזשייקן, וועלכער האָט רויטע אויגן און וואָס עס קלינגט אים אין אָן אויער. דאָס באַלויכטענע שרעגע ווינקל האָט בהלהדיק־שטום געלעבט אין דער גרינלעך בלאַסער שיין. — דערנאָך האָט זי אים געגעבן אַ גוט טעפל קאַווע מיט טאָוסט און אים אַרויסבאַגלייט צו דער טיר: „גייט געזונטערהייד, דזשייק. און — האָט זי צוגעגעבן פריינטלעך, נאָר פעסט — קומט נישט מער.״ —

די יידישע נשמה

דער אַלטער זרח פיש מיט זיין איידעם דעם חזן זאַיאַנטשיק זענען אַזייגער דריי בייטאָג, אין אַ פאַרשפעטיקטן אַפּריל־פראָסט, געקומען פון איסטערן פּאַרקוועי קיין מאַנהעטען.

מיט פאַרשיידענע תירוצים האָבן זיי זיך אַרויסגעדרייט פון דער שטרענגער פנינה זאַיאַנטשיק. דער חזן האָט געזאָגט, אַז ער האָט ביים קריגן אַ חלק אין אַ שטונדע אויף דער ראַדיאָ, און זרח, אַז מ׳דאַרף אים נויטיק האָבן ביי היימאַנען אין הויז, און אַז ער וועט שוין דאָרטן איבערנעכטיקן. די מיסעס זאַיאַנטשיק, אַ שיינע דאַמע מיט פינסטע אויף דער גלייכער נאָז און מיט אַ גרוילעכן לאָק האָר ביי אַ זייט פון געשווירענעם קאָפּ, טרויט נישט אירע זכרים — נישט דעם מאַן און נישט דעם טאַטן. רעדן פיל אָדער הויך איז נישט איר טבע, נאָר איר ווירדיקע האַלטונג און דער דורכנעמענדיקער קוק פון אירע פינסטערע זענען גענוג, אַז די מענער זאָלן זיך פילן קעגן איר ווי יינגלעך. זיי זענען דעריבער אַרויס פון הויז מיט אַן אומרואיק געפיל, אַז זיי האָבן קיינעם נישט באַוויזן אָפּצונאַרן, און ערשט אויף דער זייט בריק האָבן זיי אָפּגעאָטעמט פרייער.

וואָס שייך דער „יידישער נשמה״ אין אַמעריקע, איז איסטערן פּאַרקוועי נישט אַזוי רבניש ווי בראָנזוויל אָדער איסט ניו יאָרק און נישט אַזוי תלמוד־תורה־מלמדיש ווי באָראָ פּאַרק; איסטערן פּאַרקוועי איז חזניש, דאָס הייסט, וואוינען וואוינען דאָרט פילערליי מענטשן: ריעל־עסטייטניקעס, אינשורענס אַגענטן, דאָקטוירים, נאָר דער טאָן איז אַ מאָדערן־רעוועוערענדישער, אַ בני־בריתישער, אַ קאָרשול־חזנישער, מיט „טעמפּלען״ פאַר די עלטערע, מיט „סענטערס״ פאַר דער טאַנצנ־דיקער ספּאָרטישער יוגנט, מיט לאָדזשן און סאָסייעטיס, וואו יידן קאָנען זיך אויסלעבן יידישלעך און גויאיש.

חזן פיני זאַיאַנטשיק וואוינט אין איסטערן פּאַרקוועי, „גייט פאַרן עמוד" אין אַ שול אויף איסטערן פּאַרקוועי, און דערציט זיין זון איס־טערן־פּאַרקוועאיש; ער גיט אים אַ יידישע דערציאונג: עס קומט צו אים אַ העברעאישער לערער — אַ יונגערמאַן אין ברילן און מיט אַזאַ הוסטל צו רייניקן דעם האַלדז. עס קומט צו אים אַ מלמד פאַר אַ בלאַט גמרא, אַ ייד מיט אַ באָרד, אַ שטילער און אַן אומעטיקער, וואָס וואַלט, אַפּנים, אויך וועלן הוסטן, האָט ער נישט קיין לונגען און נישט קיין דיאַפראַגמע; פאַרגייט ער זיך אין אַ הוסט שוואַך, כמעט שטום, ווי אַן עופהלע. דעם חזנס זעכצן־יעריק זינדל, באַרני, מיט אַ קורץ געשוירע־נעם בערשטל שטרויענע האָר און מיט גרויע אויגן, זעט אויס ווי אַן איירישער יאַט, רעדט שלעכט יידיש, קען אַרויסזאָגן עטלעכע העב־רעאישע ווערטער מיט אַ טערקישער אויסשפּראַך און האָט אַ נייגונג צו פרומקייט. דעם העברעאישן לערער טאָלערירט ער, נאָר דעם גמרא־מלמד באַגעגנט ער אַזוי ווי ער וואָלט שוין געוואַרט אויף אים; און אַז די צוויי קומען זיך צוזאַמען אין אַ חדר מיוחד ביי דער גמרא, קוקן זיי אַריבער איינער צום צווייטן, ווי דורך מייליקע שטרעקעס, און עס ווערט געמאַכט פון ביידע צדדים אַ פיינלעכע, אַנווערטערלעכע אַנ־שטריינגונג משיג צו זיין איינער דעם אַנדערן. קיין תפילין לייגט נאָך באַרני דערווייל נישט — עס וואָלט אויסגעקוקט „אַזיאַטיש", לייגט ער עס אָפּ אויף שפּעטער, נאָר דאַוונען דאַוונט ער פרום בלחש און האָט די גרעסטע שוועריקייטן ביים צעקייען די ווערטער קלאַנגלעך אַפילו בלויז אין דער מחשבה.

חזן פיני זאַיאַנטשיק גאָלט זיך באָרד און וואָנצעס און מיידט אויס יעדן רמז פון כלי־קודשקייט אין זיין טראַכט. און ווידער איז פנינה זאַיאַנטשיק נישט גאָר צופרידן, נישט פון איר מאַן און נישט פון איר זון. ביידנס דרכים זענען נישט קיין סגולה צו פרנסה אין אַמעריקע. געזען, אַ יונגער בחור זאָל גאָר פלוצלונג ווערן פרום?.. אָט זיצט ער דאָרט מיט זיין מלמד און שאָקלט זיך איבער אַ גמרא... יאָ־יאָ, באַרני האָט לעצטנס גענומען זיך שאָקלען איבער דער גמרא און ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם גמרא־ניגון, הגם די ווערטער רעדט ער נאָך אַלץ אויס ווי אַ גוי קרימט איבער אַ יידן. וואָס קאָן דאָס זיין מיט אים?.. זי האָט זיך גענומען צוקוקן צו זיינע גענג, צו זיין באַ־נעמונג, למשל, מיט די מיידלעך פון זייערע באַקאַנטע משפחות, לאָזט

זיך אויס — ער אַנטלויפֿט פֿון זיי, ער שעמט זיך פֿאַר זיי, ער איז שטום און אומגעשיקט אין זייער געזעלשאַפֿט! מאַדנע . . . דער מאַן, ווידער — די מיסעס זאַיאַנטשיק וואָלט גאָרנישט געווען דערקעגן — אַ בערדל, לאָמיר זאָגן — אַ באָראָ־פֿאַרקער בערדל: אַ קליינס, אַ ווייכס, אַ ציכטיקס, אַ פּוכיקס. אודאי, אַזאַ בערדל מוז מען פּילעווען: מען דאַרף עס זייפֿן, מען דאַרף עס אַרומפּוצן; און עס מעג זיין בלאָנדלעך, צוגעלעגערט־שטרויען; נאָך בעסער — קאַשטאַן, כדי עס זאָל זיך צופּיל נישט וואַרפֿן אין די אויגן. אָבער אויף דעם גיט פֿיני זאַיאַנטשיק נישט נאָך. ער, דער היימישער אינטעליגענט און שילער פֿון אַ קאָנ־סערוואַטאָריע, שעמט זיך אַ ביסל מיט זיין חזנות און רעדט וועגן „יידישער" מוזיק; אין זיין שטים ליגט פֿאַרבאָרגן אַזאַ ווייִנעלע, אַ כליפּעלע אַזעלכעס, וואָס קאַרוזאָ וואָלט אים דערויף מקנא געווען. און ער האָט ליב די רומעניש־אונגאַרישע מאכלים מיט אַ סך זאַלץ, פּעפּער און קנאָבל, וואָס זיין ווייב האַלט נישט פֿון זיי. ער האָט ליב נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס זיין ווייב האַלט נישט פֿון זיי. אין דעם שווער האָט ער אַנטדעקט אַ „קרובישע נשמה", און די צוויי כאַפּן זיך אַמאָל אַרויס פֿון הויז אַ הוליע צו טון צוזאַמען ביז צו אַ גרענעץ. אריבער דער גרענעץ — גייט מען שוין באַזונדער.

— — — — — — — — — —

— איז וואָס זאָגט איר, שווער, וועגן אַ שנעפּסל? איך האָב אויס־געפֿונען אַזאַ פּלאַץ אויף פּאַרסאַיט סטריט . . .

— וואָס קאָן מען זאָגן וועגן אַ שנעפּסל?

ביי דער טיר פֿון יענעם „פּלאַץ" איז געשטאַנען אַ פּאָליסמאַן, און דער אַלטער זרח איז געוואָרן אומרויִק — פּראָהיבישן־צייט. אָבער פֿיני זאַיאַנטשיק האָט אים באַרויִקט: ס'איז דער „אייגענער" פּאָליס־מאַן, וואָס היט פֿון אַן עין־הרע. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ קע־לער־שטוב, אַ גרויסן לאָקאַל מיט שפּיגלען אויף אַלע ווענט, וואו מענטשן זענען געזעסן און האָבן געגעסן און געטרונקען וויין און בראַנפֿן פֿראַנק און פֿריי. אַ יידל מיט אַ פֿרומער און פֿאַטערלעכער מינע האָט זיי אויפֿגענומען און זיי באַזעצט ביי אַ באַזונדער טישל אין אַ ווינקל, האָט זיי פֿאַרזיכערט, אַז ביי אים איז אַלץ „סטריקטלי"־שטרענג, הייסט עס — כשר: קאַווע, למשל, סערווירט מען נאָר שוואַר־צע, און אַז אויב זיי ווילן בשר בחלב דאַרפֿן זיי עס זוכן ערגעץ אַנ־

דערש. און דאָרטן ביי דער קאַסע שטייט זיין ווייב, נישט חלילה קיין פרעמדע, ווייל ביי אים איז אַלץ סטריקטלי־כשר, און ער האַלט נישט פון די זאַכן — און אַז דאָס מיידל, וואָס שלייכט זיך צווישן די טישן און זינגט לידלעך, איז זיין אייגענע טאָכטער, נישט, חלילה, קיין פרעמדע, ווייל ביי אים איז סטריקטלי־כשר און ער האַלט נישט פון די זאַכן . . .

נאָך די ערשטע צוויי שנעפּסלעך האָט זיך באַוויזן אויפן טיש אַ שיסל מיט געמישטע געקנאָבלטע פליישן: שטיקלעך סטייק, שאָפּן־קאָטלעטלעך און קאַרנאַצלעך צוזאַמען — — און אַ פלאַש ווייסן זויערן וויין. צו יענער צייט האָט דאָס מיידל געזונגען „אלי, אלי״, און פיני זאַיאַנטשיק האָט גערעדט מיט היץ:

— אינם „נוסח״, — איר הערט שווער? — ליגט דער וואָרצל פון דער יידישער מוזיק, מ׳קאָן זאָגן — פון דער יידישער נשמה . . .

— יידישע נשמה? — האָט דער אַלטער זרח געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן און געקוקט אויפן מיידל. — זע נאָר, זע נאָר ווי זי טרייסלט מיט די . . מיט די . . . אָט די קאָטלעטלעך זענען דאָך עפּעס גאָר טעם גן־עדן, און אויב דער שור־הבר איז אַזוי גוט ווי דער סטייק אָט דאָ אין שיסל, וואָלט משיח געקאָנט קומען אַפילו היינטיקע וואָך...

— דער נוסח, — האָט פיני זאַיאַנטשיק געטענהט, — דער נוסח און דאָס פאָלקסליד . . . דאָ קריגט די יידישע נשמה אַ נייעם תיקון . . .

און דאָס מיידל, וואָס האָט באַמערקט ביי אַ טישל אַ פּאָר פאַר־שוינען, וואָס האָבן געקאָנט זיין פון די דאָזיקע, פון די לינקע, האָט איצט געזונגען דאָס רעוואָלוציאָנערע לידל „חנהלע״, וואָס זי האָט עס גאַליציש־אַמעריקאַניש אויסגעשפּראָכן „כאַנאַללע״. דאָס יידל מיט דער פאָטערלעכער מינע האָט אונטערגערוקט נאָך אַ פלאַש וויין, און דאָס מיידל האָט געזונגען „בובליטשקי״ מיט אַזוי פיל געפיל, אַז פאַר זרחן זענען אויפגעשטאַנען זיינע יונגע יאָרן אין „סלוזשבע״ אָט ווי לעבעדיקע:

— צוויי בענדלעך . . . צוויי בענדלעך אויף מיין אַקסל, ווי דו זעסט מיך לעבן! דער אַלטער פאָלקאָווניק האָט מיר געקלאַפּט אין פּלייצע: „זרחקע, בייט איבער דיין זשידאָווסקע אמונה — און איך מאַך דיך פאַר אַ גענעראַל״ — האָט ער זיך ביי מיר געבעטן. „ניין, ניין, וואַשע־סטוואָ! דאָס רענדל וועל איך נישט אויסבייטן! אַבראַם,

איסאַק און יאַקאָוו, זאָג איך, דאָס זענען דיר נישט קיין איוואַן דאַ סטעפּאַן״, זאָג איך — בזה הלשון . . . דער פאַלקאָווניק האָט זיך אָנ־געצונדן: „פּאַד סוד — זאָגט ער — וואָלט איך דיך געדאַרפט אָפּגעבן פאַר אַזוינע ריידן! נישט מער, דער קייסער קאָן זיך נישט פאַרגינען זיך אַרומוואַרפן מיט אַזעלכע סאַלדאַטן ווי דו״. — ווי דו זעסט מיך לעבן . . .

נאָך דער צווייטער פלאַש ווייַן איז געקומען די צייט פאַר שווער און איידעם זיך צו שיידן, און פיני האָט עפּעס אַ מורמל געטון וועגן דער ראַדיאָ־שטונדע. זרח האָט געמאַכט אַ פּאָר גרויסע אויגן, ווי איינער רעדט: „מיר דערציילסטו אויך אַזעלכע זאַבאַבאַנעס?!״ נאָר זיין געדאַנק האָט זיך איצט נישט געקאָנט האַלטן אויף איין פונקט אַפילו קיין צוויי סעקונדן. אים אַליין איז געקומען אין דער מחשבה עפּעס אַן אַנדער זאַך — — עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך, און בעת דער איידעם האָט זיך אַוועקגעלאָזן צו בראָדוועי צו, האָט דער אַלטער אַוועקגעשפּאַנט צום „על״ — דער אויבערשטער באַן — מיט סאָל־דאַטסקע טריט און געקאָמאַנדעוועט צו זיך אַליין: „פּראַווא ־ ליעוואַ ־ סטראָיסיאַ! אַך, טשאָרט פּאַבערי — אַט דאָס הייסט אַ נקבה!״ — —

די יידישע נשמה — שלאָפט

1.

וואָס איז שייך דער יידישער נשמה אין אַמעריקע, איז גרענד קאַנקורס — ווייבעריש.

גרענד קאַנקורס איז בלאָנד, פעט, ווייס און ווייך. גרענד קאַנקורס שמעקט — ניט אַזוי מיט פּערפומען, ווי מיט פּערפומירטער בייבי־פודער. פאַראַן מענער אויך אויף גרענד קאַנקורס, נאָר זיי זענען בלויז אַ צוגאָב. —

די ווייבער דאָ זענען גלאַטע, קיילעכדיקע, יצר־הרעדיקע. יידישע טעכטער הערן דאָ אויף צו זיין ברונעט און שוואַרץ־חנעוודיק: קופּער, גאָלד, שטרוי, פלאַקס — נייע, אומגעזעענע קאָלירן. עס זענען פאַר־שוואונדן די נעמען: שרה, רבקה, רחל, לאה, זלאַטע, סלאַווע, ביילע, קיילע, און עס זענען אויפגעקומען: סיידי, דזשעני, סוזי, טילי, בעטי, בעסי, מיני, מילי, פאַר מענער האָט מען דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן,

בױ־ספּעקולאַנטן און הײַזער־מעקלערס, שפּײַז־קרעמער און אַפּטײקערס. מ׳װאױנט אין בנינים װאָס טראָגן נעמען פֿון דער אַמעריקאַנער געשיכטע: „לינקאָלן האָל״, „גרענט אַרמס״, „װאַשינגטאָן מענאָר״ — אין װאױנונגען פֿון פֿינף ביז אַכט חדרים, מיט פּאַרהאַנגען פֿון גלעזערנע קרעלן אױף די טירן; מיט קאַבריצן, שטאַנדלאָמפּן, ראַדיאָס; מיט גאָלדפֿישלעך אין גלעזערנע בולבעס; מיט קאָלירט־לאַקירטע נידעריקע טישלעך װאָס האָבן ניט קײן באַשטימטן געברױך; און לעצטנס זענען צוגעקומען ליאַלקעס — קינדערשע ליאַלקעס, גרעסערע און קלענערע, אין אַלע װינקעלעך, אַ מאָדע אַזאַ! — און — — מ׳עסט. מ׳עסט זיך אָן: צוקער־קראַנקהײט — אַ „פּעט האַרץ״ — גאַלשטײנער — אַנטצינדעטע נירן. די „יידישע נשמה״ אױף גרענד קאָנקורס איז פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף, און חלומט פֿון פּירעשקעס מיט קרעם און געפֿילטע שאָקאָלאַדן. —

2.

סוזי קאַץ װאױנט אין אַן אַפּאַרטמענט הױז — עס קאָן זײַן אַ „האָל״ און עס קאָן זײַן אַ „מענאָר״ — אױף דער מזרח־זײַט פֿון גרענד קאָנקורס, אין אַ װאױנונג פֿון זעקס חדרים, מעבלירט מער אָדער װײניקער װי אױבן באַשריבן. קײן פּיאַנאָ האָט טאַקע העניך ניט געקױפֿט, נאָר סוזי האָט שױן װעגן דעם פֿאַרגעסן. זי האָט שױן צװײ קינדערלעך און האַלט אַ נעגער־מײדל צו די קינדער און פֿאַר הױז־אַרבעט.

בײדע קינדער זענען מײדעלעך. העניכן װילט זיך אַ ײנגל; װעט מען מוזן — פּרובירן נאָכאַמאָל.

העניך שטײט שױן איצט ניט אין „פֿיור פֿוד מאַרקעט״. ער האָט זײַן געשעפֿט פֿאַרקױפֿט — און גוט פֿאַרקױפֿט — און פֿון דעמלט אָן פֿאַרנעמט ער זיך מיט איבערקױפֿן „אַראָפּגעאַרבעטע״ שפּײַז־קראָמען, װאָס ער „אַרבעט זײ אַרױף״, און דערבײַ שפּילט אַ היפּשע ראָלע אַ געשיקטע בוכהאַלטעריע — און דערנאָך פֿאַרקױפֿט ער זײ. ער האָט נאָך אַנדערע עסקים, װי, למשל, דאָס גרױסע הױז אין שותּפֿות מיט הײמאַן פֿיש. און לעצטנס האָט אים הײמאַן אַרײַנגעצױגן אין בירזשע־ספּעקולאַציעס, װײַל עס איז אַ „שפֿע״ אין אַמעריקע, און װערט־פּאַפּירן רײַסן זיך צום הימל. אױף הײמאַנען זאָגט מען, אַז ער װערט רײַכער פֿון טאָג צו טאָג, אָבער העניך קאַץ לױפֿט אים ניט נאָך צו

האַסטיק — העניך קאַץ טרעט פּאַרזיכטיק און קוקט אויף דער ערד איידער ער שטעלט אַ פּוס . . . ווייל העניך קאַץ איז זיך — העניך קאַץ, און האָט אַוועקגעלייגט אויף לאַגער אַ היפּשן סכום יענעמס שכל וואָס הייסט אויף ענגליש „קאָמאָן", וואָס האָט צוויי טייטשן: אַ „געזונטער" און אַ „געמיינער" . . . — אויפן לעבן אין הויז גיט ער איצט מיט דער ברייטער האַנט, און סוזין פעלט קיין זאַך ניט, נאָר די קינדער נעמען אַוועק, דיינקט זי, צופיל צייט, ניט געקוקט אויף דער הילף פונם נעגער־מיידל. אַז אַזוי זאָל עס זיין איז טאַקע איינע פון העניכס כוונות. ער האָט נאָך כוונות, אָט דער העניך. למשל: קומט דער ליבער זונטיק־קודש — און אָפּט מאָל אויך מיטוואָך — נעמט ער זי „אויס", סוזין, אין קינאָ. גיין גייט מען אין די טעאַטערס פון דער „בראָנקס אַמיוזמענט קאָמפּאַני"; זיי זענען אונטער דער האַנט, זיי זענען פיין אויסגעשטאַט, זיי ווייזן „ליטעראַטור": איין מאָל — דאָס ווייב פּרו־בירט פאַרלאָזן דעם מאַן דערפאַר וואָס ער פאַרנאַכלעסיקט זי צוליב ביזנעס; אַ צווייט מאָל — דער מאַן פאַרלאָזט זיין פרוי ווייל אַ „ווערמפּ" (אַ וואַמפּיר, אַ קאָקעטקע) האָט אים אָפּגעטון אַ כישוף; אַ דריטן מאָל — דאָס ווייב וואַרפט אַוועק דעם מאַן . . . אַ פערטן מאָל — דער מאַן פאַרשטויסט די פרוי . . . אַ פינפטן מאָל — . . . און אַזוי כסדר. ביידע קומען זיי סוף־כל־סוף צוריק אַהיים, זי — צוליב „מוטער־ליבע", און אַזוי ווייטער, ער — ווייל די פאַמיליע איז, כידוע, דער ווינקלשטיין פון דער געזעלשאַפט, איז דעריבער, ע . . . ע . . . ע . . . העניך מאַכט ניט קיין פירושים אויף די בילדער; העניך איז איבערהויפּט אַ קנאַפּער בעל־דברן; אָבער ער כאַפּט אַזוי פון דער זייט אַ קוק אויף סוזין: וואָס זאָגט זי צו דעם אַלעם? . . און אים דאַכט זיך, אין דער טונקלקייט וואָס הערשט אין טעאַטער, אַז ביי סוזין בייטן זיך די קאָלירן אין פּנים, אַז סוזי פאַרטראַכט זיך און אַז איר שטערן קנייטשט זיך אַ ביי־סעלע, וואָרעם די אַרבעט פון טראַכטן, זאָלט איר מיר מוחל זיין, איז אַ . . . שווערלעכע — זאָלט איר מיר מוחל זיין.

.3

אין די הייסע זומערדיקע חדשים שיקט ער זי מיט די קינדער — אָן דעם נעגער־מיידל, וועלכע דאַרף אויפּפּאַסן אויפן הויז — אין אַ האָטעל אין די בערג אויף עטלעכע וואָכן, און אַליין קומט ער אַראָפּ

אַהין סוף וואָך, אויף אַ האַלבן שבת און אַ האַלבן זונטיק, אין זיין אייגענעם אויטאָמאָביל. אין די בערג זשומען די מענער אַרום סוזין נאָכאַנאַנד: זש־זש־מם! . . זש־זש־מם! . . באַזונדערס פיין און געטריי, יאָר־איין יאָר אויס, זשומעט אַרום איר יעקב לאַפּידעס, דער מיטאָר־בעטער פון דעם „טאג״, וועלכער פאַרט שוין עטלעכע יאָר אין דעם זעלבן זומער־פּלאַץ, מכמה וכמה טעמים. נאָר אַז העניך באַווייזט זיך, שבת נאָכמיטיק, אין זיין נייעם „ביואיק״ — דער אַלטער איז שוין לאַנג פאַרקויפט געוואָרן אויף טרייפס — צעלויפן זיך די פרעמדע מענער ווי פריילעך אין די שפּאַלטן. זיין צייט פאַרברייננגט אַפילו העניך קאַץ אין „לאָבי״ פון האָטעל ביי אַ פינאָקל; עס איז ניט גאָר פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ער קומט איבערהויפט אַראָפּ סוף וואָך אין די בערג, וויבאַלד אַז ער שפּילט די גאַנצע צייט אין קאָרטן — סיידן אפשר צוליב דעם וואָס די אַנדערע מענער, מיט וועלכע מ׳קאָן כאַפּן אַ קערטל, קומען אויך אַראָפּ סוף וואָך אין די בערג צו זייערע ווייבער. נאָר זאָל זיך עמיצער פון די „פרעמדע״ מענער — פון די וואָס האָבן אויף איר ניט קיין „ערשטן מאָרטגיידזש״ — באַווייזן נעבן סוזין, אַזוי שטעקט העניך אַריין אַ נאָז. פון אַזאַ נאָז — פילאָזאָפירט יעקב לאַפּידעס — דאַרף מען אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין! . .

סוזי ווערט פעט. און דאָס באַאומרואיקט זי אַ ביסל — שוין דער־פאַר אַליין, וואָס אַז מ׳גייט אַרויף, יעדן נאָכמיטאָג, אַהין אויפן בערגל, וואו מ׳ברוינט זיך אויף דער זון, דאַרף מען אַ היפּש ביסל צוסאָפּען איידער מ׳דערגרייכט דעם נויטיקן פּונקט וואו קיין עין־הרע זאָל ניט שאַדן . . . אַ גליק נאָר וואָס מ׳גייט ניט אַליין און וואָס עמיצער גיט אייך געוויינלעך אַ האַנט אויף זיך אָנצושפּאַרן. ניט בלויז איז איר גאַנצער גוף אויסגעקיילעכט אַזוי, אַז זי שעמט זיך אויסצוזאָגן איר וואָג, נאָר פון דעם קין אירן ביז צום האַלדז ציט זיך אַ גלאַטער באַרג־אַראָפּ. דאָס וועט אפשר ווערן מיט דער צייט אַן איבערגעוואַקסענע האַלדז־דריז, אַ „גוידער״ — דערווייל איז עס אַזאַ פּלאַץ, וואָס אַז יעקב לאַפּידעס טוט עס אַ קיצל מאַכט עס: כי־כי!

איר לעצטע באַגעגעניש מיט דזשייקן האָט זיך אַרונטערגעלאָזן ווי אַ שווערער טעאַטער־פאָרהאַנג צווישן סוזיס פאַרגאַנגענעם לעבן און דעם איצט. זיך אַרונטערגעלאָזן מיט אַזאַ סאָלידקייט און אַנטשלאָסנ־קייט, אַז סוזין גלויבט זיך גאָרניט אַז פ א ר ד ע ם איז אויך געווען

אַ סוזי וואָס האָט געלעבט דאָרט און דאָרט און אַזוי און אַזוי. די באַ־געגעניש, ווידער, גופא היט סוזי אין זכרון מיט אַ שטילער הנאה, מיט אַ געפיל פון — פון נ ח ת. עפּעס אַזוינס געפעלט איר זייער שטאַרק אין דער דאָזיקער באַגעגעניש, און זי ווייסט אַליין ניט צי דאָס געפעלט איר אַזוי דזשייק ווי ער האָט זיך איר דעמלט אַנטפּלעקט, צי דאָס גע־פעלט זי, סוזי, זיך אַליין. און אָפטמאָל, ווען סוזי גייט פאַרביי דעם גומיפלאַנץ אינם פעסל ביי זיך אין „פּאַרלאָר", זייטלט זי זיך מיט אַן אויג אויף דער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס האָט אַזוי צאַפּלדיק און מיטפילנדיק בייגעוואוינט די „באַגעגעניש", ווי זי, סוזי, וואָלט זיך ריכטן אַ ליאַדע מינוט צו דערהערן פון דאָרט אַ שעפּטשען: „סעי, סוזי, — איכ׳ל קיינעם ניט דערציילן . . . צו וואָס זאָל איך דערציילן, צו וואָס? וועמעס עסק איז עס דען, וועמעס? . ."

4.

ביי סוזין אין אַפּאַרטמענט איז היינט אַ „ברידזש־פּאַרטי" פאַר ליידיס: באַקאַנטע דאַמען וועלן זיך צוזאַמענקומען כאַפּן אַ קערטל צווישן דינער און סאַפּער — צווישן מיטאָג און וועטשערע, הייסט עס.

די פּאַרטי איז, אייגנטלעך, נישט סוזיס פּלאַן; דאָס האָט זי צוליב געטון טילין, טילי פּיש, וועלכע האָט, זאָגט זי, עפּעס אַ כוונה און עפּעס אַ פאָרשלאָג צו מאַכן צו די ליידיס. טילי איז טאַקע געקומען פון די ערשטע, כדי צו העלפן צוגרייטן די סענדוויטשעס. דאָס איז, אגב, איינער פון טיליס טאַלאַנטן: סענדוויטשעס — ס ע נ ד ו ו י ט ש־ל ע ך — קליינינקע, דעליקאַטע און געשמאַקע ווי אַ לייכטער פלירט: קאַוויאַר מיט לימענע־זאַפט; געהאַקטע אייער מיט אַנטשאָוויס און ציבעלע־גרינס; קאַלטער קאַלבסבראַטן מיט זענעפט; געמאָלענע לע־בער אָדער האָקפלייש מיט רעטעך; שמאַנט־קעז מיט איינגעמאַכטס — אַלץ צווישן דינע, פאַרברוינטע „האַלווהיט"־ביסקוויטן. ניין, ד אָ ס ד אַ ר ף מ ע ן ק אָ נ ע ן! נו, און — ליקערן וואָס זענען גוט צום האַרצן, ווי אַשטייגער, קרעם־דע־קאַקאָ, אָדער טשערי־ברענדי, וואָס דער טייטש דערפון איז ווישניק, נאָר עס איז עפּעס ניט קיין ווישניק, ווייל אין אַמעריקע, זאָגט העניך קאַץ, זענען די ווײַנשל עפּעס קיין ווײַנשל ניט — וואָס דאָס הייסט נאָך נ י ט אַז העניך קאַץ איז גרייט צו פאַרלאָזן אַמעריקע און אויסצוואַנדערן למדינות הים. פאַרענדיקן

וועט מען, זאָגט טילי, מיט אַ היימיש־געבאַקענעם לימענע־פּלאָדן מיט קאַווע, וועט מען זיין פּאַרטיק צו גיין אַהיים עסן וועטשערע. ווי דיינקט סוזי? —

די „פּאַרטי" האָט זיך איינגעגעבן. עס זענען געקומען נאָך דריי ווייבער: די ראָמאַנען־שרייבערין בעטי סוואָרטץ, וועלכע האָט מיטגע־בראַכט אַ פּאָר פרישע פעפערדיקע אַנעקדאָטן; די יונגיטשקע, גוטינקע, לאַכנדיקע מיסעס ליפּעץ, וואָס איר מאַן האָט אַן אַפּטייק אויף בוירנ־סאַיד עוועניו, און די קריינקלעכע, פּאַרזייערטע מיסעס יאַפע, וואָס איז געווען אַ געוויסע צייט אין קאַליפאָרניע און קאָלאָראַדאָ, האָט זיך דאָרט אָנגעלייענט מיט די ווערק פון טילדען און מעקפאַדדען און איז געקומען פון דאָרטן אַ באַקערטע — ניט געקוקט דערויף וואָס איר מאַן איז אַ דאָקטאָר — צו אַ געמיש פון וועגעטאַריאַניזם און „קריסטשען סייענס", אַ קנויל פון עטישע און דיעטעטישע פּרינציפּן. — טילי האָט נאָך איינגעלאַדן איר שוועגערין פון ברוקלין, פּנינה זאַיאַנטשיק, נאָר זי האָט דערביי געמאַכט אַ פאַלשן שריט, טילי: זי האָט יענער דער־קלערט אין פאָראויס וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. פּנינה האָט צוגעזאָגט צו קומען און איז ניט געקומען. טילי האָט פאַרשטאַנען: די חזנטע דאַרף נאָך אַרומטראַכטן דעם ענין — איז עס גוט פאַר פּרנסה אָדער ניט? —

מ'האָט געלאַכט פון בעטי סוואָרטצס קיצלדיקע וויצן. מ'האָט געלויבט די סענדוויטשעס און די ליקערן, און אַפילו די מיסעס יאַפע האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן דעם יצר־הרע און האָט אַ פּאָר מאָל אָפּ־געגנאַרט די הערן טילדען און מעקפאַדדען — און ביי די קאָרטן און סיגאַרעטלעך האָט טילי פּיש, מיט טאַקט און ווי אגב אורחא, אויפ־געוויקלט דעם ענין, דעם אמתן צוועק פון דער געלעגנהייט: זי, טילי, שלאָגט פאָר צו גרינדן אַ געזעלשאַפט פון פרויען אויף צו שטיצן די יידישע פּאָעזיע.

די ווייבער זענען געוואָרן אַ ביסל צעמיטש: דער ענין איז אַ נייער און אַ פרעמדלעכער. בעטי סוואָרטץ האָט אויפגעשפּיצט נאָז און אויערן. טילי האָט דערווייל אויפגעוויקלט איר פּלאַן: ברידזש־פּאַרטיס, טי־פּאַרטיס, אַריינבעמען מיטגלידער, זאַמלען געלט און העלפן אַרויס־געבן ביכער פון פּאָעזיע. אָט נעמט, למשל, דעם באַקאַנטן פּאָעט יונה מאַרגאָליס, די ליידיס האָבן אודאי געהערט פון אים. זייער אַן אינטע־

רעסאַנטער מענטש, מ׳קאָן זאָגן — אַ זשעניע. ער האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער; אמת, ער וואוינט ניט מיט זיי, אָבער ער גיט זיי צום לעבן, דאָס הייסט — ער ד אַ ר ף זיי געבן צום לעבן. איז אָבער דאָס יידישע בוך, איר ווייסט דאָך, אויף צרות. מ׳קויפט ניט, די פאַרלעגער ווילן ניט אַרויסגעבן, סיידן מ׳זאָל ז י י נאָך צוצאָלן. איז אָט —

סוזי, וואָס האָט שוין עפּעס געוואוסט פון פריער, האָט איינגע־שטימט: גרינדן. גרייפּפרוכט; זונזאָלן; פּאָעזיע—דאָס זענען אַלץ אַזעל־כע זאַכן וואָס „אַרבעטן אַרויף״ אַ מענטשן פון רידזש סטריט ביז העט אַרויף גרענד קאָנקורס. שוין דאָס וואָרט „גרינדן״ גופא איז אַן עניז —די מיסעס יאַפּע האָט אויפגענומען די זאַך דורך „קריסטשען סייענס״, וואָס היילט דעם גוף דורך דער נשמה, און פּאָעזיע איז אודאי שפּייז פאַר דער נשמה. — וואָס איז שייך צו דער גוטער מיסעס ליפּעץ, קאָנט איר ביי איר פועלן וואָס איר ווילט, מחמת איר גוטסקייט. — נאָר בעטי סוואָרטץ האָט, גאַנץ אומגעריכט פאַר טילין, זיך אָפּגעזאָגט: זי איז אַ פאַרנומענער מענטש; זי אַליין, ווי די לײדיס ווייסן, גיט זיך אָפּ מיט שרייבן, מ׳קאָן זאָגן — מיט פּאָעזיע . . . ביין, זי קאָן ניט. — דער ניט אַנטפּלעקטער טעם איז געווען: אָט די מאַרגאַליסעס און זייערס גלײכן, אָט די מיט די אויסגעריבענע עלנבויגנס — סנאָבן, בעל־גאוהס, וואָס נאָר זייער אייגן שרייבן איז ביי זיי „ליטעראַטור״ און אַנדערע זענען ביי זיי בעל־מלאכהס, שונדיסטן — הגם אַליין שטאַרבט מען דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער און מ׳קאָן זיך ניט דערשלאָגן צו קיין שטעלע אין אַ צייטונג, בעת זי, בעטי סוואָרטץ, מאַכט, ברוך השם, אַ שיין לעבן און וועט נאָך דערגרייכן צו די „מואוויס״, פריער אָדער שפּעטער. זאָל זי ז י י נאָך העלפן אַרויסגעבן זייערע שמירערייען וואָס קיינער וויל זיי אין האַנט ניט נעמען? ביין, זי איז ניט אַזאַ נאַר!

האָט זיך דערוויילֿ געשאַפן אַ קאָמיטע פון פיר פרויען, אויף אונ־טערצוהאַלטן די יידישע פּאָעזיע, וואָס איזן איז זי ניט אַזוי אַלט ווי שוואַכלעך אויף די פיס. מ׳עט זיך דאַרפן אַ נעם טון ענערגיש צום עסק; מ׳עט נאָך מוזן אַכטונג געבן — האָט זיך טילי געכאַפּט — אַז אָט די בעטי סוואָרטץ זאָל ניט קאַליע מאַכן ערגעץ מיט איר שאַרף צינגל. בעטי סוואָרטץ, פון איר זייט, האָט געקנייטשט דעם שטערן: וואָס פאַרט האָט אָט די טילי פּיש־ש־ש מיטאַמאָל באַקומען אַ תאוה צו פּאָעזיע .. צי שטעקט דאָ ניט ערגעץ אַ „סטאָרי״ — אַ סוזשעט וואָס

בעטי וואָלט געקאָנט פון אים מאַכן עפּעס רעכטס, צום געשמאַק פון אירע לייענער? —

טילי, וואָס האָט געוואוינט ניט זייער ווייט, איז געגאַנגען אַהיים צופוס דורכן פּראָסטיקן פאַרנאַכט. טילי איז געווען צופרידן פונם גע־לונגענעם אָנהויב. איצט וועט זי שוין געפינען אַ וועג ווי אַזוי זיך איבערצובעטן מיט אָט דעם משוגענעם מאַרגאָליסן. געהערט אַ מעשה: איבער אַ שטיקל ציבעלע זאָל מען זיך קאַליע מאַכן דאָס לעבן! . .

די וועגן פון דער ווייבערשער נשמה זענען פאַרהוילן פון מענטשנס אויג; דאָס הייסט, זיי זענען ניט אַזוי פאַרהוילענע, ווי — קרומלעכע, אָט ווי די בראָנקסער גאַסן, וואָס אַז דו גייסט מיט זיי גלייך ווייסטו ערשט ניט וואוהין דו׳סט אַרויסקומען. — באַקענט זיך מיט אים ערגעץ אין אַ הויז, און דעמזעלבן אָוונט האָט ער זי באַגלייט אַהיים און ביי איר טיר זי אַרומגענומען און זי געוואָלט אַ קוש טון. טילי האָט זיך ניט געלאָזן. ער האָט געפּרואווט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און זי האָט זיך פאַרט ניט געלאָזן. וואָס האָט זי געקאָנט טון? דאַרף זיך מאַכן, אַז דאָס מאָל האָט זי זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט ביי זיך אין דער־היים געכאַפּט אַ שטיקל ציבעלע . . . וואָס זי האָט נאָכדעם ניט צעטון, האָט זי ניט געקאָנט פּטור ווערן פונם ריח. נו, זי קאָן דאָך אים ניט לאָזן דערשפּירן פון איר דעם ריח פון ציבעלע. מאַרגאָליס האָט זיך אָנגעבלאָזן און זיך טרוקן צעזעגנט מיט איר. טילי האָט געשמייכלט: ער׳ט זיך איבערבעטן. אדרבה, ס׳איז נאָך בעסער — זאָל אים ניט אָנקומען צו גרינג . . . אָבער מאַרגאָליס האָט זיך ניט איבערגעבעטן. זי האָט אים אָנגעטראָפן שוין עטלעכע מאָל, נאָר ער האָלט זיך קאַלט און פונדערווייטן. טילי איז געוואָרן אומרואיק און איז אַפילו אַ פּאָר נעכט ניט געשלאָפן. צו אַזאַ זאַך איז זי ניט געווען געוואוינט. פאַר־קערט, זי האָט גאָר ליב געהאַט אַז עמיצער אַנדערש זאָל צוליב איר ניט שלאָפן. פאַר זיך אַליין האָט זי גאָר פיל ניט פאַרלאַנגט, נאָר אַז אַ מאַנסביל זאָל איבער איר ניט קאָנען שלאָפן ביינאַכט. און דאָ — אַזאַ געשיכטע! מ׳מוז געפינען אַ מיטל. טילי האָט געמאַכט אַ חשבון. טילי פיש מאַכט אַלעמאָל אַ חשבון. דער מיטינג פון די ווייבער ביי סוזין אין הויז איז געווען דער אַרויסקום. —

אודאי וואָלט געווען באַקוועמער איינצולאַדן די דאַמען צו זיך, נאָר אָט די ליזע, די שוועגערין אירע . . . — טילי האָט זיך אַזש פאַר־

קרימט. ניין, עס איז ניט קיין פלאַן. מ׳עט מוזן עפּעס טון דערצו. כאָטש געגוי וואָס „מ׳קאָן טון דערצו״ ווייסט זי ניט. טילי. ליזע פּיש, היימאַנס שוועסטער, וואָס וואוינט מיט זיי צוזאַמען, גיט ערגעץ פּיאַנאָ־לעקציעס, צייכנט צי מאָלט אַ ביסל און פֿאַרברייגגט מערסטנס איר צייט אין יענער אומבאַשטימטער טעריטאָריע אין ניו יאָרק וואָס מ׳רופט זי גרעניטש ווילעדזש און וואָס מ׳זאָגט אויף איר, אַז זי איז פאַר ניו יאָרק וואָס דער לאַטייגישער קוואַרטאַל איז פאַר פּאַריז — דאָרט וואו מ׳זינגט נעגערשן רעליגיעזן נוסח, וואו מ׳האָט אָפּגעשאַפֿט די פּערספּעקטיווע אין דער מאָלעריי, וואו מ׳באַוואונדערט יענע פּיעסן פון יודזשין אָ׳ניעל, אין וועלכע מענטשן טוען אָן אַ מאַסקע און זאָגן איין זאַך און טוען אויס די מאַסקע און זאָגן עפּעס אַנדערש. אַז ליזע קומט שוין אַפילו אַהיים, זעט מען בחוש אַז זי מיינט זי איז נאָך ערגעץ זייער ווייט פונדאַנען. זי איז אַ גרויסע שווייגערין, די ליזע, נאָר אויף טילין קוקט זי דורכן רויך פון איר סיגאַרעטל מיט אַזאַ מינע: „אַז דו זאָגסט אַז היינט איז מאָנטיק, איז עס מסתמא מיט־וואָך . . .״ ס׳איז ניטאָ אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן; אַחוץ דעם, האַלט טילי איבערהויפּט ניט פון דערפירן זאַכן צון אַ קריזיס: עס וואָלט געווען ניט קלוג און ניט טאַקטיש צו זאָגן אז ליזע מאַכט איר ענג אין איר אייגענעם הויז, ליזע פּלאַנעוועט, דאַכט זיך, אַליין אַרויסצוציען זיך ערגעץ אַהין, נעבן ווילעדזש: זי מוז דאָרט האָבן עמיצן . . . דאָס וואָלט געווען דער בעסטער אויסוועג. —

אַ פּאָר בלאָק פון דערהיים האָט טילי באַגעגנט איר שטיפזינדל, דעם צוועלף־יעריקן ווילין. דער לאַנגפּיסיקער ווילי, אין קני־הויזן און אַ סוועטער, איז געפּאָרן איבערן טראָטואַר אין זיינע ראָלשיך, אין דער באַגלייטונג פון הינטל טעדי. טעדי, מיט זיין עק פאַרקרייזלט אַרויף ווי אַ פראַגעצייכן, איז מאָל־צו־מאָל פּאַרלאָפן פאָראויס פון זיין באַ־לעבאָס מיט אַן אויסגעשטרעקטער צונג און איז עטלעכע מאָל געווען אין געפאַר געהרגעט אָדער צעמזיקט צו ווערן פון די פּאַרביילויפנדיקע אויטאָס. אָבער ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון לעבן און האָט פון צייט־צו־צייט מיט שטירדעס געבילט אויף דער ווייסער פּאַרע וואָס האָט געזעצט פון זיין אייגענעם מויל — טעדין איז פּאַרגעקומען פּאַר־דעכטיק וואָס עס גייט פון אים אַ רויך! . .

— ווילי! — האָט טילי אויסגערופן. — זע נאָר ווי דו זעסט אויס, ווילי! . . קום אַהיים — שוין באַלד סאַפּער!

— יעס, מאָו! — האָט ווילי געענטפערט פאַרביילויפנדיק און איז פאַרשוואונדן אַרום ראָג פון גאַס צוזאַמען מיט טעדין. טילי האָט פאַרקוועטשט מיט די אַקסלען און איז געגאַנגען־ווייטער, נאָר שוין ביי איר אייגענעם ראָג איז אַנגעלאָפן פון הויז דער אַלטער זרח, אַ פאַרשמייעטער, אַ צעפלאָמטער און עפּעס אַ מאָדנע צעטראָגענער. ער האָט אַ מורמל געטון, אַז ער איילט זיך: פנינה האָט אים געשיקט עפּעס ברייננגען פון שטאָט; ער'ט קומען מאָרגן, ער'ט קומען איבערמאָרגן — און איז אַוועקגעלאָפן. טילי האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַן אָפן מויל, וואָס איז דער מער מיטן אַלטן? . . אַזעלכן האָט זי אים נאָך קיינמאָל ניט געזען! . .

די טיר האָט איר געעפנט די אוקראַינישע דינסט נאַסטיאַ, און דערביי האָט זי זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק.

— וואָס איז געשען? . . וואָס איז דער שווער אַזוי אַנטלאָפן פונדאַנען — און וואָס לאַכסטו?! . .

— ער האָט זיך געפּרוּווט טשעפּען צו מיר, דער אַלטער האָן! שיכור, צי דער גוטער יאָר ווייסט אים! נו, כ'האָב אים געגעבן אַן אָפּשניט . . . ער האָט דען כוח? . . ער האָט זיך געבריהט מיר צו פאַרדרייען די הענט אויף הינטן, כאַ כאַ! ער איז, זאָגט ער, געווען אַ סאָלדאַט אין יעהאָ אימפּעראַטאָרסקאַהאָ איד־וויס שוין אַליין־ניט וואָסער פּאָלק, און ביי אים גייט עס פּאָ סאָלדאַטסקאָמו, כאַ כאַ! נו, האָב איך אים פאַרדרייט די הענט און אַרויסגעשטופּט פון קיך . . .

טילי האָט צוגעשמייכלט:

— פונדעסטוועגן — דערציילט קיינעם נישט: פאַרשעם נישט דעם אַלטיטשקען . . . און — וואָס האָב איך דיך געוואָלט פרעגן?

אָבער זי האָט מער גאָרניט געזאָגט, נאָר געקוקט אויף נאַסטיאַן און געפרעגט עפּעס מיט די אויגן; די שיינע „שיקסע" האָט געקוקט אַ ווײַלע צוריק — און די צוויי ווייבער האָבן זיך פאַרשטאַנען אויף שטום־לשון.

— ניין! . . — האָט נאַסטיאַ געלאַכט. — יענער — גאָרנישט. כאַפּט אַמאָל אַ קוק פון דער זייט, אָבער זאָגן זאָגט ער גאָרניט און — טשעפּעט ניט . . .

טילי האָט צופרידן געשמייכלט: איר קלוגער היימי! ער ווייסט ווי זיך צו פירן ביי זיך אין דערהיים . . . און וואָס ער טוט דאָרטן אין דער פרעמד — פכע! — וועמען אַרט עס! . .

די יידישע נשמה . . . זשיפּעט

1.

דאָס אוקראַאינישע מיידל נאַסטיא, די דינסט ביי דער יידישער פאַמיליע פיש, האָט היינט געהאַט איר פרייען אָוונט. נאָך וועטשערע איז געקומען פיט מאלדאוואַן, נאַסטיאַס „פריינט״, זי אויסצונעמען אויף אַ באַל פון דער אינדוסטריעלער יונאַן פון די פוטערוואַרגערס ערגעץ דאון טאון.

נאַסטיא האָט שוין איצט געהייסן נעטי, האָט גערעדט פריי ענג־ליש, האָט געטראָגן שיך מיט הויכע קנאַפל און אַ יינגליש־געשוירע־נעם קאָפּ — אַ „באָאיש באב״. איר פּנים האָט זיך אויסגעגלעט, איר ווייסע הויט האָט פאַרלוירן די טייגיקייט, די אויגן זענען געבליבן גרויס און קעלבערן, נאָר ביי אַ געלעגנהייט האָבן פון זיי געטון אַ קוק אַרויס אַזעלכע שדימלעך, אַז זי איז געוואָרן אומגעריכט און קאָנ־טראַסטמעסיק שיין.

נעטי האָט אָנגעבאָטן פיטן אַ גלעזל קאַווע.

— ניין, — האָט פיט געזאָגט.

— איך האָב אויסגעבאַקן אַ שטרודל, אַן אמתדיק יידישן שטרודל. ס׳איז גוט.

— ניין, — האָט פיט געזאָגט און זיך פאַרוואָלקנט.

אַ ביסל שפּעטער:

— כ׳האָב דיר וויפל מאָל געזאָגט: כ׳וויל נישט גאָרנישט פון ז י י ע ר ס, — האָט ער אַ ווייז געטון מיטן קאָפּ צו די חדרים פון די באַלבאַטים.

נעטי האָט פאַרדריקט מיט די אַקסלען און זיך גענומען אָנטון.

— מיר געפעלט אַפילו ניט, וואָס דו ביסט מיט „איר״ אַזאַ שמעלקע, — האָט פיט ווייטער גערעדט.

— וואָס איז? וואָס ׳ט׳זי דיר געטון? — האָט נעטי איבערגע־פרעגט, אַרויפציענדיק אירע שיך.

— מיר האָט זי גאָרניט נישט געטון . . .

— זי באַגייט זיך מיט מיר פיין, זיי באַגייען זיך מיט מיר אַלע פיין, איז וואָס קען איך צו זיי האָבן?

— עך, נעטי! ביסט אַ בורזשויקע אין האַרצן, אָט וואָס דו ביסט. טראַכסט נאָך מסתמא פון אַליין ווערן אַמאָל אַ באַלעבאָסטע און האַלטן דינסטן אין קיך . . . האָ?

— פּיט, וואָס ביסטו געקומען — זיך קריגן מיט מיר?

— ניין, איך וויל זיך מיט דיר ניט קריגן. אָבער דו ביסט אַן אָר־בעטער־מיידל, פאַרשטייסט?

— אַ גליק האָט מיך געטראָפן . . .

— נו אָט — „אַ גליק האָט מיך געטראָפן.“ — ער האָט אין יאוש צענומען די הענט.

— פּיט, פאַרקנעפּל מיר די שיך . . .

פּיט האָט זי אָנגעקוקט אַ ביסל פאַרחידושט. — האָסט זיך אויס־געלערנט די תורה, האָ? נו גוט, גיב אַהער די פיסלעך דיינע . . . אָך, דו נאַריש מיידל! שיין ביסטו, נאָר קיין שכל האָסטו ניט.

נעטי האָט אַ פינקל געטון מיט די אויגן:

— איך האָב מער שכל פון דיר, פּיט?

— נו יאָ, — האָט זיך פּיט תיכף אונטערגעגעבן, בעת זיין האַנט איז געגאַנגען איבער איר שלאַנקער ליטקע. — אפשר האָסטו טאַקע מער שכל פון מיר, נאָר דער שכל דיינער איז אַ . . . נישטיקער, אַ „זייעריקער“, איז ער — מיר דאַרפן ניט אַזאַ שכל, פאַרשטייסט?

נעטי האָט געשוויגן מיט פאַרנעפּלטע אויגן. דער באַריר פון פּיטס האַנט האָט זי צעשרויפט — אַזאַ האַנט האָט ער שוין געהאַט, אָט דער צעדרייטער בחור. אונטער זיין האַנט פלעגט זיך איר אַפילו אַמאָל אויסדאַכטן, אַז זי „פאַרשטייט“ אַ ביסל . . .

פּיט מאַלדאוואַן איז טאַקע אַ מאַלדאוואַן, אַ פויער פון בעסאַראַ־ביע, וואָס האָט געמוזט עוקר זיין פון דאָרטן באַלד נאָך דער רומעני־שער אָקופּאַציע, צוליב עפּעס אַ צוזאַמענשטויס מיט דער נייער מאַכט. דאָ אין ניו יאָרק אַרבעט ער אין אַ וואַרן־הויז ביים דאָק פון איסט ריווער. פּיט האָט פיינט דעם איסט ריווער: אין זיינע אויגן איז ער ניט אַזוי אַ טייך, ווי אַ שוואַרצער, ברודיקער גליטש פאַר שיפן און באַרזשעס, וואָס ליגט צווישן די פאַררויכערטע זוימען פון ברוקלין און

ניו יאָרק. ער ליגט — מ׳זעט אַפּילו ניט ער זאָל גיין. ער רעדט ניט און ער שטורמט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט. עס פּאַסירט אַמאָל, אַז אַ מענטש וואַרפט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ פון איינעם פון די בריקן: דער איסט ריוועד טוט אים אַ שלונג אַרונטער מיט אַ קורצן כליופּ — און שוין, וואָרעם דאָס איז אַ טייך אָן יצר־הרע און אָן הנאה פון לעבן. דאָס איז אַ טייך וואָס איז פּאַרטון אין ביזנעס! איר קאָנט אים עפּעס פאַרגלייכן מיטן דניעפּער, אָדער אַפילו מיטן בוג?.. — און פון צייט צו צייט גיט פּיט דעם טייך אַ ביטולדיקן קוק און שפּייט אים אָן אין פּנים אַריין. —

זיין צוזאַמענשטויס אין דערהיים איז געווען נישט אינגאַנצן קיין צופעליקער, און פּיט — דעמלט פּיאָטר — וואָלט זיך ליבערשט געווען אַריבערגעכאַפּט קיין רוסלאַנד, אָבער די רומענער האָבן יענע גרענעץ באַוואַכט שטאַרקער ווי אַנדערע גרענעצן, איז ער געלאָפן וואוהין ער האָט געקאָנט. דאָ אין אַמעריקע איז ער גלייך פון אָנהויב צוגעשטאַנען צו דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג, און דוקא דורך יידישע באַקאַנטע, ווייל ער האָט מיטגעבראַכט אַ שפּראַך געמישט פון רומעניש, רוסיש, אוקראַיניש, מיט אַ שפּריצל אַפּילו פון יידישע ווערטער. מיט נעטין האָט ער זיך באַקענט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, און שוין פון אַ שטיק צייט רעדט ער איר איין זיי זאָלן גיין וואוינען צוזאַמען, נאָר נעטי איילט זיך ניט: ביי די פּישעס אין הויז איז איר ניט שלעכט, זי שפּאָרט אַ ביסל געלט, און — פּיט האָט זיך זיינע חסרונות: ער איז אַ היפּש־לעבער טרינקער, אַ צו אייפערזיכטיקער מאַנסביל און אַ כעסן, און אַז ער צינדט זיך אָן ווערט ער ווילד. נעטין געפעלט עס ניט, נאָר זי זאָגט ניט ניין. — מ׳עט זען, — זאָגט זי, — סע דאָ צייט...

.2

דער זאַל איז געווען פול מיט יונגוואַרג, וואָס האָט געטון אַלץ פּאַר אַמאָל: פאַרקויפט בלומען, עסנוואַרג בילעטלעך און פּאַרטיי קנעפּ־לעך, געגעסן, געטרונקען, געטאַנצט און געקאָקעטירט. געווען אויך עלטערע מענטשן, נאָר ווייניק. אַ געמיש פון פעלקער, אָבער די מער־סטע זענען געווען יידן.

פּיט האָט נעטין באַקענט מיט אַ חבר אַ „לאָנגשאָרמען“, דזשערע־מאיא ווילסאָן, אַ יענקי פון ניי־ענגלאַנד, אַ מענטש אַ שווייגער מיט

לאַנגע הענט און לאַנגע פיס. עס איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַ באַגריסונג חבר יאָסל פון דער שפּייז־אַרבעטער יוניאָן, וואָס געקענט האָבן זיי אים פון דער קאָפּעטעריע אויף יוניאָן סקווער, אין צענטער פון די „לינקע", וואו ער האָט איצט געאַרבעט. פּיט האָט איר אָנגעוויזן פונדערווייטנס אויף אַ מיטליעריקן מענטשן מיט איין ברעם, אַ פּוטערוואַרגער, דזשייק בערעזע. דערווייל איז אונטערגעקומען דער נעגער ליוק, מיט וועמען נעטי האָט זיך עטלעכע מאָל געטראָפן — אַ הויכער קוילנגרעבער, מיט גרויסע, קינדעריש־גוטע אויגן — אַזעלכע גוטע, אַז נעטי וואונדערט זיך, וואָס תחילת האָבן זיי זיך איר אויסגעוויזן צו זיין ווילדע און אַפילו שרעקלעכע. ער איז צוגעקומען מיט אַ ברייטן שמייכל:

— מיס נעטי, איר'ט גיין מיט מיר טאַנצן?

פּיט האָט אויגנבליקלעך זיך אָנגעכמורעט, און ביי ליוקן איז דער שמייכל פאַרלאָשן געוואָרן. דערויף האָבן ביי נעטין אַ שפּרונג געטון די שדימלעך אין די אויגן, אָבער דאָס מאָל ניט קיין פריילעכע און שטיפערישע, נאָר שפּיציקע און להכעיסדיקע, און איר מויל איז גע־וואָרן האַרט, פאַרעקשנט. זי האָט אָנגענומען ליוקן ביי אַ האַנט און איז אַוועק מיט אים טאַנצן, איבערלאָזנדיק פּיטן אַליין.

ליוקס פאָטער האָט יאָרנלאַנג געוואַנדערט איבער די דרומדיקע שטאַטן, האָט געפּריידיקט „גאָטס וואָרט" צווישן זיינע שוואַרצע ברי־דער, געטובלט גאַנצע מחנות זייערע אין די וואַסערן פון דער מיסיסיפּי און געלעבט אין אומגלויבלעכער דחקות. אָבער פונדעסטוועגן האָט אויפן זון, אויף ליוקן, כאָטש ער איז בפירוש געווען אַ נאָמען נאָכן אַפּאָסטאָל, דאָס פייער פון אמונה עפּעס קיין שליטה ניט געהאַט. אים האָט שוין מער צוגעצויגן די באַוועגונג פון מאַרקוס גאַרווי וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצופירן די נעגערס פון אַמעריקע קיין אַפריקע, „ווי גאָט האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק ישראל פון מצרים". נאָך דעם ווי די באַוועגונג האָט געפּלאַצט — מיט סקאַנ־דאַלן, מיט שווינדלערייען, מיט פאַנטאַסטישע טראַנס־אַטלאַנטישע שיפן — האָט ליוק געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון אַרבעט צו אַרבעט, און אין די קוילנמינעס פון פּענסילווייניע איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין אים איז פאַרבליבן אַ געוויסער פאַרבאָרגענער אומצוטרוי צו דער פריינטשאַפטלעכקייט פון די ווייסע און אַ נייגונג — אַ ירושה פון זיין טאַטן — צו ריידן

פון צייט צו צייט אַ ביסל מליצהדיק און ביבליש, און דעמלט פּאַלט ער אַריין אין „ברודער" אַנשטאָט „חבר" און רעדט מיט פּסוקים וואָס אָפּטמאָל פּאַרפּאַסט ער זיי — עקספּראָמפּט. —

פּיט מאַלדאָוואַן און דזשערעמאַיאַ ווילסאָן זענען געשטאַנען ביי אַ וואַנט, אָן אַ זייט פונם פּריילעכן טומל אין זאַל. ווילסאָן האָט געקוקט פאַרטראַכט און אַ ביסל פאַרחידושט אויף דעם אויסלענדישן, אויסטערלישן לעבן וואָס שוויבלט און גריבלט אַרום אים. ער איז אַ גוטער חבר, נאָר די „פּאַרינערס" קומען אים פּאָר אַ ביסעלע — אָה, אָט בלויז אַ האָרעלע! — „קוויר" — מאָדנע, הייסט עס — און די באַציאונג פון זיי צון אים איז אַ קאַפּעלע — אָה, אַ טראָפּעלע — סובטילחניפהדיק, און צוריקגעהאַלטן, און אָפּגעהיט . . . ביידע צדדים וואָלטן זיך געשעמט מודה צו זיין אין די דאָזיקע געפילן, וואָס זיי האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אויסצולעבן, נאָר וואָס זיי האָבן נאָך דערווייל ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט. —

חבר יאָסל פון דער שפּייז־אַרבעטער יוניאָן איז צוגעקומען צו זיי מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט. גייענדיק האָט ער אַריינגעקוקט אין פּאַפּירל און זיין פּנים האָט געשיינט פון אינעווייניק אַרויס: ער האָט, קענטיק, געהאַט עפּעס אַ שטאַרקע און וואַרעמע הנאה.

— נאָט לייענט, — האָט ער דערלאַנגט ווילסאָנען דאָס פּאַפּירל.

דאָס איז געווען אַן אויפרוף פון דער קאָמפּאַרטיי צו די אַרבעטער פון אַמעריקע צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי. די געפאַר איז געווען נאָענט: די צווי איטאַליענישע ראַדיקאַלן זענען די טעג ווידער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר אַ פאַרברעכן וואָס זיי זענען ניט באַגאַנגען. נאָר אַ שטאַרקע כוואַליע פון פּראָטעסט קאָן אפשר צווינגען דעם גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוסעטס צו שיינקען זיי זייערע לעבנס. דער אויפרוף האָט זיך געשלאָסן מיט וואַנזעטיס ווערטער וועגן סאַקאָן, געווענדט צו ריכטער טהעיער: „סאַקאָס נאָמען וועט לעבן אין די הערצער פון מענטשן און אין זייער דאַנקבאַרקייט . . . ווען די צייט וועט שוין לאַנג האָבן אַוועקגעבלאָזן מיטן ווינט דעם שטויב פון אייערע ביינער; ווען אייער נאָמען . . . אייערע געזעצן, אייערע אינסטיטוציעס און אייערע פאַלשע געטער וועלן שוין זיין בלויז אַ טונקלע געדעכעניש פון אַ פאַרשאָלטענעם עבר, ווען מענטש איז געווען וואָלף צו מענטש . . ."

ווילסאָן האָט געלייענט דעם אויפרוף אין־דער־הויך, און זיין שטים האָט געוויברירט נידעריק און טיף און זיך געהאַקט אַ ביסל; עס איז געווען קענטיק, אַז דער נביאישער פּאַטאָס פון די לעצטע ווערטער רעגט זיין בלוט ווי הייסע און שטאַרקע מוזיק.

הינטער אים זענען געשטאַנען די צוריקגעקומענע נעטי מיט ליוקן, אומבאַמערקט איז אונטערגעקומען דזשייק בערעזע. ער האָט זיך אָנגעכמורעט און געזאָגט מיט בייזקייט:

— ניט אונדזערע ביזנעס . . . בעסער געדאַרפט זען, די אַרבעטער זאָלן ניט גיין צוריק אין „זייערע" יוניעס. צוויי איטאַליענישע אַנאַרכיסטן — וואָס געהערן זיי זיך אָן מיט אונדז? . . —

— וואָס זאָגט ער? — האָט דזשערעמאַיא ווילסאָן איבערגעפרעגט, ווייל דזשייק האָט גערעדט אין יידיש.

חבר יאָסל האָט פאַרטייטשט:

— ער זאָגט: מיר דאַרפן זיך ניט אָננעמען פאַר די צוויי איטאַליענער . . . ער מיינט — דאָס איז אַן אַרבעט פאַר די בורזשואַזע ראַדיקאַלן . . .

— נישט ריכטיק רעדסטו, ברודער דזשייק, — האָט דער נעגער ליוק זיך אָפּגערופן, — און דו בלאָנדזשעסט אין די וועגן פון די אומגערעכטע. עס שטייט געשריבן: „אַרבעטער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט זיך!" איך פרעג דיך: שטייט עס געשריבן אָדער ניט? . .

זיין נאַאיווע פּאַראַפראַזע פונם לאָזונג, וואָס דורך איר האָבן אַרויסגעקוקט זיינע באַהאַלטענע געפילן, האָבן געבראַכט דעם עולם אין פאַרלעגנהייט: מהאָט זיין נוסח ניט געקאָנט נישט אָפּלייקענען, ניט באַשטעטיקן.

דזשייק האָט עקשנותדיק אַרויסגעבורטשעט:

— מיר קאָנען זיך דען נאָכיאָגן נאָך אַ יעדער עולה וואָס „זייער" וועלט באַגייט? זוכן פליי ביי אַ קרעציקן הונט! —

— מ—ניין! — האָט ווילסאָן נאָכדיינקלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. —דאָס מיינט מען אונדז, די אַרבעטער. דאָס גיט מען אונדז צו וויסן: „מ'האָט אייך אין דר'ערד!" — עס איז יאָ אונדזער עסק. און אויב די לייטישערע פון די בורזשויעס ווילן העלפן, הייסט עס נאָך ניט אַז מיר דאַרפן זיך אָפּטרייסלען.

פיט מאלדאוואן האָט זיך ניט געמישט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַ־נען אַ ברוגזער. נעטי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט:

— בלאָז זיך ניט, פּיט. איך זאָג דיר — וועסט זיך מוזן נעמען אין די הענט אַריין . . . קום, קויף מיר אַ סענדוויטש. עס הונגערט מיך.

.3

חבר יאָסל האָט געטאַנצט מיט חברטע לאה שוסטער, דער פרוי־פונם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דער שפּייז־אַרבעטער יוניאָן, וואָס איצט איז ער אינם צע־קא פון דער קאמפּארטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

לאה שוסטער איז אַ בלאָנדינקע — און אמתע. זי איז קליין גע־וואקסן, מיט אַ געפּאַקטער פיגור, ניט צו פעט, נאָר שטייף און דראַטיק, מיט אַ נאָז אַ ביסל צו גראַד און צו גרויס פאַר איר קליינעם, דעליקאַטן פּנים און צאַרטער הויט. די „גויאישע" חברים האָבן געפּרואווט צע־דרייען איר נאָמען אויפן ענגלישן שטייגער און זי רופן לי־עה, אָבער זי האָט זיך ניט געלאָזן, און יענע האָבן געמוזט זיך אויסלערנען זי רופן לעי־אה. חברטע לאה זינגט אַ ביסל מיט אַ קליין שטימעלע און שפּילט אַ ביסעלע אינם אַמאַטאָרישן טעאַטער פאַראיין, וואָס די לינקע האָבן אָרגאַניזירט. טאַנצנדיק האָט חבר יאָסל עפּעס אַזוינס געזעדט צו לאה שוסטער אין אויער אַריין, און איין מאָל האָט ער דעם דאָזיקן אויער אַ קוש געטון. לאה האָט ניט געענטפערט אויף זיינע רייד, נאָר אירע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ רויכל, און זי האָט זיך צוגע־טוליעט צו אים נעענטער. אַלע האָבן באַמערקט אַז דער גאַנג פון דעם פּאָרל איבערן דיל פון זאַל האָט געצייכנט אַ פיינע, פּליסיקע פיגור זייער ענלעך צו דער ציפער „אַכט". אַלע — אויסער זיי אַליין. נאָכן טאַנצן האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, וואו חבר יאָסל האָט געקוקט אויף חברטע לאה, און חברטע לאה האָט געקוקט — אין דער וועלט אַריין. דערווייל איז אַריינגעקומען אין זאַל חבר שוסטער. ער איז צוגעגאַנגען צו די צוויי, האָט העפלעך באַגריסט יאָסלען און גע־זאָגט צו לאהן: ער דאַרף זי אויף אַ פּאָר ווערטער. זיי זענען אָפּגע־גאַנגען אויף אַ זייט, און דאָרט האָט ער דערקלערט: זי דאַרף אויף אים ניט וואַרטן; ער האָט אַ מיטינג, ער וועט קומען אַהיים שפּעט. לאה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט אַ מינע פון רעזיגנאַציע. חבר שוסטער

האָט געוואָרפן אַ ווייטן בליק צום פּלאַץ וואו יאָסל איז געזעסן. לאה האָט געזאָגט:

— ער איז „האלסאם״.

דאָס האָט געהייסן — געזונט, גאַנץ, אַ גאַנצע נאַטור.

חבר שוסטער האָט געזאָגט:

— איך זאָג דען עפּעס? אדרבה! . .

דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך אָנגעקוקט. עס איז געווען קלאָר — נים אַלץ איז גלאַטיק צווישן אָט דעם פּאָר־פאָלק. און עס האָט זיך געדאַכט: ווען זייערע נעזער וואָלטן ניט געווען אַזוי גראַד און אַזוי ענלעך איינע צו דער אַנדערער, וואָלט עס אפשר צוגעגאַנגען גלאַטיקער צווישן דעם פּאָר־פאָלק.

וואָס איז שייך דער יידישער נשמה דאָ אין זאַל, אַז מ׳וואָלט איר צוגעלייגט אַ פעדערל צו דער נאָז, וואָלט מען געזען אַז זי — זשיפּעט נאָך.

נ אָ כ ן ב אָ ל.

עס איז געווען סוף אַפּריל. פון דער ערד זענען געקראָכן צינגלעך פון גראָז. אויף די ביימער האָבן קנאָספּן אַרויסגעשלאָגן אַזוי ווי פּימ־פּערלעך און פרישטשעקלעך אויף אַ יונגן פּנים, לעבן און דער דראַנג צו פרוכטבאַרקייט האָבן געווירט און געשפּילט ווי יונגער וויין.

נאָך האַלבער נאַכט האָט פּיט מאַלדאַוואַן באַגלייט נעטין צו דער סאַבוועי סטאַנציע אויף יוניאָן סקווער. געווען קיל, אָבער אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אַפּריל. אַ ווייטער אַפּריל, פון לענדער אַרום דעם דניעפּער און דעם בוג. פון דער הויך האָט שימערירט אַרונטער אַ ברוכשטיק פון עפּעס אַ מין פאָספאָרעסצירנדיקן טעלער — די לבנה מסתמא, נאָר קיין ליכט אַרום זיך האָט זי ניט געשפּרייט, ווייל דער הימל אַרום, ניט געקוקט אויף דער טיפער נאַכט, איז געווען בלוי און דורכזיכטיק ווי אינמיטן טאָג. פּיט, אַ דערשראָקענער, האָט באַמערקט, אַז נעטיס אויגן פאָספאָרעסצירן אויך, ניט ווי די לבנה, נאָר ווי ביי אַ קאַץ.

— נאַסטיא, — האָט ער שטיל געזאָגט, — פאַרוואָס גייסטו ניט מיט מיר?

— האָ? — האָט זיך נעטי אָפּגערופן פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט זיך געפונען ערגעץ ווייט פונדאַנען.

— איך פרעג — פאַרוואָס גייסטו ניט מיט מיר? איך געפעל דיר ניט?

— דו געפעלסט מיר יאָ, און געפעלסט מיר ניט.

— וואָס מיינסטו דערמיט? כ'האָב פריער געזאָגט אַז דו האָסט קיין שכל ניט. ניין, דו האָסט צופיל שכל — צופיל פאַר מיר, און אַפילו צופיל פאַר זיך אַליין.

— ווי ווי? — איז נעטי פּלוצים געוואָרן אומרואיק. — ווי האָסטו געזאָגט?

— געזאָגט. האָסט געהערט וואָס כ'האָב געזאָגט . . .

— הער, פיט! ווער האָט דיך אַ ביס געטון? דיין פּאַרטיי האָט דיך אָפּגערייניקט פון עפּעס האָ? איך רייניק דיך ניט אָפּ . . . איכ'ל דיר דערציילן . . . דער אַלטער מיינער, דער באַטקאַ, מיין פאָטער, יו נאָו, פלעגט זיך אַזוי דורכגיין איבערן דאָרף און איבערטאַפּן אַלע מאַלאַדוכעס. און אַז ער האָט איין מאָל געפּאַקט מיין מאַמען אין אַ ווינקל מיט מאַקסים קאַסאַי — געוועזן ביי אונדז אַזאַ גאַרנישט מיט וואָנצעס, וואָס די מיידלעך זענען געווען נאָך אים די כפּרה — האָט ער, דער באַטקאַ מיינער, געשלאָגן די מאַמע ביז זי איז געבליבן ליגן אַ צעבלוטיקטע און אַ האַלב טויטע ביי זיינע פיס. פון דעמלט אָן האָב איך אויף זיין פּרצוף ניט געקענט קוקן. און פון היינט אָן — קאָן איך אויף ד י ר ניט קוקן. ליוק איז מיר גאַרניט, ליוק איז זיך אַזוי — אַ ווייכער בחור, גיכער אַ מויד איידער אַ בחור. נאָר דו — דו גיי דיר און האָב דיר חתונה מיט דיין פּאַרטיי, וואָס האָט דיך אָפּגערייניקט. טשויעש? —

פיט האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר געזען האָט ער אַז ס'איז שלעכט. ער האָט אויך געזען אַז נאַסטיאַ איז צעפלאַמט.

— נאַסטיאַ! — האָט ער שוין געבעטן, — נאַסטיאַ, נו, איך בין די כפרה פאַר דיר. איך . . . איך . . .

— זיי דיר די כפּרה, אויב דו ווילסט, פאַר דיין פּאַרטיי, נאָר איך האָב דיך אין דר'ערד. איך קוק אויף אייך, חברימלעך, און איך זע אַז איר זענט די זעלבע פּאַסקודניקעס ווי אַלע אַנדערע. און דו ביסט מיר סתם צופיל כעסן און אַ בויאַן. איך האָב ליב מענטשן, געמיטלעכע

און גוטע. איך האָב ליב קנישעס מיט פּאַסאָליעס און גוטע מענטשן —
איז וואָס ווּעסטו מיר טון? —

— נו גוט, נאַסטיאַ, לאָז עס אויף אַן אַנדערש מאָל. איצט קום.
ס׳איז שפּעט.

אויף די טרעפּ אַרונטער האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט
עפּעס אַ פּאַרשוין. ביידע צדדים האָבן זיך אַנטשולדיקט און זיך פונאַנ־
דערגעגאַנגען, נעטי האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס איז? — האָט זיך פּיט פאַרוואונדערט.

— ווייסט ווער דאָס איז? דאָס איז אַ שוואָגער „זייערער״,
„זייער״ אַ שוועסטערס אַ מאַן. ער איז אַ קאַנטאָר, איז ער, זינגט
אין די יידישע סינאַגאָגעס.

— איז וואָס זשע האָסטו געלאַכט? — האָט פּיט איבערגעפרעגט
שוין מיט חשד אין די אויגן.

— אה, גאָרניט . . . כ׳האָב זיך עפּעס דערמאָנט.

נעטי, זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר פאַרנאַכטיקער באַגעגעניש
מיטן אַלטן זרחן, נאָר אַחוץ דעם, האָט זי מיט איין קוק אויף חזן
זאַיאַנטשיק דערשפּירט מיט איר ווייבערישן אינסטינקט עפּעס אַזוינס,
וואָס האָט איר געגעבן כמעט ווי אַ פיזישן קיצל אונטער דער פּאַכווע.
די יידישע נשמה איז געליגן אויפן חזנס מילדן, גומטוטיקן פּנים — אַ
ביסעלע אַ פאַרשעמטע, אַ ביסעלע אַן איבערגעשראָקענע פאַר די פּינסנע
פון פּנינה זאַיאַנטשיק, און אויך אַ ביסעלע אַ צופרידענע, אַן אַנגעזע־
טיקטע און אַ געשמייכלטע. עס איז די טבע פון יעדער באַשעפעניש
זיך איבערצונעמען מיט איר טבע און אירע כוחות, און פּיני זאַיאַנטשיק
האָט זיך געפילט בערך ווי אַ קאַץ וואָס ווייסט, אַז כאָטש קיינער
ווייסט ניט, ווייסט זי דאָך אָבער יאָ, וואָס ס׳איז געוואָרן פונם קריגל
סמעטענע אויף דער פּאָליצע. —

ד ע ר ש ט ו ל

„די ווענצעלעך דאַרפן אויך לעבן״ — אַזוי זאָגט עמיצער ביי
מענדעלע מוכר־ספרים. נאָר דזשייק בערעזע האָט דערפון ניט גע־
וואוסט. —

.1

אַן עראָפּלאַן איז געפלויגן פאַרנאַכט איבער יוניאָן סקווער און האָט געוויזן דער וועלט אַ לאַנגע רויטפייערדיקע שורה: „קינדער וויינען נאָך קאַסטאָריאַ!“ אין פייערדיקע אותיות פון דעם זעלבן קאָליר האָט די אַמאַלגאַמייטעד באַנק געבליצט צו דער וועלט וועגן איר שליחות בשורה: 4½ פּראָצענט! די קראָסטאַון - פּערצנטע סטריט קאַר איז פאַרבייגעגאַנגען פון מערב צו מזרח מיט אַ הייזעריקן צוגעקילטן כריפּ. פון אַ פענצטער איבער טשאַילדס רעסטאָראַן האָט עמיצער גע־שריגן צו עמיצן אַראָפּ אויף דער גאַס: „ביי מיר ׳עט עס נישט גיין! איך האָב פיינט פּוילע שטיק!“ אונטערן ברוק, אינם בויך פון דער ערד, האָט ווי אַ קורצע ערדציטערניש פאַרבייגעדונערט אַ צוג פונם סאַבוועי. ביי דער טיר פון אַ געשעפט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן האָט אַ גראַמאָפאָן געזונגען מיט אַ באַריטאָן, אין דער באַגלייטונג פון אַ גיטאַרע:

איך פרעג זי — ווי גייט מען אַפּטאַון,
זי זאָגט מיר — זי וואוינט דאָ דערביי . . .
טאַ־ראַ־טאַ־טאַ־טאַם — טאַריטאַ — טאַט־אַם —
טאַראַטאַ — טאַריטאַ — טאַראַטאַם!

יוניאָן סקווער. —

.2

אויפן מזרחדיקן טראָטואַר פון סקווער, ביי דער „לינקער“ קאַפע־טעריע, האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן אַ רעדל מענטשן, און אַ פּאָליסמאַן האָט זיך געלאָזן גיין צו זיי, כלומרשט געלאַסן און מיושבדיק, שפּילנ־דיק מיט זיין קורצן דיקן שטאָק אינדערלופטן. אַ גאַנצן טאָג זענען פאַרגעקומען דעמאָנסטראַציעס אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט, פּאָליסלייט האָבן געקלאַפּט איבער די קעפּ און געמאַכט אַרעסטן, נאָר געטון געוואָרן איז עס מיט אַ געוויסער אומאַנטשלאָסנקייט, ווייל קיינער האָט נאָך ניט געוואוסט אויף זיכער ווי מ׳האַלט אין דער וועלט, וואָס גאָווערנאָר פוללער פון מאַסאַטשוסעטס וועט טון אין דער לעצטער מינוט. אַ גאַנצן טאָג האָבן די צייטונגען געבראַכט ידיעות: „ראַיאָטן

אין בוענאָס־איירעס!״ — פּאָליציי שיסט אויף דעמאָנסטראַנטן אין פּאַריז!״ „מאָסקווע פלאַקערט מיט רויטע פאָנען און צאָרנדיקע פלאַקאַטן!״ „באָמבעס פאַרן אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין באַרצעלאָ־נאַ!״ די אָנקומענדיקע נאַכט איז געווען פון 22טן אויפן 23טן אויגוסט, 1927. עס איז געווען די נאַכט פון ס אַ ק אָ און וואַנזעטי.

.3

דער פּאָליסמאַן האָט זיך אַריינגערוקט צווישן עולם אַרבעטער, געוויגט זיך און געשטויסן מיט די ברייטע אַקסלען פון זייט צו זייט, און דערזעענדיק אַז צוויי אַנדערע פּאָליסלייט קומען אים אַנטקעגן, האָט ער גענומען שטופּן דעם עולם ענערגישער, ריידנדיק די גאַנצע צייט אין דער וועלט אַריין: „גייט זיך פאַנאַנדער. שטייט ניט. שטערט ניט דעם פאַרקער אין גאַס. קאַמאָ־אָן! . .״ אַ מענטש האָט זיך האַסטיק אַ קער געטון צו אים, האָט אים אַ ברי געטון מיט אַ רויט אויג וואָס האָט ניט געהאַט קיין ברעם איבער זיך און האָט כעסדיק געזאָגט: „דאָנט פּ—פושש!״ „די מאַכט״ האָט תיכף פאַרלוירן די רואיקייט און זיך אַ וואָרף געטון צו דעם דאַזיקן אויג. דזשייק האָט זיך געגעבן אַ טוק־אונטער צווישן עלנבויגנס און איז צוריק אַרויפגעשוואומען ביי דער טיר פון דער קאַפעטעריע. דער פּאָליסמאַן האָט זיך אַ לאָז געטון צו אים, נאָר דזשייק האָט געעפנט די טיר און איז אַריין איג־ווייניק. דער פּאָליסמאַן האָט געקוקט אַ ווײַלע צו דער טיר — און זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט.

.4

אַ מענטש קאָן לעבן אָן אַ ברעם. נאָר אַז די באַק אונטער דעם אָנברעמיקן אויג הויבט אָן צו צוקן, פילט זיך אַ מענטש פריקרע. און אַז אַ מענטש הויבט אָן שלעפּן אַ פוס, פונקט ווי דער פוס וואָלט אים פּלוצים לייגגער געוואָרן, איז עס פריקרע. און אַז אין אַ מענטשן ברענט אַ העלישער כעס, און ער ווייסט אַליין ניט געגנוי אויף װ ע מ ע ן ער ער איז אין כעס — איז עס גאָר, גאָר פריקרע. און כעסן כעסט זיך דזשייק שטענדיק — און אויף אַלעמען, און וואָס מ׳זאָל אים ניט זאָגן, ווילט זיך אים זאָגן „ניט אַזוי״, און וואָס מ׳זאָל ניט טון, דערפילט ער תיכף אַז עס שטויסט אים צו טון פאַרקערט. איז אין שאָפּ איז ער

טאַקע מיט אַלעמען צעקריגט, נאָר דאָ אין קאַפעטעריע האָט מען צו אים אַ סך געדולד, צוליב עפּעס. מ'האַלט אים פאַר אַ שטיקל משוגענעם, האַלט מען אים, דעם פוטערוואַרגער דזשייק בערעזש: רק ער קריגט זיך מיט די „לינקע" און רק ער האַלט זיך אַרום זיי; ער האָט, למשל, געשטימט קעגן דעם גרויסן סטרייק פון די פוטערוואַרגער, נאָר דער־נאָך האָט ער געסטרייקט באַגלייך מיט אַלעמען, האָט געשטריטן ווי אַ ווילדער קעגן דער פּאָליציי בעתן ראַיאָט נעבן „פאָרווערטס", וואו ער איז שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן, און איצט האַלט ער זיך עקשנותדיק ביי דער אינדוסטריעלער יוניע, כאָטש ער גייט אַרום אָן אַרבעט צו־ליב דעם. —

דזשייק האָט גענומען זוכן מיט די אויגן צו וועמען ער זאָל זיך צוטשעפּען דאָ אין קאַפעטעריע. אין כעס איז דזשייק דאָס מאָל געווען אויפן פּאָליסמאַן דרויסן — אַזאַ גלאָטער, אידיאָטיש־יונגער, „גויאיש־טרייפענער" פּנים פון אַן איירישן שייגעץ! — נאָר אויסלאָזן דעם כעס קאָן מען צו וועמען עס איז — אַלץ איינס צו וועמען. די קאַפעטעריע איז געווען איבערפילט, מערסטנס, מיט אַרבעטער, נאָר אויך מיט אַ שפּריצל אינטעליגענטן, שרייבער, מאָלער, פאָרשטייער פון דער פּרעסע — די פּרעסע האָט, ווי אַלעמאָל, געוואָלט וויסן „די שטימונג פונעם פאָלק"! — מערסטנס מיט יידן, נאָר עס זענען געווען אויך רוסן, אוקראַינער, איטאַליענער, נעגערס און אַפילו איינער — איין־איינציקער — אַן „עכטער" אַמעריקאַנער, אַן אמתדיקער יענקי — דזשערעמאיא ווילסאָן, אַ „לאָנגשאָרמאַן" — אַ מאַטראָס אויף אַ פּאַזע־ברעג־שיף וואָס גייט פון ניו יאָרק אַרויף צו צפון, צו קאַפּ־קאָד און אַריבער.

דזשייק האָט אומרואיק געוואָרפן מיט די אויגן איבערן גרויסן לאָקאַל, און זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט אַ שטים פון אַ נאָענטן טיש. שוין די שטים אַליין האָט אים צערייצט: אַ גלאַטינקע — אַ זאַטינקע — אַ צופרידענע מיט זיך און מיט איר וועלט, אין וועלכער דער אייגנ־טימער פון דער שטים פילט זיך געזיכערט און זייער „בלאַגאָפּאָלוטש־נע". „און איך זאָג — „זיי" האָבן ניט געטאָרט מאַכן אַזאַ טומל . . . „זיי" האָבן זיך ניט געדאַרפט מישן . . ."

דאָס האָט גערעדט יעקב לאַפּידעס, אַ שרייבער פון „טאָג", וואָס אין זיינע שרייבעכצן געפינט איר געוויינלעך „די חכמה פון דורות", ווי, למשל: „וועגן טויטע — אָדער גוטס אָדער גאָרנישט", און אין אַ

שמועס וויצלט ער זיך בנוסח: „וואָט קען יו מאַך", אָדער — „האַבע די ערע". קעגנאיבער אים איז געזעסן יאַלקוט, אַ מיטליעריקער מענטש מיט אַ רויטן פּליאָם אויף אַ באַק און אַ קאָפּ וואָס אים איז פאַרבליבן בלויז אַ קרענצל האָר אַרום די ברעגן און אַ קאָמיש צעפּל אויף דער נאַ־קעטער קרוין, ווי ביי די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן. זיין בליק איז געווען אַ מידער און אַ געדריקטער, וואָס דאָס קומט פון וועלטשמערץ און זויער־קייט אין מאָגן. ביים זעלבן טיש: איזי פישלער פון די פאַראייניקטע צדקה־אַנשטאַלטן, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַן אויסגעקרימטער ווי אַ איבערגעטריקנט ברעט, און יונה מאַרגאָליס — מיט אַ קאָפּ געשוירן אונטער דער מאַשינקע ביז צו דער גרויער הויט, מיט גרויסע, אומגע־לומפּערט אָפּגעשטאַנענע און שטענדיק רויטע אויערן און מיט פּאַר־טראַכט־שיכּורע אויגן, ווייל אים האָט זיך שטענדיק געבאָמבלט אין קאָפּ אַ שורה פון אַן אָנגעהויבן ליד און געמאָנט אַנדערע שורות.

לאַפּידעסן האָט אָפּגעענטפערט איזי פישלער — אין אַ גאַליקן טאָן, ווי זיין שטייגער איז געווען:

— ווער „זיי" — די קאָמוניסטן, מיינט איר? וואָס־זשע — גע־ווען איבערלאָזן צו אייך? איר אפשר וואָלט זיך אָנגענומען פאַר די צוויי אַנאַרכיסטן?...

— ס'טייטש „איך"? דער אַמעריקאַנער ליבעראַליזם. איינפלוס־רייכע אַמעריקאַנער ליבעראַלן וואָלטן שוין ביז איצט געוואונען דעם קאַמף, ווען ניט „זיי" מיט זייער ווילדער, אומגעצוימטער אַגיטאַציע, וואָס האָט אָפּגעשטויסן די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג. וויבאַלד די „רויטע" זענען אינדערמיט, וועט שוין דער דורכשניטלעכער אַמע־ריקאַנער זיין קעגן. דאָ דאַרף מען קעמפן אויפן באַזיס פון גערעכ־טיקייט, פון די עכט־אַמעריקאַנישע פרייהייטלעכע אינסטיטוציעס, און ניט אויפרייצן דעם המון. אירט זען מיין וואָרט — זיי וועלן די צוויי אָרעמע טייוולען אומברענגען. און איר מיינט — עס אַרט זיי אפשר? זיי דאַרפן נאָר אַ געלעגנהייט פאַר אַן אַטאַקע אויף דער עקזיסטירנ־דיקער אָרדנונג, און פאַר קרבנות שטעלן זיי זיך ניט אָפּ. גאָר פשוט — אַ באַנדע פּאָליטישענס פון ערגסטן סאָרט. —

איבערן טיש האָט זיך פּלוצים אַריבערגעבויגן אַ פּנים מיט אַן אויסגעקראָכענער ברעם איבער איינעם פון די אויגן.

— נו, גוט! האָט דאָס פּנים געזאָגט מיט אַ קאַלטער בייזקייט. —

פּאָליטישנס. אָבער זיי זענען אונדזערע פּאָליטישנס. וואָס האָט איר געוואָלט — מיר זאָלן זיך צוהערן צו אייערע?...

און דאָס פּנים איז צוריק פאַרשוואונדן.

לאַפּידעס איז געבליבן געפּלעפּט. יאַלקוט האָט נאָכגעקוקט דזשייקן שטום און דאַרשטיק, און איבער זיין שטערן זענען געגאַנגען קנייטשן און כוואַליעלעך וואָס האָבן געוויזן בחוש ווי ער טראַכט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

—איר הערט? מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זיין דערביי ווי עטלעכע קרעמער אויף בוירנסייד עוועניו האָבן זיך באַקלאָגט, אַז „מ׳מאַכט קיין געלט ניט"; און אַז איך האָב זיי אַ פרעג געטון, וואָס הערט זיך מיט זייערע אַרבעטער, צי מאַכן זיי כאָטש אַ לעבן, האָבן זיי מיר נאַאיוו געענטפערט: „מיר ריידן ניט פון די אַרבעטער. זייער לאַגע — איז זייער זאַך..." איר פאַרשטייט? זיי האָבן אָן חכמות אויסגעשמידט פאַר די אַרבעטער דעמזעלבן לאָזונג וואָס יענע האָבן שוין לאַנג אויסגעשמידט פאַר זיך אַליין. און דער דאָ זאָגט: „אונדזערע פּאָליטישנס"... דאָס שטימט...

ער האָט צוגעגעבן פאַרטראַכטערהייד:

— לעצטנס קומט מיר אויס צו לערנען זייער פיל קלאָרע, פּשוטע זאַכן וואָס זענען גאָרניט אַזוי פּשוט און וואָס פאַלן זיך ערגעץ צוזאַמען אין אַ גאַנץ בילד, ניט געקוקט אויף זייער כלומרשטדיקער באַזונדערקייט און אָפּגעריסנקייט. נישמער — פונם לערנען ווערט מיר עפּעס ניט — וואָרעמער... איז ווער איז שולדיק — די תורה צו דער לערנער? —

לאַפּידעס האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען. יונה מאַרגאָליס האָט אומגעדולדיק אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אָן אַ זייט: די שורה, די שורה זיינע האָט אים שטאַרק געמאַטערט! —

.5

באַ דער טיר פון דער קאַפעטעריע האָט זיך באַוויזן די מיסעס פיש פון בראָנקס. זי האָט זיך פון וויטן באַגריסט מיט אַ שמייכל מיט איר דינסט נעטין, אויף וואָס פיט מאַלדאַוואַן האָט זיך אָנגעכמורעט: ער האָט ניט געוואָלט ליידן וואָס נעטי פריינטלט זיך מיט איר באַלעבאָסטע דער בורזשויקע. אָבער די מיסעס פיש איז צום טיש ניט צו־

געגאַנגגען, נאָר מיט אַ פינגער צוגערופן צו זיך יונה מאַרגאָליסן. ער איז אויפגעשטאַנען פון פלאַץ, קענטיק — נישט גערן.

— איר ווילט אפשר צוגיין מיט מיר זען אַ פּאָר פרויען פונם קאָמיטעט?

מאַרגאָליס האָט זיך פאַרקרימט:

איך... איך בין ניט אויפגעלייגט.

טילי פיש האָט געקוקט אויף זיינע גרויסע, אָפּגעשטאַנענע אויערן, ווי זי וואָלט זיי וועלן אָנדרייען פאַר כעס, און אפשר האָט זי געוואָלט טון מיט זיי אַן אַנדער זאַך.

— איז ווילט איר ניט, הייסט עס? — האָט טילי געזאָגט.

— ניין. און — וואָס איז היינט פאַר אַ צייט? אין אַזאַ טאָג קאָן איך זיך מיט קיין זאַך ניט פאַרנעמען. ווייסט איר וואָס? לאָמיר אַרויסגיין אויף בראָדוועי — זען וואָס טוט זיך אין די גאַסן.

טילים אויגן האָבן אויפגעשיינט.

— אָה, זייער גערן! —

מאַרגאָליס האָט געטראַכט אַ ווײַלע מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן און אַ זאָג געטון:

גייען מיר!

6.

דזשייק בערעזע — אַ מענטש אַלעמאָל אַן אומרואיקער, אַ צעררו־דערטער — איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי צעררודערט ווי היינט ביינאַכט. וואָס, צום שוואַרצן יאָר, פּלוידערן זיי דאָ אַלע היינט ביי־נאַכט? און וואָס — צום שוואַר—צן — יאָר —— אַרט עס אים אַזוי? וואָס גייען אים אָן אָט די צוויי איטאַליענישע יאָלדן, וואָס זענען אַריינ־געפאַלן אין דער שפּינוועבס פון דער קאַפּיטאַליסטישער שפּין? דאָס זענען דאָך מלמדים! — הערט נאָר אַ לשון: „ווען מענטש איז געוועזן וואָלף צו מענטש!" — וואָלף?! וו אָ נ ק איז „מענטש צו מענטש", און זויגן זויגט ער דאָס בלוט — טראָפּעלע נאָך טראָפּעלע — ווייל ער דאַרף „פּרנסה". אָה, געוויס! פון צייט צו צייט איז ער אַ וואָלף — אַ בלוטדאָרשטיקער, אַן אַכזריותדיקער וואָלף, וואָס האָט סתם הנאה פון דעם אַנדערן מענטשנס יסורים. דאָס איז אַ פּע—פּע—פּע—פּע—פּראָ—בלעם! אַך, אָט די שווערע ווערטער! — אָבער אַ וואַנץ — זי זויגט

זיך איין אַזוי, און זי זויגט זיך איין, און זי זויגט זיך איין, באשר בכן — זי וויל אונטערהאַלטן איר וואַנצישע עקזיסטענץ. וויאַזוי קריכט מען דערפון אַרויס? — אָך, דער קאָפּ!

ער איז אַרויס אויף דער גאַס.

אַרום עלף אַזייגער באַנאַכט איז דאָס געדריינג אויף די גאַסן געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די פּאָליציי האָט זיך דערשראָקן און לחלוטין אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. אָבער דער עולם איז געווען שטיל, אָנגעשטריינגט און האָט זיך ניט אויפגעפירט שלעכט — דער עולם האָט זיך איבערהויפּט ניט „אויפגעפירט": אויף יוניאָן־סקווער איז מען געשטאַנען שטום ווי די קלעצער און געוואַרט אויף עפּעס. אויף וואָס האָט מען געוואַרט? מ'האָט געוואַרט — מ'האָט געמיינט — דער גאָווערנאָר פוללער פון מאַסאַטשוסעטס — אַליין אַ „ליבעראַל" — כ—הם! — די גאַנצע זאַך איז ביי אים אין די הענט — די גאַנצע זאַך באַ איין מענטשן אין די הענט: וויל ער — קאָן ער זאָגן: „זאָלן זיי לעבן"; וויל ער ניט... — אָבער ווי איז עס מעגלעך ער זאָל ניט וועלן? די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע לאַנד — אַזוי איז דער איינדרוק — ווילן אַז ער זאָל וועלן. דער גייסט פון אָט די צוויי מענטשן שוועבט איבער דער וועלט, און אַ וועלט איז דאָך עפּעס אַ וועלט! סאַקאָ־וואַנזעטי... צוויי נעמען ווי איינער... אָבער צוויי באַזונדערע מענטשן, צוויי דרכים. וואַנזעטי דערהייבט זיך צו דער שיינער פּראָזע: „אַ גוטער שוסטער און אַ שלעכטער פישהענדלער". ער רעדט פאַר ביידן, וואַנזעטי. און סאַקאָ — שווייגט פאַר ביידן. אַ מענטש אַ פעלז. דזשייקן איז איינגעפאַלן: פאַראַן אַ נוסח און אַ טראָפּ אין שווייגן: איינער שווייגט מיט אַ פּזר, דער אַנדערער — מיט אַ שלשלת...

אַ זייגער ערגעץ אויף אַ טורעם האָט אויסגעשלאָגן צוועלף. —

אַלע האָבן געהערט. יוניאָן סקווער איז געווען כמעט שטום. די סטריט קאַרס האָבן געקלונגען און געקלונגען — און סוף כל סוף געמוזט בלייבן שטיין: ס'איז אוממעגלעך געווען דורכצושניידן דעם געפּאַקטן סקווער. צוועלף אַזייגער — און פון גאָווערנאָר פוללער הערט מען ניט. דאָס הייסט — דאָס מיינט — דאָס באַטייט —

אַ ציטער — אַן אומזיכטיקער ציטער, פאַרבאָרגן פון מענטשס אויג, איז געלאָפן איבער אַלע עלעקטרישע דראָטן איבער דער גאָרער וועלט: „דער שטראָם איז געעפנט". אין די רעדאַקציעס פון די צייט־

טונגען האָט מען דאָס שווייגנדיק געלייענט, נאָר דער עולם אויף די גאַסן און סקווערן האָט זיך בלויז אָנגעשטויסן. ביי יאַלקוטן האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס צעפּל אויפן קאָפּ. נעבן אים, ביי דער טיר פון דער קאַפעטעריע, האָט זיך די לאַנגע פיגור פון דזשערעמאיא ווילסאָן אויסגעצויגן משונהדיק לאַנג. דער נעגער ליוק האָט געשוויצט קאַלט און קלעפּיק, ניט געקוקט אויפן הייסן אָוונט. דזשייק בערעזע איז ערגעץ נעלם געוואָרן. —

אין שטעטל טשאַרלזטאַון, ביי באָסטאָן, איז פאַראַן אַ געביידע וואָס אַרבעטער האָבן אויפגעבויט מיט זייערע אייגענע הענט — צו וואָס האָבן זיי דאָס געטון? צו וואָס האָבן זיי אַזוי טעמפּ און געדולדיק געלייגט אַ ציגל צון אַ ציגל? — און אין יענער געביידע, און אין אַנגעזיכט פון דער גאַנצער וועלט, פאַרברענט מען איצט — האַלט מען אין פאַרברענען — לעבעדיקערהייד צוויי פשוטע מענטשן, וואָס האָבן . . . וואָס זענען . . . וואָס ווילן . . .

פינף מינוט נאָך צוועלף. —

צען מינוט נאָך צוועלף. —

פופצן מינוט נאָך צוועלף. —

אַכצן מינוט נאָך צוועלף האָט פּלוצים אַ מעגאַפאָן אַרויסגערעדט פון אַ פענצטער פון „לינקן צענטער“, איבער אַלעמענס קעפּ — אַרויסגערעדט איינגעהאַלטן, טרוקן, וואָרט ביי וואָרט:

— סאַקאָ — וואַנזעטי — טויט.

אַ סעקונדע שטילקייט. דער עולם — שטומט, ווי עמיצער וואָלט אים אָנגעכאַפּט ביי זיינע טויזנטער גאָרגלען. דערנאָך האָט דער מעגאַפאָן, אין דעמזעלבן, טרוקענעם, זאַכלעכן טאָן, צוגעגעבן:

— סאַקאָ — געהאַלטן — שטראָם — עלף מינוט.

10.

די קאָנקרעטע דעטאַיל האָט אויגנבליקלעך לויז געמאַכט די שטימבענדער. קיינער איז שפּעטער ניט געווען אימשטאַנד אָפּצוגעבן אַ קלאָרן און גלויבלעכן באַריכט וועגן דעם, וואָס אויף יוניאָן סקווער איז פאָרגעקומען. אַ מישעניגע פון מענטשלעכע פויסטן, הענט, קעפּ, פיס און אַנדערע אברים. אַ גאָרגלדיק רעווען ווי פון אַ וואַסערפאַל. פון צפון־מערב, ערגעץ פון טאַימז־סקווער, האָבן געגרייכט אַהער אָפּ־

געריסענע רעוואָלוועך־שאָסן. אין אַ ווינקל פון סקווער האָט דער נעגער ליוק זיך געוויגט אויף די אייזערנע גראַטעס, מיט די הענט אויפגע־הויבן הויך איבער זיין קאָפּ, מיט די ווייסלעך פון זיינע אויגן אַרויס־געשאָסן פאַראויס, און פון זיין מויל האָבן געשטראָמט קללות און חרמות — ווי אַ תוכחה פון מויל פון זיין פאָטער אויף זינדיקע קעפּ: „דהי קוירס אַ׳גאַד, דהי גאָד אָף אייברעהעם, אייזעק ען׳ דזשייקאָב, שעלל פאָלל אַפּאָן יאָור העדס, ען׳ שעלל היז ראָטה קוירס יו, יו דעוולס אין דהי שעיפּ אָ׳מען, פאַר עווער ׳ן׳ עווער, איי־מען!״ . . נישט ווייט פון אים האָט דזשייק בערעזע געכריפּעט מיט קאַלטער רציחה: „עלף מינוט האָבן זיי געבראָטן זיין אינגעווייד — עלף מינוט! אַל־ראַיט — מיר׳ן עס געדיינקען. מיר׳ן עס אַזוי גיך ניט פאַרגעסן; מיר׳ן עס ניט פאַרגעסן ב י ז — ביז פון זיי וועט קיין ז כ ר ניט בלייבן אַט דאָ אויף דער ערד! זאָלן זיי גיין אויפן הימל — מ׳דאַרף זיי נויטיק האָבן אויפן הימל!״ — דזשייק האָט שוין ניט געוואוסט וואָס ער רעדט. דער פּאָליסמאַן האָט אויך ניט געוואוסט וואָס דזשייק רעדט, נאָר ער האָט זיך מיט שיכורע, אַרויסגעקראָכענע אויגן אַ וואַרף געטון צו דזשייקן. דזשייק האָט זיך אינסטינקטיוו און אויגנבליקלעך אונטער־געטוקט אונטער קעפּ, הענט, אָרעמס. אינגאַנצן געהאָלפן האָט עס אים ניט: דעם פּאָליסמאַנס שטאָק האָט אים געטראָפן אין אַן אַקסל. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט דער ביינערדיקער, סקעלעטישער פויסט פון דזשערעמאיא ווילסאָן מיט אַ „קראַך!״ דערלאַנגט דעם פּאָליסמאַן אין אַ זייט פון פּנים. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט פּיט מאַלדאָוואַנס פויערשער פויסט מיט אַ שווערן „טיאַפּ!״ געטראָפן דעם פּאָליסמאַן אין דער אַנדערער זייט פון פּנים. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט נעטי־נאַסטיאַ געריסן דעם פּאָליסמאַן, שיפּענדיק: „שאָב טעבע כאָליערא זאַדאַווילאַ״, און, דערשלאָגנדיק זיך צו פּיטן, האָט זי אים אַ שלעפּ געטון אָן אַ זייט מיט דער גבורה פון אַ שטאַרקער און פאַרצווייפלטער „שיקסע״, שיפּענדיק דערביי אויף איר היימישן לשון: „דו־דו־רען טי! קודי טי, קיקימאָראַ, ליזעש! . .״ אין דעם זעלביקן אויגבליק האָט אָפּ־געהילכט דער געשמאַקער „טיאַפּ־טיאַפּ״ פון פערדישע קאָפּיטעס אונ־טער אַ סקוואַד פּאָליציי פון דער זייט פון בראָדוועי, און דער דראָענ־דיקער, האַרט־מעשענער „ד־דזשין״ פון אַ פייערלעשער־וואָגן — פון דער פערצנטער סטריט אַרויס. —

.11

שפעט ביינאַכט איז יאַלקוט געפאָרן צו זיך אַהיים קיין ברוקלין מיט דער „איי־אַר־טי", אַ צעקנייטשטער, אַ צעקוועטשטער, אַ דער־שראָקענער פאַר דער אומבאַגרעניצטער רשעות פון מענטשן. נעבן אים איז מיטגעפאָרן יעקב לאַפּידעס און אונטערן מעטאַלענעם גרילץ פון דעם סאַבוועי־צוג האָט ער געגעבערט יאַלקוטן אין אויער אַריין:

— האָב איך ניט געזאָגט, האָב איך ניט געטענהט אַז די לייט וועלן מיט זייער טומלען אומברענגען די צוויי אָרעמע איטאַליענער!.. איר זעט דאָך אַליין, איר —

יאַלקוט איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון זיין זיץ:

— פּליז, לאַפּידעס, פּלי־יז! לאָזט מיך צורו!.. לאָזט מיך צו—רו!..

* * *

שפּעט ביינאַכט האָט יונה מאַרגאָליס געשריבן עפּעס ביי אַ טישל אין אַ האָטעל, און טילי פּיש איז געזעסן אויפן בעט אַ דערשראָקענע און אַ גליקלעכע און האָט געקוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן. מאַר־גאָליס האָט אַוועקגעלייגט די פּען און איבערגעלייענט אויף אַ קול:

אָה, עלף מינוט איז אַ לאַנגע צייט,
און דער טויט — אַ ווייטער וועג.
עס שווימט מיין שיף אין אַ ים פון פּיין
שוין עלף גיהנום־טעג.
אָה, וואַכמאַן אויפן זעגלבוים —
ווען קומט די מוטער נאַכט אַרויס
און דעקט אונדז מיט איר מאַנטל צו,
אין שטום־און־טויב און בלינדער רו,
אין קבר־קאַלטן שויס!..

— ענגליש... קיפּלינגיש... ש ל ע כ ט!

ער האָט מיט כעס אַוועקגעוואָרפן דאָס פּאַפּירל און איז אַרויפגע־פאַלן אויף טילין ווי אַ וואָלף. —

— — — — — — —

שפעט ביינאַכט האָט דזשייק בערעזע, אין זיין צימער אויף עלדרידזש סטריט, אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער, האָט אויסגעדרייט דעם גאַז און זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין בעטל מיטן פּנים אַראָפּ. ער האָט געהאַט אַ רגילות צו שלאָפן מיט אַ קישן אונטערן בויך און מיטן פּנים נידעריקער פון גוף: די פּאָזיציע האָט געשטילט אין אים עפּעס אַזעלכע נאָגנדיקע ווייטיקן וואָס האָבן שטענדיק אַרומגעבלאָנדזשעט אין זיין אינגעווייד און זי האָט אויך באַזעסן די קראַפט צו שטילן אַ ביסל דעם כעס וואָס האָט נאָכאַנאַנד געשרפעט זיין האַלדז און זיין גומען. מיט אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם קרעכץ־זיפץ פון דערלייכטערונג איז ער אַריינגעזונקען ערגעץ אין אַ תהום — און איז תיכף אַרויפגעשוואומען צוריק אויף דער אויבערפלאַך, ווייל עמיצער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָט געזאָגט:

— וואָס זשע — שוין צייט?

יענער האָט געשוויגן, און זיין שווייגן איז געווען אַן ענטפער. „דער וואָרדן”, האָט דזשייק אַ טראַכט געטון קוקנדיק אויף יענעמס מעטאַלענע קנעפּ. ביי דער אָפענער גראַטע פון דער צעל איז געשטאַנען דער וועכטער מיט די שליסלען אין האַנט, געשטאַנען, אַ שטומער מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, און זיין שווייגן איז געווען אין דעם זעלבן נוסח ווי דעם וואָרדנס. זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר, וואו עס האָט אויף אַ סטענדער געצאַנקט אַ יאָרצייט־ליכט — יאָ־יאָ, אַ שטיקל סטעאַרין־ליכט אין אַ גלאָז מיט בוימל. מ'זשאַלעוועט עלעקטריע, זשאַלעוועט מען — מ'דאַרף זי אויף עפּעס אַנדערש . . . דערנאָך איז מען פּאַמעלעך אַריינגעקומען אין אַ גרויס פּירקאַנטיק צימער אָן פענצטער, און דזשייקס אויג איז צוערשט געפאַלן אויף אַ שוואַרצן אייזערנעם שטול — „אַהאַ . . .” — וואו דער תליון האָט זיך געמיטלעך געפּאָרעט מיט עפּעס קייטלעך און קנעפּלעך, דערנאָך אויף אַ דריי־פיר מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אָן אַ זייט און האָבן געשמועסט אין דער שטיל.

— סאַקאָ־וואַנזעטי, — האָט דער וואָרדן געזאָגט צו דזשייקן, — מיר האָבן דאָ אַ פּאָר אייך אַ רעווערענד, אַ דזשואיש ראַבאַי, האָבן מיר דאָ — ער וועט עס אייך מאַכן כדת משה וישראל. —

דער ראַבאַי איז געווען אויף רעדלעך. דער וואָרדן האָט אים אַ

שטוף געטון פון הינטן און דער ראַבאַי איז אונטערגעפאָרן צו דזשייקן.

— סאַקאַ־וואַנזעטי! — האָט דער ראַבאַי געזאָגט: — בע־בע־בע־בע־בע! . .

דזשייק האָט אים אָנגעקוקט נייגעריק און שטום, ווייל וואָס זאָל ער דערויף זאָגן? . .

דער תליון האָט אַ פּאָר געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים פונם ראַבאַי, אָט אַזוי־אָ איבער די אויגן און דער נאָז, און האָט אים אָפּגעשטופּט צוריק צו דער וואַנט. דער ראַבאַי איז געבליבן שטיין אויף זיינע רעדלעך, אַ שטייפער און אַן אומבאַוועגלעכער. טשי־קאַווע! — האָט דזשייק אַ טראַכט געטון.

— סאַקאַ־וואַנזעטי! — האָט דער תליון געזאָגט צו דזשייקן מיט אַזאַ פאָרנעמער, אַריסטאָקראַטישער מינע. — סאַקאַ־וואַנזעטי, זעץ זיך אין טשער, זיי מוחל . . .

— אָך, מיט אַלע כבודן! — האָט דזשייק געענטפערט אין דעם זעלבן אַריסטאָקראַטישן טאָן און האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם הארטן, קאַלטן שטול. און דזשייק האָט זיך געוואונדערט: פון וואַנען האָט זיך עס צון אים גענומען אָט דער אַריסטאָקראַטישער טאָן? . . שוין זשע פון זיין טאַטן דעם מלמד, וואָס האָט אַזוי פיין געגריזשעט אַ געליענע ביים שכן קאָרענע שישקע, דאָרט אויף יענער זייט ים, אַזוי אַרום דאַנערשטיק אָוונט, ווען דאָס א י י ג ע נ ע ברויט האָט שוין אויסגעפּעלט? זיין גערדאַנק האָט דערווייל אַוועקגעוואַנדערט אַן אַ זייט: אָט דער שכן, למשל, ביי ווענען זיין מאַמע האָט געבאָרגט די שישקע — וואו האָט ער זי גענומען? . . איז, ט׳אַפּנים, דער חשבון אַזוי: א י י ן וואָך האָט אויסגעפּעלט ביים טאַטען — און דער שכן האָט נאָך געהאַט, און אויף דער צ ו ו י י ט ע ר וואָך —

— אוי! — האָט דזשייק זיך אַליין איבערגעשלאָגן די געדאַנקען.

— האָט קיין פּאַראיבל ניט, ר׳ תליון, אָט דער אַקסל מיינער . . . שפּאַרט זיך ניט אָן אויף אים, איך בעט אייך: ער איז ביי מיר אַ צעקלאַפּטער, איז ער ביי מיר . . .

דער תליון, וואָס האָט אים שוין געהאַט צוגעבונדן די פיס צו די פיסלעך פון אייזערנעם שטול, האָט איצט איינגעצויגן דזשייקס אָרעמס צו די אַנלענס פון דעם זעלבן שטול, און דערביי האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ האַנט אויף דזשייקס קראַנקן אַקסל.

— דער אַקסל מײַנער . . . ער טוט מיר װײ, — האָט דזשײק דעליקאַט געזאָגט. אַז זײ זענען דאָ אַלע אַזױ העפלעך!
דער תליון האָט װי ניט געהערט און װײטער געהאַלטן זײַן האַנט האַרט און שװער אױף דזשײקס אַקסל.
— ה־האָט קײן פּאַראיבל ניט . . . — האָט דזשײק נאָכאַמאָל אָנגעהױבן — און איז פּלוצים געבליבן שטום. דער תליון האָט אים געקוקט גלײַך אין די אױגן אַרײַן מיט אַזאַ מין רשעותדיקער פרײלעכ־קײט, מיט אַזאַ חיה־רעהשער הנאה, אַז דזשײק האָט פאַרשטאַנען: דאָס איז ניט קײן שפּיל אַזאַ — דאָס ברײנגט מען אים אום — דאָס װעט מען אים באַלד נעמען דאָס לעבן, פּשוט טױטן אים, הײסט עס! . .
בײַ דזשײקן איז אױסגעקומען, אַז דאָס איז אַ גװאַלטיקע עולה און אַן אוממעגלעכער אומזין: אַן אַנדערער, פּונקט אַזאַ מענטש װי ער, האָט באַשלאָסן אַז ער, דזשײק, דאַרף ניט לעבן, אַז ער האָט שױן גענוג געלעבט, אַז פון הײַנט אָן און װײטער זאָל ער שױן זײַן אַ טױ־טער. אָבער פון װאַנען װײסט ער דאָס און װי אַזױ קאָן ער דאָס באַ־װײַזן — עס האָט דאָך געקאָנט זײַן פּונקט פאַרקערט: אַז אָט דער מענטש זאָל זיצן אין טשער און דזשײק זאָל זיך פאַרען איבער אים! . .
די האָר האָבן זיך אױפגעשטעלט בײַ דזשײקן אױפן קאָפּ און דאָס בלוט האָט געגומען קילן אין זײַנע אָדערן. דער תליון האָט אים אָנגעג־טון אױפן קאָפּ אַזאַ אײַזערן מיצל און האָט שױן אָנגערירט מיט אַ פינגער אַזאַ קנעפּל אױף דער װאַנט, נאָר דאָ איז צוגעקומען אײנער פון די מענטשן מיט אַ נאָטיץ־ביכל און אַ פען אין דער האַנט און האָט געזאָגט צו דזשײקן:
— סאַקאָ־װאַנזעטי: איך בין אַ פאַרשטײער פון דער פּרעסע. דאָס פּובליקום האָט אַ רעכט אַלץ צו װיסן. סאַקאָ־װאַנזעטי! — האָט ער פײערלעך אױפגעהױבן זײַן שטים און געטײטלט אױף דזשײקן מיט דער פען: — אין דעם איצטיקן לעצטן מאָמענט פון אײער לעבן באַשװער איך אײַך אין נאָמען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, איר זאָלט זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת און נאָר דעם אמת: װעלכע קלינגלעך פלעגט איר געברױכן אין אײער גאָלמעסער: דזשי־לעט? — דזשעם? — אָדער אַן אַנדער פירמע? — ענטפערט!
— דזשי—דזשילעט . . . האָט דזשײק געענטפערט מיט ציטער־דיקע ליפּן. — נײן, דזשעם . . . נײן, איך . . . איך געדײנק ניט ! . .

„ער גערדיינקט ניט“, האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט און פאַרצייכנט עפּעס ביי זיך אין ביכל. „ער גערדיינקט ניט“, האָט דער וואָרדן געזאָגט. „ער גערדיינקט ניט“, האָט זיך אָנגערופן דאָס גאַנצע רעדל מענטשן וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון צימער. „ער גערדיינקט ניט“, האָט געזאָגט דער תליון. דער רעפּאָרטער האָט זיך אומגעדרייט אויף איין פוס מעכאַניש, ווי אַ טיר אויף אַ שאַרניר, און איז פאַרשוואונדן ערגעץ אָן אַ זייט פון דזשייקס אויג. דער תליון האָט אַנטשלאָסן אַ דריי געטון דאָס קנעפּל אויף דער וואַנט, האָט צוריק אַרויפגעלייגט זיין לינקע האַנט אויף דזשייקס צעשלאָגענעם אַקסל און האָט אים פאַרקוקט גלייך אין די אויגן אַריין — חוצפּהדיק, פריילעך און זשעדנע. דזשייק האָט אָט דעם בליק ניט געקאָנט פאַרטראָגן און האָט פאַרמאַכט די אויגן . . .

. . . קליינע, וואַרעמע שטראָמעלעך האָבן ווי אַ שווייס גענומען לויפן איבער זיין הויט. דאָס איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך. דאָס איז גאָר — המ . . . — עפּעס אַזוי ווי אָנגענעם. ניין, ס'איז ניט אַזוי: ערטערווייז בלייבן גרעסערע טראָפּנס שטיין אויף איין פלאַץ און די הויט הויבט אָן צו בייסן. איז עס שוין ניט אַזוי אָנגענעם. עס בייסט ערגעץ אין פּלייצע, עס בייסט אונטער אַ פּאַכווע, עס בייסט אים אויף דער רעכטער לענד, עס פייערן אים די אויערן ווי נאָך אַ צייט אויף אַ שטאַרקן פראָסט און עס ברענט שוין איצט די גאַנצע הויט זיינע פון אָט די בייסיקע שטראָמעלעך, און אַ ריח אַזעלכער האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן אַרום אים, אַ פּאַסקודנער ריח — ניט דווקא פון שווייס, נאָר עפּעס גאָר אַ מאָדנער ריח — פּ־פּע! אָ־דאָרטן אויף דער לענד זיצט אַ טראָפּן און עסט זיך איין אינם ווייכן פלייש און רייצט עס און שטעכט. דאַכט זיך — אַ קלייניקייט, אָבער עס לאָזט ניט אָפּ אויף קיין רגע, און עס ווערט פּשוט אומדערטרעגלעך. ווען ער זאָל נאָר קאָנען דערלאַנגען כאָטש מיט אַ פינגער אויף יענעם פלאַץ, אָדער כאָטש איבערבייטן די פּאָזיציע אויף אַן אויגנבליק! אָבער אַחוץ וואָס ער איז אַזוי פעסט צוגעבונדן צום שטול, זענען איצט אַלע זיינע גלידער ווי אָנגעגאָסן מיט — מיט הייסער סמאָלע צי וואָס, און ווי ער שטריינגט ניט אָן זיין גאַנצן גוף, גיט ער זיך ניט אַ ריר אַפילו פון אָרט. ער מוז עפּעס טון. ער וועט בעטן דעם תליון ער זאָל אים אַ קראַץ טון אויף יענעם פלאַץ, אָבער ער האָט מורא צו באַגעגענען יענעמס אכזריותדיקן

בליק — געזען אַ תליון זאָל זיין אַזאַ רוצח! דאַכט זיך, פאַרקערט — אַ תליון דאַרף זיין אַ — אַך! . . —

ער האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און אויפגעעפנט די אויגן — נישטאָ! דער תליון איז פאַרשוואונדן, דער וואָרדן איז פאַרשוואונדן, דאָס גאַנצע צימער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, און מ׳זעט גאָר־גאָרניט — ס׳איז שטאָק פינצטער! די גאַנצע הויט זיינע ברענט אַזוי ווי אין פייער, דער אַקסל ברעכט און רייסט און צופּט, און עס קלינגט נאָכאַנאַנד אין אויער — און דזשייק איז פּלוצים מיט אַ קרעכץ אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. —

ער לעבט, אַה? . . ער האָט אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער אַ שוועבעלע אויפן טיש, האָט עס אָנגעריבן און מיט ציטערדיקע פינגער אויפגעדרייט דאָס קרענטל פונם גאַז אויף דער וואַנט. אַ פלעמל איז אַרויסגעשפּרונגען פון קרענטל, האָט טראַכאָמיש־רויט אַ קוק געטון אויפן ברודיקן ליילעך פון בעט, און דאָרט איז תיכף געוואָרן אַ מהומה: אַ גאַנצע מחנה קליינע טונקל־ברוינע פלעקן האָבן פּלוצים אויפגעלעבט און גענומען לויפן אין אַ פּאַניק אין אַלע זייטן, צו אַלע ברעגן פון בעט, אונטערן קישן, צום טונקלען הינטערגרונט, אומעטום וואו מ׳האָט געקאָנט געפינען עפּעס „דעקונג" אָדער קאַמופלאַזש, ווי סאָלדאַטן אונטער אַ באָמבאַרדע. אין דזשייקן האָט די גאַנצע אימה פון זיין חלום אויגנבליקלעך אויפגעריסן אין אַ ברענענדיקן כעס, ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט און זיך גענומען יאָגן נאָך די וואַנצן, געקוועטשט און געריבן מיט רציחה און געקריצט מיט די ציינער: „איר לויפט, אַה? . . איר ווילט לעבן, אַה? . . אויף מיין בלוט — אויף מ י י ן ב ל ו ט , אַה? . ." אַ משוגענע האַלב־נאַקעטע חיה אין שמוציקן וועש, מיט רויט־אָנגעלאָפענע אויגן און צעשויבערטע האָר, איז אַרומגעקראָכן איבערן בעט אינם קראַנקן ליכט און דער פאַרשטיקטער לופט, און רויטע פלעקן זענען אַרויסגעטראָטן אויפן ליילעך איינער נאָכן צווייטן און אַ פּאַסקודנער, עקלדיקער ריח האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער לופט אַרום און אַרום. אָבער וואַנצן זענען אַלץ געלאָפן און געלאָפן אין אַלע זייטן, און עס האָט גאָרניט גענומען קיין עק צו זיי, און עס איז געווען אוממעגלעך זיי אַלעמען אויסצוראָטן. דזשייקן איז געוואָרן איבלדיק צום ברעכן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, געסטראַשעט מיט אַ פויסט

די וואַנצן און די גאַנצע וועלט און געכריפּעט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט:

— דעמ־יו! דע־עמ־יו! אַ ג־ניכפּע זאָל אויף אייך אַלעמען אָנ־קומען! —

אין דריי פערטל טאַקט

צו יענער צייט האָט מען אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע די קלאַנג־פילם „צוויי הערצען אין דריי פיערטל טאַקט".

צוערשט האָבן די אַמעריקאַנער דייטשן דערפילט זייער פּאַטריאָ־טישע פליכט צו די דייטשישע פאטערלענדער און דער דייטשער שפּראַך און אָנגעפּאַקט דאָס טעאַטער דריי מאָל טעגלעך. דערנאָך האָט גאַנץ ניו יאָרק, גאַנץ אַמעריקע, באַזוכט די טעאַטערס, און אינגיכן האָט די אינטעליגענטישע אַמעריקע געזונגען: „אאוך דו ווירסט מיך איינמאל בעטריגען — אאוך דו! . . אאוך דו ווירסט מיך איינמאל בעליגען — אאוך דו־ו . . " און אַן איבערזעטיקטע ציווילזאַציע האָט געשפּירט, געפילט אַן אייגנאַרטיקן, טערפּקען טעם און איבלדיקן ריח אין דער שיל־דערונג פון דער באַטריגערישער מענטשלעכער נאַטור — אַ הנאה, גע־מישט פון פילאָזאָפישער רעזיגנאַציע און וויטיקלעכן טראַגיזם, אַ „פליייוואַר", זאָגן מיר, פון אַ קאָמבינאַציע פון ראָקפאָר און לימבור־גער קעזן . . .

פּרייטיק ביינאַכט איז היימאַן פיש אַריבערגעגאַנגען פון זיין אַר־בעטסצימער, וואו ער איז געוויינלעך געשלאָפן אויף אַ דעווענפּאָרט־דיוואַן, צו טילין אין בעט אַריין.

די קלוגע טילי האָט מיט אַקראַבאַטישער געשיקטקייט באַלאַנסירט צווישן דעם פּאָעט מאַרגאָליסן און איר מאַן היימאַן פיש. מאַרגאָליס האָט זי געמוטשעט מיט זיינע שטימונגען, ווי אַ קאַפּריזנער פרילינג מיט קאָלט און וואַרעם, און אירע געפילן צון אים זענען געווען הייס און פיבערדיק, אַ געמיש פון פיזישער תאווה און געקריינקטער אייגנ־ליבע. אירע געפילן צו היימאַנען, ווידער, זענען געווען רואיקע און זאַטע: צוגעוואוינטקייט, זיכערקייט און אויפריכטיקער רעספּעקט פאַר אַ מאַן אַ זשענטלמאַן.

היימאַנס געשעפטן זענען געווען פאַרפּלאָנטערט און די לאַגע

זייער פאַרשפּיצט; דער קריזיס, זיין אייגענער קריזיס, איז געשטאַנען הינטער דער פּלייצע, נאָר היימאַן איז ניט געווען פון די מענטשן וואָס ברייננען זייערע דאגות צו עמיצן אַנדערש — צו טילין אודאי ניט. זיינע צעפּליקטע נערוון האָבן זיך געגויטיקט אין דער שטאַרקער משקה פון פיזישער אויפרעגונג, צוזאַמען מיטן אַראָמאַט פון ווייבער־שער ווייכקייט און אינטימקייט. די קלוגע טילי האָט פאַרשטאַנען, אַז היימאַן איז „אין טראַבל”. זי האָט זיך געטוליעט צו אים מיט היץ און צערטלעכקייט, און דער ריזיקער קערפּער פון היימאַן פיש האָט אָנגעהויבן אָפּגיין, ווי אַ בלאָק אייז אונטער די פיילן פון דער זון. אַז אַ מענטש איז געזונט, אַז די זאַפטן שפּילן אין אים, און אַז ער האָט אַ פריינט וואָס קלינגט זיך גוט אַריין אין זיין לעבן — איז נאָך ניט אַלץ פאַרלוירן. היימאַן איז געוואָרן שיכור און שטורמיש. זיין שיכרות האָט זיך איבערגעגעבן צוריק צו טילין, און זי האָט אַרויס־געפּליסטערט אין עקסטאַז, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט: „לי־יי־בער! . . מאַרגאַליסל! . .” —

אַן אייזיקער ווינט האָט אַ ריס געטון דורכן צימער. היימאַן איז פּלוצים געוואָרן געליימט, און טילין האָבן אָנגעהויבן שטעכן די האָר אין קאָפּ פון פּחד. אין אַ מינוט אַרום האָט היימאַן שווער, אומגעלומ־פּערט און העסלעך אַראָפּגעקלעטערט פון טיליס קליינעם קערפּער און, געפינענדיק מיט די פיס ביים בעט די צעפּאַרענע שטעקשיך זיינע, האָט ער אַוועקגעפּליאָסקעט צו זיך אין קאַבינעט. טילי האָט כמעט ניט געאָטעמט פון טעראָר און אַנגסט.

אינגיכן האָט זי דערהערט ווי היימאַן איז אַריינגעקומען אין באָדצימער, וואָס האָט זיך געפונען צווישן זייערעביידנס חדרים, און האָט לאַנג און שרעקלעך געבראָכן — געבראָכן מיט דער גרינער גאַל.—

אין די נאָכקומענדיקע וואָכן האָט די קלוגע טילי אָנגעהויבן צו דיינקען, אַז איר חכמה קלעקט אויפן שפּיץ מעסער, ווייל — ווייל זי פאַרשטייט ניט. היימאַן — „איר” היימאַן — ווייזט ניט מיט קיין וואָרט, ניט מיט קיין זשעסט, ניט מיט קיין טאָן, אַז יענע נאַכט איז צווישן זיי עפּעס פאָרגעקומען, ניט אַפילו אַז אַזאַ נאַכט איז ווען געווען. ער איז העפלעך ווי אַלעמאָל; ער איז אפשר נאָך העפלעכער. און ער איז אויפמערקזאַם צו דער פירונג פון הויז: ער קומט, למשל, צו די מאָלצייטן פּינקטלעך אין צייט. צו טילין איז ער גאַלאַנט, „נעמט

זי אויס״ אין טעאַטער, אין דער אָפּערע; נישמער — אויף אירע אייגע־נע „פּאַרטיס״ גייט ער ניט און צון איר אין צימער קומט ער ניט. סוף־כל־סוף — אפשר האָט ער דעמלט גאַרניט געהערט דעם נאָמען? . . אפשר איז ער אַוועק פּשוט ווייל ער האָט „ניט געקאָנט״? . .

נאָר איין מאָל האָט ער מיט עפּעס אַרויסגעוויזן וואָס טילי האָט אים געטון, און אַזוי אַרויסגעוויזן, אַז טילי האָט פֿאַרשטאַנען וואָס זי האָט אים געטון. ער האָט געבראַכט פֿון ערגעץ אַן אויקציאָן אַן אַנטיק: אַן אורינאַל, אַ זעלטן און אויסטערליש מאָדעלירט פּאַרצע־לאַיען נאַכט־טעפּל פֿון מיט הונדערטער יאָרן צוריק, וואָס געקומען איז עס פֿונם שלאָפֿצימער פֿון אַ געליבטער פֿון עפּעס אַ לודוויג, אָדער אַ הענרי, אָדער אפשר גאָר אַן עדוואַרד. ער האָט אַריינגערופֿן טילין אין שלאָפֿצימער, האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל נעבן איר בעט און האָט געזאָגט אין אַ מילדן טאָן:

— זעסט אָט דאָס־אָ? איז אויב דו ווילסט עפּעס טון — טו עס אַהער אַריין, און ניט אין אַ מענטשנס נשמה, פֿאַרשטייסט? —

דער אַלטער בוים

באַלד נאָך פּסח האָט ליזע פּיש זיך פּלוצים אויפֿגעהויבן און איז אַוועקגעפֿאָרן „מיט עמיצן״ קיין קאַליפֿאָרניע. יאַלקוט איז צו דער באַן־סטאַנציע ניט געקומען, און אַנדערע האָט זי אַליין ניט דערלאָזן זי צו באַגלייטן. אַוועקגעפֿאָרן — און מ׳האָט פֿון איר ניט געהערט.

אינגיכן נאָך דעם האָט באַרני זאַיאַנטשיק, דעם חזנס זונדל, גע־מאָלדן זיינע עלטערן, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע: ער וויל לערנען אין דער חברונער ישיבה. פּנינה זאַיאַנטשיק האָט פֿאַר־לוירן דאָס געדולד צו איר זון. — וואָס אי׳דאָס פֿאַר אַ נייע משוגעת? וואָס וויל ער, בערעלע — ווערן אַ רבֿ? נו, לערן דאָ אין אַ ישיבה, לערן אין יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר, און — ווער אַ „רעווערענד״, האָב אַ „קאָנגרעגיישאָן״ — דאָס איז אויך ניט אַזוי שלעכט, אָבער — פּאַ־לעסטינע גאָר! און צו וואָס אַזאַ פֿרומקייט — און צו וואָס אַזאַ גאָטס־פֿאַרכטיקייט — און ווי טויג עס צו אַמעריקע?

צו אַמעריקע? באַרני וויל ניט זיין אין אַמעריקע . . . באַרני וויל זיין אינם לאַנד פֿון „אייבערהעם, אייזאַק און דזשייקאָב״, אינם

„לענד אף די באַיבל“, און ער וויל די „זשעניואיין רעליזשאַן“, ניט אַט די אָ, רעוורענדישע . . . —

— דאָס האָט דער אַלטער בטלן, דער מלמד זיינער, אים פאַר־דרייט דעם קאָפּ! — האָט זיך פנינה געקאָכט.

דער ייד האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך? אדרבה, איך . . . — און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטומען הוסט, אַזאַ לאַנגן, אַז פנינה האָט זיך דערשראָקן — ער וועט דאָ בלייבן ביי איר אויף די הענט. אָבער ניין, דער אַלטער איז זיך שטיל און מיט אַ זיפצל אַרויפגעשוואומען צוריק.

— און וואָס שווייגט פיני? — האָט פנינה געוואָלט וויסן. — פאַרוואָס זאָגט ער ניט דעם זון זיינעם, אַז ער איז פאַרריקט, אַז ער האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין?

פיני האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. אודאי, צו וואָס איז נויטיק פּאַלעסטינע? ער קאָן לערנען, באַרני, דאָ אין דער ישיבה, אויב ער וויל. און, צוריקשמועסנדיק, פאַרוואָס ניט חברון?

אַ ווייך מענטשל, דער חזן פיני זאַיאַנטשיק, און איר קאָנט ביי אים פועלן אי אַזוי, אי אַנדערש.

און אַז פנינה האָט אָנגעוויזן אויף דער לעצטער מניעה: וואו וועט זי אים נעמען געלט אויף דער נסיעה און אויף לעבן אין פּאַ־לעסטינע — האָט באַרני צוגעקראָגן פאַרשטאַרקונג פון גאָר אַן אומ־געריכטער זייט: היימאַן פיש האָט געמאָלדן, אַז ער נעמט עס אויף זיך — ער וועט אויסהאַלטן באַרנין אַ פּאָר יאָר אין חברון און דערנאָך וועט מען זען. נאָכמער, ער וועט אַליין מיטפאָרן מיט באַרנין אויף עטלעכע וואָכן, ער וויל זען ארץ־ישראל, וויל ער; ער וועט זיך דאָרט אפשר איינהאַנדלען אַ שטיקל נחלה, אַ פרדס, למשל. היימאַן פיש האָט געגעבן געלט פאַרן „דזשאָינט“, האָט געגעבן פאַרן „אָרט“, האָט געגעבן אַפילו פאַרן „איקאָר“ — איז מיט וואָס איז ארץ־ישראל ער־גער? יאָ, ער וועט פאָרן כאַפּן אַ קוק אויף אונדזער לאַנד . . .

צו דער שיף זענען געקומעןביידע משפחות — די פישעס און די זאַיאַנטשיקס, און אַפילו דער מלמד. דער אַלטער זרח האָט געטענהט, אַז ער אַליין וואָלט זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, שטאַרבן, נאָר וואָס דען? — ער קלייבט זיך נאָך ניט שטאַרבן . . .

דער דאַמפער האָט זיך גערירט פון אָרט, מיט מוזיק און אַ גע־

פילדער פון „זיי געזונט" און „פאָר געזונט". אויפן פאָרדעק פון דער שיף, נעבן היימאַנס ריזיקער פיגור, איז געשטאַנען דאָס שלאַנקע פאַר־גויאישטע יינגל אין דעם ענגלישן טוויד גאַרניטור. דאָס יינגל איז געפאָרן „לערנען תורה", און עס האָט געקוקט אַרונטער צום דאָק, צום אַלטן מלמד, און דער אַלטער האָט צוריקגעקוקט, און זיינע בלאַסע טרוקענע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ שטומען „יברכך". —

אין עולם התוהו

.1

דריי אַלטע ווייבער זענען געזעסן און האָבן געשפּינט אַן אומ־ענדלעכן פאָדעם — אָבער דאָס איז געווען אַמאָל־אַמאָל! —

ביי יאַלקוטן אויפן געזימס פון קאַמין איז געשטאַנען אַ זייגער: אַ ציפּערבלאַט מיט אַ געלן מעשענעם געווערק אין אַ בלאָק פון ברוינעם גלאָז. עס האָט זיך אַנגעזען איטלעכס רעדעלע, איטלעכס ציינדעלע און איטלעכע באַוועגונג, און אַלץ איז געווען אַזוי טרויעריק נאַקעט און איינפאַך! און אָט דאָס־אָ האָט „געמאָסטן" די צייט, אויב איר ווילט — זי געשאַפן, אַרויסגעשפּינט זי פונם אייגענעם איינגעווייד ווי אַ דינעם, אומענדלעכן פאָדעם. דאָס קליינע מאַשינדל האָט פאַר־נומען דעם פּלאַץ פון די אַנטיקע „פּאַרקעס" און האָט געטון די אַרבעט בעסער פון זיי. די דריי אַלטע ווייבער — לאָזט זיך אויס — זענען געווען די נאַאיווע אויסטראַכטעניש פון אַ יונגער מענטשהייט וואָס האָט אַזוי אַרום אויסגעדריקט איר פּחד און יאוש פאַר דעם שטאָלענעם גאַנג פון דער צייט. דאָס ברוינע גלעזערנע זייגערל מיט די אַנטבלויזטע געדערים האָט פאַרווישט דעם פּחד, און האָט דעם יאוש — פאַרטיפט.

יאַלקוט גייט דורכן לעבן מיט פאַרטראַכטע און אומעטיקע אויגן. ער האָט עגמת־נפש פונם סדר־העולם, יאַלקוט; ער פילט אַ פּערזענלעכע אחריות פאַר דעם דאָזיקן סדר. צו אַלעם ערשטן געפעלט אים ניט דער מענטש מיט זיינע חפציות. דערנאָך געפעלט אים ניט „דאָס לעבן": „וואָס עס מאַכט פון אַ מענטשן", און אַזוי ווייטער. לעצטנס האָט ער זיך פאַראינטערעסירט אין דער וויסנשאַפט: לייענט אַ ביסל פיזיק, פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע, איבער רעלאַטיוויטעט, קוואַנטום־טעאָריע.

דער אוניווערז הויבט ממש אָן צו צעגיין ביי יאַלקוטן אונטער די הענט. ער האָט ערגעץ געלייענט אַז די גאַנצע מאַטעריע האַלט אין פאַרשווינדן אין אומענדלעכן רוים, מאָלט אייך, עס וועט געדויערן אַ ביסל ביז דאָס וועט געשען, אָבער וואָס איז די נפקא־מינה — פריער אָדער שפּעטער? ביי וואָס וועט ער בלייבן, ווען אויך די מאַטעריעלע וועלט וועט ניט ווערן — אָט די מאַטעריעלע וועלט וואָס דורך איר ווערן געמאָסטן צייט און רוים און וואָס זי אַליין עקזיסטירט אין צייט און אין רוים? אַ מענטש דאַרף האָבן עפּעס וואָס ער זאָל קאָנען אָנטאַפּן! די ניט־מאַ־טעריעלע וועלט האָט ער שוין אויסגעפּרובירט אין זיין האַרצן — און זי איז צעגאַנגען ווי אַ רויך.

יאַלקוט וואוינט אין אַן אַפּאַרטמענט פון „צוויי מיט אַ קיטשע־נעט"... אויסגעמעבלירט אַן אַ סטיל און אַן אַ גאַנג: אין שלאָפצימער אַ ברייט הילצערן בעט ווי פאַר אַ פּאַר־פאָלק, אין וואוין־צימער — אַן אָפיס־דעסק, אַן אַלטער דיוואַן, קוביסטישע בילדער פון זיינע באַקאַנטע פריינט מאָלער; אַ פּאָר ווייכע פאָטעלן; און אַ שיינקל אַזאַ . . .

יאַלקוט פאַרנעמט זיך מיט לעבנס־פאַרזיכערונג, כדי צו פאַרזי־כערן זיין אייגן לעבן, אָבער פילן פילט ער די אַרבעט ווי אַ מאַשין וואָלט געפילט זאַמד אין אירע געלענקען. ווען אַ מאַשין וואָלט געקאָנט פילן. עס סקריפּעט, עס סקריפּעט — די אַרבעט גייט ניט גוט. —

שפּעט ביינאַכט, כדי אַרויסצושווייכן דאָס זאַמד פון צווישן די ביינער, האָט יאַלקוט אַרויסגענומען פון יענעם שיינקל איינס פון די פלעשלעך און אַ גרויסע פלאַש „דזשינדזשער־עיל" פון אייזקאַסטן אין קיך; ער האָט צונויפגעמישט ווי מ'דאַרף צונויפמישן און האָט פאַר־זוכט — אַ פּאָר גלעזער. דערנאָך האָט ער געזאָגט אויף אַ קול: סיט דאון — זעצט זיך, הייסט עס — און האָט אָנגעוויזן אויפן וויגשטול קעגנאיבער זיך, ווייל אַליין האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אויפן דיוואַן. יענער, אָבער, האָט זיך ניט געזעצט: עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך זעצן. יאַלקוט האָט אויסגעטרונקען נאָך צוויי גלעזער וויסקי מיט דזשינדזשער־עיל איינס נאָכן צווייטן און האָט געזאָגט ענערגישער:

— סיט ד־דאון!

און ווידער האָט זיך קיינער ניט געזעצט. „אַפּנים — האָט יאַלקוט הויך רעפלעקטירט — אַפּנים, דאָסטאָיעווסקיס צייטן זענען פאַראיבער. היינט, ברידערל, אַז דו ווילסט זיך דורכריידן מיט זיך אַליין, דאַרף עס

זיין פשוט דער אַלטמאָדישער מאָנאָלאָג. לאָמיר זיך דערמאָנען: ווי האָט אויסגעזען יענער דאָרטן, ביי דאָסטאָיעווסקין — אַ זשענטלמאַן אין אַ סמאָקינג, דאַכט זיך, אין געקעסטלטע הויזן, מיט אַ צילינדער־הוט און אַ שטעקן אין האַנט, אהז? . . און ווי, אַשטייגער, וואָלט ער אויסגעזען דאָ און היינט, אין אונדזער געבענטשטער אַמעריקע? ווי אַ דערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, מסתמא, אין אַ דורבי־הוט, אין אַ טוויד־אנצוג און אַן ערראָו־קאָלנער. אַ שיינער מעפיסטאָפעל. כ׳לעבן! אָבער, צוריקגערעדט, איז דאָסטאָיעווסקיס מעפיסטאָ אין געקעסטלטע הויזן ניט וויניקער קאָמיש ווי דיין אייגענער אין אַ דורבי־הוט און אַן ערראָו־קראַגן. ביידע זענען פרימיטיווע מיטלען פון אויסדרוק, און אויב דו קאָנסט קיין בעסערס ניט אויסטראַכטן, איז רעד פשוט, ליבער מענטש — רעד צו זיך אַליין! אַפילו אַנשיכורן זיך קאָן מען היינט אָמבעסטן מיט דער שטאַרקער משקה פון טאָג־טעגלעכן לעבן, איז אָט, ברידערל, שיכור, און זאָל דיר זיין צו געזונט.

למשל: ווער און וואָס ביסטו אַליין? אַן אַלטע מיל ביים ברעג פון טייך, וואָס אירע רעדער און וואַלן דרייען זיך, נאָר קיין תבואה האָט זי ניט און קיין מעל מאָלט זי ניט. שטייט זיך אַזוי די מיל יאָר־איין יאָר־אויס, פּאַטשט מיט די לאָפּעס איבערן וואַסער, דרייט מיט די וואַלן און וואַרפט מיט די בייטלען, נאָר קיין תבואה האָט זי ניט און קיין מעל מאָלט זי ניט. די גאַנצע צייט האַלט זי אין איין פאַרפול־קאָמען איר פערזענלעכקייט, איר מיל־וועזן: זי דרייט מיט די רעדער, קריצט מיט די שטיינער און וואַרפט מיט די זיפּן — נאָר קיין תבואה האָט זי ניט און קיין מעל מאָלט זי ניט. אויב אַזוי־וי (מיט אַ גמרא־ניגון), וואָס פאַר אַ מיל איז זי און ווער דאַרף זי־י־י־י? . .

ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און לאַנג גע־שוויגן; די פאַרגעסענע פּיפּקע אין זיין לינקער האַנט האָט זיך געשטיקט מיט איר אייגענעם רויך. דאָס ברוינע זייגערל אויפן קאַמין האָט זיך געאיילט ערגעץ, שטאַרקט געאיילט: עס האָט נאָך אַזוי פיל צייט אָפּ־צומעסטן, אַזוי פיל צייט! . .

יאַלקוט האָט צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויף זיין פּיפּקע. די פּיפּקע האָט געקוקט צוריק און שוואַך געכריפּעט. יאַלקוט האָט אַ צי געטון פון איר און:

— אַט לאָמיר אָנהויבן פון דיינע אייגענע געשעפטן: ליזע. זי דאַרף דיך ניט, ליזע; זי דאַרף דיך פאַר אַ . . . אַ „פריינט", און י ע־נ ע ם דאַרף זי פאַר עפּעס אַנדערש. דאָס איז אודאי שלעכט; נאָר נאָך ערגער איז דאָס, וואָס דו — דאַרפסט זי אויך ניט . . . נאָר זיך ניט, מענטש: ליב האָבן אַ מיידל הייסט וועלן גיין מיט איר שלאָפן. דאָס איז ניט אַלץ, אָבער אָ ן דעם גייט עס ניט. און דו — גאָרניט. האָסט זי געלאָזט אַוועקפאָרן אויסלעבן זיך ערגעץ אַנדערש, און אַליין גייסטו אַרום מיט אַזאַ נאָגעניש אין האַרצן, מיט אַזאַ שיטער ווייטיקל אין האַרצן . . . פּ־פע! דאָס איז געדרויכערט און געטשאַדעט. דאָס איז עפּעס אַזוינס וואָס ס'איז גאָר ניט שיין אָנצורופן ביים אמתן נאָמען . . .

האָסטו דיר איין מאָל אַ גאַנג.

ו—ה——ש—נית: די פּרנסה דיינע.

וואָס אי'דאָס אַזוינס „לעבנס־פאַרזיכערונג"? דו רעדסט איין מענטשן, אַז זיי זאָלן אָפּשפּאָרן פון זייערע פאַרדינסטן אויף שפּעטער און די אָפּשפּאָרונגען זאָלן זיי פאַרטרויען צו אַ „קאָמפּאַני", וואָס וועט די אַלע געלטער אינוועסטירן אין אונטערנעמונגען פאַר פּראָפיט; אָדער זי וועט אַפילו דאָס אויך ניט טון: זי האָט פּשוט אויסגעחשבונט, אַז אַזוי ווי די צאָל פון אומגליקס־פאַלן, טויט־פאַלן און ענלעכע פּאַסי־רונגען מ ו ז זיין קלענער פון דער צאָל מענטשן וואָס גייען אָן נאָרמאַל מיט זייערע איינצאָלונגען, וועט זי, די קאָמפּאַני, אַלעמאָל האָבן אין אירע הענט די אָפּשפּאָרונגען פון אַ גרויסער צאָל מענטשן, און זי קאָן דערווייל אויסהאַלטן דיך און אַ סך וויכטיקערע שישקעס פון דיר מיט אַ סך גרעסערע געהאַלטן פון דיינע. איז וו אָ ס זשע אַזוינס, און פאַר ו ע מ ע ן אַזוינס טוסטו עפּעס אַ ז ו י נ ס וואָס עס קומט דיר דער־פאַר האָבן צום עסן, צום טרינקען און צום שלאָפן? . .

אמת: אַ יחיד, זאָגסטו, קאָן ניט טראָגן אויף זיך די משא פון אַ סאָציאַלער אָרדנונג. וואָס איז דען רי רבותא, זאָגסטו, מיטן אַרבעטער? פּראָדוצירט ער דען ניט קיין סחורות וואָס קיינער דאַרף זיי ניט אָדער וואָס ניט אַלע וואָס דאַרפן וועלן זיך קאָנען מיט זיי באַנוצן— זאָגסטו? מאַכט ער דען ניט קיין אַמוניציע פאַר די מלחמות וואָס זיין באַלעבאָס פירט — זאָגסטו? מיר אַלע געפינען זיך אין די לאַפּעס פון אַ רעזשים, וואָס קיין שום יחיד קאָן קעגן אים גאָרנישט ניט טון און איז פאַר אים ניט פאַראַנטוואָרטלעך — זאָגסטו.

זייער שיין. אָבער: דער אַרבעטער מוז ניט זיין יחידיש גערעכט — זיין קלאַס איז גערעכט פאַר אים. און דו, ברודערל, מוזסט טראָגן דיין גערעכטקייט אויף דיינע אייגענע אַקסלען, ווייל דיין קלאַס איז אין פאַראויס אומגערעכט — א־פרי־אָרי, ל״מ־פרוע! און דו קאָנסט זיך ניט דערשלאָגן צו גערעכט זיין סיידן דו גייסט אַרויס פון דיין קלאַס. און אַרויסגיין קאָנסטו ניט. איז וואו זשע ביסטו אין דער וועלט? . .

דריטנס — אָדער פערטנס, אָדער פיפטנס, וואו האַלט איך דען? —דיין נאַציאָנאַליזם. אין וואָס געננוי באַשטייט ער? אויף וואָס באַזירט ער זיך? בשאר בכן דו ביסט געבוירן געוואָרן פון יידישע עלטערן? אָבער דאָס איז דאָך ראַסיזם. דאָס קאָן ברענגען די גרעסטע צרות אויף דער וועלט.

און . . . יאָ יידיש פאָלק, ניט יידיש פאָלק, יאָ אַרבעטער קלאַס, ניט אַרבעטער קלאַס, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין . . . ע״ע — ווי רופט מען עס? מיט דיין „וועלטאַל״? דו, למשל, וועסט לעבן נאָך אַ צען־פופצן יאָר, נאָכדעם פ״פ־יו! איז וואָס זשע גייט דיך דאָס אַלץ אָן? סיידן דו קענסט געפינען עפּעס אַ פאַדעם וואָס זאָל זיך ציען פון פאַר דיר, פון זייער לאַנג פאַר דיר, ביז נאָך דיר, ביז זייער לאַנג נאָך דיר, עפּעס אַן אייביקייט, לכל הפחות, עפּעס אַ דויערנדיקייט, לאָמיר זאָגן — אַ דריי הונדערט טויזנט יאָר . . . אויב נישט, וואָס, פּרא אדם, מישסטו זיך אין געשעפטן וואָס קאָנען דיך ניט אָנגיין?

מאחורי הפרגוד

אין די טיפענישן פון קאפע „ראָיאַל״, ביי אַ טישל אין אַ ווינקל, וואָס איבער דעם הייננגט אַ בילד פון אַ ליגנדיקער נאַקעטער נקבה אין דער פּאָזע פון אַ איקאָנע, האָט מען געשפּילט אין פּאוקער.

די פּאַרשוינען:

אַ טעאַטער פּאַטריאָט און איבערקויפער פון טעאַטער בילעטן — אַ מענטש מיט אַ פאַר וואָסערדיקע הינערישע אייגלעך, מיט אַ דריבנער פיגור און אַ דריבנעם געלעכטערל ווי מ׳שיט אַרבעס אויף אַ טעלער. גערופן האָט מען אים וואָלף, און קיינער האָט ניט געוואוסט צי ס׳איז זיין ערשטער נאָמען אָדער דער צווייטער; דער „פּאָעט אין דעמיסיע״ — איזי פישלער, פון די פּאַראייניקטע יידישע צדקה אַנשטאַלטן — אַ

לאַנגער, אַ דאַרער, אַן אויסגעקרימטער ווי אַן איבערגעטריקנט ברעט; אַ פּאָר טונקעלע סוביעקטן, אינגאַנצן אָפּגעריבענע מטבעות, וואָס האָבן געקאָנט זיין טעאַטער סטאַטיסטן, מעקלער פון „לעבעדיקער סחורה", ווינקל־אַדוואָקאַטן, אָדער „יאַר־עדות"; און דער דיכטער יונה מאַרגאַ־ליס, אַ מענטש מיט שיכורע אויגן, מיט אַ קאָפּ געשוירן אונטער דער מאַשינקע ביז צו דער גרויער הויט, און מיט גרויסע, אומגעלומפּערט אָפּגעשטאַנענע און שטענדיק רויטע אויערן.

מ'האָט געשפּילט קליין און אַן ברען. איזי פישלער האָט פון צייט צו צייט פאַרקוקט אין זיינע קאָרטן אַריבער די ברילן און געמאַכט אַ מינע פון לאַנגווייל: ס'איז אים ניט געגאַנגען. וואָלף האָט געסטראַ־שעט און פאַרלוירן מיט אַ געלעכטערל; די פּאָר טונקעלע פאַרשוינען האָבן געהיט די ביינער און שטילינקערהייד געשלונגען די ניקעלעך. יונה מאַרגאָליס האָט, קענטיק, געטראַכט פון עפּעס אַנדערש, און איין מאָל האָט ער אַרויסגעמורמלט:

און ווייט, און לאָקנדיק איז אונדזער וועג . . .

איזי פישלער האָט אויף אים געגעבן אַ קוק איבער די ברילן און געזאָגט מיט אַ קרומער מינע:

— איז וואָס לאָזט אונדז דער תנא הערן?

יונה האָט געוויזן אַ פאַרטראַכטן און אַן אומגעריכט־קינדערשן שמייכל, וואָס אַז פישלער האָט אים דערזען, האָט ער זיך פאַרקרימט מיט אַ גרימאַסע — ער שפּילט שוין דאָס קינד . . .

— עס באַמבלט זיך מיר אַ שורה אין קאָפּ. געוועזן היינט ערגעץ ווייט אַרויס אין די בראָנקס, עק וועלט, דוכט זיך. דער וועג דאָרטן, אַרויס פון שטאָט, האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן מיט אַזאַ שוואונג, נאָר מיט עטלעכע הונדערט טריט ווייטער האָבן שוין ווידער געשטעקט הייזער. מיך האָט פּלוצים אַ צי געטון ביים האַרצן נאָך אונדזערע היימישע וועגן, נאָך אַ ווייס־גרויען שליאַך וואָס איך האָב אַמאָל געקאָנט אין פּאָלטאַווער גובערניע.

פישלער האָט שוין ווידער געקוקט אויף אים אַריבער די ברילן, מיט אַ געמישטן און קאַפּריזנעם אויסדרוק אויפן פּנים.

— מ'יאָ . . . — האָט ער געזאָגט. — דער בלומענשטויב טראָגט זיך אין דער לופט און זעצט זיך אַוועק אַמאָל אויף אַ בלום וואָס וויל אַ כלה ווערן, און אַמאָל ביי אַ היי־פיבערניק אין נאָז . . .

— הערט זיך איין, חברה! — האָט וואָלף איינגעווענדט. — איר שפּילט פּאָוקער, צי איר שרייבט פּאָעזיע?

— מיר שפּילן פּאָעזיע! — האָט פישלער געזאָגט און אַוועקגעוואָרפן די קאָרטן. — ניין, מיר שפּילט זיך היינט ניט. עס גייט מיר ניט, און אויפגעלייגט בין איך אויך ניט.

פישלער און מאַרגאָליס האָבן זיך אויפגעהויבן פון קאָרטן־טישל.

שפּעט ביינאַכט איז מאַרגאָליס געגאַנגען צום סאָבוועי און האָט געמורמלט אַ פּאָר שורות וואָס האָבן זיך ווי אַליין צונויפגעלייגט ביי אים אין מוח און, ווי אַ ניגון, געזשומעט אין די אויערן דעם גאַנצן אָוונט.

„און לאָקנדיק און ווייט איז אונדזער וועג
אין אָט די שווערע און געשמאַקע טעג . . .“

— שיינע שורות! — האָט ער נעפּלדיק געשמייכלט און זיך געריבן דעם שטערן מיט אַ פינגער אַרויף און אַראָפּ. — אָבער וואָס באַטייטן זיי?

ער האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס זיי באַטייטן, ווייל געווײנלעך איז עס ביי אים געגאַנגען אַזוי: אויב די שורות האָבן זיך צונויפגעלייגט ביי אים גוט, האָט ער מסכים געווען מיט דעם וואָס דאָרט איז געשטאַנען געשריבן — און ניט פאַרקערט . . .

— — — — — — — — —

(די שרייבערישע סטיכיע. אויסגאַנגס פּונקט. ניט אָפּלאָזן! דער וויכטיקסטער קנופּ.)

(ניט פאַרענדיקט)

דער שמעלץ-אויוון און די אָרכידייע

איר הערט אַ מעשה? מיינער אַ פריינט אַ שמעלצער — ניין, ער איז ניט קיין שמעלצער: ער האָט פשוט אָנגענומען דעם ערשטן בעסטן „דזשאָב" וואָס גיט אים צו עסן — דערציילט מיר:

— ... מילא — שוויצן מיר. אויף דער מלחמה האָבן מיר גע־שוויצט פון הוילן שרעק, פון חיהשן שרעק, וואָס וויפיל איך האָב ניט געוואָלט איינהאַלטן, האָט עס מיר געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ווער איך זיך איבערשרעקן פאַר היץ־און־שוויץ פונם שמעלץ־אויוון? ניין, ברודערל, נאָך דער מלחמה קענסטו מיך שוין ניט איבערשרעקן. — שוויץ איך. —

פאַרנאַכט, ביים אַרויסגאַנג, זאָגט מיר דער קלערק, אָנקוקנדיק מיך אַזוי, מיט איין אייגל:

— איך האָב פאַר דיר. — כ־הם — אַן אָרכידייע.

— א ... וואָס? — פרעג איך איבער.

— אָ ... כ־הם, אַן אָרכידייע! ... „סעי", וואָס אי'דאָס פאַר אַ מיידל? .. געקומען אַ מיידל, געבראַכט אַ בלום — זי זאָגט ס'איז אַן „אָרכידייע" — און בעט זיך ביי מיר אַזוי און אַזוי: „רוף אַרויס אָט יענעם אַרבעטער, איך וויל אים איבערגעבן אָט די — פ—ר—ד אָרכידייע ..." דאָס מיידל איז זייער אַ שיין מיידל. ניין, זי איז גאָרניט אַזאַ שיינע, נאָר פאַראַן אין איר עפּעס אַזוינס — הכלל, ביסט אַ מזלדיקער האָז. פאַרוואָס קומט עס דיר? זאָג איך איר: „אוממעגלעך! וואָס מיינסטו איז דיר דאָ — אַ קירך, אַ סאַנדעי סקול, אַ לייברערי?" ווערט זי אומעטיק, שווייגט אַ ביסל, דערנאָך זאָגט זי: „נו, גוט, איך וועל אַוועקגיין, און דו גיב אים איבער, ווען דער טאָג וועט פאַראיבער, אָט די ... אָרכידייע." איך האָב זי איבערגעפרעגט דעם נאָמען פון דער בלום און איינגעחזרט, אַניט וואָלט איך עס ניט געקענט איבערזאָגן. ווי די מעשה איז — נעם דיר דיין אָ ר כ י ד י י ע און גיי דיר. —

ער נעמט אַרויס אַ בלום פון אַ מילך־פלאַש אָנגעפילט מיט וואַ־סער און גיט זי מיר אַוועק.

— אָבער, — זאָג איך, — ווער איז דאָס מיידל? ווי רופט מען זי? אַן אַדרעס? אַ טעלעפאָן נומער?

דער קלערק ווערט בייז.

— וואָס דולסטו מיר אַ קאָפּ? איך האָב ניט קיין נאָמען, איך האָב ניט קיין אַדרעס. דו ווייסט שוין מסתמא זייער גוט. גיי דיר געזונטערהייד, איך האָב גענוג אַרבעט אָן דיר . . .

גיי איך אַרויס מיט דער בלום, מיט דער אַרכידייע — אין האַנט. ניין, איך ווייס ניט, אויף מיין הן שווער איך אייך, איך ווייס ניט ווער דאָס מיידל איז, איך ווייס ניט עד היום. זי איז מער ניט געקומען. זי האָט מער אויף מיר ניט געפרעגט. נאָר וואָס דען? די אַרכיידייע האָט זיך געהאַלטן אַ שטיקל צייט, געשטאַנען ביי מיר אין וואַסער, און בייטאָג, ביים שמעלץ־אויוון, האָב איך געדיינקט: אין דערהיים שטייט ביי מיר אַן אַרכידייע און וואַרט אויף מיר. איך האָב דערווייל געאַרבעט ביים שמעלץ־אויוון. און אַז מ׳פלעגט אַרויסלאָזן דעם שמעלץ אין דער זאַמדענער קאַרעטע זענען בלוילעך־ווייסע פילשפיציקע שטערן געשפּרונגען אַרויף פון דעם פליסיקן מעטאַל, אומדערטרעגלעך גע־פינקלט, און אויגנבליקלעך אַריינגעצויגן די שפּיצן אין זיך אַריין און געשטאָרבן.

◆●◆

רחל מבכה על בניה

דער כראָניקער מאָנאַך אין פּושקינס
„באָריס גאָדונאָוו" רעדט געלאַסן
און פּאַרטראַכטלעך: בלויז נאָך אַן
איינציקע, אַ לעצטע זאָגע — און
מיין כראָניק איז צו ענד. די שליחות
איז דערפילט, וואָס גאָט האָט מיר,
דעם זינדיקן, אָנפאַרטרויט.

דאָס איז מיין שוואַנען־ליד. מער
וועל איך ניט שרייבן.
און טאָמער קאָן איך זיך אַמאָל
ניט איינהאַלטן, איז — פאַרגיט מיר
די מענטשלעכע שוואַכקייט. —

די בארעצעס

1.

יואליק.

ווען יואליק איז געבוירן געוואָרן איז שוין געווען אין הויז אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען, משהל, מיט אַ קיילעכיקן קאָפּ, אַ ביסל געהויקערטע אַקסלען, מיט האָר אַריבערן שטערן, מיט ווייך־קוקנדיקע, ווייבערשע אויגן. יואליק, אַ ביסל שפּעטער, ווען ער האָט געזויגן דער מוטערס בריסט, האָט זיי געביסן מיט די אָנצייניקע יאַסלעס, האָט זיי געריסן מיט די באַנעגלטע פינגערלעך, האָט דערביי פּרעסעריש געברומט און געגאָרגלט ווי אַ טיגערל.

2.

דער פאָטער.

אַ הויכער לייביקער ייִד, מיט אַ ברוינער באָרד. אַ שווייגער, כמעט אַ שטומער. קיינער אין שטאָט ווייסט ניט ווער ער איז, גע־

דיינקט ניט פון וואַנען ער קומט. אַז ער קלאַפּט דעם אָנגעגליטן אייזן אין זיין קוזניע, פּאַלט דער האַמער מעטאַדיש, שווער, ענדגילטיק. דערביי פליען פונקען ווי קליינע שטערן, און די אויגן ביים יינגל משהל, וואָס באַאַרבעט דעם בלאָזאַק, צינדן אָן זיין טעמפּ פויעריש פּנים.

(ניט פאַרענדיקט)

— — — — — — — — — —

(נאָטיצן, פאַרצייכענונגען, מאַטעריאַל פאַר דער דערציילונג.)

די באַרעצעס, יואליק. באַגראָבן לעבעדיקערהייד. געהרגעט אַ מענטשן מיט אַ „בוריק". אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

יואליק טרינקט מיט די באַלעגאָלעס, מ׳פאַרצערט יעדערער אַ שקאָליק און מ׳פאַרבייסט מיט געבראָטענע פּופּקעס, לעבערלעך און אַ יויך מיט גריוון. סטערע די אלמנה, די אייגנטימערין פון שיינק.

יואליק שלאָגט זיך בלוטיק מיט אַ שייגעץ. ווערט מיט אים חבר. יענער און דער עלטערער ברודער ווערן זיינע אַדיוטאַנטן.

יואליקס פאָטער. שווייגער. פּלוצימדיקער ווילדער כעס. צעקריגט זיך מיט אַ קליענט און רייסט צוריק אַרונטער די פּאָדקאָוועס פון יענעמס פערד.

ווי הייסט די סטאַיקע וואו מ׳האַלט אַ פערד ביים קאָוען? (אַליין צוקלערן.)

צוויי סלופּעס צווישן וועלכע דאָס פערד ווערט צוגעבונדן. עס בריקעט זיך, און פאָטער טוט עפּעס פאַר כעס.

משה מיטן בלאָז־זאַק, יואליק מיטן בלאָז־זאַק.

מוטער, יואליק מאָזלט, האָט היץ. זי כאָוועט אים, ער לאָשטשעט זיך. אַ שוואַכער בליץ אין אַ פאַרוואָלקנטן הימל. שפּעטער, פאַרן סוף, דערמאָנט זי — זיך און אים. ווי אַזוי ער רעאַגירט.

אַ נאַכט. די מוטער, אין אָנגעגרייטע תכריכים, זיצט און זאָגט עפּעס אַ מין תפילה, ווען זי גרייט זיך צום גרויסן אַקט, צום קרבן פון איר מוטערשאַפט:

פאַרשאַלטן זאָלן זיין די לענדן וואָס פון זיי איז אַזוינס אַרויס־געקומען.

פאַרוואָס האָסטו פאַרשאָלטן מיין בלוט, אַז איך זאָל קיין תקומה ניט האָבן אויף ביידע וועלטן? ליבערשט וואָלסטו פאַרשלאָסן מיין טראַכט, אַז איך זאָל זיין ווי די מדבר פון ציַן, וואָס ציט זיך אַוועק פון קדש ברנע, וואו קיין וואַסערל שלאָגט נישט, וואו קיין גרעזל שפּראָצט נישט, וואו קיין פויגל פליט נישט. ווי צו מיר וואָס מיר איז באַשערט צו זיין דער ציל פון דיינע פיילן.

זע, גאָט, וואָס דו האָסט געטון צו מיר . . . זי האָט דיר מקריב געווען כשרע נשמות, וואָס זענען געפלויגן גלייך אין הימל אַריין, אָבער די נשמה וואָס איך בין דיר מקריב וועט גיין אין שאול תחתיה. פאַרנעם מיין קרבן, אָה גאָט! און זאָל דער ריח זיין געשמאַק אין דיינע נאָזלעכער.

זי איז אַנשוויגן געוואָרן אויף אַ לאַנגער צייט, געזעסן שטיל אין די תכריכים, געקוקט אויף די שמעלצנדיקע, צאַנקענדיקע ליכט־לעך און זיי ניט געזען. שאָטנס זענען אַרומגעלאָפן איבער די ווענט פון חדר און האָבן זיך שטום געשושקעט צווישן זיך, אין פּחד און אין צער איבער די גרוילן פון דער דאָזיקער וועלט וואָס לעבט אין מער ווי צוויי דימענסיעס.

דערנאָך איז זי אַרויסגעגאַנגען אין קיך און האָט אָפּגעקייטלט די הינטערשטע טיר און דאָס פענצטער. אירע אויגן זענען געווען טרוקן. דער קוואַל פון טרערן איז אינגאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן.

און ווען די ערשטע לאָפּעטעס ערד האָבן גענומען פליען אין גרוב אַריין, האָט אַן אומגעלומפּערטע, אַנגעדראָלענע פיגור, מיט האָר צעפלאָסן ווי ביי אַ מכשפה, אַוועקגעוואָנדערט אונטערן ווייסטן אָסיענ־דיקל הימל, איבערן וויסטן אָסיענדיקן פעלד, האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ און געהיילט ווי אַ צום טויט פאַרוואונדעטע חיה: וו־ווי איז דער מאַמען! —— ווי איז דער מאַ־מען! שטראָף מיך גאָט!

— — — — — — — — —

שמחה סמארקון. זיין כאַראַקטער, זיין טויט.

חילקע סמארקון, אַ גוטע נשמה. אַ באַריידעוודיקער, אַ באַזינ־געוודיקער. אַז אים איז געוואָרן פריילעך און וואוילמוטיק אויפן האַרצן, פלעגט ער זינגען אַ טרויעריק לידל אָדער אַ חזניש געזאַנג פון יענעם מין, וואָס הייסט ביי די פוילישע יידן „מאַראַליש”, כבקרת

רועה עדרו, אַשטייגער. „מכלכל חיים״ איז שוין געווען פאַר אים צו פעפערדיק.

— — — — — — — — —

דער באהסליווער לעגיאָן, באַלעבאַטישע זינדלעך, אינטעליגענטן. ווערן פאַרווילדעוועט ווי אַ שאַיקע באַנדיטן. שלאָגן זיך, נאָר — שאיקע מאראל.

— — — — — — — — —

עס האָט גענומען שנעל. די באַנדע איז זיך צעלאָפן ווי פּאַלאווע אין ווינט — דער אַהער און דער אַהין. . . . האָט צונויפגערופן דעם לעגיאָן און געציילט דעם היזק.

נישט פיל. ער האָט באַמערקט ווי . . . זיצט און וויינט.

— באַביצע! וואָס וויינסטו?

ער האָט געוויינט און געקלאָגט: איך האָב געהרגעט מענטשן . . . איך האָב פאַרגאָסן בלוט־וט!

ער האָט זיך פאַרסמאַרקעט, געווישט די נאָז און די אויגן מיטן אַרבל.

. . . האָט אים שטום אָנגעקוקט אַ היפשע ווײַלע, דערנאָך אַוועקגעלייגט אויף אַן אויגנבליק זיין האַנט אויף . . . . ׳ס אַקסל, זי תיכף אַראָפּגענומען און אַוועקגעלאָפן צו זיינע געשעפטן.

— — — — — — — — —

צווישן וויסטן אַסיענדיקן הימל און דער וויסטער אַסיענדיקער ערד האָט זיך געטראָגן דער מאַיעסטעטישער שאָרך פון די פליגלען פון מלאך פון טויט.

דורך דער נאַכט איז ער געזעסן און געוואָיעט ווי אַ וואָלף. צום טאָג האָט ער זיך דערשאָסן. דער לעגיאָן האָט אויף שנעל אויסגעגראָבן אַ קבר אין דער האַרטער ערד און אים פאַרשאָטן. אַ פּאָר מינוט זענען זיי שווייגנדיק געשטאַנען אַרום דעם קבר, דערנאָך האָט . . . באַפוילן: אַרויף די פערד! מאַרש! —

— — — — — — — — —

דער שמש מאַכט אַן אל מלא רחמים איבער די געפאַלענע רע־וואָלוציאָנערן. דער שעף לאַכט און הייסט אים לאָזן צורו.

— — — — — — — — —

הערשל דער שטאָט משוגענער: זיין לעבן און זיין טויט.

— — — — — — — — —

די שטאָט: איר כאַראַקטער, איר באַציאונג, אַלערליי אויבער־טענער.

— — — — — — — — —

דער לעגיאָן, די קינדער פון מתתיהו, פונם דערפל מודיעין.

ק י צ ו ר י ם

וואָרט-קלאַנג

. . . און תיכף ווי איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל פון יענער וועלט האָט דער מלאך הדומה מיך אַ כאַפּ געטון ביי די לאַצן מיט רציחה:

— רשע! מה שמך?

האָב איך מיין פּסוק פאַרגעסן און האָב אַרויסגעשטאַמלט, אַז איך בין לייוויק חיה בליומעס, וואָס איז אַרומגעלאָפן אין די אָסיענדיקע אוקראַינער נעכט איבערן טראָטואַר ביי זיין הויז אין אַ קליינעם שטעטל און האָט געחלומט חלומות, וואָס שפּעטער זענען זיי אַלע מקוים געוואָרן, נאָר אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן ווי דאָס יינגל האָט זיך פאָרגעשטעלט. האָט ער מיר ווידער ווי דערלאַנגט איבערן קאָפּ מיט:

— עסקת באמונה?

און איך האָב ווידער געענטפערט, אַ דערשלאָגענער:

— ווען איך האָב פאַרקויפט הערינג האָב איך אַ ביסל אונטער־געבלאָפט, נאָר ווען איך האָב געהאַנדלט מיטן וואָרט — ע ס ק ת י ב א מ ו נ ה . . .

ביים מלאך הדומה זענען די אויגן געוואָרן אַ ביסל ווייכער. ער איז אָפּגעטראָטן פון שוועל, מיך דורכגעלאָזט און געזאָגט:

— גיי ווייטער, גיי. מ׳עט שוין דאָרטן זען וואָס צו טון מיט דיר.

האַלט ערלעך דאָס שרייבן! עס איז אַן איידעלע מלאכה. נאָר דאַקוטשע ניט אַנדערע מענטשן מיט דער דאָזיקער תאווה דיינער.

שרייב ניט ווי אַ שכיר יום. שרייב מיט אַפּעטיט, אָדער שרייב גאָרנישט. —

דאָס וואָרט „ליטעראַטור" קלינגט מיר נישט גוט. עס מיינט „שריפטלעכקייט", נאָרביידע זענען עפּעס מעכאַניש, זשורנאַליסטיש,

לערעריש, און עס פעלט זיי דער רוח חיים. אפשר וואָלט „תורה“ געווען פּאַסיקער? דאָס לעצטע האָט אין זיך אַ — אַ הוד מלכות. און ליטעראַטור איז, סוף־כל־סוף, די מאָדערנע תורה.

בוך.

עם הספר, תנ״ך, ביבל.

האָרדעס — עשרת הדברות — אָנהויב פאָלק.

עזרא הסופרס צייטן — פּראָצעס פאַרענדיקט.

פאָדעם געצויגן ווייטער אונטערן צייכן פון רעליגיע. תפילות, סליחות, פילאָזאָפיע, ביז, צי פאַר, דעם רענעסאַנס.

אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור — אַ ווענדונג פון הימל צו דער ערד.

פריער אויך געווען שירים וועגן ליבע און וויין, שיר השירים און די וואונדער־דערציילונג רות, אָבער ליבע — צו גאָט און יין... המשומר. דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אויך רעליגיע, אָבער די מעשה שוין איבערגעזוונגען.

יאָ, עם הספר, ליטעראַטור — מאָדערנע תורה, דער דיינק־אַפּאַראַט. ווידער אונטערן באַרג סיני, קולות וברקים, טויט און חורבן אויף שמחות, די גאָלדענע פּאַווע, מיין אייגענע פּאַווע.

אַמאָליקע יאָרן האָט די יידישע ליטעראַטור זיך פאַרנומען נאָכאַנאַנד מיט באַוויינען דעם יידישן גורל, ביז דער עסק האָט זיך צורגעגעסן. ניט דערפאַר, וואָס דער יידישער גורל האָט זיך פאַרבעסערט; אָפילו ניט צוליב דעם, וואָס מ׳איז געקומען צום שכל, אַז וויינען איז ניט דער איינציקער וועג צו רעאַגירן אויף דעם דרוק פון דער אַרומיקער וועלט, נאָר דער עיקרשט צוליב דעם, וואָס מ׳האָט ענדלעך דערזען דעם איינצלנעם יידן, וואָס איז אויך פשוט אַ מענטש, אַ יחיד, וואָס האָט זיך זיין אייגן לעבן אינם רינג פונם געשלאָסענעם, פאַרשטייפטן לעבן פון יידישן פאָלק. דאָס האָט געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון דער נייער פּאָעזיע, פון דער נייער ליטעראַטור. אָט די נייע ליטעראַטור האָט פאַרלאָזט דעם „גלות השכינה“ און אָפילו די „יידישע טאָכטער“ און אָנגעהויבן צו שטיפן בנוסח: „דיר אַן עפל, מיר אַן עפל און אַ קוש אין אויער־לעפל“ (אָדער עפּעס ענלעכס). דערמיט האָט זיך עס ניט געענדיקט. הייינט צו טאָג האַלטן מיר גאַנץ ווייט אויפן

וועג פון אַלמענטשלעכער ליטעראַטור און פּאָעזיע. אַפּילו די צוריק־געקומענע „פּראָבלעמען" ווערן אויפגענומען גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער.

„מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה!" — וואונדערלעך.

אָבער דאָס איז געזאָגט געוואָרן אַן ערך צוויי טויזנט יאָר מיט אַכט מינוט און זיבעצן סעקונדן צוריק, און עס דאַרף נאָך אַלץ ווידער און ווידער געזאָגט ווערן.

אויב אַזוי? אויב אַזוי — הייסט עס דאָך, אַז דאָס זאָגן שירה איז אַן ענין! —

ס'אַן אונטערשייד צי לעבט איר פון ליטעראַטור, צי איר לעבט מיט ליטעראַטור, ווי למשל מיטן זויערשטאָף פון אייער אָטעמען.

איך האָב ליב אַפּילו רעליגיעזע מוזיק, אַז אַ מענטש זינגט, און גלויבט אין זיין זינגען, וועל איך אים הערן, וועל אים הערן גוט. נאָר אויב ער האַלט אַ גראָסערי פון געזאַנג און פּאָעזיע ————

כ'אַלטן זיי געצאָלט צען סענט אַ שורה פאַרן שווייגן — וואָלטן אפשר מענטשן געשוויגן ווען זיי האָבן נישט וואָס צו זאָגן!

האָב אפשיי פאַרן מעדיום אין וועלכן דו אַרבעטסט, פאַרן געצייג מיט וועלכן דו אָפּערירסט.

ער באַנוצט זיך מיט שפּראַך ווי מיט אַ האַק. ער איז גאָר ניט חושד אַז דאָס איז אַ פידל.

אַ קינסטלער קריגט אַמאָל אַ בויך דערפאַר וואָס גאָט איז גע־שלאָפן מיט אים און האָט אים באַפרוכפּערט. קאָנען מיר זיין ברוגז, ווייל אַ מענטש מיט אַ בויך (אַן בויך) איז פריקרע, אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן: גאָט איז געשלאָפן מיט אים!

עס איז אוממעגלעך איבערצוזעצן געשמאַק אויף דער שפּראַך פון געדאַנק. — מיר קאָנען הערן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס אַ סך

מאָל. ווי זעלטן עס זענען די ביכער, וואָס מיר קאָנען לייענען מער ווי איין מאָל! —

קינסטלער און מייסטער.

עס מוז קלאָר ווערן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל: וואָס איז אַ קינסטלער און וואָס איז אַ מייסטער?

דער ערשטער איז — פאָרשטעלונג, זעאונג, פאַנטאַזיע, כוח הדמ. דער צווייטער — איינפאַל, אויספירונג, דורכפירונג, מייסטערשאַפט, ווירטואָזיטעט — פינגער מלאכה. ערשט די קאָמבינאַציע פוןביידע איז עפּעס. מיר קענען, ליגנדיק אויף דער קאַנאַפּע און שפּייענדיק אויף דער סטעליע, זיך האָבן אַלערליי הרהורים, געגועים, רעיונות עטצ. די זאַך איז — צו ברייגנען זיי אונטער אונדזער קאָנטראָל און מאַכן זאַכן, חפצים אַזעלכע, וואָס זאָל די הרהורים עטצ., אָנכאַפּן ביים עק. מיר קאָנען אָבער אויך זיך אַריינלאָזן אין כאַפּן פליגן מיט דער גרעסטער געשיקטקייט.

מ'דאַרף ניט פאַרגעסן אַז דער שרייבער איז אי דער קאָמפּאָזיטאָר, אי דער אויספירער פון זיין ווערק. מייסטערשאַפט, ווירטואָזישקייט איז, דאַריבער, אַן אַבסאָלוט נויטיקער עלעמענט פון זיין אַרבעט.

מיר האָבן גוטע ביישפּילן אין דער לאַנגער קייט פון אַנטוויקלונג אין דער קונסט: לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי (אינטעלעקט); מיקעל אַנזשעלאָ (טעמפּעראַמענט), און בענווענוטא טשעליני — דער רינג צווישן זיי (מייסטערשאַפט און טעמפּעראַמענט).

דער קינסטלער האָט וויזיע, פאַנטאַזיע, ער קען זען זאַכן און מענטשן ווי זיי זענען אין דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט, נאָר אויך פון זיין סוביעקטיוון ווינקל, אין אומגעריכטע פּאָזיציעס, אין אַ באַלייכטונג וואָס הייבגט אָפּ פון דעם, וואָס פאַר אַ מענטש דער קינסטלער אַליין איז.

אין דער פאַרבינדונג האָט ג. בערנאַרד שאָו אַרויסגעזאָגט אַ טיפן געדאַנק: די איינציקע פאָרשטעלונגס קראַפט וואָס עס איז כדאי צו פאַרמאָגן איז דער כוח צו זען זאַכן ווי זיי זענען. דאָס איז די פילאָזאָפיע פון דער רעאַליסטישער קונסט.

געוועזן אַ ליטעראַטור וואָס האָט געמאַכט אַ מינע אַז דער מענטש גייט קיינמאָל ניט אין יענעם פלאַץ וואוהין דער קייסער גייט צופוס. ווי אַ רעאַקציע קעגן דעם, האָט דער נאַטוראַליזם געפּונען פאַר נויטיק צו לאָזן אונדז הערן די קלאַנגען און שפּירן די ריחות פונם דערמאָנטן פלאַץ. דער פּומפּעדיקל, וואָס טראָגט אויף יידיש דעם שיינעם נאָמען א ו מ ר ו , האָט דורכגעמאַכט אַ פולן שוואונג.

דער אומרו איז אָבער ניט געבליבן רוען.

די ליטעראַטור דאַרף האָבן פּלאַץ פאַר אַלץ וואָס איז דאָ אין לעבן — אין אמתן לעבן, ניט אין אויסגעטראַכטן. פון דער אַנדערער זייט — דאָס אויסגעטראַכטע לעבן וואָלט ניט געווען מעגלעך, וואָלט ניט געווען אויסגעטראַכט, ווען עס וואָלט ניט געלעבט אויף אַ וועלכן עס איז אופן. איר וועט קיינמאָל נישט וויסן פון וועלכע קאַשמאַרן די וואָכעדיקעווירקלעכקייט איז אַרויסגעקומען, ערגא — דער גאַנצער סעקרעט איז: ראָמאַנטישע צילן מיט רעאַליסטישע מיטלען.

„איך נעם די וועלט ווי איך געפין זי און מאַך פון איר וואָס איך קען”. ראָמאַנטיזם און רעאַליזם — אַ זיווג מן השמים. גוטע קונסט מוז האָבן אין זיך ביידע. די אויפגאַבע איז: שאַפן גרויסע ליטעראַטור וועגן דעם קליינעם מענטשלעכן לעבן.

דער „רעאַליסט”: ער האָט געמאַכט די אַנטדעקונג אַז דער מענטש גייט אין אָפּטריט יעדן טאָג, און ער קען שוין דעם מענטשן ניט זען אַנדערש ווי זיצנדיק אויפן שטול. פאַרוואָס מוזט איר אים נאָכגיין אין אָפּטריט? וואָס אַרט אייך ווי ער לעבט דאָרטן בחדרי חדרים? געוווּג אַז ער קריכט נישט אַרויף אויף אייך. די גראַשנדיקע פּסיכאָלאָגן־רעאַליסטן לויזן זייערע פּאַרשוינען, ווייל זיי ווייסן וואָס אין זייערע אייגענע קעפּ טוט זיך, און קיין אַנדער וועג האָבן זיי ניט צו דערקענען מענטשן ווי נאָר דורך זיך. לייענען די היעראָגליפן פון אַנדערע — דאָס קענען זיי ניט, ווייל זיי קענען בשום אופן נישט אַרויסקריכן פון זייערע איכעלעך, ווייל וואָס אויפגעבלאָזענער דער איך, אַלץ קלענער זענען זיינע אויגן פאַר אַנדערע איכן — וואָס דאָס איז גאָטס וואונדער, ווייל, על פי שכל, וואָלט עס געדאַרפט זיין פאַרקערט. — ווייל וואָס איז די חכמה פון זיין בלויז אַ חכם?

דער קינסטלער — חוזה, וויזיאָנער. די בעסטע ליטעראַטור איז אַלע מאָל ראָמאַנטיש אין אירע צוועקן און רעאַליסטיש אין אירע

מיטלען. דערמאָנט זיך אָן דעם צוויי־פּנימדיקן יאַנוס: איין פּנים — דאָן קיכאָט, דער צווייטער סאַנכאָ פּאַנטשאַ.

ראָמאַנטישע צילן, רעאַליסטישע מיטלען.

די פּאָליטיק האָט עס פאַרזוכט — און די „מיטלען" האָבן אַלע מאָל רואינירט אירע „צילן". די פאַרזוכן אין דער קונסט, ווידער, האָבן געפירט זייער אָפט צו דעם, אַז די מייסטערשאַפט, די מלאכה האָט איינגעשלונגען די קונסט. אָנהויב — נבואה סוף — כהונה. און דעמלט ווערן תפילות און פּאָליטישע לאָזונגען פאַרוואַנדלט אין אַ דאַווענען אָן כוונה, אין אַ „געזאַגעכץ", ווי נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט.

ווי קען מען שאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור פון אַ מאָזאַאיק פון קליינע מענטשעלעך?

— — — — — — — —

„איך לאָז אייך וויסן אַז דער „העלד" איז געשטאָרבן — גע־שטאָרבן דעם רומלאָזן טויט פון אַ „האמבאג" — אַ געמיש פון אַ שוטה און אַ ליגנער. אַלס פאָלגע פון זיין טויט, און גלייכצייטיק מיט אים, איז געשטאָרבן דעם ציניקערס „העלד" — דער מענטש־וואָרם, וואָס פויזעט אויף זיין בויך און אויף זיינע געשלעכטס־גלידער. עס איז געקומען צום לעבן דער מענטש פשוטו כמשמעו — דער פּלי־סיקער טרעגער פון אַלע העלדישקייטן און פון אַלע ווערימדיקייטן, די פאַרבנשפּיליקע כלי פון אַלע מעגלעכקייטן."

די צייט פון טראַגעדיעס איז פאַראיבער. אַ היינטיקער מענטש איז צו זאַכלעך פאַר טראַגעדיעס. דאָס זאָג איך אים ניט לגנאי. דער מענטש איז פּשוטער, אָפענער, דער „העלד" איז אַ פאַלשע, טעאַטראַ־לישע פיגור, און דער נביא — איך מיין, דער מענטש מיט אַ נביאישן טעמפּעראַמענט — איז פּשוט אַ נודניק. דער וויסנשאַפטלעכער אויס־קוק אויף דער וועלט האָט אונדז באַקאַנט מיטן מענטשן ווי ער איז אין דער אמתן; די קונסט — איר וועט זיך אפשר וואונדערן — האָט געטון דאָס זעלבע, און נאָך איבערצייגנדיקער. ווייל די אמתע קונסט, מיין איך, איז די, וואָס האָט זיך נישט געשטעלט קיינע דרויסנדיקע צילן אויסער דער עסטעטישער דערקענונג פון דעם לעבן און פונם מענטשן.

די נשמה פון דער וויסנשאַפט איז אַנאַליז, די נשמה פון דער

קונסט איז סינטעז. אמתע שאַפונג הויבט זיך אָן ערשט דאָן ווען אַנאַליז און סינטעז קומען זיך צוזאַמען און אַרבעטן ווי איין קאָנ־טינואירטער פּראָצעס.

דער איז ניט קיין פּאָעט, וועלכער זעט ניט קיין פּאָעזיע אין מיטן מיטוואָך.

אַ שרייבער דאַרף זען מענטשן נאַקעט, נאָר מיט איינזעעניש, כדי זיי ניט מבייש צו זיין.

אָה, נישט צוליב די שיינע אויגן וואָס ער האָט איצט, נאָר צוליב די שיינע אויגן וואָס ער קען האָבן! . .

דער אייביקער „מאי קא משמע לן”, וואָס דער חקרן שטעלט אַרויס אַנטקעגן קינסטלער.

אויף קינסטלער מיט „אידייען” קוק איך אַלע מאָל אומזיכער, מיט אַ געוויסן פאַרדאַכט.

יעדע גרויסע אָנשיקעניש אויף דער וועלט האָט געהאַט, זייט מיר מוחל, עפּעס אַן „אידייע”. פון המנ׳ען ביז היטלערן. עס מאַכט נישט אויס ווי קרום זייער אידייע איז געווען — זיי האָבן געהאַנדלט אַ קללה אויף זייערע קעפּ, אין נאָמען פון עפּעס אַ גאָט, דאָס הייסט — דעם גרעסטן פון אַלע אָפּגעטער. —

געוויס זענען אידייען מאַטעריאַל פאַרן קינסטלער, אָבער אידייען געפינען זייער אויסדרוק אין ווערטער. אידייען זענען אַן אַבסטראַקציע, ווערטער זענען אַ קאָנווענציע. אידייען ווערן מאַטעריאַל פאַרן קינסט־לער ערשט דעמלט, ווען ער קען פאַר זיי געפינען אימאַזשן. אויב ער האָט זיי, איז דער מעדיום שוין ניט אַזוי וויכטיק. אמת, דאָס וואָרט, למשל, זייענדיק אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, מוז פריער גיין צום שכל — און נאָכדעם ערשט צו דער פאַנטאַזיע. אַ כינעזער וועט תיכף דער־קענען „רויט” פון „גרין” אין פאַרב, בעת די ווערטער „רויט” און „גרין” מאַכן בלויז אָן אַ געריש ביי אים אין אויער, און ער מוז פריער ערשט דערלערנען מיין שפּראַך כדי „אנצושויען” דאָס וואָס איך זאָג.

וואָס איז דאָס, וואָס אַלע ווילן קונסט? וואָס מיינען זיי מיטן וואָרט „קונסט״? אַלע זשורנאַליסטן, פּאָליטיקער, אַפילו די קאָמוניסטן — קיינער וויל זיך ניט אָפּזאָגן פון דער בורזשואַזער טעטיקייט וואָס הייסט קונסט. אַלע מענטשן מיט אַ ריין געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן אַזש־טעמפּעראַמענט, ווילן פונדעסטוועגן אַז מ׳זאָל זייער אַרבעט אָנערקענען ניט בלויז פאַר געזעלשאַפטלעך נוצלעך, ניט חלילה פאַר פּראָפּאַגאַנדע, כאָטש זיי שעמען זיך ניט מיט פּראָפּאַגאַנדע, נאָר דווקא פאַר קונסט. פאַרוואָס זאָגן זיי זיך ניט אָפּ פון קונסט ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון רעליגיע, פאָטערלאַנד, נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, פון משפּחה אַפילו — נאָר ניט פון דער „קונסט״? טשיקאַווע ביז גאָר!

אמת, זיי ווילן די קונסט איינשפּאַנען, זי זאָל דינען זייערע צוועקן. אָבער פאַרוואָס שפּאַנען זיי ניט איין (ניט אָפּן!) די רעליגיע, אַשטייגער? די רעליגיע, טענהן זיי, איז מעיקרא דדינא רעאַקציאָנער. גוט. איז קונסט, הייסט עס, מעיקרי דדינא, אַנדערש. וואָס זשע איז דאָס, וואָס טיילט אויס די קונסט פון אַנדערע טעטיקייטן? וואָס איז מכוח דער ויסנשאַפט?

דער צוגאַנג פונם קינסטלער צום יחיד דורכן כלל, און ניט פאַרקערט, איז דאָס זעלבע וואָס די אַמאָליקע שידוכים אין די אינטערעסן פון דער דינאַסטיע, און נישט פון ליבע. קונסט־שאַפונג איז אַן אַקט פון ליבע פאַר זיך גופא, נישט מיט אויסרעכענונגען אויף עפּעס. דער שרייבער־יחיד מאַכט זיין ליד, דערציילונג, עסיי, עטצ. — לאַנג, פאַרפלאָנטערט, דורך אימפּרעסיעס, שטימונגען, געזונט־צושטאַנד, אינטערעסן. דער שרייבער־כלל לויט פאַרבאָרגענע נטיות צו קלאַסן־אינטערעסן.

זיי דאַרטן דאַרפן די קונסט ווי די גלעקלעך צו אַ טראָיקע, אין ווועלכער עס פאָרט דער „נייער מענטש מיט דער קאָקאַרדע״.

די געטער וואָלטן עס, נישקשה, געמעגט האַלטן פאַר אַ כבוד צו דינען די מענטשן, זייערע באַשעפער — און אויסלאָזן לאָזט זיך אויס. אַז זיי, די געטער, לאָזן זיך באַדינען פון די מענטשן, זייערע באַשעפער, און פאָדערן אַפילו פאַר זיך מענטשלעכע קרבנות .

זיי ווילן זיך באַשאַפן אַ „קלאַסן־סטיל". נעקסט וועלן זיי זיך באַשטעלן אַ ספּעציעלן גענעאַלאָגישן פּעריאָד.

איר קאָנט ניט האָבן קיין אַרכידייען מיט די מעטאָדן וואָס איר פּלאַנצט און דערציט קאַרטאָפל! זאָגט זיך אָפּ פון אַרכידייען, אויב און ווען איר נויטיקט זיך אין קאַרטאָפל — און דרייט ניט קיין קאַפּטער! די פראַגע איז אַ פּשוטע — איר ווילט קונסט, אָדער עפּעס אַנדערש?

מיט ווייטיק קאָנסטאַטיר איך: די נאַציאָנאַלע — און די נאַציאָנאַליסטישע — געפילן האָבן אַרויסגעבראַכט עכטע, אָפּט מאָל גרויסע קונסטווערק: טשאַיקאָווסקיס „סלאַווישער מאַרש"; פּרוגס „פּאָקאַ וודאָכנאָוועניאַ אַגאַן ניע פּראַגליאַנעט סקוואז מראַק פּאַטוסקנעווושיך אַטשעי" (ביז דאָס פייער פון באַגייסטערונג וועט נישט דורכדריגגען די פינצטערניש פון די פּאַרטונקלטע אויגן); אַפילו דער „באָזשע צאַריאַ כראַני" — אַ פלוך אויף זיין געדעכעניש — איז שטאַרק, אַ פּאַרשיכורנדיק שטאַרק ליד. פאַרוואָס קאָנען מיר ניט — מיר, די אייגענע אָדער אַדאָפּטירטע קינדער פונם אַרבעטער־קלאַס — אויסזינגען אויס־שרייען אין זיין נאָמען אַ ליד, וואָס זאָל קלינגען דורך דורות, אויך דעמלט ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט שוין ניט זיין, ווייל קיין קלאַסן וועלן איבערהויפּט ניט זיין?!

אַ פּאָעט, איבערגעגעבן צום אַרבעטער־קלאַס, דערפאַר ווייל ער איבערזעצן גרייהעם סטיפענס „קריגל מיט גאָלד" פאַר אַרבעטער — זיי זאָלן אויך הנאה האָבן פון די מ׳כלומרשט זינלאָזע ווערק פון די בורזשואַזע פּאָעטן.

אַ פּאַרזעענער וויכטיקער עלעמענט פון טאַלאַנט — עטישע באַציאונג צו דער וועלט און צו שרייבן. אַ סך פון די חברים פון דער לינקער באַוועגונג זענען קאַריעריסטן (מ׳שטיינס געזאָגט וואָס זיי קריגן דערפון אַרויס!) ווען דער בורזשואַזער ליטעראַטור איז אָפּגערעדט — זיי האָבן קיין אַנדער זאַך ניט אינזינען ווי „זיך אַרויפּאַרבעטן". עגאָמאַניע.

פּאַרטייען קומען און גייען, והליטעראַטור לעולם עומדת.

ראָמאַן און דערציילונג.

דער ראָמאַן איז אַלע מאָל געווען די שווערסטע ליטעראַרישע פאָרם.

דער לעצטער סך־הכל פון אַ קונסטווערק איז האַרמאָניע. דער גרויסער פרינציפּ — מאָס, פּראָפּאָרציע פון די טיילן, און פאַרענדיקט־קייט. איבער דעם אַלעם דאָמינירט די צענטראַלע כוונה, די זרע פונם ווערק. פילוּווערטערדיקייט, אויסגעצויגענע פּסיכאָלאָגירונג, פּראָטאָקאָל, אַלע מיטלען זיינען גוט, אַפילו דיסאָנאַנס און געפּלאָנטע טיילווייזע דיסהאַרמאָניע, אָבער אַלץ, אויב זיי זענען אונטערגעוואָרפן דעם פּרינ־ציפּ פון מאָס און פּראָפּאָרציע. מאָס — דאָס איז דער גרויסער פּרינציפּ אין דער קונסט. די מאָדערנע קונסטן רייסן זיך אַוועק פון דעם דאָזיקן כלל, און מאָדערנע ווערק זענען זעלטן האַרמאָניש און גאַנץ. די מערסטע פון זיי זענען אַן **אַרבעט**, ניט אַ ווערק.

די שוועריקייטן הייבן זיך אָן גלייך פון אָנהויב — פון דער טעמע און דעם סיוזשעט, און דערגרייכן זייער מאַקסימום ביי דער פאָרם, דאָס הייסט, ביי דער פאָרם, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער טעמע און דעם סיוזשעט.

מ׳שרייבט גרעסערע נאָוועלן און ראָמאַנען. פאַראַן דערפאַר פאַר־שיידענע סיבות, נאָר די הויפּט סיבה איז מסתמא אַ געשטייגערטער אינטערעס ביים יידישן שרייבער צו דער סאָציאַלער סביבה. עס זעט אויס אַז הינטער אָט דעם אינטערעס שטייט גיכער פערזענלעך־אַמבי־ציעזער פאַרמעסט צו שאַפן „גרויסע" ווערק איידער אמתער דראַנג צו באַנעמען ברייטער די וועלט אין וועלכער מיר לעבן. דער לעצטער וואָלט געמוזט פירן צו זוכעניש נאָך אַ נייער טעכניק און אַ נייער אַרכיטעקטאָניק. אנשטאט דעם שרייבט מען לאַנג און לאַנגווייליק, מיט פאַרעלטערטע מעטאָדן, אַנאַליטיש און באַריידעוודיק במקום שילדערונג און סינטעז, און אַן שום בוי־פּלאַן. עס באַקומען זיך „אַרבעטן", ניט ווערק. עס פעלט גאַנצקייט און האַרמאָניע פון די טיילן — דער לעצ־טער און וויכטיקסטער סך־הכל פון אַ קונסטווערק.

און וואָס די קורצע דערציילונג ווערט פאַרנאַכלעסיקט — איך האָב אינזינען אונדזערע בעסערע שרייבער — איז אַ שאָד אין צווייען. דער ווערט פון אַן אָפּגעריסענעם מאָמענט, אַ סיטואַציע אָדער אַ כאַ־

ראַקטער — דער אייגנטלעכער מאַטעריאַל פון דער קורצער דערציי־לונג — איז גאָר ניט אומאָפּהייגיק פון דער סאָציאַלער סביבה. טשעכאָוו, למשל, האָט דערפון זייער גוט געוואוסט: די סביבה זעט זיך דורך קלאָר און דייטלעך אין זיינע קורצע זאַכן. אָבער אַחוץ דעם איז די דאָזיקע פאָרם וויכטיק פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, ווייל זי איז אַ שטרייגער מאַנער און פאָדערט פונם שרייבער די געשיקטסטע טעכניק, די עקאָנאָמישסטע מיטלען פון אויסדרוק, די האַרמאָנישסטע קאָנסטרוקציע. די דערציילונג האָט אי אַ זעלבסטשטענדיקן היוכן עסטעטישן ווערט, אי זי איז אַ גוטע שול אויך פאַר גרעסערע פאַר־טראַכטונגען. בעת דער ראָמאַן איז אַלע מאָל געוווען אַ לויזע פאָרם, וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ לויזער. אין די אַנדערע ליטעראַטורן, למשל, וואו מ׳זוכט דוקא יאָ נייע פאָרמען, האָט מען זיך דערווייל דערטראַכט צו פאָרמלאָזיקייט ווי אַ מין פאָרם. פשוט, מ׳מאַכט זיך גרינגער. —

ד י ס ט אַ נ ץ.

פון מיין פענצטער זע איך אַ היפּשן טייל פון ניו יאָרק.

וואוינען וואוין איך אויפן צענטן שטאָק פון אַ הויז. אַז איך קוק אַרויס פון מיין פענצטער, זע איך: הויכע טורעמס, דעכער, ווענט, אַלערליי געאָמעטרישע פלאַכן, און — פאַרשטייט זיך — שטיקלעך וועש, מערסטנס ווייבערשע, וואָס פלאַטערן ווי פאָנען איבער די דעכער; דאָס איז אַ פּרוכט, וואָס איז אייגנטימלעך צו דער פלאָראָ פון ניו יאָרק: אין ניו יאָרק וואַקסן גאַטקעס, דזשאָמפּערס, ברוסט־האַלטערס, נאַכטהעמדער, פּידזשאַמעס, דעקעס פון בעטן, ראָזעווע אונטערקליידלעך, אַמאָל אַ פּאָר זיידענע זאָקן.

אורטיילנדיק פון די דעכער, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ניו יאָרק איז באַוואוינט פון ווייבער און קינדער — א ו י ס ש ל י ס ל ע ך, אַז קיין מענער זענען דאָרט גאָר ניטאָ. אָבער עס איז אַ טעות — אין ניו יאָרק זענען דאָ מענער. ניש־מער — זיי געפינען זיך א ו נ ט ע ר די דעכער. און פון זייערע אָפּיסעס, שעפּער און אַרבעטס־לעכער פירן זיי אָן דאָס ניו־יאָרקער לעבן.

קינסטלער קלייבן אויס די דיסטאַנץ דער עיקר צוליב דעם, וואָס פונדערווייטנס איז גרינגער צו דיסטינגירן פ אָ ר ם , וועלכע ווערט

פונדערנאָענט צעשטערט דורך אָפּווייכונגען פון דער ליניע, אָבער, נישט געקוקט אויף די קוביסטן, בלייבט די גראַדע ליניע און די פון איר באַגרענעצטע פלאַכן אַ געאָמעטרישע אַבסטראַקציע, אָן לעבן, און רופט אין אונדז ניט אַרויס קיין עסטעטישע עמאָציעס. (לעאָנאַרדאָס „געהיימער נאַכטמאל" „דר. קאליגארי")

די פאָרם וואָס ווערט געזען פונדערווייטנס איז אַ געאָמעטרישע, אַ מאַטעמאַטישע, אַן אַבסטראַקטע, וואָס ווערט כלומרשט פּאָקוסירט און קאָנקרעטיזירט (דורך עלימינאַציע) ווען זי גייט דורך די לינדז פון אונדזער אויג. די שווערסטע, און דעריבער די וויכטיקסטע, אויפגאַבע פאַר אַ קינסטלער איז: צו שאַפן פאָרם פון זאַכן, געזען פונדערנאָענט, געזען מיט אַלע דעטאַלן; דאָ ווערן זיך אַרויפצווינגען אויף אונדז נאָך מער אָפּווייכונגען פון די קאָנטורן פון פאָרם, נאָר דער אָפּקלייב ווערט געמאַכט ניט פון דעם מעכאַנישן אויג, נאָר פון דעם לעבעדיקן, איבערקלייבערישן, ציל־באַוואוסטן שכל. — מיין טעזיס:

די וואָרט־קונסט איז אַן אַל־אינקלוזיווע קונסט, מיט אַ שוואַכערן דירעקטן עפעקט אויף דעם אויפנעמער איידער די עקסקלוזיווע קונסטן האָבן.

ווען שרייבער האָבן ניט קיין אייגנאַרטיקייט אין זיך, און פילן עס, ווענדן זיי זיך צו פאַרשיידענע טעכנישע פאָרטלען.

פשטות איז געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, פשטות איז געוואָרן עקזאָטיש. אַזוי וויניק פשוט איז די געוויינלעכקייט.

די מאַניר פון שילדערן ביזאַר, דורך אויסטערלישקייטן, איז פיל מאָל אינטענסיווער ווי דירעקטע שילדערונג.

... ער פאַרפאַסט אַ ביסל, ווי עס איז דער שטייגער פון אַ מענטשן וואָס זיין פאַנטאַזיע איז שטאַרקער ווי זיין ליבע צום אמת.

אַ ווערק דאַרף זיין אָנגעלאָדן ווי אַ ביקס. אַ ביקס וואָס שיסט ניט, נאָר טראָגט אין זיך דעם שאָס ווי אַ קינד אין בויך.

דערקענט צו ווערן פון אַ צוויי־דריי שורות איז אַ קליינע מעלה. דערשפּירט צו ווערן — אפשר יאָ.

כ׳וועל אייך אָוועקגעבן צען זעק באָרשטש פאַר אַ גוטער שורה!

וואָס איז שייך סטיל, איז —
אַז מ׳דיינקט שיין, שרייבט מען שיין.

פּראָזע ווערט מוזיקאַלישער; פּאָעזיע, דיכטונג — מאלערישער.

און אַז מיר דאַרפן עס צוליב עפּעס הערן מיר די בייזע שוויגער, די גראַמאַטיקע, ווי די קאַץ. דאָס איז די, אַזוי גערופענע, פּאָעטישע צעלאָזנקייט.

די שעפער פון דער שפּראַך זענען: דאָס פאָלק — די שיכטן וואָס ווייסן ניט פון גראַמאַטיק און פון קאַנצעליאַרישער שפּראַכלעכקייט — און די שרייבער, די וואָס שטייען איבער דעם אַלעם. די אינטע־ליגענציע קאָנסערווירט, סטאַנדאַרדיזירט און באַנאַליזירט די אויפ־טוען פוןביידן.

. . . און בנוגע דעם לשון, ווערט דער געזונט־צושטאַנד פון דעם לייענער ניט גענומען אין באַטראַכט. און טאָמער פילט ער חלילה אַ חולשה, אים איז עפּעס קשה, ווערט אים רעקאָמענדירט צו ווענדן זיך תיכף צו אַ ווערטער־בוך אָדער אַ קונקורדנציה, ובזכות זה יבוא גואל צדק ונאמר אמן.

אידיאָמען זענען מערסטנס אומלאָגיש, אָבער הויך געקאָלירט. (אָט דער זאַץ גופא איז ענגליש, אָבער ניט אידיאָמאַטיש, ווייל מ׳קען אים פאַרשטיין אין יעדער שפּראַך.)

אין יענע יאָרן, ווען אַ שרייבער האָט נאָך ניט געשריבן לשם פרנסה, האָט אַ מענטש געקענט אָפּזיצן איבער זיינעם אַ ספר פינף און צוואַנציק יאָר. איצטער זענען מיר אַריבער צו אַ קאָנוועיער־סיס־

טעם, און דער שרייבער דאַרף „פּראָדוצירן״. די ליטעראַטור איז אַרויס פון רשות היחיד אין רשות הרבים אַריין. דאָס איז אַן אָביעקטיווער פּראָצעס, און צו אַזאַ פּראָצעס איז ניט שייך צו האָבן טענות; אָבער באַגייסטערט ווערן איז אויך ניטאָ פון וואָס.

אגב, איז דאָס אַ פראַגע פון טעמפּעראַמענט. שלום עליכם פלעגט שרייבן אַפילו אין טראַמווייַ. אַן אַנדער יידישער שרייבער האָט זיך פאַר מיר באַרימט אַז ער דאַרף ניט קיין שרייב־טיש — ער שרייבט אויף דער קני. און איך, זעט איר, מוז שוין האָבן אַ הכנה פון זיבן טבילות און אַ געגנדזענע פעדער.

וואָס ווילט איר, מענטשן? די פעלערן עס איך אויף אַליין, דאָס וואַסער טרינק איך אויס, אייך גיב איך דעם דיסטילירטן זאַפט פון מיין לעבן. וואָס נאָך ווילט איר?

אַ יונגער שרייבער שרייבט ווי אַ טייך פליסט: בלאָטע ־ שטיינד־לעך ־ שפענדלעך ־ אַ געפגרטע קאַץ, נאָך אַ סך ־ איבערפלוס ־ אור־קראַפט ־ קוים מענטשלעך, אַ מין פיזיאָלאָגישע פונקציעס פון דריזן ־ קיין חילוק נישט ־ זרע צי עקסקרעמענט.

אָנגעשריבן אַ לידל, מיינט ער — ער האָט אַנטדעקט אין זיך אַ „קוואַל פון פּאָעזיע״, ווי מ׳אַנטדעקט, למשל, אויל אין באָדן.

פּאָעט־פּאַבוליסט קאָכט זיך צוליב דעם וואָס אַן אַנדער שרייבער שרייבט שלעכטע פּאַבלען.

קריטיק.

זעלבסט־קריטיק, געטריבן צו ווייט, ווירקט ווי אַ אינהיביציע און איז שעדלעך. ווער ווייסט, צי צו שאַרפע קריטיק — פון אַנדערע — קאָן ניט האָבן די זעלבע ווירקונג.

דער שטן המקטרג, דער קריטיקער, לאָזט זיך אַמאָל אַריין אין

תהילות ותשבחות פאַר זיינע אויסדערווײלטע. אָבער דאָס איז גאָר־ניט — ס׳איז בלויז איינע פון די שוועריקייטן פון לעבן.

דער קריטיקער כאַראַקטעריזירט שרייבער מיט דעם וואָס זיי זענען נ י ט: זיי זענען ניט האָמער — ניט קהלת — ניט שעקספּיר — ניט פראַנסואַ ווילאָן (אָדער וויאָן) — נישט געטהע — נישט טאָל־סטאָי אָדער דאָסטאָיעװסקי. זיי זענען נישט מענדעלע — נישט שלום עליכם — נישט אברהם רייזען — נישט דוד בערגעלסאָן — נישט דוד פּינסקי — נישט לעאָן קאָברין — נישט ז. ליבין — נישט ז. לעווין — נ י ש ט.

דאָס איז בפירוש ניט — קריטיק. אַפילו יענע אַרטיקלען וואָס באַרירן געוויסע שרייבער דעקן זיך מיטן טיטל אויפן שער־בלאַט. דער ערשטער אַרטיקל איז די „פּיעס דע רעזיסטאַנס״, וואָס איז אומ־געפער דאָס, וואָס ביי אונדז יידן איז דער טשאָלענט.

עס איז אַ וואונדער, וואָס דער אומברחמנותדיקער קלוגער און אומברחמנותדיקער גערעכטער זיגמונד פרויד, וואָס האָט אויסגעגראָבן דעם מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס, האָט פאַרזען דעם „איבערווערטי־קייט קאָמפּלעקס״, וואָס איז בלויז די אַנדערע זייט פון דער מטבע, אַ שפּיל אין אָדלער און רעשעטע!

איך זאָג עס אַנטקעגן דער קריטיק, כאָ׳לט זי ניט געווען אַזוי קלוג — וואָלט זי דאָך געווען קליגער אויף אַן אמת!

ה ו מ אָ ר.

די בעסטע מתנה פון גאָט צו מענטשן איז דער הומאָר — אַפילו בעסער פון די טרערן, און הומאָר פון זעקס־און־נײַנציקער פראָבע איז דער גאַלגען־הומאָר. דער טיפסטער הומאָר איז דער הומאָר פון סיטו־אַציע, כאַראַקטער און האַנדלונג. די פעריפעריע איז — וואָרט־שפּיל און בורלעסק.

אַלע פּראָפעסיאָנעלע הומאָריסטן זענען בטבע פּלאַגיאַטאָרן, דאָס

הייסט, פשוטע גנבים (אָדער איבערזאָגער) פון פרעמדע געדאַנקען, וויצן עטצ.

די ערלעכערע גנבענען ביים „פאָלק״, דאָס הייסט, אַלגעמיין־באַקאַנטע אַנעקדאָטן פון טויט־אומבאַקאַנטע מחברים. אַזוי האָט זיך נוהג געווען שלום־עליכם, און דורך אים האָט געקראָגן אַ תיקון אַ היפּשער טייל פון יידישן פאָלקלאָר און שפּראַכלאָר פון אונדזערע צייטן. די ווייניקער ערלעכע גנבענען ביי אַנדערע באַנאָמענטע שרייבער פון אַנדערע שפּראַכן, אין דער האָפענונג אַז די לעצטע זענען דעם לייענער אומבאַקאַנט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט די און ניט יענע לעבן בלויז פון גנבה. טאַלאַנטפולע הומאָריסטן האָבן גענוג אייגנס צו זאָגן, נישט מער — זיי האָבן אַזוי ליב אַ וויץ, אַז זיי פאַרלירן דעם חוש פאַר אונטערשייד צווישן אייגנס און פרעמדס.

אונדזערע חכמים זאָגן: אַז אַ שרייבער, אויף דער עלטער, לאָזט זיך אַריין אין הומאָר, אָדער ער הויבט אָן שרייבן לידער, איז עס כאילו ער וואָלט זיך פאַרליבט אין אַ זעכצן־יאָריקער מיידל, און דאָס, זאָגן אונדזערע חכמים, איז נישט קלוג . . .

הומאָר איז מכפּר אויף אַ סך זינד. מיין אייגענער הומאָר איז ניט פון מיין אייגענער הנאה וועגן. ביי מיר איז עס גיכער אָן אויפגעהויבענע האַנט צווישן מיין קאָפּ און דעם פאַלנדיקן שטעקן.

צו די לינקע.

פאַרוואָס איך קען זיך ניט אַריינפּאַסן אין אייער סביבה? אָט פאַרוואָס:

איר ברעכט, אָן שום נויט, דעם באַגריף און געפיל „יידיש פאָלק״. אייער אייגענע קולטור פאָרמולע „סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט און נאַציאָנאַל אין דער פאָרם״ הוילט איר אויס פון יעדן תוכן. און — הינטערן טלית פון דער רעוואָלוציע באַהאַלט זיך ביי אייך אַ סך טאַלאַנטלאָזיקייט און גראַפאָמאַניע, בלויז דערפאַר וואָס זיי קאָנען שרייען

„הורא פאַר דער רעוואָלוציע!״ צום גליק איז ניט אַ ל ץ ביי אייך טאַלאַנטלאָזיקייט און גראַפאָמאַניע.

איך — מוז זיך דערשלאָגן צו אמתדיק פּראָלעטאַרישער קונסט, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אמתדיקע קונסט. און איך זע ניט קיין שום נויט און קיין שום זינען אין אָפּזאָגן זיך פון דער קולטור היסטאָרישער קאָנצעפּציע פון אַ יידישן פאָלק אין צייט און אין רוים. —

פּ ע״ ן.

ניין, מ׳עט זיך ניט צונויפריידן. ה. לייוויק רעדט וועגן דער „חשיבות״ פון דער ליטעראַטור, און מיינט די אַ נ ג ע ז ע ע נ ק י י ט פ ו ן ד י ש ר י י ב ע ר. די גאַנצע ליטעראַטור עקזיסטירט צוליב דעם, אַז די שרייבער זאָלן פאַרנעמען אַ וואַרעמען פלאַץ. הייליקייט, אויגן־גלאָצעניש, „חשיבות״ — אין די אויגן פון די ווייבער מיט די גוידערס. גלאַנצס „מענטשלעכע נאַטור״ איז אַזעלכע, אַז איך פיל זיך פּאָזיטיוו פאַר אַן אוממענטש.

אַ ליטעראַטור אָן געזעלשאַפטלעכע, און באַזונדערס, אָן קינסט־לערישע אידייען. די „משיחיסטישע״ אידייע, מישטיינס געזאָגט, דער־לייזונג, ע־טיש־קייט, מיסטיציזם א.ד.ג. — דאָס אַלץ געהערט צו דער קינדהייט פון דער מענטשהייט. אַ ליטעראַטור פון טאַלאַנטפולע קאָ־ליקעס. קיין אמתע זוכענישן שפּירט מען ניט, אין גלאַטשטיינס קאָ־זשעלקעס אודאי ניט. די „יונגע״ שלייפן די פאָרמען פון אַ ליידיקן חלל, ווי זיי וואָלטן מאַדעלירן לופט.

די אַנדערע זענען פאָרמלאָז, וואַסערדיק, מיט דאָ און דאָרט אַ גליד פון אמתן בלוט און פלייש, נאָר דער געדאַנק און די קינסטלערישע פאַנטאַזיע שלאָפן אַ טויטן שלאָף. עמיצער וואָלט באַדאַרפט אָנשרייבן אַ נייעם „תוהו ובוהו״.

שטאַרקער, קרעפטיקער סטיל איז פאַר אָט די פאַרזשאַווערטע זקנים אומאנשטענדיקייט. טאָמער האָבן מיר ניט אויף זיך קיין קאמסטאקס מיט קיין סאמנערס, זענען זיי אַליין זייערע אייגענע צענזאָרן.

די יידישע ליטעראַטור איז עפּעס אַ מין טלית שכולה תכלת, אַרויפגעוואָרפן אויף אונדז אַלעמען און זי הייליקט יעדן באַזונדער.

אין דער אמתן איז ניטאָ קיין יידישע ליטעראַטור, נאָר יידישע שרייבער, און פון זיי זענען דאָ אַזעלכע וואָס טויגן און אַזעלכע וואָס טויגן ניט, ווי מענטשן און ווי שרייבער.

מ׳דאַרף האָבן די רעכט און די מעגלעכקייט אויסצודריקן געפילן פון האָס צו אַ שרייבן וואָס געפעלט ניט. נאָר אַ לעבעדיקער און ליידנשאַפטלעכער אויסטויש פון מיינונגען קען באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון אַ פּע״ן. און דערין שטעקט מער אינערלעכער רעספּעקט פאַר אַ חבר, פאַר אַ קעגנער, פאַר אַ ליטעראַטור, ווי אין פאָרמעלער חשיבות. איך וויל ניט שאַנעווען אייערע געפילן און איך וויל זיך מיט אייך ניט ניאַנטשען.

די יידישע ליטעראַטור איז ניט קיינעמס פּריוואַטע נחלה, און מיר מעגן איינער דעם אַנדערן אָנווייזן, ווען עמיצער פון אונדז איז מקצץ ברציצים.

מיט אייערע טענות און תביעות צו דער יידישער ליטעראַטור וועט איר מיט דער צייט „אַנטוישט״ ווערן און דערפילן, אַז איר וואָלט עס געקאָנט פיל בעסער מאַכן פאַר זיך — ווען איר „געהערט צו אַן אַנדער פאָלק״.

איז — גייט אייך געזונטערהייד צו די גוים! אונדזער לעבן איז אַזוי אויך איבערפילט מיט פאַרביטערטע, פאַרזייערטע מענטשן, וואָס דאָס יידישע לעבן האָט זיי רק אָפּגענאַרט און ביי זיי אויסגענאַרט עפּעס אַזוינס. אונדזער אומגליק באַשטייט גאָר אפשר דערין וואָס די אַסימילאַציע איז ניט געווען שטאַרק אויף אַרויסצורייסן פון אונדזער פעלד די אַלע צעפוילטע און פאַרטריקנטע גראָזן, וואָס אונדזער האַרבער, זאַלצרייכער באָדן קאָן נישט דערנערן.

בעל מחשבות.

ער האָט מיר געגעבן אַ גאָב: דאָס איז אומבאַהאָלפנקייט! ניט קאָנען זיך אַן עצה געבן מיט אַ ביכל פאַר אַ רעצענזיע.

איך בין אַוועק פון אים מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, ווייל אין האַרצן האָב איך געוואוסט, אַז ער איז גערעכט, דער רשע! . .

(זיין טעות וועגן גלאַטשטיינען.)

ה. ד. נאָמבערג.

„מיט שטילע טריט". (רייזענס אַ וואָרט)

. . . און דאָס וואָס עס ווערט פאַרגעסן דער קול דממה דקה פון הירש דוד נאָמבערג איז אונדזער אייגענער פאַרלוסט.

. . . האָט ער געהוסט נישט ערגער פון מיר ווען איך בין אין מיין גאַנצן גלאַנץ . . .

. . . דאָס איז געווען אַן אמתער טויטן־טאַנץ, ווייל איך בין זיכער, אַז ער האָט געמיינט אַוועקטאַנצן דעם טויט, אים אָפּשרעקן פון זיך.

זיין כלומרשטער עגאָאיזם, זיין שעצן דעם קערפּער. זיין באַנע־מונג ביים טויט פון א. פּ. טשעכאָוו. . . . וואָס דאָס באַווייזט, אַז דער שרייבערישער אינטערנאַציאָנאַל האָט שוין עקזיסטירט לאַנג פריער פאַר דער גרינדונג פון אַלוועלטלעכן פּען קלוב. זיין באַציאונג צו מיר (פּאַלעניצע, שפּעטער — וואַרשע, אין „פריינד"), מיין באַגעגעניש מיט אים נאָך אַמעריקע; דער ניט־געשעענער קוש — מיין שולד און מיין פאַרדראָס.

נאָמבערג אין ניו יאָרק, אין 1927. (אינפאָרמירן זיך וועגן דער דאַטע). די האַרצלאָזיקייט פון קאָלעגן, פון „פאָרווערטס", פון דער „פרייהייט", בערגעלסאָנס זידלערייען „אַ חלוש, אַן „אימפּאָטענט" א.אַז.וו. מיין עגמת נפש דערפון, וואָס צוויי פון מיינע באַליבטע שרייבער הויזן אַזוי שלעכט צווישן זיך. דער פּאַטאָס פון דעם אַלעם. די ידיעה וועגן נאָמבערגס טויט. —

פאַרוואָס זאָל מען אַזאַ געזעלשאַפט שאַנעווען? גייט זי צון אַל די שוואַרצע יאָר!

האמא האמיני לופוס עסט — און מ'רעדט פון „עטישקייט".

(זיין אויסזען — אַ „איטשע מייער". איבערטריבענע חכמה אין קעסטל גאַרדן. דער אוקראַינישער קאָמענטאַר פון „טאַקיי ראזומני אזש דורניי. בעל מחשבות — וועגן די ווייניקער אנגענעמע שטריכן פון פּויליש־יידישן כאַראַקטער.)

וועגן נאָמבערגן.

שאַפּיראָ האָט דערציילט:

מיר זענען געווען, איך, נאָמבערג, נאָך אַ פּאָר שרייבער, אין

אַטוואַצק, ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה אַז טשעכאָוו איז געשטאָרבן. נאָמבערג האָט גלייך געכאַפּט די באַן, אַוועקגעלאָפן שרייבן אַן אַרטיקל. . . . איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ יתום, און געווען אין כעס אויף נאָמבערגן: אַ מענטש, טשעכאָוו איז געשטאָרבן, און ער — אַן אַרטיקל. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז נאָמבערג צוריקגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אַ זאָג געטון: טשעכאָוו איז געשטאָרבן, און . . . ער האָט זיך צעוויינט.

איך האָב אים שוין מוחל געווען זיין אַרטיקל שרייבן . . .

ווען ער איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, האָבן די באַאַמטע אין עליס איילאַנד אָנגענומען נאָמבערגן פאַר אַ . . . תם. זיין אויסזען, זיין ענטפערן אויף זייערע נאַרישע פראַגן האָט אויף זיי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ „פרידורקאוואַטן". און ער איז געווען אַ ייד אַ חכם! אַ פּיקח!

(ש.מ.)

שלום עליכם.

שלום עליכם האָט אויסגעלייזט אונדזער לשון פון געפאַנגענשאַפט. די מצווה פון פדיון שבויים! —

. . . אַ צייט, ווען אַפילו אונדזער שלום עליכם, וואָס האָט געוואוסט צו נעמען דאָס לעבן מיט אַ היפּש ביסל זאַלץ, האָט זיך צעיאכמערט אונטערן דרוק פון אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג און אַרויסגעלאָזן אַ גוואַלד־רוף צו אַמעריקע: יידן, ראַטעוועט אייער שרייבער!

י. ח. ברענער.

און איידער איך האָב זיך אומגעקוקט איז ער שוין אין מיינע אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיינעם בחור, פון אינעווייניק אַרויס. די כשרסטע נשמה וואָס איך האָב באַגעגנט צווישן יידישע שרייבער.

אברהם רייזען.

מ'זאָל זיך צוהערן צו רייזענען, זענען מיר אַ פאָלק פון לויטער ריזן, טאַקע ממש די „בני ענק", און ווען די בנות האדם וואָלטן זיך

געלאָזט אַריינשושקען אין אויער, וואָלט אונדזער ראַסע געלעבט אפשר אייביק.

א. רייזען האָט גענומען די וואַכעדיקייט און זי אַרויפגעלייגט אויף באָטן.

שלום אַש.

דער פּויפּסט איז שוין כמעט אַזוי איינפלוסרייך ווי שלום אַש: ער מישט זיך אַלע מאָל אין ענינים וואָס מ׳פרעגט נישט ביי אים און וואו מ׳הערט זיך צו אים נישט צו.

איין מאָל האָט ער מיך איינגעלאַדן אויף די צוויי טעג ראש־השנה צו זיך אין דערפל קאַסקאַדע, הינטער וואַרשע. איך בין אַהין געקומען ערב ראש־השנה פאַרנאַכט און זיך באַקענט מיט זיין פרוי, וואָס האָט גערעדט מערסטנס פּויליש און האָט געהאַלטן ביי דער ברוסט דאָס ערשטע קינד, וואָס איז איצטער נייטן אַש און אַ שרייבער אין זיין אייגענער רעכט, אין ענגליש. אָבער שלום אַש איז, ווי אַלע מאָל, געווען זייער פאַראינטערעסירט אינם פאַרשוין וואָס הייסט „שולעם אַש״, און אַזוי ווי אים האָט זיך דעמלט געדאַכט אַז ער האָט שווינדזוכט, אָדער עפּעס אַזוינס, האָט מען געמוזט גיין שלאָפן ניין אַזייגער, ביי פאַרמאַכטע פענצטער און — ניט רויכערן!

נו, אַרום דריי פאַרטאָג האָב איך עס מער ניט געקענט אויס־האַלטן, האָב איך זיך אָנגעטון אין דער פינצטער און זיך אַרויס־געגנבעט דורך אַ פענצטער. איך בין אַוועק צופוס דורכן וואַלד, אַ צוואַנציק מייל ווייטער, קיין אָטוואָצק, צו רייזענען און נאָמבערגן, וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט אין אַ דאַך־שטיבל, אין אַ ווילאַ.

איך האָב זיי געפונען זיך וואַלגערן אין צעוואָרפענע בעטן, מיט שטיקלעך ציגאַרעטן אויף דער ערד אַרום זיי, און איך האָב זיך תיכף דערפילט אין דערהיים!

פון דעמלט אָן האָט מיין פוס קיינמאָל ניט באַטראָטן די היימען פון „שולעמען״.

(דאָס איז, אין אַ געוויסן זין, רכילות וועגן אונדזערע שרייבער, אָבער ניט, חלילה, הוצאת שם רע.)

גריסן יידישע בערד. פאלאניא רעסטיטוטא. — וואו איז זי אהינגעקומען? מ׳הערט עפּעס ניט וועגן איר. נישמער — איצט איז נישט די שעת הכושר צו ריידן וועגן דעם.

דוד בערגעלסאָן.

די סואווערענע אידסעקישע ליטעראַטור זוכט אַ נייעם מלך, אנ־שטאט דעם דעטראָנירטן רייזענען. דער עסק ווערט כמעט פּאַטעטיש. מוזן זיי האָבן אַ מלך? צו וואָס איז ער נויטיק — פאַר די צוועקן פון רעפּרעזענטאַנץ און הויף־עטיקעט? —

ווי די מעשה איז — מ׳זוכט, און קיין סך פּאַסיקע פּרעטענדענטן צייגן זיך אויפן האָריזאָנט ניט. דערווייל ציען די ווינטן אין דער זייט פון בערגעלסאָנען.

אייגנטלעך, איז דוד בערגעלסאָן אַלעמאָל געווען דער לאָגישער קאַנדידאַט. ער איז מיט אַ העלפט פון זיין שרייבערשן פּנים דער די־רעקטער יורש פון שלום עליכמען — פון אונדזער אייגענער רעפּליקע פון פיליפּ דעם 10טן, אונדזער אייגענעם בירגער־ אָדער קליינבירגער־קעניג, וואָס איז געקרוינט געוואָרן — נאָך זיין טויט. ער, בערגעלסאָן, האָט זיך שאַרף און עפּנטלעך געשטעלט אין דינסט ניט בלויז פונם קאָמוניזם, נאָר אויך פון דער אידסעקציע, און האָט ניט מורד געווען אפילו איצט, ביי דער פּאַלעסטינע־אַפּערע. ער האָט אַ געדאַנק אין קאָפּ און אין דער האַנט אַ פּען, וואָס קאָן אַ געדאַנק אַרויסברייינגען און אים פאַרטיידיקן. ער איז געזעלשאַפטלעך, אַקטיוו, ענערגיש און אַמ־ביציעז. אַ שטאַרקער קאַנדידאַט. און דאָס איז ביז איצט געווען זיין חסרון: ביי דינאַסטישע איבערקערענישן, ווען די אָליגאַרכיע זוכט אַ קעניג, זוכט זי אַ שוואַכן קעניג. —

ווען מיר פּרובירן אַ קאַפּעטשקע קאַליע מאַכן בערגעלסאָנס מערכה און אפשר אָנמאַכן אַ בייז לעבן צווישן אים און די עלעקטאָרן.

בערגעלסאָן דרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אַ נייע גרעסערע זאַך: „פּענעק". אָלגין שרייבט וועגן דער זאַך, רעדט וועגן איר ברייטן פּאָרנעם און פּראָלעטאַרישן צוגאַנג — אָדער עפּעס אַזוינס. פון אונדז פּערזענלעך קאָנען מיר זאָגן, אַז דער פּאָרטרעט פון פּענעקס מוטער איז אַזאַ פּרעכטיק שטיקל אַרבעט, אַז דאָס האַרץ הייבט זיך ביי מיר פאַר פרייד און פאַרגעניגן. נאָר דאָ באַווייזט זיך אויף אונדזער היפּאָ־

קריטישן פנים אַ גיפטיק שמייכעלע און מיר רוקן אונטער די עלעקטאָרן די סוגעסטיע, אַז:

דער אָריגינאַל פונם פּאָרטרעט איז, אייגנטלעך, אַ יידישע באַלע־באַטישע פיגור; אַז בערגעלסאָן האָט די אינטימסטע באַקאַנטשאַפט דוקא מיט אַזעלכע געשטאַלטן, און אויף זיי זענען קאָנצענטרירט זיינע קינסטלערישע, ווען אַפילו ניט זיינע געזעלשאַפטלעכע, סימפּאַטיעס! אַז אויב בערגעלסאָן קלייבט זיך צו מאַכן פון פענעקן אַ פּראָלעטאַריער, וועט עס, צוליב פענעקס יחוס, זיין אַ ביסל דאָסיק.

מיר דריקן דעריבער אויס, מיט אונדזער גאַנצן רעספּעקט צו אַלע צדדים. אונדזער סקעפּטיציזם בנוגע בערגעלסאָנס פּאַסיקייט פאַרן טראָן פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

„וואָך“, 18טן אָקט., 1929.

דער טיפ מענטש וואָס אַפילו ווען ער שרייבט אַ בריוו צו אַ פריינט, שרייבט ער אים פאַר דער וועלט. ער „סאָטשיניאַיעט“, און זיין טעמע געפינט ער שטענדיק נאָר אין שפּיגל.

(ביי בערגעלסאָנען, „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט“, „אַז איך קוק זיך אַרום אויף מיין גאַנץ לעבן“ . . . וועט ער איר שרייבן.)

דוד פּינסקי. — צלו מרובה מחמתו.

פּרץ הירשביין. פרץ הירשביינס „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל“ — אַ יידישע איבערגעקערטע ווערסיע פון „ראָמעאָ און דזשוליעט“.

יוסף ראָלניק.

עס קלאַפּט נאָך אַן אַדער.

אין סאַמע מיטן פון דער צעבושעוועטער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציע האָט די ראָמאַנטישע שריפטשטעלערין זשאָרזש זאַנד אָנגעשריבן אַ דאָרפישן, אידילישן ראָמאַן.

— עס מאַכט ניט אויס, — דערקלערט זי אין דעם פאָרוואָרט. —

דוקא איצט ווילט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּוועגדן דעם בליק פונם בלו־טיקן נעפּל.

דאָס איז מיר געקומען אויפן זכרון צוליב יוסף ראָלניקס בוך „אַ פענצטער צו דרום".

שוין דער טיטול פון בוך שלאָגט אָן דעם טאָן, און איינס פון די לידער הויבט זיך אָן מיט די שורות:

די אַלטע הויז אין זשוכאָוויץ
איז לאַנג שוין חרוב און פאַרוויסט
— — — — — —
די אַלטע זענען אַוועק מיט די יאָרן,
און די יונגע זענען זיך צעפאָרן.
איך האָב דעם ישוב גוט געקענט
און וויל אויפשטעלן צוריק זײַנע ווענט.

דאָס איז, הייסט עס, נישט קיין אויסגעטרוימטע אידיליע, דאָס זענען „אויסגעשטעלטע ווענט", דאָס לעבן ממש, וואָכעדיק־יום־טוב־דיק, און עס האָט אַ טעם, דעם טעם פון לעבן. די מענטשן וואָס האָבן געלעבט צווישן די ווענט האָבן מסתמא ניט געפילט אידיליש. אָבער ביי ראָלניקן קומט עס פאַרט אַרויס אי אָט פונקט ווי עס האָט פּאַ־סירט, אי עס הייגט איבער דעם אַ דינער ראַזיק, בלווילעכער נעפּל פון אידיליע. מענטשן, הויז־חיות, לאַנדשאַפט און געמיט, דער אַמאָ־ליקער שטייגער לעבן אין זײַן גאַנצער פּראַסטקייט און טיפקייט. ווי אַזוי דערגרייכט ער דאָס? ס׳איז אַ כישוף רחמנא ליצלן!

ראָלניק — שאַפּען. (הערט ווי איך בין שטיל.) דאָס איז אַ ביסל פּריקרע, אָבער אפּאַרט פון דעם — עכטע פּאָעזיע. דאָס טאָג־טעגלעכע באַקומט אָן אַראָמאַט, אַ טעם און עפּעס אַ פאַרהוילענעם זינען. (עס פאַרדריסט מיך וואָס איך מוז זיך באַנוצן מיטן פיל געפּרוּאווטן „עפּעס".) ער באַשרייבט אַ לעבן וואָס איז אַוועק און וועט זיך קיינ־מאָל ניט אומקערן, נאָר אַזוי כאַפּן דעם אָטעם פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט האָב איך נאָך ביי קיינעם ניט געזען. ער באַשרייבט דאָרט זאַכן וואָס זענען אונדז אַלעמען באַקאַנט, כמעט פאָטאָגראַפיש, וואָס מיר אַלע האָבן אויף זיי געגאַפּיעט, נאָר — זיי ניט געזען!

דאָס וואָרט „פאָטאָגראַפיש" פירט מיך אַוועק אויף אַן עקסקורסיע אַן אַ זייט, וואָס איך האַלט זי פאַר וויכטיק. —

מ'האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע, ניט נאָר ביי אונדז, צו געברויכן די באַצייכענונג „פאָטאָגראַפיע" ווי אַ מין מעכאַניק, ווי אַ קעגנזאַץ צו קונסט. דאָס איז אַ גראָבע מיספאַרשטייעניש. פאָטאָגראַפיע מיינט „ליכט־שרייבונג". דאָס איז מיט קיין זאַך ניט אַנדערש ווי אַ צוזאַמענמישונג פון ערדן, ווי פאַרב. (?) קורץ, דאָס איז אַ מעדיום, דורכן וועלכן מענטשן קאָנען עפּעס אַרויסברייגגען, אויב זיי האָבן וואָס אַרויסצוברייגגען. זיי קאָנען שטעלן זייער אָביעקט אונטער באַלייכטונג פון פאַרשיידענע ווינקלען, זיי קאָנען זיי נאָכדעם „אַנטוויקלען" אין פאַרשיידענע טיפקייטן פון טאָן, לויט די באַדערפעניש.

עס דערמאָנט זיך א. שטיגליץ פון ניו יאָרק, וועלכער האָט זיך אויסגעריסן די קישקעס אייגנטעהנדיק מיט מענטשן וועגן פאָטאָגראַפיע אַלס מעדיום פאַר קונסט. עס איז געקומען דערצו אַז די ביטולדיקע באַצייכענונג „פאָטאָגראַפיע" האָט אָנגעהויבן פאַרלעצן מיינע געפילן ווי די ווערטער „זשיד" אָדער „גוי".

ראַלניקס פראַסטקייט, ווי זיין שטילקייט, איז אַ בכיוונדיקע און צייטנווייז עפּעס אַזוי ווי אונדז אַלעמען אויף צו להכעיס — הערט ווי איך שווייג. איז, אויב איר קענט פאַרשליסן אייער ראַדיאָ פאַר אַ געוויסער צייט, טוט עס — און הערט אויס ראַלניקן.

ראַלניק — געשמאַק און זעטיק ווי קאָרן־ברויט. גלאַטשטיין, זעט איר, — דאָס איז שוין קאַוויאַר מיט ציבעלעס, באַטעמט און פיקאַנט, אַ נאַשעריי איז עס, נאָר לעבן אויף דעם איז שווערלעך.

יעקב גלאַטשטיין.

(לאַמעד שאַפּיראָ צו יעקב גלאַטשטיינען — שלום!)

מ'זאָגט, יאַקאַבי, אַז איר קומט צו אונדז צו־גאַסט. איז שלום עליכם, ברודער גלאַטשטיין! מ'זאָגט אויך, אַז איר זענט דערלאָפן ביז אייערע ערשטע פופציק יאָר. איז עס אודאי זייער שיין פון אייער זייט, נאָר בתנאי אַז איר זאָלט זיך אומקערן צוריק און אָנהויבן אייערע צווייטע פופציק יאָר. דערנאָכדעם וועלן מיר זען. —

מיר ווילט זיך דאָ ריידן וועגן מיין קריגן זיך און מיין ליובען זיך

מיט גלאַטשטיינען, אָבער טעכנישע באַדינגונגען (דאָס איז געשריבן געוואָרן פאַר אַ באַגריסונגס־אויסגאַבע לכבוד גלאַטשטיינס קומען קיין לאָס אַנזשעלעס. ש.מ.) פאַרלאַנגען אַ קיצור נמרץ, בשעת דאָס איז אַ לאַנגע מעשה. זי הויבט זיך אָן נאָך פון זיין „קרעדאָס" און ציט זיך ביז אויף היינטיקן טאָג מיט זיינע באַטעמטע קריטישע עסייען אין „יידישער קעמפּער". מיר געדיינקט זיך, אַז איך האָב אין די „קרעדאָס" געפונען זאַכן וואָס זענען מיר געווען ניט צום הארצן. איך האָב אָבער ניט געקענט פאַרבייגיין זיין טאָוול אין בראָנז „שיני מאַיק" און זיין „סאַקאָ און וואַנזעטיס מאַנטיק". שפּעטער האָבן מיר זיך געקריגט איבער זיינע עקספּערימענטאַציעס אין יידיש אַלאַ דזשאָיס, און איך האָב געטענהט אַז גוטע פּראָזע און פּאָעזיע דערנעענטערן זיך איינע צו דער אַנדערער, און יעקב גלאַטשטיין האָט געקרימט מיט דער נאָז. ווייטער וועל איך מיר דערלויבן צו ציטירן זיך אַליין:

„מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער איז געקומען דער זעלבער תנא — יעקב גלאַטשטיין — און האָט געפּסקנט אַז די הלכה איז אַזוי ווי איך . . ."

(די ווייטערע ציטאַטן קען דער לייענער געפינען אויף זייט 83-82 אין שאַפּיראָס בוך „דער שרייבער גייט אין חדר". ש.מ.)

עס דערמאָנט זיך מיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיינע אַ שורה פון אַמאָל: „גאָט איז טרויעריק און אַלט".

אַ טראַגעדיקע שורה.

גלאַטשטיינס געשטאַלטן — סינטעטישע. אָבער אין תוך, ביז צו אַ געוויסן גראַד, זענען אַלע געשטאַלטן אין דער בעלעטריסטיק סינטעטיש.

משה נאַדיר.

משה נאַדיר האָט זיך שוין ווידער באַחכמהט! האָט ער מיט כעס געזאָגט, אַ ביי ווערטעלע אַרויסגעלאָזט — „צער וואַקכאַנאַליע". דאָס אַמעריקאַנער יידיש פאָלק, הייסט עס, פאַרכלינעט זיך מיט צער און האָט הנאה דערפון.

דאָס ערגסטע איז, וואָס דערין איז פאַראַן אַ טייל אמת . . . נאָר

ער — דעם טאַטן און די מאַמע וואָלט ער פאַרקויפט פאַר אַ גלייכ־ווערטל, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין! . . .

מיין באַשיידענע פראַגע איז: וואו איז משה נאַדיר געווען אין 1929, בעת די פאַגראַמען, אָדער בעתן „אויפשטאַנד", אין פּאַלעסטי־נע? פאַרוואָס איז ער גראַד דעמלט, נאָך אַ פייל־און־בויגן שאָס פון פיקסקיל צו דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט", אַריינגעטראָטן אין דער צייטונג? פאַרוואָס האָט ער אַזוי — אהמ — ניט שיין פאַר־ראַטן און פאַרלאָזן זיין חבר און פריינט משה לייבן, וועלכער האָט טאַקע צוליב אים איבערגעריסן מיט דער לינקער באַוועגונג? און וואָס אַזוינס אומגעריכטס האָט פאַסירט איצט, וואָס ער האָט פלוצלונג גענומען זיך שלאָגן על חטא „מיט די שטאָלצע הענט אויף דער פוסטער ברוסט" (לערמאָנטאָוו)? און צו וואָס האָט ער זיך מטריח געווען אַזוי פיל זינדיקן, אַז ער זאָל דאַרפן נאָכדעם אַזוי פיל תשובה טון? —

איך וועל באַנוצן דעם לאַנצעט. מיינער אַ פריינט אַ ציין־דאָקטאָר דערציילט מיר:

„די חולאים בייסן מיר אַמאָל די פינגער, אָבער וואָס קען איך טון? דאָס איז מיין דזשאָב. איך מוז אויסגעפינען די פוילע ציין!" —

משה נאַדיר האָט געזונגען:

אַן אַלטן בוים האָט אַ בליץ צעשפּאָלטן.
איך האָב געטון אַ וויין, אַ לאַך . . .
אַך ניין, ניט אַזוי.
עס האָט אַ בליץ דעם אַלטן בוים צעשפּאָלטן.
איך האָב געטון אַ כליפּ, אַ לאַך, און —
דער ריטם, דער מעטער, דער גראַם.

ב. ריווקין.

ב. ריווקין האָט אַ טבע אַז ער נעמט אַ געזונטן געדאַנק, אַמאָל אַפילו אַ טיפן, און מאַכט אַן אַרום אים אַזאַ געדיכטן רויך פון ווער־טער, אַז מ'הערט אים אויף זען.

קאַדיע.

פאַראַן ביי אונדז אַ גאַסט אין ניו יאָרק — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. דער נאָמען איז אַ לאַנגער און ער קלינגט נישט גוט אין אונדזערע אויערן. מיר׳ן זי רופן, בעסער, קאַדיע.

איז אָט די קאַדיע אַן עכטער פּאָעט, אַ פּאָעט פון היינט, פון אונדזער יידישן היינט, נאָר מיט אַ שפּריצל פון — ניעקראַסאָוון!

אָנגעהויבן האָט זי אין וואַרשע און האָט עס אויסגעהאַלטן! איצט דאַרף זי זיך טובל זיין אין די כשרע מקוהדיקע, הייליקע וואַסערן פון ניו יאָרק. אויב זי וועט אויך ד אָ ס אויסהאַלטן — וועלן מיר האָבן אַ וויכטיקן פּאָעט. אַניט — קאָנען מיר נאָך, חס ושלום, באַקומען נאָך אַ הייליקן. —

די קנייטשעלעך אַרום אייערע אויגן — דאָס זענען ניט קיין קנייטשעלעך פון וואַרשעווער חכמה, דאָס זענען קנייטשעלעך פון כיטרען היטן אייערע פּרוטהדיקע אינטערעסן.

וואַרשע — דער טייוול זאָל זי נעמען! ניו יאָרק — דער גיהנום זאָל אים ברענען!

יצחק באשעוויס.

. . . איר האָט מיר אַ פּאָר מאָל צוגעזאָגט צו ברייגנען אייער „שטן אין גאריי״, נאָר איר האָט ניט מקיים געווען אייער צוזאָג. האָב איך אויסגעזוכט אייער בוך אין דער היגער ביבליאָטעק און דורכגעלייענט. ס׳אַ וואַזשנע בוך! איך האָב אַזוי ליב גוטע ביכער, אַז אַפילו שיינע ווייבער האָב איך ניט אַזוי ליב.

דאָס קאָשמאַרנע שרייבעכץ פון יצחק באשעוויס איז ווי יונגער, ניט אויסגעשטאַנענער, מיט סמ׳ען אָנגעפילטער שנאַפּס.

פּרץ מאַרקיש.

די פערדישע זעלבסטצופרידנקייט פון אַ יונגן לאָשעק, וואָס מיינט אַז ער וועט אייביק זיין אַ יונגער לאָשעק און קיינמאָל ניט ווערן אַן אַלטער פערד, און לאַכט דערפאַר פון זקנות.

מלך ראַוויטש (פון אַ בריוו? ש.מ)

עס וואונדערט מיך ניט וואָס איר זענט נאָך פון מאָנטרעאָל ניט אַנטלאָפן. אייער יידישע ביבליאָטעק איז איינע פון די ליבסטע איני־סטיטוציעס אין אונדזער יידישער אַמעריקע. זי איז עפּעס אַ מין מי־ניאַטור פון דער גרויסער ניו יאָרקער „ייוואָ" ביבליאָטעק, מיט אַ צוגאָב פון דער געמיטלעכקייט און ענגערער היימלעכקייט פון קלענערע פאַר־מעסטן. אַז מ׳זאָל נאָך צוגעבן די געוויכערטע גאַנדז, וואָס מ׳קריגט ביי אייך אין אַ דעליקאַטעסן סטאָר אויף סט. לאורענס און אַ שקאַליק קאנאדער בראנפן, ווערט מאָנטרעאָל שוין טאַקע אַן עיר ואם בישראל.

זעט איר, דער ברענענדיקער צלם קעגנאיבער אויפן באַרג געפעלט מיר שוין דוקא נ י ט. איך האָב אַפילו געפּרואווט עפּעס אָנשרייבן, אונטערן קעפּל „ליכט איז פינצטערניש", נאָר איך האָב זיך באַצייטנס געכאַפּט אַז עס הויבט אָן שמעקן מיט פאַרשטעלטער פּראָקלאַמאַציע, אויף וואָס איך בין אַ קנאַפּער בריה, האָב איך עס אַוועקגעוואָרפן.

(דאָס וואָרט „אַוועקגעוואָרפן" מיינט ניט טאַקע אַוועקגעוואָרפן. איך האָב דעם פראַגמענט געפונען צווישן די כתבים און ער גייט אַריין אין דעם צווייטן טייל פון די „קיצורים". ש.מ.)

איציק מאַנגער: „חומש־לידער".

דאָס איז אַ וואונדערלעך ביכל. פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, אַז עס איז 1935: היטלער־מוסאָליני־יאַפּאַן — די העסלעכע מאַסקע פון פאַשיזם אויף דער לבנה און אויף דער זון, און — דער עיקר — א ו י ף ד ע ר ע ר ד.

די גאַנצע יידישע פאַרגאַנגענהייט פון העט־העט ביז אָט־דאָ־גאָרניט־לאַנג וואָס איז כמעט א י צ ט — איז אַרײַנגעקוועטשט גע־וואָרן אין אַ קליין ביכעלע, איבערגעמישט געוואָרן אויף אַ שטיפערישן אופן, און אַרויסגעקומען איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז זייער געשמאַק פאַרן גומען און גרינג פאַרן מאָגן — און פאַרן מאַרך.

עס איז אוממעגלעך איבערצוגעבן דעם חן, וואָס שפּילט איבער דעם דאָזיקן ביכעלע. דאָס איינציקע מיטל צו קריגן דעם טעם דערפון, איז צו לייענען עס. איז — ל י י ע נ ט ע ס ! —

איך גלויב, אַז נאָר ביי יידן און נאָר אין יידיש האָט גע־קאָנט געשאַפן ווערן אַזאַ מין ווערקל. אַפילו אין העבעראיש וועט זיין אוממעגלעך דאָס איבערצוזעצן — פון אַנדערע שפּראַכן שוין אָפּגערעדט.

פאַרוואָס אין יידיש יאָ און אין העבעראיש ניט? — ווייל אויפן קאָפּ פון יידיש זיצט ניט די שווערע, האַרטע און שפּיציקע קרוין פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אַזוי ווייט, אַז מ׳קאָן זאָגן: זי האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט. יידיש איז שטיפעריש, עזותדיק, גראָביונגיש, אויב איר ווילט — פּראָלעטאַריש, — ווי איך וויל. דער באַלעבאָס, דער למדן, דער מורה־מורנו — פאַר אים איז יידיש געווען די שפחה ממש, וואָס אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין קיך אַריין ווען קיינער איז דערביי ניט געווען, האָט ער —

נו, ער אַליין ווייסט שוין וואָס ער האָט דאָרט געטון. אָט פרעגט ביי ר׳ שלמה נגיד. ניש־מער, דער האָט געלאָזן אַשן אויסקויפן פאַר אים זיינע זינד — דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זינד — אויס־קויפן נישט דורך באַצאָלן, נאָר דורך קריגן באַצאָלט. דאָס איז דער פּיקאַנטסטער שטריך אין דער יידישער געשיכטע פון דער לעצטער צייט. —

איך לייען איצט דוד גאָלדבערגן אין לעצטן נומער „דייזשעסט“. ער איז אַן אויסגעצייכנטער עסייאיסט, צי איך בין מיט אים מסכים צי ניט.

ווען איך וואָלט נאָך איצט אַרויסגעגעבן די „סטודיאַ“ וואָלט איך אים מיט פאַרגעניגן איינגעלאַדן אַלס מיטאַרבעטער. צי וואָלט ער גע־האַט דערפון דעמזעלבן פאַרגעניגן — ווייס איך ניט.

אַך, ווי זיי קולטיווירן עס די „מעמאַריעס“, זכרונות וועגן אַוועק־געגאַנגענע! אָבער — מיין גאָט! — וואו זענט איר געווען פריער?

פאַרוואָס עפּעס האָט איר זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז אַלץ וואָס ס׳קומט פון דער פאַרגאַנגענהייט מוז באַשווערן דעם גאַנג צו דער צוקונפט?

ער פלייסט זיך אָנצוכאַפּן די קעגנוואָרט ביי די האָר. מיר האָבן שוין גענוג געהאַט, אין דער קונסט, פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער „אָפּגעזעצטקייט״ — פּאַקט דעם א י צ ט , ווי אין ליכט פון אַ בליץ!..

ט ע מ ע.

געזעלשאַפטלעכע רעפּרעסיע פון געשלעכט־דראַנג, דורך זינדיקן, דאָס הייסט, דורך געשלעכטלעכער אַקטיוויטעט, מאַכט פון איר אַ גאַסן־פּרוי — אויף דעמזעלבן אופן ווי הונגער קען מאַכן פון איינעם אַ טרעמפּ, אַ באָם. אָבער געשלעכט איז קאָמערציאַליזירט, רעקעטירט. עס הייסט: ניט באַפרידיקן די באַדערפעניש איז די נודנע פאַמיליע, יאָ באַפרידיקן איז — אָרגאַניזירטע, פאַרשקלאַפנדיקע פּראָסטיטוציע. אויסוועג? . . באהעמע. אוואַנטיורע. געוואַגטקייט, דעספּעראַציע.

. . . האָט מען אַריבערגעבראַכט אַהער נישט נאָר דאָס שלאָגן זיך פאַר פּרנסה — מ׳פּאַטשט זיך אפילו פאַר שלישי און שישי. און דער אַמאַליקער תּקיף רייסט זיך אַלץ צו דער מזרח־וואַנט.

דער פּרעמירטער „צוקונפט״ לייענער: טערמאָס פלעשער און פּאַטענטירטע וואַגשאַלן.

מיט אַ שווער האַרץ, מיט ספיקות און ספק־ספיקות, גיב איך אַרויס דאָס דאָזיקע בוך. איז איצט אַ צייט צו פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור?

ניין! אודאי האָבן מיר גרעסערע דאגות. די שוואַרצע פּעסט בור־שעוועט איבער דער וועלט. נאָר — אויב מיר זאָלן זיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע הרהורים, וועלן מיר שטענדיק און אייביק דאַרפן האַלטן דעם טלית און תפילין ערגעץ פאַרפּאַקט. דעריבער, מיינע ליבע שוועסטער און ברידער, איז — אַט. —

אַ סקאַנדאַל! אין ליד „מנחה״ (פון קרבן מנחה) שטייט:

מיט מידע טריט
שטייגט דער ק אָ פּ צו לעצטע הויכן.

עס דאַרף זיין: דער ט אָ ג , ניט דער קאָפּ! און איך האָב דאָס פאַרזען!

און אַזוי, מיט דעם גרייז האָב איך אַרויסגעשיקט צוויי הונדערט קאָפּיעס!

דער פּאַסאַזש אין „ווייסע חלה" .... אַ זינד במזיד קעגן מיינע אייגענע כללים.

מרחץ, מ ר ח ץ! (אין „דער רב און די רביצין")
(אין דער דערציילונג „דער רב און די רביציז" אין בוך „די יודישע מלוכה", זייט 284, שטייט: אַז אונדזער זון וועט קומען פריי־טיק פון ב אָ ד.
אַ סטיליסטישער חסרון. לויט די מענטשן — אַ רב מיט אַ רביצין — וואָלט געדאַרפט זיין מ ר ח ץ. האָט ער עס אין ... דרייסיק יאָר אַרום „פאַרריכט" אויף אַ פּיצל פּאַפּיר, מיט אַ בלייפעז ...
אַ ענלעכע אויסבעסערונג האָט ער געמאַכט אין דער דערציילונג „די יודישע מלוכה".
דאָרט, אויף זייט 20, איז געדרוקט:
„אַהאַ! פּראָצענט אויפן אַלטן וועקסעלע!" ..
האָט ער פאַרריכט:
„עיסקא! עיסקא!"
(ש.מ.)

איך האָב זייער פיל געלערנט אויך ביי ניט־יידישע שרייבער. לאָזט זיך אויס אַז די גאָיעצן קאָנען אויך שרייבן!
עפּעס האָב איך געהערט פון איינעם אַ טאָלסטאָי, וואָס איז געווען אַ גוי גמור, און פונדעסטוועגן ...
און אויך פון עפּעס אַ דאָסטאָיעווסקי, וואָס איז שוין זיכער געווען אַ שונא ישראל, און לייט זאָגן גאָר אַז קיין ק י נ צ ל ע ר איז ער אויך ניט געווען, און טראָץ דעם, און אף על פּי כן, און אונדז אַלעמען אויף צו להכעיס ...
הייסט עס, אַז די גאָיעצן קאָנען גאָר אויך שרייבן! איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס מ׳דערלאָזט עס. און איך וויל אַריינטראָגן אַ פאָרשלאָג אין אונדזער סענאַט פון די זקני ציון, אַז — ניע פּושטשאַט אי ניע דאַזוואַליאַט! .. —

הומאַניזם, אין דעם סאַמע בעסטן, העכסטן זין וואָס אין דעם באַגריף איז געליגן — איז פאַרווירקלעכט געוואָרן צום ערשטן, אפשר צום איינציקסטן מאָל. אין דעם דאָזיקן מענטשן — לעאָנאַרדאָ פון ווינטשי.

כל העולם לא נברא אלא בשבילי, חנינא בני. דאָס איז ניטשע, אין זיין ערגסטן ווי אין זיין בעסטן זינען.

רודיאַרד קיפּלינג, אַ וואונדערלעך טיפער פּאָעט, עמאָציאָנעל און גלענצנדיק, און אַ פּינצטערער רעאַקציאָנער, אַן אבסקוראַנטיסט, צייטב־ווייז אַפילו אַ שונדיסט. ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין? איך ווייס נישט. כ׳מיין — אָט זעט איר דאָך!

טולטאלטולי, הענדריק וויללעם וואן לון, פּיערר וואן פּאאסען. איך באַמערק אַז האָללענדער זענען טאַקע שרייבער. איך מיין — א מ ת ע שרייבער. קאָן דאָס זיין אַז דער גייסט פון רעמבראנדט וואן ריאין הויערט נאָך איבער דעם דאָזיקן פאָלק? —

. . . אַז מענטשן קאָנען נאָך טראָגן אין זייערע הערצער די גע־דעכעניש פון אַ פראַנסוא וויאָן, אַ מערדער און אַ פּאָעט, און אים אָנרופן וואַגאַבונד־קעניג — איז נאָך ניט אַלץ פאַרלוירן . . .

אלדוס האקסלי וואָלט אפשר געווען אַ קלוגער מענטש ווען ער באַמיט זיך ניט צו זיין אַזאַ חכם.

גאגען און זיינסגלייכן.

מענטשן, וואָס זייער לעבן איז אַ אינשורנס פּאָליסי, וואָס ווערט אויסגעצאָלט נאָך זייער טויט צו — פאַרלעגער און בוכהאַנדלער. אויך צו קריטיקער.

עריך מיהזאַם.

ווי אַ דאָרן איז דער נאָמען אַריינגעשטאָכן אין מיין לייב, אין מיין געמיט, און לאָזט ניט רוען. פאַר דער גאַנצער וועלט אין די אויגן

האָט מען דעם מענטשן אוממענטשלעך געפּייניקט. מיר האָבן געוואוסט דערפון; ד.ה. — מיר האָבן געוואוסט בעת מעשה, טאַקע דעמלט ווען דאָס איז פאָרגעקומען, ווען ער האָט נאָך געלעבט — און מיר האָבן געשוויגן. געמאַכט האָבן מיר דערפון אַ רעגל פאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען!

דאָס האָט געהייסן: „נישט מישן זיך אין די אינערלעכע אנגעלעגנהייטן". אָבער מיר מישן זיך ניט אין אַזעלכע אנגעלעגנהייטן נאָר דאַן, ווען מיר האָבן ניט דעם כוח, אָדער ווען עס אַרט אונדז ניט.

עס מאַכט ניט אויס; דער נאָמען עריך מיהזאַם וועט בלייבן לאַנג נאָך דעם ווי די גופים היטלער, מוסאָליני און סטאַלין וועלן האָבן אָפּגעשטונקען צו די הימלען. זייער גאַנצע פילאָזאָפיע באַשטייט אינגאַנצן פון: נאָך מיר — דער מבול.

„מגילת ספּאַרטאַקוס". אַרטור קעסטלערס „די גלאַדיאַטאָרן".

אַ סך אַ גרעסערע מגילה ווי די וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען פון די אַמאָליקע צייטן.

(אגב, די נאַכט פון ספּאַרטאַקוסן, ווען די דרייסיק זענען אויף די קרייצן, דערמאָנט אָן דער נאַכט פון ווישניעוועצקין מיט זיין מתפּלל זיין ביי סיענקעוויטשן.)

אַ גרויסער טייל פון דער מאָדערנער ליריק (פּאָעזיע) — היסטעריע און דעליריק.

ביים ראַדיאָ-רעסיווער

איך בין אויף אַ דיעטע, און איך נעם איין דאָס לעבן אין קליינע ביסעלעך. דעריבער עס איך ניט אין די רעסטאָראַנען און לייען ניט די צייטונגען. נאָר דער פּלאַנעט, וואָס איך האָב פּאַרלאָזן, בלינצלט נאָך אויף מיין האָריזאָנט. דאָס ביסל נייס, וואָס אַ מענטש מוז איינעמען כדי ניט צו ווערן צופיל אָלטגעבאַקן, קריג איך פון דער ראַדיאָ — וואָס דאָס איז, סוף כל סוף, דיזעלבע צייטונגס-קעפּלעך.

אַ ראַדיאָ-סטאַנציע אַנאָנסירט 15 מינוט נייס אונטערן קעפּל: „ווי אַר העפּי טו רעפּאָרט" — מיר זענען גליקלעך צו באַריכטן:

אַ שיף ברענט אין מיטן ים . . . 32 סטרייקערס נידערגע־שאָסן . . . מוסאָליני האָט זיך פאַרדאַרבן דעם מאָגן — און אין איטאַליע טוט זיך חושך . . . די איירישע רעוויזיאָניסטן האָבן אויפ־געריסן מיט אַ באָמבע מיסטער טשעמבערלעינס רעגנשירם; די פּאָלי־טישע סיטואַציע אין אייראָפּע איז קריטיש . . . דאָס גרין־געל־פּאָ־פּעליאַטע פּאַפּיר דערלויבט דוקא יאָ אַריינצולאָזן קיין פּאַלעסטינע אַן א י י נ צ י ק ן יידן אין דרייצן הונדערט פינף און זעכציק יאָר, פינף הונדערט און דריי און פופציק טעג, זעכצן טויזנט און דריי מיליאָן שעה, און אין אַן אומבאַשטימטער צאָל פון מינוטן, סעקונדן און עאָנס. (בחור הזעצער: שרייב ע אָ נ ס. דאָס מוז עפּעס מיינען, יו נאָו.)

ניין. דער דאָקטאר איז גערעכט — דיעטע!

איך דריי אַריבער דאָס קנעפּל צו מוזיק. זאָלן אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן די ליבהאָבער פון געוויסע אינסטרומענטן: איך בין נישט פאַרליבט אין דער פּיאַנאָ; איך בין אַ ביסל אומגעדולדיק צום אָרגל; גוטע סאָליסטן אויף דער פידל אָדער אויף זייער אייגענעם ביי־קול הער איך מיט אַ געוויסער טאָלעראַנץ, וואָס דאָס איז זייער שיין פון מיין זייט. מיין באַליבטע מוזיק אָבער איז אָרקעסטראַלע מוזיק, סימפאָניע, פאַרשטייט זיך. דאָ שווים איך אַוועק ערגעץ אין מקומות — אין רעגיאָנען — פון וואַנען עס איז ניט אַלע מאָל גרינג, אָדער ניחא, זיך אומצוקערן.

באַך, למשל. ער האָט גענומען די גאַמע, די פונדאַמענטאַלע סענטענץ אין דער מוזיק, און האָט זי איבערגעדרייט אויף אַלערליי פאַרשיידענע אופנים. שטעלט אייך פאָר אַ מאַשין, אַן אויטאָמאַט, וואָס ציט בוכשטאַבן פון שריפטקאַסטן און שטעלט זיי אויס אין אַלע מעגלעכע קאָמבינאַציעס. עס וואָלטן אַרויסגעקומען, צווישן אַן אָקעאַן פון אומזין, די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען, פאַרגאַנגענע און צוקונפטיקע, די גרעסטע ווערק פון דער וואָרטקונסט, פאַרגאַנגענע און קומענדיקע — פון זיך אַליין. עס וואָלט איר גענומען אַ שיינע פּאָר שעה, דער דאָזיקער מאַשין. באַכן זענען אַזוי פיל שעה ניט באַוווי־ליקט געוואָרן. האָט ער טאַקע א ל ע מעגלעכע קאָמבינאַציעס פון דער גאַמע ניט אַרויסגעבראַכט. דערפאַר אָבער האָט ער אין די אַרויסגע־בראַכטע אַריינגעבראַכט כ ו ו נ ו ת — אַ זאַך וואָס די מאַשין פאַר־מאָגט ניט.

מאָצאַרט, למשל. ער איז אַזוי חנעוודיק, אַז ער מאַכט דעם איינ־דרוק פון אויבערפלעכלעכקייט; בשעת איך פיל, אַז ער האָט געגעבן אַ „קיו״, רמז, צו די גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן וואָס זענען געקומען נאָך אים.

אַ קינד קאָן דערקענען, אַז איך בין אַ קנאַפּער בקי אין מוזיק. איך נעם זי אויף בלויז מיט געמיט. און איך האָב אַ גוואַלטיקע הנאה ניט בלויז פונם קאָמפּאָזיטאָר, נאָר אויך פונם רעזשיסאָר, וואָס קאָן מאַכן צענדלינגער כלים וויברירן ווי איין גאָרגל. יאָ־יאָ! איך האָב ליב אָרקעסטראַלע מוזיק.

און איך האָב ליב — אל תגידו בגת — אַפילו מיליטערישע אָר־קעסטרען. נישמער — דער מאַנגל אין די דינערע טענער, די דאָמי־נירונג פון די לופט־אינסטרומענטן, דערמאָנען אייך גלייך אָן דעם הילך פון געקאָוועטע פערד, אָן דעם קליפּ־קלאַפּ פון טויזנטער שווערע שטיוול. מאַרשירנדיקע מאַסן, דראָענדיק. פּאָטענציעל דעסטרוקטיוו. אָבער איך כאַפּ זיך גלייך: איז דען דער יחיד, אין אַ פינצטער ווינקל, ווייניקער שרעקלעך? דער יחיד, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ שמאָלן ווינקל — שטעכיק פון דרויסן און ענג פון אינעווייניק? —

בכן — וואָס?

איך מוז אָננעמעןביידן; זיי זענען די וועלט ווי זי איז. צי איך אַקצעפּטיר זי, צי ניט — זי איז. צי איך בענטש זי, צי איך שעלט זי, זי — איז. —

29 סעפּט., 1939.

היר הערן מוזיק אויף דער ראַדיאָ. וואַגנער. ער איז געווען אַ משוגענער, זעלבסט פאַרליבט און, פאַרשטייט זיך, אַן אַנטיסעמיט, אַ פאָרגייער פון די נאַציס.

אָבער אָט די כאַליערע האָט געהאַט פאַנטאַזיע, און ווען עס טוט דיר ווי אין בויך, ווען דו פילסט זיך אין אַלגעמיין מיזעראַבל, קאָנסטו אים הערן, באַזונדערס דעם צוג פון די וואַלקיריעס, וואו צעווילדעוועטע שיקסעס פליען דורך וואָלהאַלאַ, מיט צעפלאָסענע, צוריק פליענדיקע האָר, ווי מכשפות, מיט אַ קוויטש און מיט ה׳הו־ק! הו—הו—! די פאַסקודסטוועס!

ווי דער מיליטערישער שכל נוצט אויס די קונסט: מאלעריי — אַ פאוסטער מיט „אַנקל סעם וואנטס יו"; מוזיק — מאַרש צו גיין אין טראָט.

אָט האָט סען־סאַן מיט זיין „טויטן־טאַנץ" באַוויזן צוצוגעבן טעם אַפילו דער אכזריות פונם מלאך המות — ווייל ער איז בפירוש אַ טייל פון לעבן.

מאָצאַרט און דאָן זשואַן.

אַ מענטש וואָס שפּרינגט אַריין מיט ביידע פיס אין אַ טעמע און לאָזט זיך גיין. און ער גייט! און ער גייט! אהה, מיין טייערער!

מאָצאַרטס „צויבערפלייט" — אַ שפּראַך וואָס איז זייער ענלעך צום גאַליציאַנער יידיש. (וויטה מאַי אַפּאַלאַדזשיס צום גאַליציאַנער יידיש, וועלכער איז זייער אַ חנעוודיקער, אַ ווייכער און מוזיקאַלישער יידיש.)

קלעזמעריי צו מוזיק — אומגעפער דאָס זעלבע וואָס זשורנאַליסטיק איז צו ליטעראַטור.

עס איז געווען „ווייַנאַכטן", און ערגעץ אויף אַ ראַדיאָ האָט נעלסאָן עדדיס שטים ליריש און פייערלעך געצויגן: „שטילע נאַכט, הייליקע נאַכט . . ."

(אַ סברא אַז נעלסאָן עדדי איז ל. שאַפּיראָס אַ פּלימעניק. אַ ס ב ר א. ש.מ.)

שאַרף און גלאַט ווי אַ חלף אָן אַ פּגימה.

פאַרחלומט ווי אַ רוסישע באַרישניע אין די שפּעטע צוואַנציקער.

מעג עס זיין אַזוי קאָרעקט ווי אַ מיליטערישער מאַרש.

פייערלעך־שווער ווי דער כאָר אין אַ פּראַוואָסלאַוונער צערקווע.

אַ שאַרף אויג און אַ סענסיטיווער אויער וואָס קען הערן די שטילקייט.

אַ ביינקעניש נאָך אַ וועלט, וואָס פון איר איז געבליבן בלויז אַן אַראָמאַט ווי אין אַ רויז פאַרטריקנט צווישן די בלעטער פון אַ בוך.

. . . אין בהלה און פחד איבער די גרוילן פון אַ וועלט וואָס לעבט אין מער ווי צוויי דימענסיעס.

. . . האָבן שימערירט און געבלינצלט ווי אַ טאָפּאַז, אָדער — ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל, ווען אַלע מענטשן שלאָפן שוין, טיף אין דער נאַכט.

ערגעץ ביים ברעג פון שטאָט שרייט אַ באַן מיט באַנומענע קולות, אַז מ׳טוט איר שלעכטס.

די ראבינס זענען געזעסן אויפן טעלעפאָן־דראָט גיכער ווי וועש־פלעקלעך איידער ווי קרעלן אויף אַ שנירל.

במורנע — שווערמוטיק — באַטריבט.

צעיאכמערט, וואָס איז שעמעוודיקער און אפּאלאגעטישער יידיש פאַר סענטימענטאַל.

דעמערונג — נישט גוט!
פאַרנאַכטלעך? אויסגיין? דער טאָג גייט אויס . . .
פרימאָרגן — באַגינען. גוט.

אַ מיירע. דאָס וואָרט שטאַמט מסתמא פונם רוסישן מיערא, מיערקא — אַ מאָס, אַ מעסטל.

מאַלאַי — אין בוקאָווינע: אַ קוכן פון קוקורוזע מעל מיט אייער, פוטער, סמעטענע, זויער־מילך און ווייניק צוקער.

„בלאזע" — בליאַגע.

אַ גוט וואָרט פאַר „וואַניטי". אין אַלטן יידיש פלעגט געברויכט ווערן דאָס וואָרט „אייטל". אפשר שרייבן אייטלקייט? מ׳ביין, דאָס איז דייטש. —

„ביגעטטינג" — פאַרזאָמענען, פאַרזאָמענט?

„וואָיס" — אַ חטא, אַ נייגונג צו חטאים — זינד — עבירה, אויך אַ מום, אַ פסיכישער מום. אַ מיחוש. לאַסטער?

טויג ניט. פשע. עון. ניין!

אַ מחלה? אַ פגם, אַ פגימה, אַ סירחא, אַ מכה? אי זינד, אי מחלה? אַ שלעכטע רגילות? מידה רעה? יצר הרע?

דאָס זענען ניט קיין אידיאָמען. דאָס זענען באַגריפן, וואָס דאַרפן האָבן זייער עקוויוואַלענט אין יעדער שפּראַך.

❦ ❦ ❦

יידן—יידיש

PAX JUDAICA—

מיינע שלום־באַדינגונגען צום סוף פון דער איצטיקער מלחמה:

1) דעם גרעסטן טייל גוים אַרויספירן אויף דער לבנה — פּאַראַן צופּיל. זאָלן זיי פון דאָרטן „מחדש זיין" די ערד.

2) מיר יידן פאַרנעמען: אַמעריקע, אַזיע, אַפריקע, אויסטראַליע און די איבעריקע קאָנטינענטן, אויב אַזעלכע וועלן אַנטדעקט ווערן, אויסער אייראָפּע, וועלכע וועט אָוועקגעגעבן צו די איבערגע־בליבענע ווילדע שבטים כדי זיי זאָלן האָבן אַ פּלאַץ אונטער דער זון וואו זיך צו צעבלוטיקן די נעזער איינער דעם אַנדערן.

3) פּאַלעסטינע וועט אַריינגעלייגט אין אַ טאַבאַק־פּושקעלע פון זהב טהור מיט אַן אויפשריפט: „א. י.", אַזוי אַז ווען אַ יידן וועט זיך וועלן אַ שמעק טון — זאָל ער קאָנען.

4) אַלע פעלקער זאָלן אָנהויבן ריידן העברעאיש (דאָס איז גרינג — מיינער אַ פריינט זאָגט סיי־ווי אַז אַלע שפּראַכן שטאַמען פון העב־רעאיש). בלויז יידן מעגן ריידן אַ ביסל יידיש אין סאָטאָ־און־ברוקלין סטריטן בק"ק לאָס אַנגעלעס און אויף רחוב ביאַליק אין תל־אביב.

און טאָמער פאַרשטייט איר ניט עפּעס אין די דאָזיקע שלום־באַ־דינגונגען, איז — זייט וויסן, אַז איך קאָן אייער וועלט מער ניט פאַרטראָגן. —

די פעלקער פון ישראל.

... און אַז די דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאַר זענען זיך צונויפ־געקומען אין גרויסן זאַל פון די זיצונגען, האָט איינער געזאָגט, קלאָנג־פול און פאַטעטיש: שאַלאָם!

און גלייך האָבן זיך אַ שאָט געטון ברידערלעכע אויסרופן:

— קאַק פּאַזשיוואַיעטיע?

— האַו דו יו דו?

— קאַמאַן סאווא?

— ווי גייט׳ס?

און איינער, פון אַ ווינקל פון זאַל, האָט זיך אָפּגערופן: נו, נו?

האָבן זיך די דעלעגאַטן דערשראָקן, און זענען אַוועקגעלאָפן קויפן בילעטן אויף די באַנען פון „זיד־וועסט״, „גרעיט איסטערן״, „טראַנס קאָנטינענטאַל״, וכדומה. דעמלט האָט דער דעלעגאַט פונם „נו־נו״ זיך אַרומגעזעצט אַרום גרויסן, רחבותדיקן טיש און האָט געזאָגט:

— און איצט וועלן מיר צוטרעטן צו דער טאָג־אָרדנונג. —

די עשרת הדברות.

ס'זענען געגאַנגען בילדער, קונסטזאַכן, הויז־חפצים, ביכער — מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג. דער אויקציאָנער, אַ מענטש מיט אַ קלינגענדיקער זיכערער שטימע, האָט געפירט דעם הויז־פאַרקויף זייער לעבעדיק. צום סוף האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן דעם קאַטאַלאָג אין זיין לינקער האַנט און אויסגערופן אומזיכער:

— נומער 367. ד י — ע ש ר ת ה ד ב ר ו ת. וואָס איז דער אָנבאָט פאַר די עשרת הדברות?

ש־שאַ . . . קיינער רופט זיך ניט אָפּ.

— די ע־ש־ר־ת הדברות! ווער גיט וויפיל פאַר — די — עשרת הדברות!?

שטיל. דער אויקציאָנער רוט זיך אָפּ אַ ביסל, ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן און רופט אויס מיט אַ שוואַכער שטים:

— די . . . די . . . עשרת הדברות. אהז? . .

דערנאָך: די עשרת הדברות. 25 סענט פאַר די עשרת הדברות. נישטאָ קיין אָפּרוף.

— 10 סענט פאַר די עשרת הדברות ! . . 5 סענט פאַר די עשרת הדברות! . . ניין? די עשרת הדברות — אומזיסט!

אַלע אין זאַל זיצן ווי די טויטע.

דער אויקציאָנער ווערט אין כעס, ווערט הייזעריק, און שרייט:

— 5 סענט צוצאָל צו די עשרת הדברות! 10 סענט צוצאָל צו די עשרת הדברות! ניין? קיינער ניט? . . אַ קוואָדער אויף קאַרפעיר צוצאָל צו די עשרת הדברות!!!

דער גאַנצער זאַל האָט זיך אויפגעהויבן ווי איין מענטש:

— איך!
— איך!
— איך!

פ ט י ר ה.
. . . האָט ער צונויפגערופן זיינע קינדער אַרום זיין בעט און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:
— אין מיין יוגנט בין איך פטור געוואָרן פון די לייז אין מיינע האָר. שפעטער — — ביסלעכווייז — — מיט שוועריקייטן — — האָב איך זיך באַפרייט פון די ווערים אין מיין נשמה. דאָס איז געווען ניט גרינג און האָט גענומען צייט, אָבער זייט זיכער, אַז וואָס איך האָב געקאָנט — קאָן יעדער איינער פון אייך. איצט איז געקומען די צייט זיך אַרויסצוזיינגען פון לעבן, פונם ז י י ן ו ו י אַ ב אַ ז ו נ ד ע ר ע א י י נ ה י י ט.
און מיט אַ געבראָכענער, זקנישער שטים האָט ער געזונגען:
— ש י ר ו ל ה׳ ש י ר ה ח ד ש ה.
און אַזוי אַרום איז ער זיך צעגאַנגען אין דעם אַרומיקן חלל. —

„ייד. קעמפער״, סעפט. 19, 1941.

מ י י ן צ ו ו י י ט ע ר ג ל ג ו ל.
מ׳האָט מיר געגעבן די ברירה: ביי וועלכן פאָלק וויל איך גע־בוירן ווערן אויפסניי. איך האָב געזאָגט, אַז איך מוז עס איבערטראַכטן. עס האָט מיר גענומען צייט, אָבער גראָד צייט האָבן זיי דאָרטן אויבן גענוג. דערנאָך האָב איך — מיט אַ קללה אויף די ליפן — אויסגעקליבן געבוירן צו ווערן אַ ייד.

ל י כ ט א י ז פ י נ צ ט ע ר נ י ש.
יעדע נאַכט — אַ גאַנצע נאַכט — ברענט אַ ריזיקער, עלעקטרי־שער צלם אויפן באַרג „מאונט ראָיאַל״. דורך אים פּראָקלאַמירט די שטאָט מאָנטרעאָל, אין קאַנאַדע, פאַר דער וועלט: איך בין קאַטוילישׁ! —
עס שפּאַנט דער פּראָטעסטאַנט, דער אַנגלאָזאַקס, איבער די גאַסן פון שטאָט אין איילעניש: דער פּראָסט גיסט זיך אים אין האַלדז אַריין

ווי איירישער זשין, ער צופּט אים ביי די אויערן מיט אייזערנע פינגער, ער רייבט אים דעם שפּיץ נאָז מיט אַ ריבאייזן. דער אַנגלאָזאַקס כאַפּט פונדעסטוועגן אַ קוק אויפן גליענדיקן צלם, און אַן אַמוזירטער פינקל פון חוזק גיט אַ בליץ אין זיינע אויגן: איך האָב דיך אין אַרבל! איך בין באַלעבאָס פון דער שטאָט — פון דער פּראָווינץ — פונם לאַנד — און פון דער וועלט, מיט דער צייט.

עס לויפט דער ייד איבער מעין סטריט אין איילעניש. ער טרינקט די פּראַסטיקע לופט ווי ניינציק גראַדאָווען ספּירט צו אַ יאָר־צייט און מאַכט: וואַ־וואַ! ער דריקט די אויערן מיט די הענט צום קאָפּ — ער דרייט זיין נאָז, וואָס בלייבט יידיש ניט געקוקט אויף קיינע „דריידלעך" — און כאַפּט אַ קרומען, קאסאקען קוק צום קאָלאָסאַלן, ברענענדיקן צלם אויפן באַרג: איך קען דיך! אה, איך קען דיך צו גוט, מיין „סימבאָל פון ליבע"! . . עס גיט אים אַ צופּ ביים האַרצן, און ער גיט זיך מיט גוואַלט אַ טראַכט אַוועק צום מגן דוד פון אַלטן גאָלד־פּאָדעם אויף אַ מאַט־רויטן פּרוכת. דאָרט איז שלום — דאָרט איז תורה — דאָרט איז חכמה! דאָרט שמעקט ניט מיט קיין בלוט . . .

ניין? . . ניין. צוליב שוואַכקייט. צוליב שלאַבעריקייט. צוליב חולשה.

צום סוף:

פּראמעטעאוס האָט אַוועקגעגנבעט ביי צעאוסן דאָס פייער און האָט דאָס אַראָפּגעבראַכט צום מענטשן. מ'האָט אים דערפאַר צוגעשמידט צו אַ פעלז, און אַן אָדלער האָט געפּיקט זיין לעבער. — מיר האָבן אַוועקגעגנבעט אַ ביסל פייער ביי יהוהן און דאָס געבראַכט צו מענטשן. פון דאַן אָן פּיקט דער אָדלער אונדזער לעבער. איז — פאַרפאַלן. —

עושים מעשי זמרי ומבקשים שכר כפנחס.

מ'ווערט משפטן דעם זיגער, נישט ווי ביי די גוים.

יבנה.

די בריונים. רב יוחנן בן זכאי.

מיט די ערשטע וואָלטן מיר אָפּגעווישט געוואָרן, מיטן צווייטן

פאַרקויפֿן מיר אַלטע הויזן ביז אויף היינטיקן טאָג. איז ווי? כ׳מיין — וואו איז דער גרעסערער טאַלק?!

צווי גרונט־געדאַנקען אין אונדזער לעבן: נהיה ככל הגוים און לא בחיל ולא בכוח כי אים בדבר אדוני.

אַ פֿאָלק וואָס שרייבט אָן אויף זיין פֿאָן לא בחיל . . . דאַרף זיין גרייט אָנצונעמען אַלע פֿאָלגן.

אָבער מיר זענען בלויז מענטשן, און דאָס יידישע בלוט זידט אויפֿן מזבח ווי דאָס בלוט פֿון גדליה בן אחיקם, און קאָן זיך ניט איינשטילן. איז — וואָס? . . . —

אַז די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים האָבן זיי, לויט דער לעגענדע, היפּשלעך באַגנבעט די יעקעס. דערפֿאַר אָבער, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון ירושלים, האָט זיי גאָט מיטגעגעבן אַ זעקעלע הומאָר. מער גאָרניט. האָבן זיי עס אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די פּלייצעס, און מיט דעם מוזן זיי לעבן ביז אויף היינטיקן טאָג.

דאָס זעקעלע הומאָר אויף די אַקסלען — די שענסטע מתנה, וואָס גאָט האָט מיטגעגעבן דעם פֿאָלק ישראל אויף זיין לאַנגן און שווערן וועג. הומאָר — די פֿייאיקייט אָפּצולאַכן אַפֿילו פֿון זיך אַליין. ברוך ה׳ — און אַזוי ווייטער.

דער חוש פֿאַר הומאָר איז פֿאַר יידן אַ סם החיים. מיר וואָלטן גאָרניט געקאָנט לעבן אָן דעם.

ס׳אודאי ניט גוט ווען עס פֿעלן אונדז אַלע זאַכן, וואָס זענען נויטיק צום נאָרמאַלן לעבן. נאָר אָן איינציקער „פֿעלער״, וואָס מיר האָבן דערוואָרבן אויף אונדזער לאַנגן וועג, איז אַ גליק: דאָס פֿעלן פֿון אַן אייגענער פּאָליציי.

אַן אורח איז אַלע מאָל געווען אַ שיינדל ביי אַ שבתדיקן טיש. און אָפֿט מאָל איז אַפֿילו אַ וואָרט פֿון תורה געפֿאַלן, כדי צו באַטעמען די געריכטן, זיי זאָלן חלילה נישט ווערן זבחי מתים.

איז אייך אינגאַנצן אומבאַקאַנט און אומבאַגרייפלעך דער טעם פון דער מימרא: שכר מצוה — מצוה?

דער פרא אדם פון בערכטעסגאַרדען. עס איז שוין לאַנג אַרייַנ־געפּרעסט געוואָרן אין דער מימרא — כל המצר לישראל נעשה ראש. —

ד ר. א י ס ר ג י נ ז ב ו ר ג.

מיר האָבן זיך אָנגעשטעקט פון די רוסן מיט דער באַקאַנטער צוויי־פּנימדיקער חולאת פון זינד און חרטה, וואָס, אַז מ׳וויל, האָט זי נאָך אַ דריטן פּנים — פון זיך איבערנעמען מיט דער פייאיקייט פון זעלבסטשטראָף און תשובה טון. דאָס איז, אין תוך, ניט יידיש.

עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן: אחטא ואשוב, אחטא ואשוב, אין מספיקין בידו לעשות תשובה.

אויף יידיש הייסט עס, אומגעפּער: זיי נישט קיין פּאַסקודניאַק, און טו מיר נישט אָן קיין שטריימל מיט דיין תשובה.

די לעגענדע וועגן טויט פון ישו פון נצרת, נישט געקוקט אויפן אָנוואוקס פון היידנישקייט אַרום איר, איז, אין תוך, אויך אַ יידישע לעגענדע, ווי די מעשה מיט די עשרה הרוגי מלכות.

לעגענדע — אַ געזאַנג פון זאַכן וואָס זענען כמו־געווען.

איז ערשט איצט, ווען די גויאישע וועלט האָט גענומען פאַרשטויסן ישו פון נצרת, וועלן מיר אים צוריק אַרייננעמען אין אונדזער געצעלט, און עס וועט זיין די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים . . .

זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז די נבואה אַוועקגע־נומען געוואָרן פון די נביאים און איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ ליאַדע חרש שוטה וקטן.

יפהפיתו של יפת באהלי שם!

עס מאַכט מיר ניט אויס ווער פון אונדז ס׳האָט דאָס אַרויסגע־זאָגט. פאַר מיר איז עס — די איינציקע זאַך צוליב וואָס עס לוינט זיך צו לעבן, צו האָבן געלעבט אויף דער וועלט.

. . . צייטן ווען יידן האָבן געלעבט אין אַ פייטנלעכער וועלט פון

גוים און הינט. איצט האָבן די גוים צו אונדז זיך צוגעוואוינט אַ ביסל, און צו די הינט האָבן מ י ר זיך צוגעוואוינט . . .

דער לאַנגזאַמער דריי טויזנט יאָריקער וואוקס פון יידישן באַוואוסטזיין האָט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל פּאָטענציעלע נאַציאָנאַלע ענערגיע, אַז ער קאָן קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן.

אַזוי? . . צוויי טויזנט יאָר חלומות, אַ גאַנצן יאָרהונדערט שווייס און בלוט זאָל מען לאָזן פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט ווערן, באשר בכן?

דאָס יידישע פאָלק האָט אַראָפּגעוואָרפן איין הויט און אַרבעט אויס אַ צווייטע. אינצווישן — איז עס נאַקעט.

קאַראַאיזם — ציוניזם.

קריסטנטום — קאָמוניזם.

אַזוי ווי יידן זענען געוואָרן שותפים צו דער אייראָפּעאישער קולטור ניט דורך זייער סעקטע קריסטן, אַזוי וועלן זיי אַריינגיין אין אַ קאָמוניסטישער וועלט ניט דורך זייערע אייגענע קאָמוניסטן, ווייל — (זאָג ניט פאַרענדיקט. ש.מ.)

ביראָ־בידזשאַן. די יידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע.

פאַר מיר איז עס אַ נייער אויסגאַנגס־פּונקט. פון צייט צו צייט נויטיקן מיר זיך אין נייע אויסגאַנגס־פּונקטן, כדי דאָס לעבן זאָל אונדז ניט ווערן איבערדריסיק. —

געווען אַמאָל אַ מענטש, קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ, וואָס נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשמדט, האָט ער געשריבן שירים אין העברעאיש. און היינריך היינע האָט ביטער געשפּאָסט פון דעם ביסל טויף־וואַסער וואָס האָט אים „געמאַכט פאַר אַ קריסט״.

איז וואָס קאָנט איר טון מיט אַ ז אַ פאָלק?

אוי, די זשידעס, די זשידעס!

לא ינום ולא יישן שומר ישראל.
נו אודאי! ער זיצט גאַנצע נעכט און טראַכט ווי אַזוי ער זאָל אונדז דערגיין די יאָר.

אמר ה׳ ליעקב: אל תירא עבדי יעקב.
ניע באַיסיאַ מאַי ראַב (רב) יאַנקאַוו . . . עטצ.

הוי זרע מרעים, בנים משחיתים.
אוי, ביטערע זאמען, פאַרדאַרבלעכע קינדער!
דערפאַר וואָס איר האָט ווידערשפעניקט אָן מיר, וועל איך אייך שטראָפן בשוטים ובעקרבים! מיט ריטער און מיט קאַנטשיקעס וועל איך אייך קאַטעווען, דרעשן אייערע לייבער — ווײ איז צו מיר!

. . . און מיך אַרט ניט אויב איר וועט מיך אויפרופן צו דער תוכחה, ווײל אויך ז י איז אַ קאַפּיטל אין דער תורה.

אין שיינק ביי צירלען:
מ׳טרינקט בראַנפן, מ׳עסט געבראָטענע פופקעס און מ׳זינגט:
וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר . . .

נעם אַ גלעזל — דאָס איז כשרער (פּאַלעסטינער) וויין. אויף דער פלאַש שטייט בפירוש געשריבן: „יין גפן — לכל ב נ ו ת ישראל״ . . .

מ׳האָט אויסגעפוצט די אַלטע מאַמע, ביז פון אונטערן ציידענעם טיכל האָט געגומען אַרויסקוקן דאָס אייביק־ליבע, שיינענדיקע פּנים פון חוהן, דער מוטער פון אַלע מענטשן, ויהי יידיש!

פאַר אַ גוט שטיקל יידיש וועל איך גיין אין דער שמד.

יידיש! אַ רוח אין אונדזער טאַטנס־פערעס־טאַטנס טאַטן־אַריין!

ווי זאָגט משה נאַדיר. אַז יידיש דאַרף מען גאָר ניט לערנען, מ׳נעמט און מ׳שרייבט!

אַכט הונדערט יאָר האָבן פון די אַרומיקע בערג געריזלט ריטש־

קעלעך ביז זיי האָבן זיך איינגעזאַמלט אין גארגלענדיקן, רחבותדיקן טייך — יידיש. איך מיין ניט „זרגון“, און אַפילו ניט „אידית“, נאָר — י י ד י ש !

איז ווילט איר אַט דעם טייך פאַרצאַמען, פאַרקירעווען, פאַרשיקן אונטער דער ערד? פידרעך! איר'ט נישט קאָנען! . . וואָס זענט איר — פון זינען?!

. . . און „זרגון“ האָט לכל הפחות געקראָגן ביי זיי אויף אַזוי פיל אנערקענונג אַז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אידית“.

איר ווילט דוקא אַ ליטרא בצלים — אַ פונט ציבעלעס טויג אייך ניט!

די ווילן אָפּרייסן אַ שטיק פון פאָלק אין דער פאָרם פון אַ העברעאיסטישן שבט, און י ע נ ע „מאַכן נישט פון יידיש קיין פעטיש“. עס זעט אויס ווי אַ פּראָצעס פון דיסאינטעגראַציע, פאַנאַנדערפאַל, וואו אנשטאט אַ פאָלק זאָלן זיך אויסבילדן עטלעכע „נאַציאָנאַליטעטן“, און וואָסביידע צדדים וועלן דערפון האָבן הויב איך ניט אָן משיג צו זיין.

דער העברעאיש איז בלויז אַן אויסגעטראַכטער פּריוואַטער עספּעראַנטאָ.

פאַראַן אין יידיש אַ וואונדערלעך וואָרט „ קלוגעטשקער“. דאָס הייסט, קלוג, נאָר אָן גאָט אין האַרצן. דאָס, פאַרשטייט זיך, הייסט נ י ט קיין קלוגער. דער אוקראַינער האָט אויף דעם קאָמענטירט: טאַקיי ראַזומני — אַזש דורניי . . .

ער איז — אויף גוטן דייטש — אַ פ־פ־ע־ר־ד.

דער רשע פון דער הגדה זאָגט: מה העבודה הזאת לכם ? אויף יידיש: וואַט טו העל איז איט אָלל אַבאַוט?

די קאַפּריזן פון אַ שפּראַך — דאָס וואָס מ'רופט אַן אידיאָמען. (אין פאַרבינדונג מיט יידיש.)

מענטש—וועלט

אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן, ערגעץ אַרום יאָר 1894, בין איך געפאָרן אויפן דעק פון אַ שיף, אַ „פּאַראַכאָד“, אַרויף איבערן דניעפּער, העכער פון קרעמענטשוג, און פאַר זיך האָב איך געהאַלטן אַ גרויסן באַנד שריפטן פון ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי.

געלייענט האָב איך אַן אַרטיקל „דער קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט“.

דער איינדוק פון דעם פרימאָרגן אויפן דניעפּער און פון די רייד פון דעם דאָזיקן מיכאַילאָווסקין וועלן קיינמאָל נישט אָפּגעווישט ווערן פון מיין זכרון.

רוסיש.

די וועלט איז קראַנק. די וועלט איז אין אַ עפּילעפּטישן אָנפאַל. פאַרשיידענע משוגעים, „יוראָדיוויע“, לויפן אַרום אויף דער פריי און טעראָריזירן די קראַנקע וועלט. וואָס טוט מען?

דער ענטפער איז דער אַלטער, נאָר קיינמאָל נישט אַלט־געבאַקענער:

„סיעיטיע ראַזומנאָיע, דאָבראָיע, וויעטשנאָיע. סיעיטיע! ספּאַסיבאָ וואַם סקאַזשעט סיערדעטשנאָיע רוסקיי (ווסיאַקיי) נאַראָד“. (זייט דאָס קלוגע, דאָס גוטע, דאָס אייביקע. זייט! אַ האַרציקן דאַנק וועט אייך זאָגן דאָס רוסישע (יעדעס) פאָלק.)

און אָט די אַלע „ביעסנאָוואַטיע“ (מטורפים) וועלן אָפּגעווישט ווערן ווי די פּיענע פון די ליפּן פון אַ חולה נופל.

וואָס מער איך לעב, און זע, און טראַכט, אַלץ פעסטער ווערט מיין איבערצייגונג, אַז די „אָביעקטיווע“ וועלט גיט ניט קיין שום מאַטעריאַל פאַר אַן אָביעקטיוו אמתדיקער וועלט־אַנשויאונג, אַ פּ י ל ו נ י ט פ אַ ר ק י י ן פּ ע ס י מ י ס ט י ש ע ר. זי, די וועלט, איז בלויז מאַטעריאַל פאַרן פּריוואַטן, יחידישן וועלט־באַנעם און וועלט־פיל,

אין פאַרבינדונג מיט זיינע קרעפטן און מעגלעכקייטן זיי צופרידנצו־שטעלן. דערפאַר האָט אַפילו דער פעסימיזם וואָס דרינגט אַרויס דער־פון בלויז אַ רעלאַטיוון ווערט, ניט קיין אָביעקטיוון.

דער פאַסיווער, אַבסערווירנדיקער יחיד, וואָס טראַכט וועגן דער וועלט ווי מ׳זעט זי דורך די דורות, ווערט שטענדיק געפינען אַז דאָס לעבן איז אַ טרויעריקע, ווייטיקלעכע געשיכטע (ל.).

דער אַקטיוויסט וואַרפט אָפּ דעם „אייביקן" אויסבליק. פאַר אים איז די וועלט — זיין צייט, זיין ספערע פון אינטערעסן, און דאָס לעבן — אַ פּראָצעס פון ענדערן, אַנטוויקלען און פאַרמירן זיין צייט און זיין סביבה אין האַרמאָניע מיט זיינע אינטערעסן.

צעקראַכענע מענטשן זעען דאָס בעסטע אין דער פאַרגאַנגענהייט. לעבעדיקע און נאַרישוואַטע — אין דער צוקונפט. געזונטע, פּראָסטע, כאַמעס, אָדער חכמים (וואָס פון די ביידע?) נוצן אויס די ביינקעניש פון די איינע און די חלומות פון די אַנדערע כדי צו קריגן אַלצדינג פאַר זיך, ד אָ און א י צ ט ע ר.

זאַכן דאַרף מען זען ניט נאָר אינם ליכט פון די פאַרגאַנגענע דורות, נאָר אויך אינם ליכט פון די קומענדיקע. פאַראַן אַ סברא, אַז דאָס לעצטע איז וויכטיקער.

די אונטערשטע שורה: פאַראַן ביי אונדז אַ רייע מענטשן וואָס ווילן עולם הזה מיט אַ שפּריצל פון עולם הבא צו באַשיינען דאָס. אין דער מאָס פון זייער דראַנג נאָכן ערשטן אָדער נאָכן צווייטן קענט איר זיי — אינם לשון פון די אַמעריקאַנער פאַרקויף־פאַרוואַל־טער — ווערטן.

דער „אמת" איז ניט אַ זאַך וואָס עקזיסטירט פון פריער, נאָר וואָס מ׳מוז „מאַכן", באַשאַפן. מענטשן זענען שטענדיק אַריינגעטון אין דער באַשאַפונג פון אמתן. די מענטשלעכע געזעלשאַפט מאַכט אירע אמתן, דער מענטשלעכער מין — זיינע, און דער יחיד זיינע אייגענע; פּאָליטיש־עקאָנאָמיש־היסטאָרישע; פילאָזאָפיש־וויסנשאַפט־לעכע, פילאָזאָפיש־רעליגיעזע. נאָר, אַזוי ווי דער לעצטער אמת שאַפער אין די אַלע קאַטעגאָריעס איז דער יחיד, און אַזוי ווי אים האָט זיך נאָך אַלץ ניט איינגעגעבן צו שאַפן פ אַ ר ז י ך דעם נויטיקן „אמת" —

די מעגלעכקייט צו לעבן אַזוי לאַנג ווי ער פאַרלאַנגט — איז ער אַלע מאָל אומצופרידן מיט די געשאַפענע אמתן און צעברעכט זיי מיט כעס, ווי אַן אומגעלונגענע, אומפּראַקטישע דערפינדונג. ער פאָדערט — אומפאַרנונפטיק — פון זיינע פאַרשיידענע אמתן אַן „אַבסאָליוטן״ ווערט און פאַרמישט די יוצרות צווישן זיי. אַן אמת האָט זיין ווערט אויב, און אַזוי לאַנג ווי, ער דינט דעם צוועק צו וועלכן ער איז געשאַפן געוואָרן. דער גאַנצער ענין פון זוכן אמתן, אנשטאט פּראָדוצירן זיי, געהערט צו אַ פריערדיקער, פאַרגאַנגענער שטופע פון אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק.

די נאַטור־געזעצן זענען אפשר בלויז „אַזוי גערופענע״ נאַטור־געזעצן, אָבער דער בונט פונם יחיד קעגן זיי איז נאַריש. אַ מענטש וואָס זוכט זיך אויסטענהן מיט אַ וואולקאַן אָדער אַן ערדציטערניש איז אַ בטלן. אפשר קאָן דער כלל — דער כלל־מוח, זייער באַשעפער — עפּעס טון קעגן זיי — דורך שאַפן נייע „נאַטור־געזעצן״.

מאָנאָטעאיזם, פּאָליטעאיזם, כאַאָטיזם.

כאַאָס. איך בין חושד אַז דאָס מענטשעלע איז עס דער וואָס בריינגט אַריין אַ ביסל זין און שיינקייט אין דעם כאַאָס וואָס רופט זיך וועלט. אַז דער מענטש טראַכט סדר ווערט סדר אין דער וועלט, „פאַר זיך״ איז די וועלט כאַאָס.

קאַרל מאַרקס, טשאַרלז דאַרווין, זיגמונד פרויד.

דאָס זענען די מייל־שטיינער פון דעם מאָדערנעם דיינקען וועגן דעם מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד.

צווישן אונדז זאָל עס בלייבן: פאַראַן נאָך אַ איינשטיין, מינקאָווסקי, פּלאַנק . . . מיר האָבן שוין אַן איינשטיין פאַרן רוים. איצט דאַרפן מיר אַן איינשטיין פאַר דער צייט.

איינשטיין האָט פּרובירט קאָמבינירן די ביידע. עס אַרבעט ניט גוט.

די צייט וואָס כאַראַנס שיפּל פאַרברויכט אויף אַריבערצופאָרן צום געהיימען אינזל (זע אַרנאָלד בעקלינס געמעל) איז קורץ, נאָר צום פּאַסאַזשיר קומט זי פאָר זייער לאַנג.

דאָס איז אפשר אַ מין אילוסטראַציע צו איינשטיינס רעלאַ־טיוויטעט.

די שאָטנס פון דעדאלוס און לעאָנאַרדא דא ווינטשי — די מאַ־כינאַציע פליט דאָך!

ביינאַכט איז אַ מעטעאָר פאַרבייגעפלויגן. ער האָט אַראָפּגע־שאָסן עטלעכע מעטעאָריטן און איז אַוועק — איך ווייס ניט וואוהין.

די שטיינער גליען אין בויך פון דער ערד. עס נעמט צייט ביז זיי קילן זיך אָפּ. צו וואָס? צו ווען?

עס טוט זיך חושך אויף קלינטאָן סטריט. עס לאָזט זיך אויס, אַז ניט די יידן האָבן דערפינדן דעם מאָנאָטעאיזם! און דאָס האָט אַרויסגעזאָגט אַ ייד וואָס האָט אַפילו ניט געהאַט דעם מוט זיך צו שמדן.

נו, איך האַלט, אַז דעם גרעסטן באַגריף וואָס די מענטשהייט האָט אין איר קינדהייט אַרויסגעבראַכט איז אויסגעדריקט אינם וואָרט „גאָט”. נאָר — דאָ קומט רש״י, איך מיין — דאָס דאַרף מען פאַר־טייטשן . . .

דער רעליגיעזער דואַליזם האָט פאַרביטן די יוצרות: נישט דער גוף איז דער קוואַל פון שלעכטס אָדער זינד, נאָר די „נשמה” — דער קאָמפּלעקס וואָס טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען. דער גוף איז אַלע מאָל „גוט” — ווייניקסטנס, דער געזונטער גוף, ווייניקסטנס שטייט ער אויסער (יענערזייטס) גוטס און שלעכטס.
(איבערטראַכטן עס. די רעזערוואַציעס מאַכן אפשר צונישט דעם גאַנצן געדאַנק.)

פאַרשטיין די וועלט הייסט נאָך ניט זי אַקצעפּטירן.

איר זענט אַלע אַזעלכע גוואַלדיקע חכמים: איר ווייסט גענוי ווי זיך פונאַנדערקלייבן צווישן דעם גייסטיקן און דעם פיזישן לעבן,

צווישן געזעלשאַפטלעכן און יחידישן לעבן; צווישן סאָציאַלע און נאַ־ציאָנאַלע פּראָבלעמען; צווישן לעבן פון שכל און לעבן פון געפיל. — וואָס זאָל טון איינער, וואָס איז ניט אַזאַ חכם? . .

אין אייער פּערזענלעכן לעבן זוכט איר נאָכאַנאַנד זיך צוטוליען צו אַ סביבה. אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן ווערט איר פּלוצים גוואַל־דאָווגע אינדיווידואַליסטן. טשיקאַווע!

דער זין פון אינדיווידואַליזם אין אונדזערע צייטן קאָן זיין בלויז איינער — פּערזענלעכע אחריות פאַר פּערזענלעכן אַריינלעבן זיך אין אַ קאָלעקטיוויסטישער וועלט.

ווילא איך, האָב מיר אויפּצופּאַסן אויפן גאַנג פון מיין אייגענעם לעבן, אָבער ז י י ווילן דאָך פירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן; זיי טאָרן ניט פאַרבאַטשן די אַרבעט. זיי דאַרפן וויסן ווי אָנצוגיין מיט פאַרשיידענע מענטשן. אויב זיי זענען קליינוואַרג, זשוקלעך, וואָס נעמען זיי זיך אונטער צו פירן גרויסע געשעפטן? וואָס קריכן זיי וואו מ׳דאַרף זיי ניט? . . —

— הערסט אַ מעשה: צו ק ר י כ ן איז דאָך די סאַמע זשוקלסטע נאַטור!

ביים בויען בריקן, ביים שניידן טונעלן רייסן מיר אויף מיט דינאַמיט די פעלזן וואָס שטייען אונדז אין וועג. אה, דינאַמיט איז אַ גרויסע זאַך! איז עס גוט צו שפּילן זיך מיט דינאַמיט אין אַ קינדער־צימער?

„גוואַלט און צוואַנג — דער גאָלד־פאָנד פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג — דאַרף געברויכט ווערן בלויז אין עקסטרעמען נויטפאַל. אַ רעזשים ווערט פאַראָרעמט דורך אויסברייטערן איר פיזישע מאַכט.“

דאָס איז זייער פּשוט און אַלט ווי די וועלט. אַ פּאָליטישע אָרגאַ־ניזאַציע, אויף וואָס פאַר אַ סאָציאַלער אידייע זי זאָל ניט זיין באַזירט, איז אַ קאָנצענטראַציע פון מאַטעריעלער מאַכט. ביי די מיטגלידער פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע אַנטוויקלט זיך אַ גאווה, אַ זיכערקייט אין זייער גערעכטיקייט, אין זייער צדקות, אין זייער חכמה — די נאַרישע באַ־

גלייטונג פון דערפאַלג. דער מענטש פון אינטעלעקט אָדער טאַלאַנט האָט ניט קיין שום שאַנס צווישן זיי, ווי ער קאָן נישט געווינען אין דירעקטן פיזישן צוזאַמענשטויס קעגן אַ מאַשין, קעגן אַן אָקס, קעגן אַן עלפאַנט.

אין דעם פּרט איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ניט בעסער פון די קאַפּיטאַליסטישע מאַכט־צענטערן. דער ראַציאָנאַלער געברויך פון מאַכט איז נאָך דערווייל ביי מלאכים אין די הענט.

צו די קאָמוניסטן:

ווי אַ שיינע פרוי האָט איר זיך שוין מסתמא גענוג אָנגעהערט מיט קאָמפּלימענטן פון די אָנגעפּאָרענע קאַוואַליערן — וויל איך די קאָמפּלימענטן אויסלאָזן. אָדער, קאָנט איר אויך ניט, ווי אַ שיינע פרוי, זיך אָנזעטיקן מיט זיי?

עס דעקן זיך אויף די זאָאָלאָגישע יסודות פון אונטער דער אָנגע־וואַקסענער ציוויליזירטער הויט. לעבן — מיינט: עסן, טרינקען, דער־פילן נאַטירלעכע הצטרכותן, שלאָפן מיט אַ פּאַרשוין פונם צווייטן גע־שלעכט; דערפאָלג, זיכערקייט מיט אייגענער עקזיסטענץ, און צופרידנ־געשטעלטע אייטלקייט; אַ ביסעלע געזעטיקטע אכזריות צו אַנדערע ברואים — פאַרצוגלעך צו מענטשן — און מאַכט איבער זייערע לעבנס. ליבע, איז אַ פאַרלאַנג צו שלאָפן — אָדער צו וואַכן — מיט אַ מאַן אָדער אַ פרוי.

דאָס איז אַזאַ סאָרט אמת ווי אַז מוזיק הייסט פירן מיט די האָר פון אַ פערדישן עק איבער אַן אויסגעטריקנטן קוהישן אָדער . . .

די הויכע אידייע פון קאָמוניזם ווערט, ווי יעדע אידייע, דורכגע־פירט דורך דעם ערדישן מענטשן מיט זיינע זאָאָלאָגישע טריבן — צו באַזאָרגן די אייגענע עקזיסטענץ און צו באַשווערן און פאַראומערן פרעמדע.

אידייאיש ווינטש איך אייך דעם פולשטענדיקן ענדגילטיקן נצחון. פערזענלעך קען איך אייך ניט סובל זיין.

געוויס בין איך אַ קאָמוניסט, דער חסרון איז נאָר וואָס די באַל־שעוויקעס זענען ניט קיין קאָמוניסטן ווי די איסיים זענען דאָס געווען.

איך האָב שוין געזען אין וואָס קאָמוניזם פאַרוואַנדלט זיך ווען ער ווערט אַראָפּגעשלעפּט פון הימל אויף דער ערד, ווי אַלע אונדזערע אידעאַלע חלומות.

נעם איך מיר אָפּ מיין חלק עולם הבא, קאָמוניזם בלע״ז, אויף דער וועלט, אַזוי לאַנג איך לעב נאָך.

בעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געשטאָרבן פון עלטער־שוואַכקייט, איז דער קאָמוניזם — געבוירן אויפן בראָכשטול פון דער מענטשהייט ווי אַ האָפענונג און אַ צוקונפט — געשטאָרבן פון גע־ירשענטן סיפיליס.

ליענין איז שולדיק. ער האָט זיי אָנגעצייכנט אַ טאַקטיק — און האָט ניט פאָראויסגעזען אַז זיי וועלן זי פאַרוואַנדלען אין אַ אידעאָ־לאָגיע.

— כ׳האָב נישט דעלעגירט מיין פייאיקייט צו דיינקען צו חבר סטאַלינען.

— נישט צו סטאַלינען צו דער פּאַרטיי!

— אויך נישט צו דער פּאַרטיי . . . מיט איר מוז איך גיין צוזאַמען אין האַנדלען, נישט אין דיינקען, און אויך דאָס: די גאַנצע פּאַרטיי באַשטייט ניט פון סטאַלינס.

סטאַלין — גרוזינישער דזשיגיט.
סטאַלין און טראָצקי — דעמפּסי און שאַרפּאַנטיע.
מעקסיקא — טראָצקיס סט. העלענא.

דער דערשטוינענדיקער ספּעקטאַקל פון אַ באַוועגונג וואָס דיינקט, רעדט און שרייבט שלעכט — און טוט און האַנדלט גוט . . .

סאָציאַל־דעמאָקראַטן יאַדען זיך ניט מיט פראַגן פון אַבסטראַק־טער מאָראַל — און זענען קעגן טעראָר, מחמת טאַקטישע טעמים: אַ בוצלאָזער מיטל. סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן כניקען איבער מאָראַל — און פירן איין דעם טעראָר . . .

אין די באַדינגונגען פון אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט מוז יעדע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס באַוועגונג אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו דער בורזשואַזיע פון דעם באַטרעפנדיקן פאָלק, באַזונדערס די מלוכהשע אָדער טעריטאָריעלע שטרעבונגען. די קולטורעלע אויך. אָבער דאָ איז מעגלעך אַן עפעקטיווער ווידערשטאַנד פון אַרבעטער־קלאַס מיט דער הילף פון דער פאַרגעשריטענער אינטעליגענציע. (פוילן—אירלאַנד—פּאַלעסטינע).

(זעלבסטשטענדיקע מלוכהשע באַשטרעבונגען מוזן זיך פאַרוואַנד־לען אין אַ אימפּעריאַליסטישער אַוואַנטיורע.)

די קאַפּיטאַליסטישע מיל מאָלט נאָך אין אַמעריקע: אַרבעטער גייען אַריבער צום קליינבירגערטום און קליינבירגער ווערן פּראָלע־טאַריזירט.

און דאָרט — די גרויסע קונסט פון בויען דאָס לעבן, אַ יונגער וואַלד רייסט זיך צום לעבן.

(פּערזענלעכע טראַגעדיע און סאָציאַלער טריאומף.)

אַרויסגעלאָזן אַ בלבול אויפן אַרבעטער אַז ער איז—מענטשלעך.

איך זיץ מיר אַזוי אין סאָבוויי — לעקסינגטאָן עוועניו. אויף דער אַנטקעגנדיקער באַנק זיצן אַרבעטער, קענטיק פון „יענע" אַרבעטער — „פאָרווערטס"־לייט, אַמער. פעד. אָף לייבאָר לייט, אָדער נאָך ווייני־קער, אָבער אַ ר ב ע ט ע ר, מענטשן וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגע־לעבט ווי אַרבעטער, אין די שעפּער, אין די יוניאָנס, עס זעט אויס, אַז מיט די קאַפּיטאַליסטן און זייער „קולטור" האָבן זיי ניט געהאַט צו טון, ניט געהאַט קיין אינטערעס צו האָבן צו טון. נאָר וואָס זשע דען זשע? איך האָב אַ חשד אַז זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן „געמאַכט אַ לעבן". ריידן זיי, שמועסן זיי, מאַכט איינער:

— אַה, דאָרט . . . דאָרט ט־־־ט מען זיך נאָכאַנאַנד.

איך בין — שאָקירט און — פאַראינטערעסירט. דאָס זענען אַר־בעטער, מיין אַדאָפּטירטער קלאַס. יידן פלעגן זאָגן: אַ געמאַכטע מכשפה איז ערגער פון אַ געבוירענער. איך בין אַ סך ערגער פון אַ „געבוירענעם" אַרבעטער, נאָר איך וויל פאַרשטיין, פאַרוואָס רעדט ער אַזוי? איז עס „רעאַליזם"? איז עס אַ פּשוטערע באַציאונג צו זאַכן

און צו ווערטער? אָדער איז עס — דער כאַם, דער מענטש אָן דינע געפילן, דער מענטש — אין אַ וואָרט — אָן „קולטור"?

פאַרגעסט ניט — ער איז אין אַ וואַגאָן פון סאָבוועי, ער איז אין דער געזעלשאַפט פון מאַנסבילן, ניט פון ווייבער, ער איז ניט אויפגערעגט און ער האָט קיין וואונטש עמיצן אויפצורעגן מיט זיינע אָפּענע, נאַקעטע ווערטער. הייסט עס, ער איז פּשוט אין זיין וואָכע־דיקער סטיכיע — די שרעקלעכסטע סטיכיע. צון איר מוזן מיר זיך צוהערן, אין איר וועלן מיר געפינען די גאַנצע צוקונפט אונדזערע. איז וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס וועלן מיר טון דערמיט? וועלן מיר עס נעמען פאַר אונדזער אויסגאַנגס־פונקט פאַר דערקענען דעם מענטשן ווי ער איז, דעם אַרבעטער ווי ער שטייט און גייט, און פון אים, לויט אים, פּרואוון אַנטוויקלען אַ נייע קולטור, אַן אַרבעטער־קולטור? אָדער מיר'ן מוזן אנערקענען אַז אַזוי ווי ער איז, איז ער נאָך ניט דאָס אויבערשטע פונם שטויסל, און אַז עפּעס אַזוינס דאַרף נאָך געטון ווערן ביז מיר'ן קאָנען אָנהייבן שאַפן אַ פּראָלעטאַרישע קולטור, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ — און אַ סך מער ווי בלויז פאַרנעמען דעם פּלאַץ — פון „זייער" קולטור?

פאַרגעסט ניט, איך בין ניט קיין פּוריטאַנער. איך האָס פּורי־טאַניזם, וואָס איז אַ שונא פון לעבן, אַזוי ווי ער וואָלט אונדז געקאָנט אַנבאָטן אַ בעסערע זאַך ווי דאָס לעבן איז. און אַלץ וואָס איך בין דאָ אויסן איז — איז אַוועקצושטעלן אַ פּראַגע וואָס זאָל רעגן אונדזערע אַרבעטער צו טראַכטן, צו קאָכן זיך, צו זידלען מיך, אויב זיי ווילן, נאָר צו זוכן אַן ענטפער.

ווען יחזקאל הנביא זידלט ירושלים כאחת מן הריקות: „ותפשקי רגליך לכל עובר", איז דאָס ניבול פה? ניין און ניין! ניבול פה איז דאָס, וואָס פאַרמיאוסט, פאַרביליקט געשלעכט.

נייע מעטאָדן פון בילדונג דאַרפן געפונען ווערן, קפיצת הדרך מעטאָדן, וואָס זאָלן העלפן דעם אַרבעטער אַריבערשפּרייזן אין אַ קורצער צייט די עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פונם מענטשלעכן גע־דאַנק, נאָר וואָס זאָלן אים ניט לאָזן פונדעסטוועגן געבאַרן, וואָס זאָלן זיך נישט דערלויבן צופיל סימפּליפיצירן דאָס וואָס איז ניט איינפאַך.
שווערע, זייער שווערע אויפגאַבן . . . —

. . . איר דאַרפט איבעררייסן מיט דער אַלטער קולטור אַלע באַציאונגען, כדי ניט אַרונטערצופאַלן אונטער דער ווירקונג פונם שטאַרבנדיקן קלאַס. איך האָב גענומען אויף זיך אייך אַריבערצובריינגען עפּעס פונם פאַרמעגן פונם אַלטן עובר בטל.

אַ פּאַזש איז געווען פאַרליבט אין זיין דאַמע, האָט ער געטראָגן דעם שלעפּ מיט ליבשאַפט.

איך בין דער פאַרליבטער פּאַזש פון אַרבעטער־קלאַס, אַפילו אויב מיין דאַמע קוקט זיך אויף מיר ניט אום.

די פּאָליטיקער.

מיר זענען די שופטים. מיר משפטן זיי, נאָר מיר האָבן נישט קיין פּאָליציי אויף דורכצופירן אונדזערע משפטים, און ווילן ניט האָבן קיין פּאָליציי. אונדזער משפט באַשטייט טאַקע דערין — וואָס מיר זענען קעגן פּאָליציי.

באַמערקט דעם געמיינזאַמען שורש — פּאָליטיק און פּאָליציי.

דער „חכם" און דער „חם", מיט איין אות ווייניקער, אָדער „כאַם". דער לעצטער זיגט אומעטום, אויף דער גאַנצער ליניע. איז דער חכם דער נאַר, אָדער ווי? אפשר איז דער כאַם גערעכט? גערעכט פאַר וועמען און פאַר וואָס? מ׳דאַרף דאָס שטאַרק, אינטענסיוו דורכטראַכטן. ווייל מיר אַלע באַגערן צו זיגן איבערן כאַם, נאָר ניט מיט זיינע, נאָר מיט אונדזערע מיטלען. איז ווי אויב דאָס איז אוממעגלעך? איז ווי, אויב ער איז גאָרניט וואָס מיר רופן דער „כאַם" אָדער חכם, נאָר פאַרקערט?

סעפּט. 11 — 1939.

„די מעררי־גאָ־ראונד איז סטאַרטעד אגעין";

ארץ נתנה בידי רשע, מאַכט רש״י: די וועלט איז אין די הענט פון עגאָ־מאַניאַקן. היטלער — ער איז כמעט אַזאַ גוטער קאָמעדיאַנט ווי איימי מ׳קפּוירסאָן.

רוסלאַנד האָט פאַרלאָזן אירע פאַרבינדעטע ביים סוף פון דער לעצטער מלחמה און איצט האָט זי זיי פאַרלאָזן אין אָנהויב.

מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק האָבן אונדזערע בטלנים געחלומט:
ולא ישא גוי אל גוי חרב . . .

און ערשט איצט איז זייער חלום מקוים געוואָרן. איצט גייט מען נישט מיט קיין „חרב". איצט זענען, ברוך השם, פאַראַן באָמבעס, טאַנקען, עראָפּלאַנען. מיר וועלן זיך נאָך דערלעבן צו ראַדיאָ־בליצן, צום היץ־שטראַל, צום אויפרייס פונם אַטאָם. הורראַ פאַרן פאַרשריט פונם מענטשלעכן ג ײ ס ט!

די איינציקע זאַך וואָס מענטשן האָבן דערלערנט גרינטלעך, איז צו פאַרגיסן בלוט, פאַרשאַפן וואָס מער יסורים אַנדערע מענטשן — און אפשר אויך זיך.

די דריי אורטיפּן פון דער מענטשהייט: דער זשענטעלמאַן פון נעאַנדערטאַל; דער גאַלאַנט פון קראָ־מאַניאָן; און דער פּרא אדם פון בערכטעסגאַרדען.

מ ײ ן ר אַ ד י אָ ו ו אַ ר ג ט ז י ך.

געפּעפּנט די אויגן, ווייס איך נאָך ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. פאַרגעסן איבערנאַכט. גיב איך אַ דריי דאָס קנעפּל פון דער ראַדיאָ, כדי צו וויסן וואו איך בין אין דער וועלט. אָבער מיין ראַדיאָ פּירכעט און וואַרגט זיך. —

זי הויבט אָן:

. . . בר־ר־ר! גענומען באַרדיאַ . . . ניט גענומען באַרדיאַ . . . באָמבאַרדירט אַ שטאָט מיטן נאָמען בר־ר־ר! . . צוויי ציווילע, צווישן זיי דריי־און־אַ־האַלבע פרוי, געהרגעט, פאַרוואונדעט — בר־ר־ר! . .

עס פאַלט מיר צו חלשות, און איך פאַרדריי דאָס קנעפּל. ניין. עס וועט ניט טויגן.

די „ריידיאָ מעינטענענס קאָמפּאַני" אַנאָנסירט, אַז זי וועט שיקן צו אייך אַ מענטשן, וואו איר זאָלט ניט וואוינען אין לאָס אַנגעלעס אָדער אומגעגנט; ער וועט פאַרריכטן אייער ראַדיאָ, און זי וועט אויפהערן זיך וואַרגן. און דאָס אַלץ פאַר פופציק סענט! . . — איך טעלעפאָניר גלייך צו דער קאָמפּאַני.

עס קומט אַ מעכאַניקער, באַברעט זיך אַ ווײַלע אין די געדערים פון מיין ראַדיאָ און זאָגט צו מיר: זי וועט לעבן!

איך באַצאָל מיט צופרידנקייט די פופציק סענט און גיי שלאָפן. ביינאַכט חלומט זיך מיר, אַז איך בין אויף אַ חתונה, איך טאַנץ מיט אַ שיינער דאַמע — און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן. אינדערפרי, מיט אַ נאַרישן שמייכל אויף מיינע ליפּן נאָך פון ביינאַכט, דריי איך ווידער דאָס קנעפּל.

. . . אַ טעלעגראַמע פון ווישי, פראַנקרייך: די אינטערנאַציאָנאַלע זשוליקעס זענען צווישן זיך ניט דורכגעקומען . . . פון בולגאַריע: פּרעמיער דער־און־דער (וואָס אין העלל איז היז נעים!) — דער אַנאָנסירער קייט מיט די ליפּן און איך ווייס ניט צי ער רעדט צי ער זינגט . . . דזשאהן בראון . . . (דאָס איז איינער וואָס איז אויפגעהאנגען געוואָרן ספּעציעל צוליב דעם, כדי דער אַנאָנסירער זאָל מאַכן אַ לעבן) . . . אַ ווײַלע ווערט מיר גרינגער: עס קומען די חנעוודיקע שפּאַנישע טענץ, דערנאָך אַן אַקט פון אַ גילבערט־און־סאַליוואַן־אָפּערעטע . . . קירסטען פלאַגסטאַד קוויטשעט וואַגנערן אין מיינע אויערן. נו, וואַגנערן האָב איך ליב צו הערן ווען איך האָב היץ; אָבער אונטער וואָכעדיקע אומשטענדן . . . און שטענדיק פּלאָנטערן זיך מיר די שטראוסעס אונטער די פיס, און דער „בלויער דונאַי" איז מיר נמאס געוואָרן ווי סעקאַנד עוועניו . . . דער אַנאָנסירער רעדט מיט טיף־אויפגערודערטע געפילן וועגן „משה רבינוס טשיקלעטס" . . .

אַ מידער, דריי איך איבער דאָס קנעפּל צו אַן אַנדער סטאַנציע און איך דערוויס זיך אַז — מ'הרגעט! . . מ'וואַרפט באָמבעס, מ'צינדט הייזער און דער עיקר — מ'הרגעט! מ'הרגעט און מ'ווערט געהרגעט מיט באַגייסטערונג, מיט מסירת נפש, מיט העלדישקייט. אַזוי פיל העלדן זענען נאָך נישט געווען זינט די וועלט שטייט. מענטשן האָבן אָוועקגעוואָרפן מאַכן אַ לעבן און קאָכן וועטשערע — און האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין העלדישקייט, פּונקט ווי אין קאָרטן צי אין שיכרות, רחמנא ליצלן. אין פאַרצווייפלונג רוף איך נאָכאַמאָל די „ריידיאָ מעיינטענענס קאָ." און כאַפּ דעם מעכאַניקער פאַר אַ לאַץ און שושקע אים אין אויער אַריין:

— הערט זיך איין: די ראַדיאָ איז משוגע געוואָרן . . . ש־ש־ש! . .

דער מענטש האָט מיט כעס צעווייפגעוואָרפן זיינע שטיקלעך געצייג צוריק איז זיין וואליזקע און האָט אויסגערופן מיט אַ גיפטיק קוויטשיקל:

— וואָס ווילט איר, מיסטער? פאַר פופציק סענט זאָל איך אייך מאַכן — אַ נייע וועלט? . .

דוד המלך האָט געשלאָגן גלית הפלישתי מיט אַ שטיינדל אין זיין שוואַכסטן פונקט, אין שטערן (מוח); גליתל האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט אַ סך פיזישער גבורה — מיט „תחת“, הייסט עס.

— זענט איר די, וואָס טוען עבודה צום תחת?

ערגעץ וואו האָב איך געזען אַ בילד:

אויף אַ שטול זיצט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, דער ערשטער נאַפּאָ־לעאָן, דער גרויסער. פאַרגעסט ניט — דער „גרויסער“. ביים שטול, אין אַ צערעמאָניעלער און חניפהדיקער פּאָזע, שטייט — טרעפט ווער? (געטהע?)

פאַראַן אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער אמת. די פיזיק האָט אים אָנגעטון אין בגדי מלכות — די קאָנסערוואַציע פון שטאָף און ענערגיע.

דער אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן האָט אים אויסגעדריקט, ווי זיין שטייגער איז, ברוטאַל און גראָב — פאַר גאַרנישט קריגסטו גאַרנישט.

„אה יע?!“

אַפילו איראָניע ווערט אין דעם לאַנד קאָנסערווירט אין בלעכענע שאַכטלעך פאַרן אַלגעמיינעם געברויך. „אה יע?!“ ווערט געוואָרפן פאַר די לעצטע פאַר יאָר פון מויל צו מויל, פון שטאָט צו שטאָט, פון ברעג צו ברעג, פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק.

ווי קען אַזאַ פאָלק ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין מאַנעקענען און אידיאָטן?!

אַריינפירן בייביס, בייבישן קאָמיזם, וואָס ביים אַמעריקאַנעם פאַרוואַנדלט זיך עס אין דעם צביעותדיקן סענטימענטאַליזם פון זיינע „בייבי אויסשטעלונגען“, בעת צענדליקער טויזנטער קינדער וואַקסן ווי קאַקטוסן אין דער מדבר, בלויז מיטן פרימיטיוון כוח פון לעבן אין אַ פריש־אינטעגרירטן זאַאָלגישן איינס.

אַ וואונדערלעך געמיש פון גראדן, מוטיקן (געוואַגטן) געדאַנק און טעמפּער, געמיינער לעבנס חכמה — וואָס די ענגלענדער זענען אַזוי רייך איןביידן.

די פּוילישע — איך מיין: פּאַליאַקן, ווי די יידן פון פּוילן — זענען אַ וואונדערלעכע ראַסע: זיי האַלטן שטענדיק די וואָג אין האַנט, ווי דער גאָט פון שטרייִנגער גערעכטיקייט. נישמער — זיי וועגן זייערע אייגענע ביזנעס, איך מיין — פון שטאַנדפּונקט פון זייערע אייגענע אינטערעסן. און זייערע אייגענע אינטערעסן זענען ווערט אַ ג ר אָ ש ן. אַ פּוילישן גראָשן. פּ״פּיו! —

די „ליבע״ דאַרף געמאָסטן ווערן אין אַמפּערס און די שנאה אין וואָלטן. אין לאַנגן לויף ווערט די אַרבעט פון דער וועלט געטון מסתמא דורך דער קוואַנטיטעט פון ליבע — צו מענטשן, צום לעבן, צו דער וועלט. אין קורצע מאָמענטן, ווען הויכע שפּאַנונג איז נויטיק, דאָרט קומט די שנאה. מ׳וואָלט געדאַרפט פּאָר איר — פּאָר דער שנאה — דערפינדן אַזאַ מאָטאָר פון „הויכער אָפּטקייט״.

ליידן און פריידן, ווען „מ׳נעמט זיי איין״ צוזאַמען, זענען אַ געזונטע און קרעפּטיקע משקה. באַזונדער — זענען זייביידע — אָפּ־פּיר־מיטלען.

זכר ונקבה ברא אותם.
די גאַנצע מענטשהייט — די גאַנצע לעבעדיקע וועלט — איז געשפּאָלטן אויף צווייען: אויף מענער און ווייבער. דאָס מוז דאָך עפּעס מיינען! דאָס מוז דאָך זיין פונדאַמענטאַל! וואָס מיינען זיי עפּעס מיט דעם שטעלן זיך קעגן דער אור־פּאַרטיילונג פון לעבן?!

אַ מאָסקע.
אַ פּאָר ציצלעך די גרויס פון צוויי ווייַנטרויבן, צוויי אויגן ווי אַגרעסן — און מיט זייער הילף וויל זי דורכגיין די וועלט.

מיין האַרצנס געליבטע.
זי האָט אַ ניכטערן בליק אויפן לעבן. רעדוצירט צו קלאָרע טער־

מינען, מיינט דאָס — אַ באַנק־ביכל. אַ באַנק־ביכל, וואָס זי האָט, אָדער שטרעבט צו האָבן. זי האַלט עס אין בוזעם, און דאָס האָט אַוועקגערוקט דאָס האַרץ אַ ביסעלע אָן אַ זייט. אַז איר לייגט צו אייער אויער צו איר ברוסט, קאָנט איר דייטלעך הערן דעם טיק־טאַק פונם — באַנק־ביכל.

פּאַרליבט.

עסט די פרישע, לעצט־געקויפטע פּוטער און לאָזט פאַר איר גע־ליבטן די עלטערע. קוקט מיט גיריקע אויגן אויפן פעטסטן שטיקל פלייש אויפן טעלער, און אַמאָל קאָן זי זיך ניט איינהאַלטן און כאַפּט עס אויס. ביינאַכט: קרעכצט פון פאַרגעניגן, פון עקסטאַז, און שעפּ־טשעט: ליבער... ליבער...

אַ ווידערשפּרוך, אַ צוזאַמענשטויס צווישן דעם געשלעכט לעבן און צווישן דער פרנסה; צווישן דעם אויפהאַלט פון מין און דעם אויפהאַלט פון דער יחידישער עקזיסטענץ. דער נצחון איז מערסטנס אויף דער זייט פון דעם לעצטן.

דער נאַר וואָס האָט פונזיינעטוועגן שכל. יעדער נאַר האָט שכל פונזיינעטוועגן.

„קלוג ווי דער טאָג“. אפשר אַז דער טאָג איז אַ גרויסער חכם, כאָטש איך זע ניט מיט וואָס.

אַ גרויסע זאַך אויסצוגראָבן מענטשלעכע חסרונות! זיי שווימען דאָך אויבן — ווי אַן „אויג“ פון פעטס אויף אַ יויך!

דער „גרויסער מענטש“: ער פרעגט אייך עפּעס און וואַרט ניט אויף קיין ענטפער. ער איז פאַראינטערעסירט אין זיך. וואָס איר זאָגט דאָרטן איז נישט וויכטיק.

אַ מענטש האָט אַ רעכט צו זיין אומגערעכט. דער עיקר איז, אַז ער זאָל סטימולירן דעם געדאַנק.

זיי ווילן איינהאַנדלען ראַדיום אויף אַ גראָסערי וואָג.

וואָלט ניט געווען לעכערלעך, ווען איר שפּאַנט איין די ענערגיע פון אַ וואולקאַן אויף רייבן כריין צו אייערע פיש? —

... דיין ברכה זאָל פאַלן ווי טוי אויף אונדזערע פעלדער, כדי דאָס לעבן זאָל קאָנען אָנגיין ווייטער — און ווייטער — און ווייטער. —

ביי היינטיקן טאָג זענען קינדערשע פאַנטאַזיעס און אומבאַ־האָלפנקייט ניט מער די סמנים פון אַ „העכערן מענטשן", נאָר פּשוט פון אַ בטלן. (אָפּגעריסנקייט פון לעבן.)

... אַ קינד קומט אויף דער וועלט מיט אַ געשריי פון טעראָר פאַר דעם קורצן דורכגאַנג פון נישט זיין, דורך זיין, צוריק צום נישט זיין...

ווען איר הערט מענטשן לאַכן, ניט וויסנדיק וועגן וואָס זיי ריידן, קלינגט עס עפּעס ווי געגנדז וואָלטן געגוגערט אָדער קאַטשקעס וואָלטן גערעדט ניבול פּה.

מענטשן, וואָס ניט זייער מאָגן אַרבעט פאַר זייער מאַרך, נאָר וואָס זייער מאַרך אַרבעט פאַרן מאָגן.

ער האָט געהאַט אַ טבע — פריער עפּעס זאָגן, און נאָכדעם עס אָנגעהויבן צו דיינקען.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזוי פיל גדלות, אַז מ'האָט גע־קענט מיינען ער איז ... ושתי המלכה.

די חכמה האָט, ווי זשאַווער, זיך איינגעגעסן אין זיינע ביינער.

מיט דער גאַנצער רשעות פון אַ פּראָפעסיאָנאַלן צדיק ...

. . . ער האָט געפילט, אַז ער קאָן זיך באַגיין אָן — יענעמס — עסן . . .

מיט דער זאַטער טעמפּקייט פון אַ זיגער . . .

זיגער נויטיקן זיך מער אין שטראָף־רייד ווי אין לויב־געזאַנגען.

מענטשן וואָס ווילן ניט, אין טעאַטער שפּילן לעבן, נאָר אין לעבן שפּילן טעאַטער.

דער רעדנער האָט געטשאַדעט ווי אַ ניט אָפּגעשנויצט ליכט, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס ער וויל.

אַנטעאוס האָט זיך געהאַלטן בלויז אַזוי לאַנג ווי ער האָט געפילט די ערד אונטער די פיס. אַלס קאָמפּלימענט דערצו — דער קורץ־געבראַקטער אַפאָריזם: הרוצה לשקר ירחיק את עדותו.

דאָס קול פון סאָלאָוויי האָט זיך געלאָזט הערן אין לאַנד, און די אַקאַציע בליט ביי מיין פענצטער.

אַ שמעטערלינג איז צוגעפאַלן פון דרויסן צו מיין שויב. עס וויל פליען אַריין — און קאָן ניט, עס זעט ניט דעם אָפּהאַלט, און פאַרשטייט ניט.

אַ יונג מיידל, וואָס ענטפערט אויף אַ ריר פון דער האַנט, ווי אַ שטאָלענע שפּרינגע.

דער רייכער, אָנגעזעטיקטער (סאַטורירטער) אַראָמאַט פון אַן איבער־רייפער ציוויליזאַציע, וואָס אָט־אָט הויבט זי אָן פוילן.

שאור שבעיסה! וויטאַמינען! ס׳איז אפשר שווער צו באַשטימען דאָס ספּעציפישע געוויכט, אָבער די ווירקונג איז קלאָר ווי דער טאָג.

זשורנאַליסטישע חכמה: „אַמעריקע איז אַ לאַנד ניט (אָדער ניט נאָר) פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, נאָר אויך פון אוממעגלעכע באַגרענעצטקייטן“.

מיינער אַ פריינט דערגייט מיר די יאָר — ער וויל מיך אַלץ מאַכן פאַר אַ ציוויליזירטן מענטשן, אַלאַ ווילנע. ביי אים איז רעכט, אַז איך

זאָל אַפּילו דאַרפֿן אָפּווישן די נאָז פֿון צייט צו צייט. דער סוף וועט זיין, אַז איך וועל מוזן אים פֿאַרשיקן אין גן־עדן.

דעם לעבנס־ליבנדיקן, וויציקן און קאָקעטישן אנטיקן יצר־הרע, דעם סאַטיר, האָט דער קריינקלעך־תּאוהדיקער אסקעטיזם פֿאַרביטן אויפֿן סאַרקאַסטישן מעפּיסטאָ, וועלכער איז גיפֿטיק און בייסיק — קיינער ווייסט נישט פֿאַרוואָס.

מ׳טרינקט נישט. מ׳רויכערט נישט. מ׳צינדט זיך נישט אָן פֿון מיידלשן לייב — מ׳עסט קאַלאָריעס און וויטאַמינען. מענטשן וואָס לעבן אָן יצר־הרע, אַז זיי ווילן זיך אַריינלאָזן אין הפקרות, טרינקען זיי . . . פּאָסטום, און שטאַרבן פֿון שלשול.

די מצוה פֿון פֿאַרשוועכן הייליקייטן איז אַ גרויסע און שווערע מצוה.

הוי, שיפּער! שיכורער שיפּער! צוליב אייערע קאָסאָקע אויגן טענהט איר אַז דער קאָמפּאַס איז קאַליע?

שטעלט אייך פֿאָר, אַז אַ קאָסאָקער מענטש שטייט און קוקט גלייך אין שפּיגל, וועמען זעט ער?

אַ מענטש קוקט אין שפּיגל: אויב אין דער וועלט זענען נאָך דאָ אַזעלכע פֿיינע באַשעפֿענישן, הייסט עס, אַז ס׳איז נאָך כּדאַי צו לעבן אויף דער וועלט.

דין צו קיינעם נישט, מענטש! אויך נישט צו דיר אַליין. און מאַך נישט אַנדערע צו דינען צו דיר, דינסט איז עבֿודה זרה.

מענטשן פֿאַרדינען רחמנות בלויז אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זיי זענען אָן ברויט, מער ניט. ברויט דאַרף מען זען שאַפֿן פֿאַר זיי אונטער אַלע אומשטאַנדן. אַ מאַדיקום, אַ כּזית. אפֿשר וועלן זיי נאָכדעם ווערן דאָס, וואָס איצט זענען זיי ניט. דערווייל אָבער — גיב זיי ברויט — און האָב מיט זיי מער ניט צו טון!

יעדער מענטש איז ווערט מ׳זאָל אים טון אַ טובה, שוין דערפֿאַר אַליין וואָס ער נויטיקט זיך אין איר, נאָר ניט יעדער מענטש איז ווערט אַז מ׳זאָל פֿון אים אָננעמען אַ טובה. אַ, ניין!

ניט יעדערער איז זוכה צו זיין אַ מאַרטירער. צו דעם דאַרף מען געבוירן ווערן אַ װלאַדימיר קאָראָלענקאָ.

ווען אַ מענטש קומט צום שורש, טוט אַ מענטש זאַכן וואָס זענען איבער אים — פיינער אָדער געמיינער.

„כל העולם לא נברא אלא בשביל חנינא בני".

דאָס איז אַ זאָג פון אַ שטאָלצן און פאַרליבטן פאָטער, אָבער מ׳דאַרף עס נעמען „מיט אַ קערנדל זאַלץ". ווייל כל העולם איז אויך אַ היפּשע מדינה.

דאָס קאָסמאָסל. דאָס אוניווערזל. דאָס עקזיסטענצל.

בונה עולמות ומחריבן.

אונדזער פּלאַנעט וועט גאָר אַזוי לאַנג ניט עקזיסטירן וויפל צייט עס איז נויטיק פאַרן מענטשן צו ווערן דאָס וואָס ער אַליין וויל ווערן. דער מענטש איז אַ שרפה אין דער מיט פון אַ טויטן אוניווערז.

איך בין אַ דאָקטאָר. ווען איך שנייד מענטשלעכע קערפּערס און האָב צו טון מיט ניט שמעקעדיקע טיילן אַרט מיך ניט. ווען איך עקזאַמענניר אָבער זייערע, אַזוי גערופענע, נשמות, גלוסט זיך מיר ברעכן.

די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר — אַ בית־עלמין פון נשמות. די גופים גייען נאָך אַרום, נאָר די נשמות פוילן און שטינקען.

די גרעסטע זאַך אין דער וועלט איז די קליינקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. דאָס איז אַ באַרג וואָס איר קאָנט ניט אַריבערקלעטערן, נישט אַפילו דורכטונעלן.

— וועגן דעם האָט שוין געוואוסט פּעער גינט. —

אַזוי? איר ווילט פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע לעבן אין אַ טור פון קיך צום אָפּטריט און צוריק? צוליב דעם האָבן מיר זיך געדאַרפט מטריח זיין אַזש פון אונטערן כסא הכבוד אַהער אויף דער ערד? — לאָ! — מיט אַן אלף, און מיט אַ בית, און מיט אַלע אותיות וואָס דער מענטש האָט אויסגעטראַכט!

דער פּאַטאָס פון „אכול ושתה, כי מחר נמות".

יעדער מענטש האָט זיין אייגענעם שוואַכסטן פּונקט — אַן עפּע־

נונג אין זיין פאַנצער קעגן דער אַרומיקער וועלט. דערלאַנגט איר אים אַ שטאָך אין יענעם פונקט, ברעכט ער צוזאַמען. —

וואָס לאָזט זיך אויס? אַז דאָס סאַמע געוויינלעכסטע מענטשלעך לעבן איז זייער דראַמאַטיש.

ווען ניט דער אונטערמענטש וואָלט דער איבערמענטש געווען אַן איבעריקע זאַך. צו זיין פשוט אַ מענטש איז אַ גענוגנדיקע אָנשטריינגונג.

ווי האָט געזאָגט דר. שטאָקמאַן ביי איבסענען?

„דער שטאַרקסטער מענטש איז דער וואָס גייט אַליין".

ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים.
און די ערד וועט פול ווערן מיט וויסן ווי די וואַסערן פאַרפילן דעם ים.
אויב נאָר צוליב דעם דאָזיקן געדאַנק אַליין זענען מיר געקומען און האָבן אַזוי לאַנג זיך געהאַלטן אויף דער וועלט, איז עס געווען — כדאי.

מענטשן, מענטשן! איר שרייט אויס איינער צום אַנדערן דורך לענדער, דורך פעלקער, דורך צייטן און דורך דורות, דורך שפּראַכן און דורך קולטורן — און איר רופט זיך ניט אָפּ איינער צום אַנדערן! —
(יאַפּאַן, טשיקאַווע מוזיק און לשון)

לאוודזשאַי. לינקאָלן.
ווער עס קען דאָס לעבן פון דער נאָענט איז קאַפּאַבל צו ווינטשן זיך דעם טויט. צום גליק, באַווייזן זיך פון צייט צו צייט מענטשן, וואָס גיבן דעם לעבן צו אַ טעם, און מאַכן עס זאָל זיין כדאי צו לעבן.

די עטיק איז דערוואַקסן ביז אַן עסטעטיק, דאָס הייסט, ביז אַ טעם אין לעבן, ביז אַ שטופּע, ווען עס ווערט כדאי צו לעבן אויף דער וועלט.

שיינקייט — וואָס איז עס אַזוינס?
עסן עסט מען צוליבן געזונט, נאָר דאָס עסן דאַרף האָבן אַ טעם. דער גוטער קאָכער ווייסט דערפון.

שיינקייט איז דער טעם פון לעבן. אָן איר איז דאָס לעבן ניט כדאי. פון בלויז זעטיקייט אַליין קאָן מען זיך „נעמען דאָס לעבן״.

עווריקאַ! די מאַסן באַזאָרגן דעם טעלער באָרשטש, דעם לאַבן ברויט און דעם ביסן פלייש. דער יחיד — דאָס זאַלץ און דעם פעפער, כדי דאָס זאָל האָבן כאָטש וועלכן ס׳איז טעם.

ובכן, יחיד, אטטענשאַן! אַכטונג!

אַ מענטש איז נאָר וויכטיק פאַר אַנדערע מענטשן ווען ער איז וויכטיק פאַר זיך. און אַ מענטש איז וויכטיק פאַר זיך נאָר ווען ער איז וויכטיק פאַר אַנדערע. ווי אַזוי אַרויסקריכן פון אָט דעם סילאָגיזם ווייס איך ניט.

ס׳איז, ווי באַקאַנט, מענטשלעך צו מאַכן טעותן. און אַז מיר מאַכן טעותן, למשל, אין געלט חשבונות, מאַכן מיר זיי אַלע מאָל אויף א י י ן זייט — צו אונדזער גונסטן. דאָס איז שוין ניט אַזוי „לייטיש״, אָבער עס בלייבט נאָך אַלץ מענטשלעך.

דער שליסל־אָרגאַן פון מענטשלעכן אָרגאַניזם איז — די קעשענע.

די פריינט זענען ווערט אַ גראָשן און די שונאים זענען ווערט אַ דאָלאַר. — דעט׳ס איט!

איך זאָג אַ ליגן נאָר דאַן ווען איך האָב פון אים אַ זייטיקע טובת הנאה, ווייל דער ליגן גופא, פאַר זיך גענומען, האָט אַזאַ טעם ווי קייען קלאָטשע.

זיין אַ שקלאַף ווי דער זייגער — טון יעדע מינוט און יעדן טאָג דיזעלבע אַרבעט, און דאָס אין אַלע אייביקייטן — ניין, דאָס וויל איך ניט.

מאַך פון דיין אייגן לעבן אַ קונסטווערק. ס׳איז ניט וויכטיק, צי עס וועט זיין אַ דראַמע, צי עס וועט דערגיין ביז טראַגעדיע. זע, עס זאָל דערפון ניט ווערן קיין פאַרס.

אויב מיר קאָנען ניט מאַכן פון אונדזער לעבן אַ געזאַנג, לוינט זיך ניט די גאַנצע ביזנעס.

ערשטע שטופּע — ריידן; צווייטע שטופּע — לאַכן (פֿון זיך ווי פֿון אַנדערע); דריטע שטופּע — שווייגן, הגם איך קאָן ריידן, די חיות שווייגן באין ברירה.

יוגנט — נעמען, מיטל־לעבן — נעמען און געבן, עלטער — געבן.

געדיינקט, קינדער, ניט אַלץ דאַרף געטון ווערן על מנת לקבל פּרס.

מענטשן קאָנען ניט אַלע מאָל האַנדלען שיין, זאָלן זיי, ווייניקסטנס, דיינקען שיין.

לאָזט ניט אייערע געפֿילן פֿאַרשיכורן אייער שכל. און לאָזט ניט אייער שכל אויסטריקענען אייערע געפֿילן.

זייט גרינג אויף מענטשן, נוחים לבריות.
עס איז ניט גרינג צו לעבן אויף דער וועלט, פֿאַר קיינעם ניט, פֿאַר קיין איינציקן ניט. טאָ וואָס שטשירעט איר די ציין איינער אויפֿן אַנדערן, ווי צערייצטע ראַצן! —

די וועלט איז אַן אייגנאַרטיקער אַפּאַל. פֿאַראַן פֿינקלדיקע פּינטעלעך, אָבער דער הויפּט טאָן איז שוואַרץ, טויט שוואַרץ. טויט שוואַרץ.

דער אמת וועגן דעם לעבן איז ביטער, נאָר ער איז געשמאַק און סטימולירנדיק — אַ ביטערער טאָניק.

צום „דאַכשטיבל״.
צו וואָס שיידן דעם באַשעפֿער פֿון זיין באַשאַף?
צו וואָס שיידן דעם גייסט פֿון גוף?
„מענס סאנא אין קאָרפּאָרע סאנא״. לאַטייניש חכמה. זי לייגט זיך אויפֿן שכל. נאָר איך לייקן זי אָפּ.

ביזן טויט דאַרף מען פּעכטן קעגן דעם לעבן!

דער טויט איז אויפֿגעגאַנגען הויך איבער דער וועלט, ווי אַ וואָלקן איבער אַ באַרג.

דורכפֿאַל, אָדער אַ שענדלעכע טאַט. קען זיין אַ גרויסער נצחון איבער זיך אַליין. אַ גליק אָדער אַ פֿאַטאַלער פֿאַרלוסט.

מיר זענען אַלע אַקטיאָרן, מיר שפּילן זיך. מיר זענען אויך צו־קוקער.

די ווייבער האָבן מורא פאַרן טויט ווי פאַר אַ מויז.

אַ וועלט וואו מ׳שטאַרבט קיינמאָל ניט וואָלט געווען אַ טויטע וועלט.

די פאָרם פון טויט — ברוטאַל און אומעסטעטיש. אַז דער טויט וועט זיך אויסלערנען צו זיין מיט זיינע קליענטן אַ זשענטלמאַן, וועט די מורא פאַר אים אפשר אויפהערן.

הכניסני תחת כנפי השכינה.

„מאטער דאלאראזא! אָרא פּרא נאָביס״. טרויערפולע מאַמע, נעם זיך אָן פאַר אונדז!

ווי מיר, וואָס מיין שווערע ירושה איז געפאַלן אויף שוואַכע פּלייצעס.

און איך בין מצדיק את הדין. ניט ווי אַ זשעסט, נאָר טאַקע אויף אַן אמת.

ביר — די רויע פאָלקסטימלעכע משקה (ווי דער רוסישער קוואַס). וויין — סענטימענטאַל און נודנע, אַפילו דער בעסטער. בראַנפן (גו־טער, אַלטער) — דאָס בעסטע, אַחוץ — ניט טרינקען.

זייטנליכטער קריגט מען אין דער צייט פון שכרות. די שטאַנד־האַפטיקע אַרבעט דאַרף געטון ווערן אונטער ניכטערע איינפלוסן.

אַ ניכטערער ביינקט נאָך דעם בליץ פון שכרות — און מיט רעכט! — נאָר עס איז דער ניכטערער וואָס דאַרף טון די אַרבעט און קאָן זי דורכפירן.

געדיינק דאָס ווען דו ביסט ניכטער — און שטריינג זיך אָן! . .

איך פאַרברען מיין גוף אין דעם פלאַם פון אַלקאָהאָל, נאָר מיין גייסט וואַקסט גאָר. דאָס איז מאָדנע און אַפילו גראָטעסק, ווייל אַ גוף אָן אַ גייסט איז אַ פגר, און אַ גייסט אָן אַ גוף איז אַ פּיקציע.

זענען געקומען די רעלאַטיוויסטן אין דער וויסנשאַפט און האָבן

באַוויזן אַז דער שטול אויף וועלכן איך זיץ האָט נישט מער קאָנקרעטע עקזיסטענץ ווי מיין געדאַנק.

מיין גאָט! פּרואוו מיך נישט צופיל! אויב דו וועסט אַריבער מיין געדולד און מיינע כוחות, וועל איך מורד זיין קעגן דיר!

וועגן דעם דאָזיקן ענין . . .

(אַ מעשה פון איינעם וואָס האָט געוואָלט אַוועקגיין פון לעבן, נאָר די „געזעלנשאַפט" האָט ניט געלאָזט — איך ווייס נישט פאַרוואָס.)

אַך! וויפל איז איינגאַנצן ווערט דעם מענטשנס לעבן? צוויי גראָשן. נאָט אייך צוויי גראָשן און גיט עס מיר אַוועק . . .

בערנאַרד שאָו, וואָס איז אודאי אַ „ייד אַ חכם", באַדויערט ערגעץ: צו זעכציק־זיבעציק יאָר הויבט אַ מענטש ערשט אָן צו פאַר־שטיין ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט, נישמער, עס בלייבט אים נישט קיין צייט דערפאַר.

גיא צלמות.

. . . דער צוועק קען זיין — איבערצובעטן מענטשן מיט זייער ביסל לעבן, אַזוי לאַנג ווי עס דויערט פאַר אַ מענטשן איז געגנוג דורכ־צולויפן איבערן לעבן ווי אַ ראַקעט אויפן הימל און איבערלאָזן נאָך זיך אַ שימערירנדיקן סליאַד פון קאָלירטן ליכט.

דאָס גאַנצע לעבן זאָל גיין ווי אַן אומענדלעכע סימפאָניע און די איינצלנע לעבנס — ווי גוטע קאָנטשערטאָס.

כי שחה האדם — געמיין איז דער מענטש. אַ סך קלענער ווי זיינע אייגענע השגות — אַ לאַבן ברויט און אַ קומץ זאַלץ.

ואהבת לרעך כמוך, איז דער טייטש: ברור לו מיתה יפה.
דאָס קען זיין אַן איראָניע, און עס קען זיין ערלעכער ערנסט.

עס איז ניט גענוג צו לעבן שיין — מ׳דאַרף אויך שטאַרבן שיין, אָדער, לכל הפחות, ניט מיאוס.

לעבט, לאַכט, מענטשן, און שטאַרבט פריילעך!

פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי שווער? *

איך האָב דאָך קיין מענטשן ניט געהרגעט, קיין איין מענטשן ניט געטון קיין שלעכטס?

לאַמעד שאַפּיראָ.

* איך האָב נאָך גאַר וויכטיקע מעשות צו דערציילן, נאָר איר זענט נישט ווערט זיי צו הערן.

דרומאך, האָט׳ס מיר און זייט׳ס מיר.

לאַמעד שין.

איך וועל נישט בכוח זיין צו פאַרצייכענען מיינע לעצטע מינוטן, נאָר איך זאָג אייך: עס איז געשמאַק צו לעבן און אימהדיק שיין צו שטאַרבן.

ביי טשעכאָוון, אין „לישני טשעלאָוויעק" — „זשיוויטיע, זשי־וויטיע! — איך שרייב זיך אונטער.

*(די צוויי „צעטעלעך" האָב איך געפונען אויף זיין טיש דעם 6טן מאַי 1947, ווען מ׳האָט אים, אַ באַוואוסטלאָזן, צוגענומען אין שפּי־טאָל. לויט אלע סמנים האָט ער געהאַט איינגענומען אַ היפּשע דאָזע שלאָף־פּילן.

ווען ער איז אין צוויי טעג ארום געקומען פון שפּיטאָל און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן: וואָס הערט זיך עפּעס אויף יענער וועלט? האָט ער געענטפערט — איך בין ניט דערגאַנגען אַהין! כאָטש ווען די דאָקטוירים האָבן גענומען אַרבעטן אויף מיר, אין שפּיטאָל דאָרטן, האָב איך געהערט ווי איינער האָט געזאָגט: „הי איז אַ גאָנער". וייזט זיך אַרויס, אַז איך בין ניט קיין „גאָנער" (פון גאַנז), — האָט ער גוטמוטיק געשפּאַסט פון זיך אַליין, אַ צופרידענער וואָס ער איז ניט דערגאַנגען. מער קיין פּילן האָט ער ניט גענומען און האָט נאָך געצויגן אַריבער אַ יאָר צייט, ביז דער „אייביקער שלאָף" איז געקומען צו אים אויף אַ נאַטירלעכן אופן.)

ש.מ.

ביכער פון ל. שאַפּיראָ

די יודישע מלוכה (דערציילונגען), ניו יאָרק 1929, פאַרלאַג „אידיש לעבן״, 320 זייטן. (צווייטע אויפלאַגע)

נויאָרקיש (דערציילונגען), ניו יאָרק 1941, פאַרלאַג „אַליין״, 196 זייטן.

פון קרבן מנחה (לידער), ניו יאָרק 1941, פאַרלאַג „אַליין״, 32 זייטן.

דער שרייבער גייט אין חדר (עסייען), לאָס אַנגעלעס 1945, פאַרלאַג „אַליין״, 128 זייטן.

כתבים, לאָס אַנגעלעס 1949, ל. שאַפּיראָ כתבים קאָמיטעט, 400 זייטן.